STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04938

KINDHEYT UN YUGNT

Leo Tolstoy

Permanent preservation of this book was made possible
by George Schwartzman
in memory of
Edis & Kiva Schwartzman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יעקב פרוזמאן
לון- מאססי

לעוו טאָלסטאָי

אַלע קינסטלערישע ווערק

ווילנע — 1930

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

לעוו טאָלסטאָי

קינדהייט און יוגנט

יידיש דוד קאַסעל

אין צוויי טייל

צווייטער טייל

ווילנע — 1930
ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

איבערגעזעצט מיט די אַלע צוגאַבן און אויס־
בעסערונגען לויט דער לעצטער אַקאַדעמישער
אויסגאַבע פון רוסלענדישן מלוכה־פאַרלאַג פון 1928

PRINTED IN POLAND

Lew Tołstoj — „Kindhajt un Jugnt“
Drukarnia „Wyd. Wileńskie“ B. Kleckina, Wilno

in Memory of Jacob Freedman
LA, Ca

XXI.

פירשט איוואַן איוואַניטש

— נו, איצט דער לעצטער וויזיט אויף ניקיטסקע, — האָב איך געזאָגט צו קוזמען, און מיר זענען אוועקגעפאָרן צו דעם הויז פונם פירשט איוואַן איוואַניטש.

דורכגעמאַכט עטלעכע וויזיטן־נסיונות, האָב איך געוויינלעך אָנ־געקליבן זיכערהייט אין זיך, און כ׳בין שוין איצט צוגעפאָרן צום פירשט מיט אַ גאַנץ רויקן גייסט, ערשט איך האָב מיך פלוצלינג דערמאַנט אָן די ווערטער פון דער פירשטין קאָרנאַקאָווו, אַז איך בין אַ יורש. חוץ דעם האָב איך לעבן גאַניק דערזעען צוויי עקיפּאַזשן, און כ׳האָב דער־פילט די פריערדיקע שרעקעוודיקייט.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז סיי דער שווייצאַר, וועלכער האָט מיר געעפנט די טיר, סיי דער לאָקיי, וועלכער האָט פון מיר אראָפּגענומען דאָס מאַנטל, סיי די דריי דאַמען און די צוויי הערן, וועלכע איך האָב געפונען אין גאַסט־זאַל, סיי דערהויפּט פירשט איוואַן איוואַניטש אַליין, וועלכער איז אין אַ ציווילן סורדוט געזעסן אויפן דיוואַן, — מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע האָבן אויף מיר געקוקט ווי אויף אַ יורש און צוליב דעם נישט גינציק. דער פירשט איז געווען מיט מיר זייער פריינטלעך, האָט מיר אַ קוש געטון, ד. ה. צוגעלייגט אויף אַ רגע צו מיין באַק די ווייכע, טרוקענע און קאַלטע ליפּן, האָט זיך געפרעגט וועגן מיינע באַ־שעפטיקונגען, פּלענער, האָט געשפּאַסט מיט מיר, געפרעגט, צי שרייב איך אַלץ לידער ווי די, וואָס איך האָב אָנגעשריבן צו דעם נאָמענטאָג פון דער באָבעשי, און ער האָט געזאָגט, אַז איך זאָל היינט קומען צו אים אויף מיטאָג. אָבער וואָס פריינטלעכער ער איז געווען, אַלץ מער האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער וויל מיך מקרב זיין נאָר כדי נישט לאָזן מען זאָל באַמערקן, ווי אומאָנגענעם עס איז אים דער געדאַנק, וואָס איך בין זיין יורש. ער האָט געהאַט אַ טבע — וועלכע האָט געשטאַמט

פון די פאַלשע ציין, מיט וועלכע באַ אים איז געווען פול דאָס מויל, — זאָגנדיק עפּעס, אויפהייבן די אייבערשטע ליפּ צו דער נאָז, און אַרויסלאָזנדיק אַ לייכטן קלאַנג פון סאָפּען, גלייך ווי אַריינציען דידאָזיקע ליפּ צו זיך אין די נאָזלעכער, און אַז ער האָט דאָס איצט געטון, האָט זיך מיר אַלץ געדאַכט, אַז ער זאָגט פאַר זיך: „יונגאַטש, יונגאַטש, איך ווייס אָן דיר אויך: אַ יורש, אַ יורש", א. אַז. וו.

בשעת מיר זענען געווען קליינע קינדער, האָבן מיר פירשט איוואַן איוואַניטשן גערופן זיידע; אָבער איצט, אַלס יורש, האָט זיך באַ מיר די צונג נישט געקערט צו זאָגן אים „זיידע", און זאָגן „אייער דורכלויכט", ווי עס האָט געזאָגט איינער פון די הערן, וואָס זענען דאָ געווען, האָט מיר אויסגעוויזן דערנידעריקנדיק. אַזוי אַז די גאַנצע צייט פונם שמועס האָב איך מיך געמיט גאָרנישט אָנרופן אים. נאָר מער פאַר אַלץ האָט מיר געשטערט דאָס אַלטע פירשטין-מיידל, וועלכע איז אויך געווען דעם פירשטס אַ יורשטע און האָט געלעבט באַ אים אין הויז. די גאַנצע צייט פונם מיטאָג, אויף וועלכן איך בין געזעסן לעבן דער פירשטין, האָב איך גערעכנט, אַז די פירשטין רעדט מיט מיר נישט מחמת זי האָט מיך פיינט דערפאַר, וואָס איך בין פונקט אַזאַ יורש פונם פירשט, ווי זי, און אַז דער פירשט לייגט נישט קיין אַכט אויף אונזער זייט פונם טיש דערפאַר, וואָס מיר, — איך און די פירשטין — די יורשים, זענען אים ביידע גלייך דערווידער.

— יאָ, דו ווייסט נישט גלייבן, ווי מיר איז געווען אומאָנגענעם, — האָב איך דעם זעלביקן טאָג איינאָוונט געזאָגט צו דמיטרין, וועלנדיק באַרימען זיך פאַר אים מיט דעם עקל-געפיל צו דעם געדאַנק וועגן דעם, וואָס איך בין אַ יורש (מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס געפיל איז זייער אַ שיינס), — ווי אומאָנגענעם עס איז היינט געווען צוויי שעה צו פאַרברענגען באַם פירשט. ער איז אַ ווילער מענטש און האָט מיך זייער מקרב געווען, — האָב איך געוואָלט אגב אורחא געבן צו פילן מיין פריינט, אַז איך רעד עס אַלץ נישט מחמת דעם, וואָס איך זאָל מיך פילן דערנידעריקט פאַרן פירשט, — נאָר, — האָב איך ווייטער גערעדט, — דער געדאַנק, אַז מען קאָן אויף מיר קוקן, ווי אויף דער פירשטין, וועלכע וווינט באַ אים אין הויז און חנפעט אים — איז אַ שרעקלעכער געדאַנק. ער איז אַ וווּנדערלעכער אַלטער און איז מיט אַלעמען אויסערגעוויינלעך גוט און איידל, אָבער עס טוט וויי צו קוקן, ווי ער מאַלטרע-

מ י ר ט דידאָזיקע פירשטין. ס'דאָזיקע עקלהאַפטע געלט פירט איבער אַלע באַציונגען.

— ווייסט, עס וואָלט געווען, מיין איך, פיל גלייכער אָפּן איבער־צורעדן מיט דעם פירשט, — האָב איך געזאָגט: — זאָגן אים, אַז איך אַכט אים, ווי אַ מענטש, אָבער ווען זיין ירושה טראַכט איך נישט, און איך בעט אים, אַז ער זאָל מיר גאָרנישט אָפּשרייבן. און נאָר אין דעם פאַל קאָן איך פאָרן צו אים.

דמיטרי האָט זיך נישט געקייקלט פון געלעכטער, ווען איך האָב עס אים געזאָגט, אדרבא, ער האָט זיך פאַרטראַכט, עטלעכע מינוט גע־שוויגן און נאָכדעם געזאָגט:

— ווייסט וואָס? דו ביסט נישט גערעכט. אָדער דו האָסט גאָרנישט געדאַרפט אויסרעכענען, אַז מען האָט ווען דיר געקאָנט טראַכטן ווי וועגן עפּעס אַ פירשטין אייערער, אָדער אויב דו רעכנסט שוין יאָ אַזוי, טאָ רעכן שוין ווייטער אויך, ד. ה. אַז דו ווייסט, וואָס מען קאָן וועגן דיר טראַכטן, נאָר דידאָזיקע געדאַנקען זענען אַזוי ווייט פון דיר, אַז דו פאַראַכטסט זיי, און אויף זיי שטיצנדיק זיך וועסטו גאָרנישט טון. דו רעכן אויס, וואָס זיי רעכענען אויס, אַז דו רעכנסט עס אויס... נאָר, מיט איין וואָרט, — האָט ער צוגעגעבן, פילנדיק, אַז ער פּלאָנטערט זיך אין זיין געדאַנק, — עס איז פיל בעסער לגמרי גאָרנישט אויסצורעכענען.

מיין פריינט איז געווען פולקאָם גערעכט; ערשט פיל, פיל שפּע־טער האָב איך פון דער לעבנסדערפאַרונג מיך איבערצייגט, ווי שעדלעך עס איז צו טראַכטן און נאָך שעדלעכער צו רעדן פיל אַזעלכע זאַכן, וועלכע ווייזן אונז אויס ווי געהויבענע, נאָר זיי מוזן אויף שטענדיק זיין פון אַלעמען פאַרבאָרגן אין דעם מענטשס האַרץ, — און ווי געהויבענע ווערטער פאַלן זעלטן צונויף מיט געהויבענע מעשים. איך בין איבער־צייגט, אַז שוין צוליב דעם, וואָס אַ גוטע כוונה איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן, איז שווער, דאָס רוב אפילו אוממעגלעך, צו פאַרווירקלעכן דידאָזיקע כוונה. אָבער ווי קאָן מען אָפּהאַלטן פון אַרויסזאָגן די געהויבן־זעלבסט־צופרידענע שוווּנגען פון דער יוגנט? ערשט פיל שפּעטער דערמאָנסטו זיך וועגן זיי און באַדויערסט זיי, ווי אַ בלימעלע, וואָס האָסט זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן — אָפּגעריסן עס נישט קיין פונאַנדערגעלאָזנס און נאָכדעם דערזעען אויף דער ערד אַ פאַרוועלקטס און אַ צעטרעטנס.

איך, וואָס האָב ערשט גערעדט צו דמיטרין, מיין פריינט, וועגן דעם, ווי אַזוי דאָס געלט פּטרט אַוועק די באַציונגען, האָב אויף

מאָרגן אינדערפֿרי. איידער מיר זענען אָפּגעפֿאָרן אין דאָרף, בשעת עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך האָב צעטרענצלט גאָר מיין געלט אויף פֿאַרשידענע בילדלעך און אויף סטאַמבולער ליולקעס. באַ אים גענומען אויפֿן וועג פֿינפֿאונצוואַנציק רובל אין אַסיגנאַציעס, וועלכע ער האָט מיר פֿאָרגעלייגט, און נאָכדעם בין איך אים אַ לאַנגע צייט געבליבן אַ בעל חוב.

XXII.

אַ האַרציקער שמועס מיט מיין פֿריינט

דער איצטיקער שמועס אונזערער איז פֿאָרגעקומען אין פֿאַעטאָן אויפֿן וועג קיין קונצעוואָ. דמיטרי האָט מיר נישט געראַטן צו פֿאָרן אינדערפֿרי מיט אַ וויזיט צו זיין מוטער, נאָר ער איז נאָך מיטאָג פֿאַרפֿאָרן נאָך מיר, כּדי צו נעמען מיך אויפֿן גאַנצן אָוונט און אפֿילו צו נעכטיקן אויף דער דאַטשע, ווו זיין משפּחה האָט געוווינט. ערשט ווען מיר זענען אַרויסגעפֿאָרן פֿון שטאָט, און די שמוציק־בונטע גאַסן און דאָס אומדערטרעגלעך־פֿאַרטויבנדיקע גערויש פֿון דעם ברוק איז פֿאַרביטן געוואָרן אויף דעם רחבותדיקן אָנזיכט פֿון די פֿעלדער און אויף דעם ווייכן שייערן פֿון די רעדער איבער דעם שטויביקן וועג, און די פֿרילינגדיקע שמעקעדיקע לופֿט און די רחבות האָבן מיך אַרומגעכאַפּט פֿון אַלע זייטן, — ערשט דעמאָלט בין איך אַ ביסל געקומען צו זיך פֿון די פֿאַרשידענע נייע איינדרוקן און פֿון דעם באַוווסטזיין פֿון דער פֿרייהייט, וועלכע האָבן מיך פֿאַר דידאָזיקע צוויי טעג פֿולשטענדיק פֿאַרבלאָנטערט. דמיטרי איז געווען צוגעלאָזט און מילד, האָט מיטן קאָפּ נישט פֿאַרריכט דאָס האַלזטוך, האָט נערוועיש נישט געווונקען און נישט געזשמורעט די אויגן; איך בין געווען צופֿרידן מיט די געהויבענע געפֿילן, וועלכע איך האָב אים אַרויסגעזאָגט, מיינענדיק, אַז פֿאַר זיי, האָט ער מיר אינגאַנצן מוחל געווען די שענדלעכע געשיכטע מיט קאָלפּיקאָוון, פֿאַראַכט ער מיך נישט פֿאַר איר, און מיר האָבן זיך פֿריינטלעך פֿונאַנדערגערעדט וועגן אַ סך זאַכן אַזעלכע האַרציקע, וואָס נישט אין אַלע באַדינגונגען קאָן מען איינע

די אַנדערע אַרויסזאָגן. דמיטרי האָט מיר דערציילט וועגן זיין משפּחה, וועלכע איך האָב נאָך נישט געקענט, וועגן דער מוטער, דער מומען, דער שוועסטער און וועגן יענער, וועלכע וואָלאָדיע און דובקאָוו האָבן געהאַלטן פאַר דער פּאַסיע פון מיין פריינט און האָבן זי גערופן די ג ע ל ע נ ק ע. וועגן דער מוטער האָט ער גערעדט מיט אַ געוויסן קאַלטן און פיינטלעכן לויב, גלייך ווי כּדי לכתּחילה נישט צו דערלאָזן קיין קעגנזעצלעכע מיינונג וועגן איר. וועגן דער מומען האָט ער גערעדט מיט התפּעלות, אָבער מיט אַ געוויסער באַזיכטיקייט. וועגן דער שוועסטער האָט ער גערעדט זייער ווייניק, און גלייך ווי ער וואָלט זיך מער געשעמט צו רעדן וועגן איר; אָבער וועגן דער ג ע ל ע נ ק ע ר, וועלכע מען האָט אינדעראמתן גערופן ליובאָוו סערגעיעווגע און איז געווען אַ באַיאָרט מיידל, וועלכע האָט צוליב עפּעס משפּחה־פאַרהעלטענישן געלעבט בא די נעכליודאָווס, האָט ער מיר גערעדט מיט באַגייסטערונג.

— יאָ, זי איז אַ ווונדערלעך מיידל, — האָט ער געזאָגט, שעמעוודיק רויטלענדיק זיך, נאָר דערפאַר מיט נאָך גרעסערער דרייסטקייט, קוקנדיק מיר אין די אויגן: — זי איז שוין נישט קיין יונג מיידל, גיכער אפילו אַן אַלטע, און גאָר נישט קיין שיינע, אָבער ס'איז דאָך אַ נאַרישקייט, אַן אומזין — ליב האָבן שיינקייט! — איך קאָן עס נישט פאַרשטיין, אַזוי נאַריש איז דאָס (ער האָט עס געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט ערשט אַנטדעקט דעם סאַמע נייעסטן, אומגעווייגלעכן אמת), נאָר מיט אַזאַ נשמה, אַזאַ האַרץ, אַזעלכע פּרינציפּן... איך בין זיכער, אַז נאָך אַזאַ מיידל איז היינטיקע צייטן נישטאָ (איך ווייס נישט, פון וועמען האָט דמיטרי איבערגענומען די רגילות צו זאָגן, אַז אַלץ, וואָס עס איז גוט, איז היינטיקע צייטן אַ זעלטנהייט. נאָר ער האָט ליב געהאַט איבערצוחזרן דעמדאָזיקן אויסדרוק, און ער האָט עפּעס צו אים געפּאַסט).

— נאָר איך האָב מורא, — האָט ער ווייטער גערעדט רויק, לגמרי שוין פאַרניכטנדיק מיט זיין אורטייל די מענטשן, וועלכע זענען געווען אַזוי נאַריש, וואָס זיי האָבן געליבט שיינקייט, — איך האָב מורא, אַז דו וועסט זי נישט גיך פאַרשטיין און דערקענען: זי איז באַשיידן און אפילו אין זיך פאַרבאָרגן, האָט נישט ליב צו באַווייזן אירע פיינע ווונדערלעכע מעלות. אָט די מוטער, וועלכע, דו וועסט שוין זען, איז אַ ווױלע און אַ קלוגע פרוי, קען זי אַלץ נישט און וויל זי נישט פאַרשטיין. איך האָב אפילו נעכטן... איך וועל דיר דערציילן, פאַרוואָס בין איך נעכטן געווען

נישק גוט געשטימט, ווען דו האָסט באַ מיר געפרעגט. אייערנעכטן האָט ליובאָוו סערגעיעוונע געוואָלט, איך זאָל מיט איר צופאָרן צו איוואַן יאַ־קאָוולעוויטשן — דו האָסט מסתמא געהערט וועגן איוואַן יאַקאָוולעוויטשן, וועלכער איז כלומרשט אַ משוגענער, נאָר באמת אַ מערקווירדיקער מענטש. ליובאָוו סערגעיעוונע איז, דאַרפסטו וויסן, אויסערגעוויינלעך רעליגיעז, און פאַרשטייט פּאָלקאָם איוואַן יאַקאָוולעוויטשן. זי פאָרט אָפט צו אים, שמועסט מיט אים, און גיט אים פאַר אָרימעלייט געלט, וועלכעס זי פאַר־דינט אַליין. זי איז אַ וואונדערלעכע פרוי, דו וועסט שוין זעען. נו, בין איך מיט איר געפאָרן צו איוואַן יאַקאָווליעוויטשן, און איך בין איר זייער דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס איך האָב געזעען דעמדאָזיקן מערקווירדיקן מענטש, אָבער די מאַמע וויל עס בשום אופן נישט פאַרשטיין, זי זעט אין דעם אָבערגלויבעריי. און נעכטן איז באַ מיר מיט דער מאַמען דאָס ערשטע מאָל אין לעבן פאָרגעקומען אַ מחלוקת, און אַ גאַנץ הייסע, — האָט ער געענדיקט, מאַכנדיק אַ קאָנוואולסיווע באַוועגונג מיטן האַלז, גלייך ווי צוליב דער דערינערונג וועגן דעם געפיל, וואָס ער האָט געפילט באַ דערדאָזיקער מחלוקת.

— נו, און ווי־זשע טראַכטסטו? ס'הייסט ווי, ווען שטעלסטו זיך פאָר, וואָס וועט אַרויסקומען... אָדער איר רעדט אַמאָל ביידע וועגן דעם, וואָס עס וועט זיין, און מיט וואָס וועט זיך ענדיקן אייער ליבע, אָדער אייער פריינטשאַפט? — האָב איך געפרעגט, וועלנדיק פאַררעדן אים, ער זאָל פאַרגעסן זיינע אומאַנגענעמע זכרונות.

— דו פרעגסט, צי איך טראַכט חתונה האָבן מיט איר? — האָט ער מיך געפרעגט, ווידער אַמאָל רויט ווערנדיק, אָבער דרייסט, אויסגע־דרייט זיך, קוקנדיק מיר אין פּנים.

„מילא וואָס, אינדעראמתן, — האָב איך געטראַכט, באַרויקנדיק זיך, — דאָס איז גאָרנישט, מיר זענען גרויסע, צוויי פריינט, מיר פאָרן אין אַ פאַעטאָן און רעדן וועגן אונזער צוקונפטיקן לעבן. ס'וואָלט איצט יעדערן אפילו אָנגענעם געווען פון דער זייט צו הערן און צו זעען אונז".

— פאַרוואָס־זשע נישט? — האָט ער ווייטער גערעדט, נאָך מיין פאָזיטיוון ענטפער: — מיין ציל איז דאָך, ווי דער ציל פון יעדן פאַר־שטענדיקן מענטש — זיין אַ גליקלעכער און אַ גוטער, אויף וויפיל מעג־לעך; און מיט איר, אויב זי וועט נאָר וועלן, ווען איך וועל זיין אינגאַנצן

אומאָפּהענגיק, וועל איך זיין גליקלעכער און בעסער, ווי מיט דער ערש־טער שיינהייט אויף דער וועלט.

אין אַזעלכע שמועסן האָבן מיר אפילו נישט באַמערקט, ווי מיר זענען צוגעפאָרן צו קונצעוואָ — אויך נישט באַמערקט, ווי עס האָט פאַרצויגן דעם הימל און ס׳האָט זיך פאַרוואָלקנט אויף אַ רעגנדל. די זון איז שוין געשטאַנען נישט הויך אויף רעכטס, איבער די אַלטע ביימער פון קונצעווער פּאַרק, און אַ העלפט פון דעם בלישטשענדיקן רויטן קרייז איז געווען פאַרדעקט מיט אַ גרויער, שוואַך־דורכלייכטיקער כמאַרע. פון דער אַנדערער העלפט האָבן זיך מיט שפּריצן אַרויסגעריסן צעדרויבעטע פייערדיקע שטראַלן און האָבן וווּנדערלעך העל באַלויכטן די אַלטע ביימער פון סאַד, וועלכע האָבן נאָך אומבאַוועגלעך געגלאַנצט מיט זייערע גרינע געדיכטע קעפּ אויף דעם העלן באַלויכטענעם אָרט פון דעם הימל־בלוי. דער גלאַנץ און דאָס ליכט פון דעמדאָזיקן ברעג הימל איז געווען אין שאַרפן קאָנטראַסט צו דער לילער שווערער כמאַרע, וועלכע האָט זיך אויסגעשפּרייט פאַר אונז איבער דעם יונגן בערעזניאַק, וואָס האָט זיך געזעען אויפן האָריזאָנט.

אַ ביסל מער צו רעכטס־צו האָבן זיך שוין פון הינטער די קוסטעס און די ביימער געזעען די פאַרשידנפאַרביקע דעכער פון די דאַטשע־הייזער, וואָס אייניקע פון זיי האָבן אויף זיך אָפּגעשפּיגלט די גלאַנציקע שטראַלן פון דער זון. אויף לינקס, פון אונטן, האָט געבלויט אַן אומבאַ־וועגלעכער סטאַוו, אַרומגערינגלט מיט בלאַס־גרינע קוסטעס, וועלכע האָבן זיך טונקל אָפּגעשפּיגלט אין זיין מאַטן, אַזוי ווי בולטן אויבערפלאַך. הינטערן סטאַוו איבער אַרויפבאַרג האָט זיך געשפּרייט דאָס רוענדיקע שוואַרצע פעלד און די גלייכע ליניע פון דער העל־גרינער מעזשע, וואָס האָט עס דורכגעשניטן, איז אַוועק אין דער ווייט און האָט זיך אַריינגע־שניטן אין דעם בליי־געוויטערדיקן האָריזאָנט. פון ביידע זייטן פון דעם ווייכן וועג, איבער וועלכן עס האָט זיך געמעסיק געקייקלט דער פּאַעטאַן, האָט שאַרף געגרינט דער זאַפטיקער צעפּידלטער קאָרן, וועלכער האָט וווּ־נישט־ווו אָנגעהויבן אויסדרייען זיך אין טרייבלעך. אין דער לופט איז געווען פולקאָם שטיל און ס׳האָט געשמעקט מיט פרישקייט. דאָס גרינס פון די ביימער, בלעטער און קאָרן איז געווען אומבאַוועגלעך און אומגע־ווייגלעך ריין און העל. ס׳האָט זיך געדאַכט, יעדעס בלאַט, יעדעס גרעז־זעלע האָט געלעבט מיט זיין אייגענעם, פולן און גליקלעכן לעבן. אַרום דעם וועג האָב איך באַמערקט אַ שוואַרצלעכע סטעזשקע, וואָס האָט זיך

געשלענגלט צווישן דעם טונקל-גרינעם, שוין מער ווי אויף א פערטל אַרשין זיך אויפגעהויבענעם קאָרן, און דידאַזיקע סטעזשקע האָט מיר צוליב עפּעס אויסערגעוויינלעך לעבעדיק דערמאָנט דאָס דאָרף, און צוליב דעם דערמאָנען זיך אָן דאָרף, מחמת עפּעס אַ מאָדנער אַסאָציאַציע פון די געדאַנקען, האָט זי מיר אויסערגעוויינלעך לעבעדיק דערמאָנט סאָניע-לען און דאָס, אַז איך בין אין איר פאַרליבט.

נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פריינטשאַפט מיינער צו דמיטרין און אויף דעם פאַרגעניגן, וואָס זיין אָפנהאַרציקייט האָט מיר פאַרשאַפט, האָט זיך מיר מער גאָרנישט געוואָלט וויסן וועגן זיינע געפילן און כוונות, וואָס ער האָט בנוגע ליובאָוו סערגעיעוונען, נאָר ס'האָט זיך געוואָלט אומבאַדינגט דערציילן וועגן מיין ליבע צו סאָניעלען, וועלכע האָט מיר אויסגעוויזן פאַר אַ ליבע פון העכערער מדרגה, אָבער איך האָב מיך עפּעס נישט אַנטשלאָסן צו דערציילן אים גלייך מיינע מחשבות וועגן דעם, ווי גוט עס וועט זיין, ווען איך וועל, נאָך דער חתונה מיט סאָניע-לען, וווינען אין דאָרף, ווי באַ מיר וועלן זיין קליינינקע קינדער, וועלכע וועלן, קריכנדיק איבער דער פּאָדלאָגע, רופן מיך פּאַפּאַ, און ווי איך וועל מיך דערפרייען, ווען ער מיט זיין ווייב, ליובאָוו סערגעיעוונע, וועלן קומען צו מיר אין וועג-קליידער... אָבער געזאָגט האָב איך אַנשטאָט דעם, אָנווייזנדיק אויף דער פאַרגייענדיקער זון: „דמיטרי, טו אַ בליק, סאַר אַ פּראַכט!"

דמיטרי האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, אפנים אָן אומצופרידענער, וואָס אויף זיין האַרץ-אויסגיסן, וואָס עס איז אים מסתמא נישט לייכט אָנגעקו-מען, האָב איך געענטפערט, אָפּווענדנדיק זיין אויפמערקזאַמקייט אויף דער נאַטור, צו וועלכער ער איז בכלל געווען גלייכגילטיק. די נאַטור האָט אויף אים געווירקט גאַנץ אַנדערש, ווי אויף מיר, זי האָט אויף אים גע-ווירקט נישט אַזוי מיט דער שיינקייט, ווי מיט דער פאַרוויילנדיקייט, ער האָט זי ליב געהאַט מער מיטן שכל, איידער מיטן געפיל.

— איך בין זייער גליקלעך, — האָב איך צו אים געזאָגט תיכף נאָך דעם, נישט לייגנדיק קיין אכט דערויף, וואָס ער איז אפנים געווען פאַר-נומען מיט זיינע געדאַנקען און אינגאַנצן גלייכגילטיק צו דעם, וואָס איך האָב אים געזאָגט. — איך האָב דאָך דיר דערציילט, געדענקסט, וועגן איינער אַ פריילין, אין וועלכער איך בין געווען פאַרליבט, זייענדיק אַ קינד; איך האָב זי היינט געזען, — האָב איך ווייטער גערעדט באַגייס-טערט, — און איצט בין איך בפירוש פאַרליבט אין איר.

און נישט געקוקט דערויף, וואָס אויף זיין פּנים איז נאָך אַלץ גע־וועזן דער אויסדרוק פון גלייכגילטיקייט, האָב איך אים דערציילט וועגן מיין ליבע און וועגן אַלע פּלענער, אויף דעם צוקונפטיקן גליק נאָך דער חתונה. און ס'איז מאָדנע, וואָס תּיכּף ווי איך האָב אים דערציילט וועגן דער גאַנצער קראַפט פון מיין געפיל, האָב איך אין דעם זעלביקן אויגנ־בליק דערפילט, ווי דאָסדאָזיקע געפיל האָט אָנגעהויבן קלענער ווערן.

דאָס רעגנדל האָט אונז פאַרכאַפּט, ווען מיר האָבן שוין פאַרקירע־וועט אין דער בערעזענער אַלעע, וועלכע פירט צו דער דאַטשע, אָבער עס האָט אונז נישט פאַרנעצט. איך האָב געוווּסט, אַז עס איז געגאַנגען אַ רעגן נאָר לויט דעם, וואָס עטלעכע טראָפּנס זענען מיר געפאַלן אויף דער נאָז און אויף דער האַנט, און עפּעס האָט אָנגעהויבן פּאַטשן איבער די יונגע קלעפּיקע בלעטער פון די בערעזעס, וועלכע האָבן, אומבאַוועג־לעך אַראָפּלאָזנדיק זייערע לאָקיקע צווייגן, דאַכט זיך, מיט תּענוג, וועל־כער האָט זיך אויסגעדריקט דורך יענעם שטאַרקן ריח, מיט וועלכן זיי האָבן אָנגעפילט די אַלעע, אויפגענומען אין זיך דידאָזיקע ריינע, דורכ־זיכטיקע טראָפּנס. מיר זענען אַרויסגעגאַנגען פון דעם פאַעטאָנדל, כּדי גיכער צוצולויפן צו דער שטוב דורכן גאָרטן. אָבער באַם סאַמע אַריינ־גאַנג אין הויז האָבן מיר זיך אָנגעגעגנט מיט פיר דאַמען, וואָס זענען צוויי מיט אַרבעטן, איינע מיט אַ בוך און די אַנדערע מיט אַ היגטעלע, מיט גיכע טריט געגאַנגען פון דער אַנדערער זייט. דמיטרי האָט דאָ גופא מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין מוטער, שוועסטער, מומען און ליובאָוו סער־געיעוונען. מיר האָבן זיך אויף אַ רגע אָפּגעשטעלט, אָבער דער רעגן האָט אָנגעהויבן שפּריצן אָפטער און אָפטער.

— לאָמיר אַריין אין דער גאַלעריי, דאָרט וועסטו אים פאַר אונז נאָך אַמאָל פאָרשטעלן, — האָט געזאָגט יענע, וועלכע איך האָב אָנגענומען פאַר דמיטריס מאַמען, און מיר זענען צוזאַמען מיט די דאַמען אַרויף אויף די טרעפּ.

XXIII.

די נעכליודאָווס

אין דער ערשטער רגע האָט מיך מער פאַר אַלעמען איבעראַשט ליובאָוו סערגעיעווגע, וועלכע איז פון הינטן, האַלטנדיק די באַלאַנקע אויף די הענט, אין דיקע געשטריקטע שיך אַרויפגעגאַנגען אויף די טרעפ און, אָפּשטעלנדיק זיך, אַ מאָל צוויי אויפמערקזאַם אַרומגעקוקט זיך אויף מיר, און תיכּף נאָך דעם אַ קוש געטון איר הינטל. זי איז געווען זייער נישט קיין שיינע: אַ געלע, אַ מאָגערע, אַ נידעריקע, אַ ביסל אַ קרום־זייטיקע. און וואָס עס האָט נאָך מיאוסער געמאַכט איר נישט שיין געזיכט, דאָס איז געווען די פריזור מיט אַ שרינט פון דער זייט (איינע פון די פריזורן, וועלכע עס טראַכטן צו פאַר זיך פּליכעוואַטע פרויען). ווי שטאַרק איך האָב מיך נישט געמיט, כּדי צופרידן צו שטעלן מיין חבר, האָב איך דאָך נישט געקאָנט געפינען אין איר קיין שום שיינעם שטריך. אפילו די ברוינע אויגן אירע, כאָטש זיי האָבן אויסגעדריקט גוטמוטיקייט, זענען געווען צו קליינע און טריבע און בפירוש נישט קיין שיינע; אפילי די הענט, דערדאָזיקער כאַראַקטעריסטישער שטריך, הגם נישט קיין גרויסע און פון נישט קיין מיאוסער פאָרם, זענען געווען רויטע און נישט קיין גלאַטע.

ווען איך בין גלייך נאָך דעם אַרויף אויף דער טעראַסע, האָט, — אויסער וואַרינקען, דמיטריס שוועסטער, וועלכע האָט נאָר אויפמערקזאַם אויף מיר אַ קוק געטון מיט אירע גרויסע טונקל־גרויע אויגן, — יעדע איינע פון די דאַמען מיר געזאָגט עטלעכע ווערטער, איידער זיי האָבן זיך ווידער גענומען יעדע פאַר איר אַרבעט. און וואַרענקע האָט אויפן קול אָנגעהויבן לייענען דאָס בוך, וואָס זי האָט געהאַלטן בּאַ זיך אויף די קני, פאַרלייגנדיק מיט אַ פינגער.

פירשטין מאַריע איוואַנאָווגע איז געווען אַ הויכע, שלאַנקע פרוי, פון אַ יאָר פערציק. מען וואָלט איר געקאָנט געבן מער. אורטיילנדיק לויט די לאָקן האַלבגרויע האָר, וועלכע זענען אָפנהאַרציק אַרויסגעשטעלט

געווען פון אונטערן טשיפּיק, אָבער לויט דעם פרישן אויסערגעוויינלעך צאַרטן, כמעט אַן קנייטשן פּנים, און דערהויפּט לויט דעם לעבעדיקן פרייליכן גלאַנץ פון די גרויסע אויגן, האָט אויסגעוויזן, אַז איר איז פיל וויניקער. די אויגן זענען בײַ איר געווען ברוינע, זייער אָפענע, די ליפּן צו דינע, אַ ביסל שטרענגע די נאָז — אַ גאַנץ נעטע און אַ ביסל צו דער לינקער זייט, די האַנט איז בײַ איר געווען אַן רינגען, אַ גרויסע, כמעט אַ מאַנסבילישע, מיט פיינע לענגלעכע פינגער. זי האָט געטראָגן אַ טונקל בלוי פאַרמאַכט קלייד, וואָס האָט שטייף צוזאַמענגעצויגן איר שלאַנקע נאָך יונגע טאַליע, מיט וועלכער זי האָט זיך אָפּנים אויסגעפּײנט. זי איז געזעסן אויסערגעוויינלעך גלייך און האָט געבייט עפּעס אַ קלייד. ווען איך בין אַרויף אויף דער טעראַסע, האָט זי גענומען מיין האַנט, צוגעצויגן מיך צו זיך, גלייך מיט דעם פאַרלאַנג אַ קוק צו טון אויף מיר נעענטער, און געזאָגט, אַ קוק טוענדיק אויף מיר מיט דעם זעלבן אַ ביסל קאַלטן אָפענעם בליק, וואָס איר זון האָט געהאַט, אַז זי קען מיך שוין לאַנג פון דעם, וואָס דמיטרי האָט איר דערציילט, און אַז זי לאַדט מיך איין פאַרברענגען בײַ זיי דעם גאַנצן מעת-לעת, כדי איך זאָל מיך גוט באַקענען מיט זיי.

— טוט אַלץ, וואָס אייך וועט קומען אויפן זינען, שטערט זיך גאָרנישט פאַר אונז, פּונקט ווי מיר וועלן זיך נישט שטערן פאַר אייך, — שפּאַצירט, לייענט, הערט, אָדער שלאָפט, אויב אייך איז אַזוי פריילע-כער, — האָט זי צוגעגעבן.

סאָפיע איוואַנאָוונע איז געווען אַן אַלט מיידל און דער פירשטינס יינגערע שוועסטער, נאָר אויסגעזעען האָט זי עלטער. זי האָט געהאַט יענעם איבערפולטן כאַראַקטער פון געבוי, וועלכער באַגעגנט זיך נאָר בײַ נישט הויכגעוויקסיקע, זייער פולע אַלטע מיידן, וועלכע טראָגן קאָרסעטן, גלייך ווי דאָס גאַנצע געזונט אירס האָט זיך בײַ איר אויפגעהויבן צו דער הייך מיט אַזאַ קראַפט, אַז יעדע רגע האָט אַ סכנה געדראָט צו דערשטיקן זי. אירע קורצינקע גראָבע הענטלעך האָבן זיך נישט געקאָנט פאַרייניקן נידעריקער פאַר דעם זאַמב פון איר קאַפטל, און דעם שטייף-שטייף אָנגעצויגענעם זאַמב גופא האָט זי שוין נישט געקאָנט זעען.

נישט געקוקט דערויף, וואָס די פירשטין מאַריע איוואַנאָווגע איז געווען אַ שוואַרצהאָריקע, און סאָפיע איוואַנאָווגע אַ בלאָנדע און מיט גרויסע, לעבעדיקע און צוזאַמען דערמיט (וואָס עס איז אַ גרויסע זעלטנ-הייט) רויקע אויגן, איז צווישן די שוועסטער געווען אַ גרויסע משפּחה-

ענלעכקייט: דער זעלביקער אויסדרוק, די זעלביקע נאָז, די זעלביקע ליפן; אָבער באַ סאָפיע איוואַנאָוונען זענען אי די נאָז, אי די ליפן געווען א ביסעלע דיקער און אויף דער רעכטער זייט געווענדט, בעת זי האָט געשמייכלט, אין דער צייט, ווען באַ דער פירשטין זענען זיי געווען געווענדט אויף דער לינקער זייט. משפטנדיק לויט דעם אָנטון און דער פריזור, האָט סאָפיע איוואַנאָוונע זיך אפנים נאָך געיינגלט, און זי וואָלט שוין נישט אַרויסגעשטעלט קיין גרויע לאָקן, אויב זי האָט זיי געהאַט. איר בליק און באַנעמען זיך מיט מיר האָבן מיר אין דער ערשטער רגע אויסגעוויזן זייער שטאָלצע, און זיי האָבן מיך צעמישט; בשעת מיט דער פירשטין האָב איך מיך, אדרבא, געפילט אינגאַנצן פריי. אפשר דידאָזיקע דיקקייט און א געוויסע ענלעכקייט צו קאַטערינע דער גרויסער, וועלכע האָט מיך אין איר איבערראַשט, האָבן איר אין מיינע אויגן צוגעגעבן א שטאָלצן אויסזעען; נאָר איך בין לחלוטין געוואָרן אַן איבערגעשראָקענער, ווען זי האָט, שאַרף קוקנדיק אויף מיר, א זאָג געטון צו מיר: „די פריינט פון אונזערע פריינט זענען אונזערע פריינט". איך האָב מיך באַרויקט און פלוצלינג לגמרי איבערגעביטן וועגן איר די מיינונג ערשט דעמאָלט, ווען זי איז נאָך דידאָזיקע ווערטער אַנטשוויגן געוואָרן, אויפגעעפנט דאָס מויל און שווער אָפגעזיפצט. אפנים מחמת דער דיקקייט האָט זי געהאַט די רגילות נאָך יעדע עטלעכע ווערטער טיף א זיפץ טון, עפענענדיק דאָס מויל א ביסל, און עטוואָס פאַרגלאָצנדיק די גרויסע בלויע אויגן. אין דערדאָזיקער געוווינהייט האָט זיך אויסגעדריקט עפעס אזא ליבלעכע גוטמוטיקייט, אַז גלייך נאָך דעם זיפץ, האָב איך פאַרלוירן יעדער מורא פאַר איר, און זי איז מיר שוין זייער געפעלן געוואָרן. די אויגן אירע זענען געווען פראַכטפולע, די שטימע א קלינגענדיקע און אָנגענעמע, אפילו דידאָזיקע קיילעכדיקע שטריכן פון איר קערפער-בוי האָבן מיר אין דער צייט פון מיין יוגנט אויסגעוויזן גאָרנישט מיאוס.

ליובאָוו סערגעיעוונע, אַלס פריינט פון מיין פריינט (אַזוי האָב איך געמיינט), האָט מיר תיכף געדאַרפט זאָגן עפעס זייער פריינטלעכס און האַרציקס, און זי האָט אפילו געקוקט אויף מיר גאַנץ לאַנג שווייגנדיק, גלייך ווי אין אומבאַנטשלאָסנקייט — צי וועט אָפטמאָל נישט זיין צו פריינטלעך דאָס, וואָס זי האָט בדעה מיר צו זאָגן; אָבער זי האָט ס'דאָזיקע שווייגן איבערגעריסן נאָר כדי צו פרעגן מיך, אויף וואָסער פאַקולטעט בין איך. נאָכדעם האָט זי אויף מיר ווידער גאַנץ לאַנג אויפמערקזאַם

געקוקט, באַשיינפּערלעך וואַקלענדיק זיך: זאָגן, אָדער נישט זאָגן ס'דאָזיקע האַרציקע, פריינטשאַפטלעכע וואָרט. און באַמערקנדיק דעם ספק, האָב איך מיטן אויסדרוק פון פּנים געבעטן זיך בײַ איר, זי זאָל מיר זאָגן אַלץ. נאָר זי האָט געזאָגט: „היינטיקע צייטן, זאָגט מען, פאַרנעמט מען זיך שוין אין דעם אוניווערזיטעט ווייניק מיט וויסנשאַפטן". און זי האָט צוגערופן איר הינטל סיוזעטקע.

ליובאָוו סערגעיעוונע האָט דעם גאַנצן אָוונט גערעדט מיט אַזעלכע, דאָס רוב נישט פּאַסנדיקע נישט צום ענין, נישט איינע צו דעם אַנדערן, ווערטלעך; נאָר איך האָב אַזוי געליובט דמיטרין, און ער האָט אַזוי פאַרזאָרגט דעם גאַנצן אָוונט געקוקט אַמאָל אויף מיר, אַמאָל אויף איר מיט אַן אויסדרוק וואָס האָט געפרעגט: „האַ, וואָס?" — אַז כאָטש איך בין אין האַרץ שוין איבערצייגט געווען, אַז אין ליובאָוו סערגעיעוונען איז קיין שום באַזונדערס נישטאָ, בין איך, ווי עס טרעפט אָפט, נאָך זייער ווייט געווען פון אַרויסזאָגן דעמדאָזיקן געדאַנק אפילו פאַר זיך אַליין.

ענדלעך, די לעצטע פּערזאָן פון דערדאָזיקער משפחה, וואַרענקע, איז געווען זייער אַ פולע מיידל פון אַ יאָר זעכצן.

בלויז די טונקל-גרויע אויגן, מיט דעם אויסדרוק, וועלכער האָט פאַרייניקט פריילעכקייט און רויקע אויפמערקזאַמקייט, אויסערגעוויינלעך ענלעכע צו דער מומעס אויגן, דער זייער גרויסער בלאָנדער צאָפּ און די אויסערגעוויינלעך צאַרטע און שיינע האַנט — זענען אין איר געווען שיין.

— אייך, מיין איך, איז לאַנגווייליק, m-r Nicolas, צו הערן פון מיטן, — האָט צו מיר געזאָגט סאָפיע איוואַנאָוונע מיט איר גוטמוטיקן זיפץ, איבערדרייענדיק די שטיקלעך פון קלייד, וואָס זי האָט געניייט.

דאָס לייענען האָט בשעת מעשה זיך איבערגעריסן, ווייל דמיטרי איז ערגעץ אַרויס פונם צימער.

— אָדער אפשר האָט איר שוין געלייענט „ראַבראָי"?

אין יענער צייט האָב איך געהאַלטן פאַר מיין חוב, שוין צוליב דעם אַליין, וואָס איך טראָג אַ סטודענטישן מונדיר, רעדנדיק מיט מענטשן, ווייניק מיר באַקאַנטע, ענטפערן אויף יעדער פראַגע, אפילו די סאַמע איינפאַכע, אומבאַדינגט קלוג און אָריגינעל, און האָב געהאַלטן פאַר דער גרעסטער חרפה קורצע און קלאָרע ענטפערן ווי: יאָ, ניין,

לאַנגווייליק, פריילעך און דאָס גלייכן. אַ בליק געטון אויף מיינע נייע מאָדישע הויזן און אויף די גלאַנציקע קנעפּ פונם סורדוט, האָב איך געענטפערט, אַז איך האָב נישט געלייענט „ראַבראַי״, נאָר אַז מיר איז געווען זייער אינטערעסאַנט צו הערן, מחמת איך האָב ליבער צו לייענען ביכער פון מיטן, איידער פון אָנהייב.

— אינצווייען אינטערעסאַנטער: זוכסט צו טרעפן דאָס, וואָס עס איז געווען, און דאָס, וואָס עס וועט זיין, — האָב איך צוגעגעבן, זעלבסטצופרידן שמייכלענדיק.

די פירשטין האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט ווי מיט אַ נישט נאַטירלעך געלעכטער (שפּעטער האָב איך באַמערקט, אַז קיין אַנדער געלעכטער האָט זי נישט געהאַט.)

— אפנים, אַז דאָס איז טאַקע אמת, — האָט זי געזאָגט. — איז ווי, איר וועט דאָ לאַנג פאַרבלייבן, Nicolas? איר זאָלט זיך נישט באַליידיקן, וואָס איך רוף אייך נישט monsieur. ווען פאָרט איר?

— איך ווייס נישט, אפשר מאָרגן, און אפשר וועלן מיר נאָך דאָ גאַנץ לאַנג פאַרבלייבן, — האָב איך געענטפערט גלאַט אַזוי, נישט געקוקט דערויף, וואָס מיר האָבן אויף זיכער געדאַרפט פאָרן מאָרגן.

— איך וואָלט וועלן, אַז איר זאָלט פאַרבלייבן אי צוליב אייך, אי צוליב מיין דמיטרין, — האָט די פירשטין געמאַכט אַ באַמערקונג, קוקנדיק ערגעץ אין דער ווייט: — אין אייערע יאָרן איז פריינטשאַפט אַזאַ ווילע זאַך.

— איך האָב געפילט, אַז אַלע האָבן אויף מיר געקוקט און געוואַרט וואָס וועל איך זאָגן, הגם וואַרענקע האָט זיך געמאַכט, כלומרשט זי באַטראַכט דער מומעס אַרבעט; איך האָב געפילט, אַז מען מאַכט מיר אויף אַ געוויסן שטייגער אַן עקזאַמען און אַז מען דאַרף זיך באַווייזן וואָס שענער.

— יאָ, פאַר מיר, — האָב איך געזאָגט, — איז דמיטריס פריינטשאַפט נוציק, נאָר איך קאָן אים נישט זיין נוציק: ער איז טויזנט מאָל בעסער פאַר מיר. (דמיטרי האָט נישט געקאָנט הערן דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז נישט וואָלט איך מורא האָבן, אַז ער וועט דערפילן די נישט אויפריכטיקייט פון מיינע ווערטער).

די פירשטין האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאַכט מיט דעם נישטנאַטירלעכן, פאַר איר — נאַטירלעכן געלעכטער.

— נו, אַז מען זאָל אים הערן, — האָט זי געזאָגט, — איז c'est vous qui êtes un petit monstre de perfection (*.

„Monstre de perfection — דאָס איז אויסגעצייכנט, מען דאַרף עס געדענקען", האָב איך אַ טראַכט געטון.

— נאָר, איבעריקנס — רעדנדיק וועגן אייך, — ער איז דערויף אַ מייסטער, — האָט זי פאָרגעזעצט, אַראָפּלאָזנדיק דאָס קול (וואָס עס איז מיר געווען זייער אָנגענעם), און אָנווייזנדיק מיט די אויגן אויף ליובאָוו סערגעיעוונען: — ער האָט אַנטדעקט אין דער אָ ר י מ ע ר מ ו מ ע ן (אַזוי האָט זיך באַ זיי גערופן ליובאָוו סערגעיעווגע), וועלכע איך קען שוין צוואָנציק יאָר מיט איר טיוזעטקע, אַזעלכע פולקאָמענהייטן, וועגן וועלכע איך האָב קיינמאָל אפילו נישט חושד געווען... וואַריע, הייס מיר דערלאַנגען אַ גלאָז וואַסער. — האָט זי צוגעגעבן, ווידער אַ בליק טוענדיק אינדערווייט, מסתמא געפונען, אַז עס איז נאָך געווען פרי, אָדער אינגאַנצן נישט נייטיק צו אַנטפּלעקן פאַר מיר די משפּחה־פאַרהעלטענישן. — אָדער, בעסער זאָל ע ר גיין. ע ר טוט גאָרנישט, און דו לייען. גייט, מיין פריינט, גלייך אין טיר, און אַז איר וועט דורכגיין פופצן טריט, שטעלט זיך אָפּ און זאָגט אינדערהייך: „פּיאָטר, דערלאַנג מאַריע איוואַנאָווגען אַ גלאָז וואַסער מיט אייז" — האָט זי מיר געזאָגט און ווידער אַמאָל לייכט זיך פונאַנדערגעלאַכט מיט איר אומנאַטירלעך געלעכטער.

„מסתמא וויל זי וועגן מיר רעדן, — האָב איך אַ טראַכט געטון, אַרויסגייענדיק פון צימער, — מסתמא וויל זי זאָגן, אַז זי האָט באַמערקט, אַז איך בין זייער און זייער אַ קלוגער יונגערמאַן". איך האָב נאָך נישט באַוויזן דורכצוגיין די פופצן טריט, ערשט די גראָבע, פאַרסאָפּעטע סאָפיע איוואַנאָווגע האָט מיך, אמת מיט שנעלע און לייכטע טריט, דעריאָגט.

— Merci, mon cher, — האָט זי געזאָגט, איך גיי אַליין אַהין, וועל איך שוין זאָגן.

---

*) זענט איר דאָס דער אומגעהייער פון פולקאָמהייט.

XXIV.

ליבע

סאָפיע איוואַנאָוונע, ווי איך האָב מיך נאָכדעם דערוווּסט, איז געווען איינע פון יענע זעלטענע נישט יונגע פרויען, געבוירענע פאַר משפּחה-לעבן, וועלכע דער גורל האָט אַנטזאָגט דאָסדאָזיקע גליק, און וועלכע אַנטשליסן זיך צוליב דעמדאָזיקן אָפּזאָג דעם גאַנצן אוצר פון ליבע, וואָס האָט זיך אַזוי לאַנג אויפגעהיט, געוואַקסן און געשטאַרקט זיך אין זייער האַרץ פאַר קינדער און פאַר אַ מאַן, פּלוצלינג אויסצוגיסן אויף אייניקע אויסדערוויילטע. און דערדאָזיקער אוצר איז בײַ אַלטע מיידלעך פון דעם מין אַזאַ אומדערשעפּלעכער, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס די אויסדערוויילטע זענען אַ סך, בלייבט נאָך בײַ זיי איבער פיל ליבע, וועלכע זיי גיסן אויס אויף אַלע אַרומיקע, אויף אַלע גוטע און שלעכטע מענטשן, וועלכע טרעפן זיך נאָר מיט זיי צוזאַמען אין לעבן.

פאַראַן דריי מינים ליבע:

1) שיינע ליבע,

2) זעלבסטאָפּפערנדיקע ליבע און

3) טעטיקע ליבע.

איך רעד נישט וועגן דער ליבע פון אַ יונגן מאַנסביל צו אַ יונג מיידל און פאַרקערט, איך האָב מורא פאַר דידאָזיקע צערטלעכקייטן, און איך בין געווען אַזוי אומגליקלעך אין לעבן, אַז איך האָב אין דעם מין ליבע קיינמאָל נישט געזען קיין פונק אמת, נאָר הוילע ליגנס, אין וועלכע די זינלעכקייט, די מאַן-און-ווייב-באַציונגען, דאָס געלט, דער פאַרלאַנג צו פאַרבינדן אָדער פונאַנדערצובינדן די הענט האָבן אַזוי פאַרפּלאָנטערט דאָס געפיל גופא, אַז מען האָט גאָרנישט געקאָנט פאַרשטיין. איך רעד וועגן דער ליבע צו אַ מענטש, וואָס, אָפּהענגיק פון דער גרעסערער אָדער קלענערער קראַפט פון דער נשמה, קאָנצענטרירט זי זיך אויף איינעם, אויף עטלעכע, אָדער זי גיסט זיך אויס אויף אַ סך, — וועגן דער ליבע

צו דער מוטער, צו דעם פאָטער, צום ברודער. צו קינדער, צו אַ חבר, צו אַ פריינדין, צו לאַנדסלייט, וועגן דער ליבע צו אַ מענטש.

די **שיינע ליבע** באַשטייט אין דער ליבע צו דער שיינקייט פון דעם געפיל גופא און פון זיין אויסדרוק. פאַר מענטשן, וועלכע ליבן אַזוי, איז דער געליבטער ליבנסווערדיק נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפיל ער וועקט יענץ אָנגענעמע געפיל, וואָס פון זיין באַוווסטזיין און אויסדרוק האָבן זיי תענוג. די מענטשן, וועלכע ליבן מיט שיינע ליבע, זאָרגן זייער ווייניק וועגן קעגנזייטיקייט, ווי וועגן אַן אומשטאַנד, וואָס האָט קיין ווירקונג נישט אויף דער שיינקייט און דער אָנגענעמקייט פונם געפיל. זיי בייטן אָפט דעם אָביעקט פון זייער ליבע, מחמת זייער הויפּטציל באַשטייט נאָר אין דעם, אַז דאָס אָנגענעמע געפיל פון ליבע זאָל שטענדיק גערייצט ווערן. כדי אונטערצוהאַלטן אין זיך דאָסדאָזיקע אָנגענעמע געפיל, רעדן זיי שטענדיק אין סאַמע פיינע אויסדרוקן וועגן זייער ליבע סיי פאַר דעם אָביעקט גופא, סיי אויך פאַר אַלעמען, אפילו פאַר אַזעלכע, וואָס דידאָזיקע ליבע גייט זיי כּלל נישט אָן. מענטשן פון אַ געוויסן קלאַס, וועלכע ליבן **שיין**, אין אונזער פאָטערלאַנד, נישט נאָר זיי דערציילן אַלעמען וועגן זייער ליבע, נאָר זיי דערציילן וועגן איר אומבאַדינגט אויף פראַנצויזיש. ס'איז לעכערלעך און משונהדיק צו זאָגן, נאָר איך בין זיכער, אַז עס זענען געווען פיל און עס זענען היינט אויך פאַראַן פיל מענטשן פון אַ געוויסער געזעלשאַפט, דערהויפּט פרויען, וואָס זייער ליבע צו די פריינט, צו די מענער, צו די קינדער וואָלט גלייך בטל געוואָרן, אויב נאָר מען וואָלט פאַרבאָטן צו רעדן וועגן איר אויף פראַנצויזיש.

דער צווייטער מין ליבע — די זעלבסטאָפּפערדיקע ליבע באַשטייט אין דער ליבע צו דעם פּראָצעס פון אָפּפערן מיט זיך לטובת דעם געליבטן אָביעקט, נישט לייגנדיק קיין שום אַכט דערויף, צי איז דעם געליבטן אָביעקט ערגער, צי בעסער פון דידאָזיקע קרבנות. „נישטאָ קיין שום אומאָנגענעמלעכקייט, וואָס איך וואָלט נישט געטון זיך אַליין, כדי צו דערווייזן פאַר גאָר דער וועלט און **אים**, אָדער **איר** מיין איבערגעגעבנהייט". דאָס איז די פאָרמול פון דעם מין ליבע. די מענטשן, וועלכע ליבן אַזוי, גלייבן קיינמאָל נישט אין דער קעגנזייטיקייט (מחמת עס איז נאָך ווערדיקער צו ברענגען זיך פאַר אַ קרבן פאַר דעם, וועלכע פאַרשטייט מיך נישט), זיי זענען שטענדיק קרענקלעך, וואָס עס פאַרגרעסערט אויך דאָס פאַרדינסט פון דעם קרבן ; זיי זענען גרעסטן טייל אויסגעהאַלטן,

מחמת זיי וואָלט געווען שווער צו פאַרלירן דעם פאַרדינסט פאַר די קרבנות, וועלכע זיי האָבן געבראַכט צוליב זייער אָביעקט; זיי זענען אַלעמאָל גרייט צו שטאַרבן, כדי צו דערווייזן א י ם אָדער א י ר די געטרייקייט זייערע, נאָר זיי גרינגשעצן די קליינע טאָגטעגלעכע באַווייזן פון ליבע, צוליב וועלכע מען דאַרף נישט קיין באַזונדערע אויפשוווּנגען פון זעלבסטאָפּפּערונג. זיי איז אַלצאיינס, צי האָט איר גוט געגעסן, צי זענט איר גוט געשלאָפן, צי איז אייך פריילעך, צי זענט איר געזונט, און זיי טוען גאָרנישט, כדי אייך צו פאַרשאַפן דידאָזיקע באַקוועמלעכקייטן, אויב זיי זענען אין זייער מעגלעכקייט; אָבער שטעלן זיך אונטער אַ קויל, וואַרפן זיך אין אַ וואַסער, אין פייער, אויסדאַרן פון ליבע — דערויף זענען זיי שטענדיק גרייט, אויב נאָר ס'וועט זיך מאַכן אַ געלעגנהייט. חוץ דעם זענען אַלעמאָל די מענטשן, וועלכע האָבן אַ נטיה צו זעלבסטאָפּפּערנדיקער ליבע, שטאָלץ מיט זייער ליבע, זיי פאָדערן פיל, זענען אייפערזיכטיק, געטרויען נישט, און, ס'איז משונה צו זאָגן, זיי ווינטשן זייער אָביעקט סכנות, כדי מציל צו זיין זיי, אומגליקן, כדי צו טרייסטן זיי, און אפילו פעלערן, כדי אויסצוהיילן פון זיי.

איר ווינט אַליין אין דאָרף מיט אייער ווייב, וועלכע ליבט אייך מיט זעלבסטאָפּפּערונג. איר זענט געזונט, רויק, איר האָט באַשעפטיקונג, וועלכע איר ליבט, — אייער ליבנדיק ווייב איז אַזוי שוואַך, אַז זי קאָן זיך נישט פאַרנעמען נישט מיט דער הויז-ווירטשאַפט, וועלכע איז איבערגעגעבן אויף די הענט פון דער דינערשאַפט, נישט מיט די קינדער, וועלכע זענען אויף די הענט פון די ניאַנקעס, נישט אפילו מיט אַ וועלכער נישט איז אַרבעט, וואָס זי וואָלט ליב געהאַט, מחמת זי האָט גאָרנישט ליב, אויסער אייך. זי איז ב אַ ש יי נ פ ע ר ל ע ך קראַנק, נאָר נישט וועלנדיק אייך פאַרשאַפן עגמת-נפש, וויל זי עס אייך נישט זאָגן; איר איז ב אַ ש יי נ פ ע ר ל ע ך לאַנגווייליק, נאָר פאַר אייך איז זי גרייט אָפּצולאַנגווייליקן זיך איר גאַנץ לעבן; עס הרגעט זי ב אַ ש יי נ פ ע ר לעך אַוועק דאָס, וואָס איר זענט שטאַרק פאַרנומען מיט אייער זאַך (אַ וואָסערע זי זאָל נישט זיין: געיעג, ביכער, ווירטשאַפט, אַן אמט), זי זעט, אַז דידאָזיקע באַשעפטיקונגען וועלן אייך אַוועקפּטרן, — נאָר זי שווייגט און ליידט. נאָר אָט זענט איר קראַנק געוואָרן, — אייער ליבנדיק ווייב פאַרגעסט אָן איר מחלה און נישט-אָפּטרעטנדיק, נישט געקוקט אויף אייערע געבעטן, נישט צו פייניקן אייך אומזיסט, זיצט זי לעבן אייער בעט, און יעדע רגע פילט איר אויף זיך איר מיטפילנדיקן בליק,

וועלכער רעדט: „וואָס־זשע, איך האָב געזאָגט, נאָר מיר איז אַלצאיינס, און איך וועל אייך פונדעסטוועגן נישט פאַרלאָזן". אינדערפרי איז אייך אַ ביסל בעסער, איר גייט אַרויס אין אַ צווייט צימער. דאָס צימער איז געהייצט, נישט צוגעקליבן; די זופּ, דאָס איינציקע, וואָס איר מעגט עסן, איז באַם קוכער נישט באַשטעלט; נאָך דער רפואה נישט געשיקט; נאָר פֿון אויסגעמאַטערטע פּון דער נאַכט וואַכן קוקט אייער ליבנדיק ווייב אויף אייך אַלץ מיט אַזאַ אויסדרוק פון מיטגעפיל, גייט אַרום אויף די שפּיץ־פינגער און גיט אַפּ דער דינערשאַפט שעפּטשענדיק נישט געוווינטע און נישט קלאָרע באַפעלן. איר ווילט לייענען — אייער ליבנדיק ווייב זאָגט אייך מיט אַ זיפץ, אַז זי ווייסט, אַז איר וועט זי נישט פאָלגן, נאָר זי איז שוין געוווינט דערצו, — פאַר אייך איז בעסער נישט צו לייענען; איר ווילט זיך דורכגיין איבערן צימער — פאַר אייך איז בעסער אויך דאָס נישט צו טון; איר ווילט שמועסן מיט אַ גוטן פריינט, וואָס איז געקומען צו פאָרן — פאַר אייך איז בעסער נישט צו רעדן. באַ דער נאַכט האָט איר ווידער היץ, איר ווילט זיך פאַרגעסן, אָבער אייער ליבנדיק ווייב, אַ מאָגערע, אַ בלאַסע, זיפצט פון צייט־צו־צייט, אין דער האַלבּ־ליכטיקייט פונם נאַכטלעמפּל זיצט זי אַנטקעגן אייך אין פאָטעל און מיט דער קלענסטער באַוועגונג, מיט דעם קלענסטן קלאַנג וועקט זי אין אייך געפילן פון רוגז און פון אומגעדולד. איר האָט אַ משרת, מיט וועלכן איר לעבט שוין צוואַנציק יאָר, צו וועלכן איר זענט געוווינט, וועלכער באַדינט אייך מיט פאַרגעניגן און אויסגעצייכנט, מחמת ער איז זיך באַטאָג אויסגעשלאָפן, און ער באַקומט פאַר זיין דינסט געהאַלט, אָבער זי דערלויבט אים נישט צו באַדינען אייך. זי טוט אַלץ אַליין מיט אירע שוואַכע נישט־געניטע פינגער, וועלכע איר קאָנט נישט נאָכשפּירן מיט איינגעהאַלטענער בייזקייט, ווען דידאָזיקע ווייסע פינגער סטאַרען זיך אומזיסט אויפצועפענען אַ פלעשל, ווען זיי פאַרלעשן אַ ליכט, פאַרגעסן די רפואה, אָדער רירן זיך פאַראומעטערהייט אָן אָן אייך. אויב איר זענט אַן אומגעדולדיקער, אַ היציקער מענטש און איר וועט זי בעטן אַוועקגיין, וועט איר מיט אייער צערייצט קרענקלעך געהער פאַרנעמען, ווי זי וועט אונטערטעניק הינטער דער טיר קרעכצן און וויינען און שעפּטשען עפּעס פוסטע זאַכן צו אייער מענטש. לסוף, אויב איר זענט נישט געשטאָרבן, ווערט אייער ליבנדיק ווייב, וועלכע איז צוואַנציק נעכט נישט געשלאָפן, בשעת איר זענט קראַנק געווען, (וואָס זי חזרט עס אייך איבער אָן אַ שיעור מאָל), קראַנק, זי קוואַרט, ליידט, און ווערט נאָך ווייניקער

פעיק צו אַן אַרבעט, און אין דער צייט, ווען איר געפינט זיך אין אַ נאָרמאַלן צושטאַנד, דריקט זי אויס איר ליבע פון זעלבסטאָפּפערונג נאָר דורך שטילער לאַנגווייליקייט, וועלכע גיט זיך נישט ווילנדיק איבער אויף אייך און אַלע אַרומיקע.

דער דריטער מין — טעטיקע ליבע — באַשטייט אין דער שטרע־בונג צו באַפרידיקן אַלע נויטן, אַלע ווונטשן, קאַפּריזן אַפילו פעלערן פון דעם געליבטן נפש. מענטשן, וועלכע ליבן אַזוי, ליבן אַלע מאָל אויפן גאַנצן לעבן, מחמת וואָס מער זיי ליבן, אַלץ מער דערקענען זיי דעם געליבטן אָביעקט, און אַלץ לייכטער איז זיי צו ליבן, ד. ה. צו באַפרי־דיקן זיינע ווונטשן. זייער ליבע דריקט זיך זעלטן אויס אין ווערטער, און אויב זי דריקט זיך יאָ אויס, איז נאָר נישט זעלבסטצופרידן, שיין, נאָר שעמעוודיק, אומגעשיקט, ווייל זיי האָבן שטענדיק מורא, אַז זיי ליבן נישט גענוג. דידאָזיקע מענטשן ליבן אפילו די פעלערן פון דעם געליבטן נפש, מחמת דידאָזיקע פעלערן גיבן זיי די מעגלעכקייט צו באַפרידיקן נאָך נייע פאַרלאַנגען. זיי זוכן קעגנזייטיקייט, זענען גערן אפילו אָפּנאַרן זיך, גלייבן אין איר און זענען גליקלעך, אויב זיי האָבן זי; אָבער זיי האָבן אַלץ אַזוי ליב, אפילו אין פאַרקערטן פאַל, און נישט נאָר זיי ווינטשן גליק פאַר דעם געליבטן אָביעקט. נאָר מיט אַלע מאָראַלישע און מאַטער־יעלע, גרויסע און קליינע מיטלען, וועלכע זענען פאַר זיי מעגלעך, סטאַרען זיי זיך שטענדיק ס'דאָזיקע גליק צו דערגרייכן.

און אָט־אָ די־אָ טעטיקע ליבע צו איר פלימעניק, צו דער פלימע־ניצע, צו דער שוועסטער, צו ליובאָוו סערגעיעוונען צו מיר אפילו דער־פאַר, וואָס מיך האָט ליב געהאַט דמיטרי, האָט זיך געלויכטן אין די אויגן, אין יעדן וואָרט און באַוועגונג פון סאָפיע איוואַנאָוונען.

ערשט פיל שפּעטער האָב איך אינגאַנצן אָפּגעשאַצט סאָפיע איוואַ־נאָוונען, אָבער שוין דעמאָלט איז מיר געקומען אויפן זינען די פראַגע: פאַרוואָס האָט דמיטרי, וועלכער האָט זיך געסטאַרעט פאַרשטיין ליבע גאָר אַנדערש, ווי געוויינלעך יונגעלייט, און וועלכער האָט געהאַט פאַר די אויגן די ליבלעכע, ליבנדיקע סאָפיע איוואַנאָוונע, פלוצלינג ליידנ־שאַפטלעך ליב געקריגן די אומפאַרשטענדלעכע ליובאָוו סערגעיעוונע און האָט נאָר דערלאָזט, אַז זיין מומע האָט אויך גוטע מעלות? אַפנים, אַז ס'איז ריכטיק דאָס שפּריכוואָרט: „נישטאָ קיין נביא אין אייגענעם פאָטערלאַנד“. איינס פון די ביידע: אָדער ס'איז באמת אין יעדן מענטש

מער שלעכטס, איידער גוטס, אָדער דער מענטש איז מער פעיק אויפ-צונעמען שלעכטס, איידער גוטס. ליובאָוו סערגעיעווענע האָט ער געקענט נישט לאַנג, און די ליבע פון דער מומען האָט ער געפילט זינט ער איז געבוירן געוואָרן.

XXV.

איך באַקען מיך

בעת איך האָב מיך צוריקגעקערט אויף דער טעראַסע, האָט מען דאָרט כּלל נישט גערעדט וועגן מיר, ווי איך האָב אויסגערעכנט; אָבער וואַרענקע האָט נישט געליינט, נאָר, צוועקגעלייגט דאָס בוך אָן אַ זייט, האָט זי הייס זיך געאַמפּערט מיט דמיטרין, וועלכער האָט, אַרומגייענ-דיק הין און צוריק, מיטן האַלז פאַרריכט דאָס האַלזטוך און געשטשירעט די אויגן. דער אָביעקט פון דער אַמפּעריי איז געווען כּלומרשט איוואַן יאַקאָוולעוויטש און דער אַבערגלויבן; אָבער די אַמפּעריי איז געווען צו אַ הייסע, אַז דער זינען אירער זאָל זיין נישט קיין אַנדערער, אַ נעענטערער פאַר דער גאַנצער משפחה. די פירשטין און ליובאָוו סער-געיעווענע זענען געזעסן שווייגנדיק, איינהערנדיק זיך אין יעדן וואָרט, באַשיינפּערלעך וועלנדיק אַמאָל אָנטייל נעמען אין דער אַמפּעריי, נאָר איינהאַלטנדיק זיך און לאָזנדיק רעדן פאַר זיך, איינע — וואַרענקען, די צווייטע — דמיטרין. ווען איך בין אַריין, האָט וואַרענקע אויף מיר אַ בליק געטון מיט אַן אויסדרוק פון אַזאַ גלייכגילטיקייט, אַז מען האָט געזעען: די אַמפּעריי האָט זי שטאַרק פאַרכאַפּט, און עס איז איר גע-ווען אַלצאיינס, צי וועל איך יאָ, צי וועל איך נישט הערן דאָס, וואָס זי רעדט. פּונקט אַזאַ אויסדרוק האָט געהאַט דער בליק פון דער פירשטין, וועלכע איז באַשיינפּערלעך געווען אויף וואַרענקעס זייט. אָבער דמיטרי האָט אין מיין אַנוועזנהייט גענומען נאָך הייסער אַמפּערן זיך, און ליובאָוו סערגעיעווענע האָט זיך גלייך ווי דערשראָקן פאַר מיין קומען און געזאָגט, נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם באַזונדער: „אמת זאָגן אַלטע לייט si jeunesse savait, si vieilesse ponvait".

אָבער דידאָזיקע סענטענץ האָט נישט געמאַכט קיין סוף צו דער אַמפּעריי, און האָט מיך נאָר געבראַכט צום געדאַנק, אַז דער צד פון ליובאָוו סערגעיעוונע און פון מיין פריינט איז געווען דער אומגערעכטער צד. הגם איך האָב מיך אַ ביסל געשעמט בייצוזיין בּאַ דער קליינינקער משפחה-מחלוקת, פונדעסטוועגן איז אויך געווען אָנגענעם צו זעען די עכטע פאַרהעלטענישן פון דערדאָזיקער משפחה, וועלכע האָבן זיך אַרויס-געוויזן צוליב דער מחלוקת, און צו פילן, אַז מיין אָנוועזנהייט האָט זיי נישט געשטערט אַרויסצוזאָגן זיך.

ווי אָפט טרעפט, אַז יאָרנלאַנג זעט איר אַ משפחה אונטער איינעם און דעם זעלביקן פאָרהאַנג פון אָנשטענדיקייט און די אמתע באַציונגען פון אירע מיטגלידער בלייבן פאַר אייך אַ סוד (איך האָב אפילו באַמערקט, אַז וואָס אומדורכדרינגלעכער און דעריבער שענער עס איז דערדאָזיקער פאָרהאַנג, אַלץ ברוטאַלער זענען די אמתע, פאַרהוילענע פון אייך באַ-ציונגען)! נאָר ס'טרעפט אַמאָל. גאַנץ אומדערוואַרט הייבט זיך אין דעם קרייז פון דערדאָזיקער משפחה אויף אַ וועלכע נישט איז, אַמאָל, דאַכט זיך, גאָר אַן אומבאַדייטנדיקע פראַגע וועגן עפּעס בּלאָנדן, אָדער וועגן אַ וויזיט אויף דעם מאַנס פערד און אָן אַ שום קענטיקער סיבה ווערט די מחלוקת אַלץ פאַרביטערטער און פאַרביטערטער, אונטער דעם פאָר-האַנג ווערט שוין ענג פונאַנדערצוקלייבן דעם ענין, און פלוצלינג, צו דער אימה פון די, וואָס אַמפּערן זיך גופא און צו דעם וווּנדער פון די בייזייענדיקע, קריכן אַלע אמתע גראָבע באַציונגען אַרויס אינדרויסן, דער פאָרהאַנג, שוין גאָרנישט פאַרהוילנדיק, פּאַטשט זיך אומזיסט אַרום צווישן די קעמפנדע צדדים און דערמאָנט אייך נאָר אָן דעם, ווי לאַנג איר זענט דורך אים געווען פאַרנאַרט. אָפטמאָל טוט נישט אַזוי ווי מיטן גאַנצן אימפעט אַ זעץ צו טון זיך אָן בּיישטידל, ווי קוים-קוים לייכט צוצוריין זיך צו אַן אָנגעווייטיקט, אָנגעמוליעט אָרט, און אַזאַ אָנגעמוליעט, קראַנק אָרט איז פאַראַן כּמעט אין יעדער משפּחה. אין דער משפחה באַ די נעכליודאָווס איז אַזאַ אָנגעמוליעט אָרט געווען די משונהדיקע ליבע פון דמיטרין צו ליובאָוו סערגעיעוונען, וועלכע האָט געוועקט אין דער שוועס טער און דער מוטער, אויב נישט קיין געפיל פון קנאה, איז פון באַליי-דיקטן קרובהשן געפיל. דעריבער האָט עס די אַמפּעריי וועגן איוואַן יאַ-קאָוולעוויטשן און אַבערגלויבן פאַר זיי געהאַט אַזאַ ערנסטע באַ-דיי

— דו סטאַרעסט זיך שטענדיק זעען אין דעם, פון וואָס אַנדערע

לאכן און וואָס אַלע פּאַראַכטן, — האָט וואַרענקע געדעדט מיט איר קלינגענדיקער שטימע און דייטלעך אויסרעדנדיק יעדעס אות — דווקא אין דעם אַלעמען סטאַרעסטו זיך צו געפינען עפּעס אומגעווײנלעך גוטס.

— ערשטנס, קאָן נאָר דער סאַמע לײכטזיניקער מענטש רעדן וועגן פּאַראַכטונג צו אַזאַ מערקווירדיקן מענטש, ווי איוואַן יאַקאָווּ־לעוויטש, — האָט געענטפערט דמיטרי, קאָנוווּלסיוו הייבנדיק דעם קאָפּ אין דער אַנטקעגנגדיקער פון דער שוועסטער זייט, — און, צווייטנס, איז אדרבא, דו סטאַרעסט זיך בכיוון נישט צו זעען דאָס גוטע, וואָס עס שטייט באַ דיר פאַר די אויגן.

אויסגעדרייט זיך צו אונז, האָט סאָפיע איוואַנאָוונע עטלעכע מאָל דערשראָקן אַ בליק געטון דאָ אויף דעם פּלימעניק, דאָ אויף דער פּלי־מעניצע, דאָ אויף מיר, און צוויי מאָל, ווי עפּעס זאָגנדיק אין געדאַנק, אויפגעעפנט דאָס מויל, שווער אָפּזיפצנדיק.

— וואַריע, כ׳בעט דיך, לייען גיכער, — האָט זי געזאָגט, דער־לאַנגנדיק איר דאָס בוך און מיט ליבשאַפט פּאַטשנדיק איר לייכט איבער דער האַנט, — איך וויל אומבאַדינגט וויסן, צי האָט ער זי ווידער געפונען. (דאַכט זיך, אַז אין דעם ראָמאַן איז אפילו קיין רייד נישט געווען וועגן דעם, אַז עמעץ זאָל עמעצן געפינען.) און דו, מיטיע, וואָלסט בעסער פאַרבונדן די באַק, מיין טייערער. וואָרים עס איז לופטיק, און דיר וועלן די ציין ווידער אָנהייבן ווײ צו טון, — האָט זי געזאָגט צום פּלימעניק, נישט געקוקט אויף דעם אומצופרידענעם בליק, וואָס ער האָט געוואָרפן אויף איר, מסתמא, דערפאַר, וואָס זי האָט איבערגעריסן דעם פאָדעם פון זיינע אַרגומענטן.

דאָס לייענען איז פאַרגעזעצט געוואָרן.

דידאָזיקע קליינע מחלוקת האָט קיין טראָפּן נישט צעשטערט יענע משפּחה־רויקייט און דעם פאַרשטאַנדיקן שלום, מיט וועלכן עס האָט געאָ־טעמט דערדאָזיקער ווייבערישער קרייז.

דערדאָזיקער קרייז, וואָס ריכטונג און כאַראַקטער האָט אים באַשייג־פּערלעך געגעבן די פירשטין מאַריע איוואַנאָוונע, האָט פאַר מיר געהאַט אַ גאַנץ נייעם און צוציִענדיקן כאַראַקטער פון עפּעס לאָגישקייט און צוזאַמען דערמיט איינפאַכקייט און פיינקייט. דערדאָזיקער כאַראַקטער האָט זיך פאַר מיר אויסגעדריקט סיי אין דער שיינקייט, ריינקייט און פעסטקייט פון די זאַכן — דעם גלעקל, דעם בונד פונם בוך, דעם פאָטעל,

דעם טיש — סיי אין דער גלייכער, מיטן קאָרסעט אונטערגעהאַלטענער פּאָזע פון דער פירשטין און אין די צום זעען אויסגעשטעלטע לאָקן פון די גרויע האָר, סיי אין דער מאַניר אַנצורופן מיך בײַ דער ערשטער באַקאַנטשאַפט פשוט Nicolas און ע ר. סיי אין זייערע באַשעפטיקונגען, אין לייענען און אין נייען אַ קלייד און אין דער אומגעוויינלעכער ווייסקייט פון די הענט בײַ די דאַמען. (זיי האָבן אַלע אין די הענט געהאַט אַן אַלגעמיינעם משפחה-שטריך, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס די ווייכע טייל פון דער דלאָניע איז פון דער אויסערלעכער זייט געווען פון רויטן קאָליר, און האָט זיך אָפּגעטיילט מיט אַ שאַרפער גלייכער ליניע פון דער אומגעוויינלעכער ווייסקייט פון דער אייבערשטער טייל האַנט.) אָבער מער פאַר אַלץ האָט זיך דערדאָזיקער כאַראַקטער אויסגעדריקט אין זייער מאַניר, בײַ אַלעמען דרייען, אויסגעצייכנט צו רעדן רוסיש און פראַנצויזיש, ריין אַרויסרעדנדיק יעדעס אות, מיט פּעדאַנטישער פּינקטלעכקייט פאַרענדיקנדיק יעדעס וואָרט און יעדן זאַץ. דאָס אַלץ, און דער עיקר דאָס, וואָס אין דער געזעלשאַפט איז מען זיך מיט מיר באַגאַנגען פשוט און ערנסט, ווי מיט אַ גרויסן, זיי האָבן פאַר מיר אַרויסגעזאָגט זייערע, און אויסגעהערט מיינע מיינונגען — איך בין דערצו אַזוי ווייניק צוגעוווינט געווען, אַז נישט געקוקט אויף די גלאַנציקע קנעפּ און די בלויע פּאַסן אַרום קאָלנער, האָב איך אַלץ מורא געהאַט, טאָמער וועט מען מיר פּלוצלינג זאָגן: „צי דען מיינט איר, אַז מען רעדט מיט אייך ערנסט? גייט אייך לערנען זיך“, — דאָס אַלץ האָט געבראַכט דערצו, וואָס איך האָב אין דער געזעלשאַפט נישט געפילט קיין שום שעמעוודיקייט. איך בין אויפגעשטאַנען, האָב מיך איבערגעזעצט פון איין אָרט אויפן צווייטן, און דרייסט גערעדט מיט אַלעמען, אויסגעשלאָסן וואַרענקען, מיט וועלכער מיר האָט זיך נאָר געדאַכט, אַז ס'איז נאָך נישט אָנשטענדיק, מחמת עפּעס וואָס פאַרבאָטן צו רעדן דאָס ערשטע מאָל.

בשעת דעם לייענען, הערנדיק איר אָנגענעמע קלינגענדיקע שטים און קוקנדיק אַמאָל אויף איר, אַמאָל אויף דער זאַמדיקער סטעזשקע פון דעם בלומענגערטל, אויף וועלכער עס זענען געוואָרן קיילעכיקע, טונקלווערנדיקע פלעקן פונם רעגן, און אויף די ליפּאָווע ביימער, וואָס איבער זייערע בלעטער האָבן נאָך אַלץ געפּאַטשט זעלטענע טראָפּנס רעגן פונם בלאָסן מיט אַ בלויקייט דורכלייכטנדיקן וואָלקן, וואָס האָט אונז פאַרכאַפּט; אַמאָל ווידער אויף איר, אַמאָל אויף די לעצטע רויטע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון, וואָס באַלייכט די פייכטע פון רעגן, געדיכטע אַלטע

בערעזעס, און ווידער אויף ווארענקען, — האָב איך אַ טראַכט געטון, אַז זי איז גאָרנישט קיין מיאוסע, ווי עס האָט מיר אויסגעוויזן פון אָנהייב.

„אַ שאָד, וואָס איך בין שוין פארליבט, — האָב איך אַ טראַכט געטון, — און וואָס ווארענקע איז נישט סאָניעלע; ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען מען קאָן פלוצלינג ווערן אַ מיטגליד פון דער משפּחה: פלוצלינג וואָלט בא מיר געוואָרן אי אַ מאַמע, אי אַ מומע, אי אַ ווייב".

אין דער זעלביקער צייט, וואָס איך האָב דאָס געטראַכט, האָב איך שאַרף געקוקט אויף ווארענקען און געטראַכט, אַז איך מאַגנעטיזיר זי, און אַז זי מוז אויף מיר אַ בליק טון. ווארענקע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פונם בוך, אַ בליק געטון אויף מיר און, באַגעגנט זיך מיט מיינע אויגן אָפּגעקערט זיך.

— פונדעסטוועגן הערט דער רעגן נישט אויף, — האָט זי געזאָגט.

און פלוצלינג האָב איך דערשפּירט אַ מאָדנע געפיל: איך האָב מיך דערמאָנט, אַז פונקט דאָס, וואָס עס איז מיט מיר איצט געווען, — איז אַן איבערחזרונג פון דעם, וואָס עס איז שוין מיט מיר איין מאָל געשען: אַז אויך דעמאָלט איז פונקט אַזוי געגאַנגען אַ קליין רעגנדל, און די זון איז פאַרגאַנגען הינטער בערעזעס, און איך האָב געקוקט אויף איר, און זי האָט געלייענט, און איך האָב זי מאַגנעטיזירט, און זי האָט זיך אומגעקוקט, און איך האָב מיך אפילו דערמאָנט, אַז דאָס איז געווען נאָך אַמאָל פריער.

„צי דען זי... זי? — האָב איך אַ טראַכט געטון. — צי דען הייבט זיך אָן?" אָבער איך האָב באַלד באַשלאָסן, אַז זי איז נישט, זי, און אַז עס הייבט זיך נישט אָן. „ערשטנס, איז זי נישט קיין שיינע, — האָב איך אַ טראַכט געטון, — און דערצו איז זי פּשוט אַ פריילין, און מיט איר האָב איך מיך באַקענט אויף גאָר אַ פּשוטן אופן, אָבער יענע וועט זיין אַן אומגעוויינלעכע, מיט יענער וועל איך מיך באַגעגענען ערגעץ אויף אַן אומגעוויינלעך אָרט; און דערנאָך געפעלט מיר דידאָזיקע משפּחה נאָר דערפאַר, וואָס איך האָב נאָך גאָרנישט געזען, — האָב איך געטראַכט, — נאָר אַזעלכע זענען, זיכער, אַלע מאָל פאַראַן, און איך וועל זיי נאָך זייער פיל באַגעגענען אין לעבן".

XXIV.

איך באַווייז מיך פון דער סאַמע פיינסטער זייט

בשעת דער טיי איז דאָס ליינען איבערגעריסן געוואָרן, און די דאַמען האָבן זיך פאַרנומען מיט אַ שמועס צווישן זיך וועגן פּערזאָנען און אומשטענדן מיר נישט קיין באַקאַנטע, לויט מיר האָט זיך געדאַכט, מער נישט ווי כדי צו לאָזן מיר, פונדעסטוועגן, נישט געקוקט אויף דער פריינטלעכער אויפנאַמע, פילן דעם אונטערשיד, וואָס איז לויט די יאָרן און דער לאַגע אין דער געזעלשאַפט געווען צווישן מיר מיט זיי. אָבער אין די אַלגעמיינע שמועסן, אין וועלכע איך האָב געקאָנט נעמען אָנטייל, האָב איך מיך, קאָמפּענסירנדיק זיך פאַרן פריערדיקן שווייגן, געסטאַרעט אַרויסצווייזן מיין אומגעוויינלעכן שכל און אָריגינאַליטעט, צו וואָס איך האָב מיך געהאַלטן פאַרפליכטעט צוליב מיין מונדיר. ווען מען האָט אָנגעהויבן שמועסן וועגן דאַטשעס, האָב איך פּלוצלינג דערציילט, אַז באַם פירשט איוואַן איוואַניטש איז פאַראַן אַזאַ דאַטשע הינטער מאָסקווע, וואָס מען איז געקומען צו פאָרן קוקן אויף איר פון לאָנדאָן און פון פּאַריז, אַז דאָרט איז פאַראַן אַ שטאַכעט, וועלכע קאָסט דריי הונדערט און אַכציק טויזנט, און אַז פירשט איוואַן איוואַניטש איז מיר זייער אַ נאָענטער קרוב, און איך האָב היינט באַ אים געגעסן מיטאָג, און ער האָט מיך גערופן אומבאַדינגט, איך זאָל קומען צו אים אויף דער דאַטשע, לעבן באַ אים דעם גאַנצן זומער, נאָר איך האָב מיך אָפּגעזאָגט, מחמת איך קען זייער גוט דידאָזיקע דאַטשע. איך בין עטלעכע מאָל געווען אויף איר, און אַז די אַלע שטאַכעטן און בריקן זענען פאַר מיר גאָרנישט, מחמת איך קאָן נישט ליידן קיין לוקסוס, באַזונדערס אין דאָרף. איך האָב גאָר ליב, אַז אין דאָרף זאָל שוין זיין אינגאַנצן ווי אין דאָרף... געזאָגט דידאָזיקע שרעקלעך קאָמפּליצירטע ליגנט, בין איך געוואָרן צעמישט און רויט אַזוי, אַז אַלע האָבן מסתמא באַמערקט, ווי איך לייקן. וואַרענקע, וועלכע האָט מיר דעמאָלט איבערגעגעבן אַ טאַץ מיט טיי, און סאָפיע איוואַנאָוונע, וועלכע האָט אויף מיר געקוקט בשעת איך האָב גערעדט, האָבן זיך ביידע

אָפּגעקערט פון מיר און גענומען רעדן וועגן עפּעס אַנדערש מיט דעם אויסדרוק אויפן פּנים, וועלכן איך האָב נאָכדעם אָפט באַגעגנט בײַ גוטע מענטשן, בשעת זייער אַ יונגער מאַן הייבט אָן באַשײַנפּערלעך צו לייגן זיי אין די אויגן, און וועלכער באַטײַט: „מיר ווייסן דאָך, אַז ער לייגט, און צוואָס־זשע טוט ער עס, נעבעך!...“

דאָס, וואָס איך האָב געזאָגט, אַז בײַ פּירשט איוואַן איוואַניטש איז פאַראַן אַ דאַטשע — דאָס איז דערפאַר, ווײַל איך האָב נישט געפונען קיין בעסערן אויסרייד צו דערציילן וועגן מײַן קרובהשאַפט מיט פּירשט איוואַן איוואַניטש און וועגן דעם, אַז איך האָב בײַ אים הײַנט געמיטאָגט. נאָר צוואָס האָב איך דערציילט וועגן דעם שטאָכעט, וועלכער האָט געקאָסט דריי הונדערט מיט אַכציק טויזנט, און וועגן דעם, וואָס איך בין אַזוי אָפט געווען בײַ אים, בשעת איך האָב קיינמאָל נישט געקאָנט און איך קאָן נישט זײַן בײַ פּירשט איוואַן איוואַניטש, וועלכער האָט געוווינט בלויז אין מאָסקווע, אָדער אין נעאַפּאָל, וואָס די נעכליודאָווס האָבן זייער גוט געוווּסט, — צוואָס האָב איך דאָס געזאָגט? איך קאָן מיר בשום אופן נישט אָפּגעבן קיין רעכענונג. נישט אין דער קינדהייט, נישט יינגלווייז, נישט נאָכדעם אין דער רײַפערער עלטער האָב איך אין זיך נישט באַמערקט דעם חסרון פון ליגנט זאָגן. פאַרקערט, איך בין גיכער געווען צו אַן אמתער און אָפנהאַרציקער. נאָר אין דערדאָזיקער ערשטער צײַט פון מײַן בחורשאַפט פלעגט אויף מיר אָפט אָנפאַלן אַ משונהדיקער פאַרלאַנג אָן אַ שום קענטיקער סיבה אָנהייבן צו לייגן אויפן שרעקלעכסטן אופן. איך זאָג בפירוש „אויפן שרעקלעכסטן אופן“, מחמת איך האָב געזאָגט ליגנט אין אַזעלכע זאַכן, אין וועלכע עס איז מיך לײַכט געווען צו כאַפּן. מיר דאַכט זיך, אַז דער פאַלש־גאווה־דיקער פאַרלאַנג ארויסצווייזן זיך גאָר פאַר אַן אַנדערן מענטש, איידער איך בין אין דער אמתן, פאַרייניקט מיט דער אומפאַרווירקלעכונג אין לעבן האָפענונג צו זאָגן אַ ליגנט, און נישט געכאַפּט צו ווערן אויף דער ליגנט, איז געווען די הויפּט־סיבה פון דערדאָזיקער משונהדיקער נטיה.

היות ווי דער רעגן איז אַריבער, און דאָס וועטער איז בײַ דער שקיעה געווען שטיל און לויטער, האָט נאָך טיי די פּירשטין פאָרגעלייגט גיין שפּאַצירן אין אונטערשטן פּאַרק און פאַרגעניגן האָבן פון איר געליבט אָרט. אָפּהיטנדיק מײַן כּלל, צו זײַן אַלעמאָל אָריגינעל, און האַלטנדיק, אַז אַזעלכע קלוגע מענטשן, ווי איך און די פּירשטין, דאַרפן שטיין העכער פאַר דער באַנאַלער העפלעכקייט, האָב איך געענטפערט, אַז איך

האָב פיינט שפּאַצירן גלאַט אַזוי אָן אַ ציל, און אויב איך האָב שוין ליב צו שפּאַצירן, איז אינגאַנצן איינער אַליין. איך האָב כּלל נישט אויסגערעכנט, אַז דאָס איז געווען פּשוט גראָב; נאָר מיר האָט זיך דעמאָלט געדאַכט, אַז פּונקט אַזוי ווי עס איז נישטאָ מיאוסערס פאַר באַנאַלע קאָמפּלימענטן, אַזוי איז אויך נישטאָ גאָרנישט ליבער און אָריגינעלער פאַר אַ געוויסער נישט העפלעכער אָפנהאַרציקייט. פונדעסטוועגן בין איך זייער אַ צופרידענער מיט מיין ענטפער אוועק שפּאַצירן צוזאַמען מיט דער גאַנצער געזעלשאַפט.

דער פירשטינס באַליבט אָרט איז געווען גאָר אונטן אין דער סאַמע געדיכטעניש פונם גאָרטן אויף אַ קליין בריקעלע, וואָס איז געווען אַריבערגעלייגט איבער אַ קליינעם זומפּ. דער אָנזיכט איז געווען זייער אַ באַגרענעצטער, נאָר זייער אַ פאַרטראַכטער און אַ גראַציעזער. מיר זענען אַזוי געוווינט צונויפצומישן קונסט מיט נאַטור, אַז זייער אָפט ווייזן אונז אויס די נאַטור-דערשיינונגען, וועלכע מיר האָבן קיינמאָל נישט באַגעגנט אין דער מאָלעריי, ווי אומנאַטירלעכע, גלייך ווי די נאַטור וואָלט זיין נישט נאַטורעל, און פאַרקערט, די דערשיינונגען, וועלכע חזרן זיך צו אָפט איבער אין דער מאָלעריי, ווייזן אונז אויס אויסגעדראָשענע, און אַנדערע אָנזיכטן, צופיל דורכגעדרונגענע מיט איין געדאַנק און געפיל, וועלכע מיר באַגעגענען אין דערווירקלעכקייט, ווייזן אונז אויס געצאַצקעטע. דער אויסזעען פון דער פירשטינס געליבטן אָרט איז געווען פון דעם מין. עס האָבן אים געבילדעט נישט קיין גרויס, באַ די ראַנדן אַ באַוואַקסן, סטאַוו, גלייך הינטער אים — אַ שטאָלער באַרג אַרויף, באַוואַקסן מיט קאָלאָסאַלע אַלטע ביימער און מיט קוסטעס, וועלכע מישן אָפט איבער זייער פאַרשידנאַרטיקע גרינס, און אַן איבערגעוואָרפענע איבער דעם סטאַוו, באַם אָנהייב באַרג, אַלטע בערעזע, וואָס, האַלטנדיק זיך מיט אַ טייל פון אירע דיקע וואָרצלען אין דעם פייכטן ברעג פונם סטאַוו, האָט זי זיך מיטן שפּיץ אָנגעשפּאַרט אויף אַ הויכער שלאַנקער אָסענע, און אויפגעהאָנגען די געקרייזלטע צווייגן איבער דעם גלאַטן אויבערפלאַך פונם סטאַוו, וועלכער האָט אין זיך אָפּגעשפּיגלט די דאָזיקע הענגענדיקע צווייגן און דאָס אַרומיקע גרינס.

— סאַר אַ פּראַכט! — האָט געזאָגט די פירשטין, שאָקלענדיק מיטן קאָפּ און נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם באַזונדער.

— יאָ, וווּנדערלעך, נאָר מיר דאַכט זיך אָבער, זייער ענלעך אויף

אַ דעקאָראַציע, — האָב איך אויך געזאָגט, װעלנדיק דערװייזן, אַז איך האָב װעגן אַלץ מיין אייגענע מיינונג.

גלייך װי נישט געהערט מיין באַמערקונג, האָט די פירשטין װייטער מיט הנאה געקוקט אויף דעם אָנזיכט און, װענדנדיק זיך צו דער שװעסטער און צו ליובאָװ סערגעיעװנען, אָנגעװיזן אויף דעטאַלן: אויף דעם קרומען הענגענדיקן סוק און אויף זיין אָפּשפּיגלונג, װעלכע זענען איר באַזונדער געפעלן געװאָרן. סאָפיע איװאַנאָװנע האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַלץ פיין, און אַז איר שװעסטער פאַרברענגט דאָ צו עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד, נאָר מ׳האָט געזעען, אַז זי רעדט עס אַלץ נאָר צוליב דעם פאַרגעניגן פון דער פירשטין. איך האָב באַמערקט, אַז די מענטשן, װעלכע זענען באַשאָנקען מיט דער פעיקייט פון טעטיקער ליבע, זענען זעלטן פעיק אויפצונעמען די שיינקייטן פון דער נאַטור. ליובאָװ סערגעיעװנע איז אויך נתפעל געװאָרן און האָט אגב געפרעגט: „אויף װאָס האַלט זיך די בערעזע? צי װעט זי זיך לאַנג האַלטן?" און האָט כסדר געקוקט אויף איר סיוזעטקע, װעלכע איז, מאַכנדיק מיט איר האָריקן עק, ארומגעלאָפן הין און הער אויף די קרומע פיסלעך איבערן בריקל מיט אַזאַ פאַרטאַראַראַמטן אויסדרוק, גלייך װי עס װאָלט איר דאָס ערשטע מאָל אין לעבן אויסגעקומען צו זיין נישט אין אַ צימער. דמיטרי האָט פאַרפירט מיט דער מוטער זייער אַ לאָגישן שמועס װעגן דעם, װאָס קיין אָנזיכט קאָן בשום אופן נישט זיין שיין, אויב דער האָריזאָנט איז באַ אים באַגרענעצט. װאַרענקע האָט גאָרנישט גערעדט. װען איך האָב מיך אַרומגעקוקט אויף איר, איז זי, אָנגעשפּאַרט אויף דעם פאַרענטש פונם בריקל, געשטאַנען צו מיר אין פּראָפיל און האָט געקוקט פאָרויס. עפּעס האָט זי מסתמא שטאַרק אינטערעסירט און אפילו גערירט, מחמת זי האָט באַשייבפערלעך זיך פאַרגעסן און קיין שום געדאַנק נישט געהאַט װעגן זיך און װעגן דעם, װאָס מען קוקט אויף איר. אין דעם אויסדרוק פון אירע גרויסע אויגן איז געװען אַזוי פיל שטאַרקע אויפמערקזאַמקייט און רויקער קלאָרער געדאַנק, אין איר פּאָזע איז געװען אַזוי פיל אומגעצװוּנגנקייט און, נישט געקוקט אויף איר נישט גרויסן װוּקס, אפילו געהויבנקייט, אַז װידער האָט מיך איבערראַשט גלייך װי אַ דערינערונג װעגן איר, און װידער האָב איך זיך געפרעגט: „אפשר הייבט זיך עס אָן?" און װידער האָב איך זיך געענטפערט, אַז איך בין שוין פאַרליבט אין סאָניעלען, און אַז װאַרענקע איז פשוט אַ פריילין, די שװעסטער פון מיין פריינט. אָבער זי איז מיר אין דער רגע געפעלן געװאָרן, און צוליב

דעם האָב איך דערפילט אַן אומבאַשטימטן פאַרלאַנג מאַכן, אָדער זאָגן איר עפּעס נישט קיין גרויסע אומאָנגענעמלעכקייט.

— דו ווייסט וואָס, דמיטרי, — האָב איך געזאָגט צו מיין פריינט, צוגייענדיק נענטער צו וואַרענקען, אַזוי, אַז זי זאָל קאָנען הערן דאָס, וואָס איך וועל רעדן: — איך געפין, אַז אויב עס וואָלטן נישט געווען קיין מוקן, וואָלט אויך קיין שום גוטס אין דעמדאָזיקן אָרט נישט געווען, ובפרט איצט, — האָב איך צוגעגעבן, אַ שנעל טוענדיק זיך איבערן שטערן און ווירקלעך צודריקנדיק אַ מוק, — איז דאָס לגמרי שלעכט.

— איר האָט, דאַכט זיך, נישט ליב די נאַטור? — האָט וואַרענקע מיר געזאָגט, נישט אומקערנדיק דעם קאָפּ.

— איך געפין, אַז דאָס איז אַ פּוסטע, אומנוצלעכע באַשעפטיקונג.— האָב איך געענטפערט זייער אַ צופרידענער דערמיט, וואָס איך האָב איר טאַקע געזאָגט אַ קליינינקע אומאָנגענעמלעכקייט און דערביי אַן אָריגינעלע. וואַרענקאַ האָט קוים-קוים אויף אַן אויגנבליק אויפגעהויבן די ברעמען מיט אַן אויסדרוק פון באַדויערן און פּונקט אַזוי רויק ווידער גלייך געקוקט.

מיר איז געוואָרן פאַרדראָסיק אויף איר, אָבער נישט געקוקט דעריף פלעגן נאָכדעם די גרויענקע מיט אָפּגעזבליאַקירטער פאַרב פאַרענטשעס פונם בריקל, אויף וועלכע זי האָט זיך אָנגעשפאַרט, די אָפּשפּיגלונג אין דעם טונקעלן סטאַוו פון דעם אַראָפּגעלאָזטן סוק מיט די הענגענדיקע צווייגן פון דער איבערגעוואָרפענער ברעזע, וועלכע האָט, דאַכט זיך געוואָלט פאַראייניקן זיך מיט די הענגענדיקע צווייגן, דער ריח פונם זומפּ, דאָס געפיל פון דעם צעדריקטן מוק אויפן שטערן און איר אויסמערקזאַמער בליק און געהויבענע פּאָזע — אַפּט גאַנץ אומדערוואַרט פּלוצלינג דערשיינען אין מיין דמיון.

XXVII

דמיטרי

ווען מיר האָבן זיך נאָכן שפּאַציר אומגעקערט אַהיים, האָט וואַרענקע נישט געוואָלט זינגען, ווי זי פּלעגט עס געוויינלעך טון אַלע אָוונט, און איך בין געווען אַזוי פאַרגלייבט אין זיך, אַז איך האָב עס אָנגענומען אויף מיין חשבון, מיינענדיק, אַז די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס איך האָב איר געזאָגט אויפן בריקל. די נעכליודאָווס האָבן נישט געגעסן קיין וועטשערע און זענען זיך פונאַנדערגעגאַנגען פרי, און היינט, היות ווי באַ דמיטרין האָבן לויט סאָפיע איוואַנאָוונעס נביאות באמת אָנגעהויבן וויי צו טון די ציין, זענען מיר אַוועק אין זיין צימער נאָך פריער ווי אַלע מאָל. מיינענדיק, אַז איך האָב געטון אַלץ, וואָס עס האָבן פון מיר געפאָדערט מיין בלויער קאָלנער און די קנעפּ, און אַז איך בין אַלעמען געפעלן געוואָרן, האָב איך מיך געפונען אין זייער אַן אָנגענעמען זעלבסטצופרידענעם צושטאַנד פון געמיט. דמיטרי אָבער איז, פאַרקערט, צוליב דער אַמפּעריי און צוליב דער ציין־ווייטיק, געווען אַ שווייגנדיקער און אַנגעכמורעטער. ער האָט זיך געזעצט באַם טיש, אַרויסגענומען זיינע העפטן — דאָס טאָגבוך און דעם העפט, אין וועלכן ער האָט געהאַט אַ טבע יעדן אָוונט צו פאַרשרייבן זיינע צוקונפטיקע און פאַרגאַנגענע באַשעפטיקונגען, און, כסדר קרימענדיק זיך און צורירנדיק זיך מיט דער האַנט צו דער באַק, האָט ער גאַנץ לאַנג אין זיי געשריבן.

— אַך, לאָזט מיך צורו, — האָט ער אַנגעשריגן אויף דעם קאַמער־מיידל, וועלכע איז געקומען פון סאָפיע איוואַנאָוונען פרעגן אים: וואָס מאַכן זיינע ציין? און אפשר וויל ער זיך צולייגן וואַרעמס? גלייך נאָך דעם, זאָגנדיק, אַז מען וועט מיר באַלד אויסבעטן אַ געלעגער, און אַז ער וועט תיכף צוריקקומען, איז ער אַוועק צו ליובאָוו סערגעיעוונען.

„סאַר אַ שאָד, וואָס וואַרענקע איז נישט קיין שיינינקע און בכלל נישט סאָניעלע, — האָב איך געטרוימט, ווען איך בין אַליין געבליבן אין צימער. — ווי גוט וואָלט געווען, אַרויסגייענדיק פון דעם אוניווערזיטעט,

קומען צו פאָרן צו זיי און פאַרלייגן איר די האַנט. איך וואָלט געזאָגט: פירשטין, איך בין שוין נישט יונג, איך קאָן נישט ליבן לײדנשאַפטלעך, אָבער איך וועל אייך שטענדיק ליבן, ווי אַ ליבלעכע שוועסטער. אייך אַכט איך שוין, — וואָלט איך געזאָגט צו דער מוטער, — און אייך, סאָפיע איוואַנאָוונע, גלייבט מיר, אַז איך שעץ זייער און זייער. טאָ זאָגט מיר פשוט און אָפן: ווילט איר זיין מיין ווייב? — „יאָ". — און זי וועט מיר דערלאַנגען די האַנט, איך וועל זי אַ דריק טון און זאָגן: „מיין ליבע איז נישט אין ווערטער, נאָר אין טאַט". — נו, און ווי, איז מיר געקומען אַ רעיון, אויב דמיטרי וואָלט זיך פלוצלינג פאַרליבט אין ליובעלען — ליובעלע איז דאָך אין אים פאַרליבט — און ער וואָלט וועלן מיט איר חתונה האָבן — דעמאָלט וואָלט דאָך עמעץ פון אונז נישט געטאָרט חתונה האָבן. און דאָס וואָלט געווען אויסגעצייכנט. דעמאָלט וואָלט איך אָט וואָס געטון. איך וואָלט עס תיכף באַמערקט, גאָרנישט געזאָגט, איך וואָלט געקומען צו דמיטרין און געזאָגט: „אומזיסט, מיין פריינט, וואָלטן מיר זיך איינער פון דעם צווייטן באַהאַלטן: דו ווייסט, אַז מיין ליבע צו דיין שוועסטער וועט זיך ענדיקן נאָר צוזאַמען מיט מיין לעבן, נאָר איך ווייס אַלץ, דו האָסט בײַ מיר אָפּגענומען די לעצטע האָפנונג, דו האָסט מיך געמאַכט פאַר אַן אומגליקלעכן; אָבער דו ווייסט, ווי ניקאָלאַי אירטעניעוו צאָלט אָפּ פאַר דעם אומגליק פון גאָר זיין לעבן? — אָט האָסטו מיין שוועסטער", — און כ'וואָלט אים דערלאַנגט ליובעלעס האַנט. ער וואָלט געזאָגט: „ניין, בשום אופן נישט!..." און איך וואָלט געזאָגט: „פירשט נעכליודאָוו, אומזיסט ווילט איר זיין גרויס־מוטיקער פאַר ניקאָלאַי אירטעניעוון. נישטאָ אויף דער וועלט קיין מענטש, גרויסמוטיקער פאַר אים". כ'וואָלט מיך פאַרנייגט און אַרויסגעגאַנגען. דמיטרי און ליובעלע וואָלטן אין טרערן אַרויסגעלאָפן נאָך מיר און געבעטן, אַז איך זאָל אָננעמען זייער קרבן. — און איך וואָלט געקאָנט מסכים זיין און וואָלט געקאָנט זיין זייער, זייער גליקלעך, ווען איך וואָלט נאָר געווען פאַרליבט אין וואַרענקען". דידאָזיקע טרויםערייען זענען געווען אַזוי אָנגענעם, אַז מיר האָט זיך זייער געוואָלט דערציילן זיי מיין פריינט, נאָר נישט געקוקט אויף אונזער נדר פון קעגנזייטיקער אָפנ־האַרציקייט, האָב איך עפּעס געפילט, אַז עס איז נישטאָ קיין פיזישע מעגלעכקייט דאָס צו דערציילן.

דמיטרי האָט זיך פון ליובאָוו סערגעיעוונען אומגעקערט מיט טראָפּנס אויפן צאָן, וועלכע זי האָט אים געגעבן, נאָר אַ מער ליידנדיקער און

מחמת דעם נאָך אַ מער חושכדיקער. קיין געלעגער איז מיר נאָך נישט געווען אויסגעבעט, און דאָס יינגל, דמיטריס באַדינער, איז געקומען פרעגן בײַ אים, וו׳ וועל איך שלאָפן.

— גיי צום טייוול! — האָט דמיטרי דערלאַנגט אַ געשריי, אַ טופּע טועגדיק מיט אַ פוס. — וואַסקע! וואַסקע! וואַסקע! וואַסקע! — האָט ער אָנגעהויבן שרייען, ווי באַר דאָס יינגל איז אַרויס, און מיט יעדן מאָל העכערנדיק די שטימע: — וואַסקע! בעט מיר אויס אויף דער פּאָדלאָגע.

— ניין, בעסער וועל איך מיך לייגן אויף דער פּאָדלאָגע, — האָב איך געזאָגט.

— מילא, אַלצאיינס, בעט ערגעץ אויס, — האָט דמיטרי ווייטער גערעדט מיט דעם זעלביקן צאָרנדיקן קול. — וואַסקע! פאַרוואָס־זשע בעטסטו נישט אויס?

אָבער וואַסקע האָט, אפנים, נישט פאַרשטאַנען, וואָס מען פאַר־לאַנגט פון אים און איז געשטאַנען, נישט רירנדיק זיך פון אָרט.

— נו, איז וואָס־זשע? בעט אויס! בעט אויס! וואַסקע! וואַסקע! — האָט דמיטרי געגומען שרייען, אַריינפאַלנדיק אין עפּעס אַ גרימצאָרן.

אָבער, נישט פאַרשטייענדיק און אַ דערשראָקענער, האָט נאָך וואַס־קע אַלץ נישט גערירט זיך.

— דו האָסט זיך עס געשווירן מיך אומצובּ... פון געדולד אַרויס־צוברענגען?

און אויפגעשפּרונגען פון דער שטול און צוגעלאָפן צום יינגל, האָט דמיטרי מיט אַלע כּוחות דערלאַנגט וואַסקען מיט דער פויסט איבערן קאָפּ, און וואַסקע איז שנעל אַרויסגעפלויגן פונם צימער. אָפּגעשטעלט זיך לעבן דער טיר, האָט זיך דמיטרי אַרומגעקוקט אויף מיר, און דער אויס־דרוק פון גרימצאָרן און פון אכזריות, וואָס איז מיט אַ רגע צוריק געווען אויף זיין געזיכט, האָט זיך פאַרביטן אויף אַזאַ מילדן, פאַרשעמטן און ליבנדיקן קינדישן אויסדרוק, אַז מיר איז געוואָרן אויף אים אַ רחמנות און, ווי שטאַרק מיר האָט זיך נישט געוואָלט אָפּקערן, האָב איך מיך נישט אַנטשלאָסן דאָס צו טון. ער האָט מיר גאָרנישט געזאָגט, נאָר ער איז אַ לאַנגע צייט שווייגנדיקערהייט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער, פון צייט־צו־צייט קוקנדיק אויף מיר מיט דעם זעלביקן אום פאַרצייונג בעטנדיקן

אויסדרוק, נאָכדעם האָט ער פון טיש אַרויסגענומען דעם העפט, עפּעס פאַרשריבן אין אים, אַראָפּגענומען דעם סורדוט, זאָרגעוודיק צונויפגעלייגט, צוגעגאַנגען צום ווינקל, ווו עס איז געהאָנגען דאָס הייליקע בילד, צונויפגעלייגט אויף דער ברוסט זיינע גרויסע ווייסע הענט און אָנגעהויבן מתפלל זיין. ער האָט געזאָגט די תפילות אַזוי לאַנג, אַז וואַסקע האָט באַוויזן צו ברענגען אַ מאַטראַץ און אויסצובעטן אויף דער פּאָדלאָגע. איך האָב מיך אוסגעטון און געלייגט אויף דער פּאָדלאָגע, און דמיטרי האָט נאָך אַלץ געזאָגט תפילות. קוקנדיק אויף דער אַ ביסל אָנגעבויגענער פּלייצע דמיטריס און אויף די זוילן פון זיינע פיס, וועלכע האָבן זיך עפּעס ווי אונטערטעניק אַרויסגעשטעלט אַנטקעגן מיר, בשעת ער האָט זיך געבוקט בּאַ דער ערד, האָב איך דמיטרין נאָך שטאַרקער ליב געהאַט איידער פריער, און כ'האָב אַלץ געטראַכט וועגן דעם: זאָגן, אָדער נישט זאַגן אים דאָס, וואָס איך האָב געטרוימט וועגן אונזערע שוועסטער? געענדיקט די תפילות, האָט זיך דמיטרי געלייגט צו מיר אויפן געלעגער און, אָנגעשפּאַרט זיך אויפן עלנבויגן, אַ לאַנגע צייט שווייגנדיק, מיט אַ פריינטלעכן און אַ פאַרשעמטן בליק געקוקט אייף מיר. אים איז דאָס, באַשיינפּערלעך, געווען שווער, נאָר גלייך ווי ער וואָלט זיך געקנסעט. איך האָב אַ שמייכל געטון, קוקנדיק אויף אים. ער האָט אויך אַ שמייכל געטון.

— פאַרוואָס-זשע זאָגסטו מיר נישט, אַז איך בין מיך שלעכט באַגאַנגען? דו טראַכסט דאָך איצט וועגן דעם?

— יאָ, — האָב איך געענטפערט, הגם איך האָב געטראַכט וועגן עפּעס אַנדערש, אָבער מיר האָט אויסגעוויזן, אַז איך האָב באמת וועגן דעם געטראַכט, — יאָ, דאָס איז זייער נישט גוט, איך האָב דאָס אפילו פון דיר נישט דערוואַרט, — האָב איך געזאָגט, פילנדיק אין דער רגע אַ באַזונדער פאַרגעניגן אין דעם, וואָס איך זאָג אים דו. — נו, וואָס מאַכן דיינע ציין?

— איבערגעגאַנגען. אַך ייקאָלינקע מיין פריינט! — האָט דמיטרי אָנגעהויבן אַזוי ליבלעך, אַז טרערן, דאַכט זיך, זענען געשטאַנען אין זיינע גלאַנציקע אויגן. — איך ווייס און כ'פיל, ווי שלעכט איך בין, און גאָט ווייסט דעם אמת, ווי איך וויל און בעט אים, ער זאָל מאַכן, אַז איך זאָל ווערן בעסער; אָבער וואָס-זשע זאָל איך טון, אויב איך האָב אַזאַ אומגליקלעכן, עקלהאַפטן כאַראַקטער? וואָס זאָל איך טון? איך באַמי

מיך איינצוהאַלטן, אויסצובעסערן זיך, אָבער דאָס איז דאָך נישט מעגלעך פלוצלינג, און נישט מעגלעך איינעם אַליין, מען דאַרף, אַז עמעצער זאָל מיך אונטערשטיצן, העלפן. אָט ליובאָוו סערגעיעווונע — זי פאַרשטייט מיך, און האָט מיר פיל דערין געהאָלפן. איך ווייס לויט מיינע נאָטיצן, אַז אין משך פון דעם יאָר האָב איך מיך שוין פיל אויסגעבעסערט. אָך, ניקאָלינקע, נשמה מיינע! — האָט ער ווייטער גערעדט נאָך דער ווידוי מיט א באַזונדערער נישט געוויינלעכער צערטלעכקייט און שוין מיט א פיל רויקערן טאָן, — וויפיל דאָס באַטייט, די השפעה פון אַזאַ פרוי, ווי זי! גאָט מיינער, ווי גוט עס קאָן זיין, ווען איך וועל זיין זעלב־שטענדיק, מיט אַזאַ פריינט, ווי זי! מיט איר בין איך גאָר אַן אַנדערער מענטש.

און גלייך נאָך דעם האָט דמיטרי אָנגעהויבן אַנטוויקלען פאַר מיר זיינע פּלענער וועגן חתונה האָבן, וועגן א דאָרפיש לעבן און וועגן א שטענדיקער אַרבעט איבער זיך אַליין.

— איך וועל וווינען אין דאָרף, דו וועסט קומען צו מיר, אפשר וועסטו אויך חתונה האָבן מיט סאָניעלען, — האָט ער גערעדט. — אונ־זערע קינדער וועלן זיך שפּילן. דאָס אַלץ ווייזט דאָך אויס נאַריש און קאָמיש, אָבער ס'קאָן דאָך געשען.

— אוודאי! און זייער, — האָב איך געזאָגט, שמייכלענדיק און טראַכטנדיק בשעת מעשה וועגן דעם, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען איך וואָלט חתונה געהאַט מיט זיין שוועסטער.

— ווייסט, וואָס איך וועל דיר זאָגן? — האָט ער צו מיר געזאָגט, באַלד דעם ווי ער האָט א ביסל געשוויגן. — דו מיינסט דאָך נאָר, אַז דו ביסט פאַרליבט אין סאָניעלען, און ווי איך פאַרשטיי — זענען עס פוסטע זאַכן, און דו ווייסט נאָך נישט, וואָס איז אַזוינס עכט געפיל.

איך האָב נישט דערווידערט, מחמת איך בין געווען כמעט מסכים מיט אים. מיר האָבן א ביסל צייט געשוויגן.

— דו האָסט מסתּמא באַמערקט, אַז איך בין היינט ווידער געווען אין א פאַסקודנער שטימונג און האָב מיך נישט גוט געאַמפּערט מיט וואַריען. מיר איז נאָכדעם געווען שרעקלעך אומאָנגענעם, דערהויפּט דערפאַר, וואָס דאָס איז געווען אין דיין אָנוועזנהייט. הגם זי דענקט טאַקע וועגן פיל זאַכן נישט ווי עס באַדאַרף צו זיין, אָבער זי איז א ווויל מיידעלע, זייער א ווילע, אָט דו וועסט זי דערקענען.

זיין איבערגאַנג אין געשפּרעך פון דעם, וואָס איך בין נישט פאַר־

ליבט, צו שבחים פון זיין שוועסטער האָט מיך אויסערגעוויינלעך דערפרייט און געלאָזט רויט ווערן. אָבער פונדעסטוועגן האָב איך אים גאָרנישט געזאָגט וועגן זיין שוועסטער, און מיר האָבן ווייטער גערעדט וועגן אַנדערש.

אַזוי האָבן מיר אָפּגעפּלוידערט, ביז די הענער האָבן דאָס צווייטע מאָל געקרייט, און דער בלאַסער זון-אויפגאַנג האָט שוין געקוקט אין פענצטער, ווען דמיטרי איז אַריבער אויף זיין געלעגער און האָט פאַרלאָשן דאָס ליכט.

— נו, איצט שלאָפן, — האָט ער געזאָגט.

— יאָ, — האָב אַך געענטפערט, — נאָר איין וואָרט.

— נו.

— גוט צו לעבן אויף דער וועלט? — האָב איך געזאָגט.

— גוט צו לעבן אויף דער וועלט, — האָט ער געענטפערט מיט אַזאַ שטימע, אַז איך האָב אין דער פינצטער, דאַכט זיך, געזעען דעם אויסדרוק פון זיינע פריילעכע לאַטשענדיקע אויגן און זיין קינדישן שמייכל.

XXVIII.

אין דאָרף

אויף מאָרגן זענען מיר, איך און וואָלאָדיע, אויף פּאָסט-פערד אַוועקגעפאָרן אין דאָרף. אין וועג האָב איך, איבערקלויבנדיק אין קאָפּ פאַרשידענע מאָסקווער זכרונות, מיך דערמאָנט אָן סאָניעלע וואַלאַכין, אין דאָס אויך ערשט אינאָוונט, ווען מיר זענען שוין אָפּגעפאָרן פינף סטאַנציעס. „פונדעסטוועגן איז מאָדנע, — האָב איך אַ טראַכט געטון, — וואָס איך בין פאַרליבט און האָב גאָר פאַרגעסן אָן דעם; מען דאַרף וועגן איר טראַכטן". און איך האָב געגומען וועגן איר טראַכטן אַזוי, ווי אונטערוועגנס טראַכט זיך, אָפּגעריסן, נאָר לעבעדיק, און איך האָב מיך דערטראַכט דערצו, אַז קומענדיק אין דאָרף, האָב איך צוויי טעג געהאַלטן פאַר נייטיק צו באַווייזן זיך פאַר אַן אומעטיקן און אַ פאַרטראַכטן פאַר

אַלע שטוביקע און באַזונדער פאַר קאַטיעלען, וועלכע איך האָב געהאַלטן פאַר אַ גרויסער קענערין אין ענינים פון דעם מין. און וועלכער איך האָב געגעבן אַ רמז וועגן דעם צושטאַנד, אין וועלכן עס האָט זיך געפונען מיין הארץ. אָבער נישט געקוקט אויף דעם גאַנצן סטאַרען זיך צו מאַכן דעם אָנשטעל פאַר לייטן און פאַר זיך אַליין, נישט געקוקט אויף דעם, וואָס איך האָב אומישנע איבערגענומען אַלע סימנים, וועלכע איך האָב באַגעגנט אין לייטן בשעת דעם צושטאַנד פון פאַרליבטקייט, האָב איך נאָר אין משך פון צוויי טעג, איז דאָס אויך נישט שטענדיק, נאָר דערהויפּט אינאָווענט, מיך דערמאַנט, אַז איך בין פאַרליבט, און לסוף, וויבאַלד איך בין אַריין אין דאָרפישן לעבן און באַשעפטיקונגען, האָב איך אינגאַנצן פאַרגעסן אָן מיין ליבע צו סאָניעלען.

מיר זענען געקומען קיין פּעטראָווסקאָיע באַדערנאַכט, און איך בין געשלאָפן אַזוי שטאַרק, אַז איך האָב נישט געזעען נישט דאָס הויז, נישט די בערעזענע אַלעע און נישט קיינעם פון די היימישע, וועלכע זענען זיך שוין פונאַנדערגעגאַנגען און זענען שוין לאַנג געשלאָפן. דער איינגעהויקערטער זקן פאָקאַ האָט, באַרוועסערהייט אין עפּעס דעם ווייבס אַ וואַטענער קאַפּטע, מיט אַ ליכט אין די הענט, אונז אָפּגעקייטלט די טיר. דערזעען אונז, האָט ער זיך אָנגעהויבן טרייסלען פון פרייד, האָט אונז אָנגעקושט אין די אַקסלען, איילנדיק צוגענומען זיין וואָליק און אָנגעהויבן אָנטון זיך. דורך דעם פירהויז און די טרעפּ בין איך דורכגעגאַנגען, נאָך נישט ווי געהעריק אויפגעכאַפּט זיך, נאָר אין פאָדערצימער איז דער שלאָס פון דער טיר, דער פאַררוקער, דאָס קרומע ברעט, דער קאַסטן, דער אַלטער לייכטער, אַ פאַרטריפטער ווי פאַרצייטן, די שאָטנס פון דעם קרומען, קאַלטן, נאָר־וואָס אָנגעצונדענעם חלבנעם ליכטל, דאָס אַלעמאָל שטויביקע, קיינמאָל נישט אַרויסגענומענע דובלט־פענצטער, הינטער וועלכן עס איז, לויט איך האָב געדענקט, געוואַקסן אַ ראַבינע־בוים, — איז דאָס אַלץ מיר געווען אַזוי באַקאַנט, אַזוי פיל זכרונות, אַזוי אייניק צווישן זיך, גלייך ווי פאַרבונדן מיט איין געדאַנק, אַז איך האָב פּלוצלינג אויף זיך דערפילט די פריינטלעכקייט פון דעמדאָזיקן ליבלעכן אַלטן הויז. עס האָט זיך פאַר מיר נישט ווילנדיק אַוועקגעשטעלט די פראַגע: ווי האָבן מיר געקאָנט, איך און דאָס הויז, פאַרבלייבן אַזוי לאַנג איינער אָן דעם אַנדערן? — און איילנדיק זיך ערגעץ וווהין, בין איך אַוועקגעלאָפן קוקן, צי זענען די אַנדערע צימערן אַלץ די זעלבע? אַלץ איז געווען דאָס זעלבע, נאָר אַלץ איז געוואָרן ווי קלענער, נידעריקער, און איך בין

געוואָרן ווי העכער, שווערער און גרעבער; נאָר אויך אזא, ווי איך בין געווען, האָט דאָס הויז מיך פריידיק אויפגענומען אין זיינע אָרעמס, און מיט יעדער ברעט, מיט יעדן פענצטער, מיט יעדן טרעפּל פון די טרעפּ, מיט יעדן קלאַנג געוועקט אין מיר אַ תהום מיט געשטאַלטן, געפילן, געשעענישן פון דער אומצוריקקערלעכער גליקלעכער פאַרגאַנגענהייט. מיר זענען געקומען אין אונזער קינדער-צימער: אַלע קינדערישע אימות האָבן זיך ווידער פאַרהוילן אין דער פינצטערניש פון די ווינקלען און פון די טירן; מען איז דורכגעגאַנגען דאָס גאַסט-צימער — די זעלבע שטילע, צאַרטע מוטערלעכע ליבע איז געווען אויסגעגאָסן איבער אַלע זאַכן, וואָס זענען געשטאַנען אין צימער; מיר זענען דורך דעם זאַל — די רוישיקע, זאָרגלאָזע, קינדערישע פרייד איז, דאַכט זיך, שטיין געבליבן אין דעמ-דאָזיקן צימער, און האָט געוואַרט נאָר דערויף, אַז מען זאָל זי ווידער אָפּלעבן. אין דיוואַנען-צימער, וווהין פּאָקע האָט אונז אריינגעפירט און פאַר אונז אויסגעבעט געלעגערס, האָט, דאַכט זיך, אַלץ — דער שפּיגל, די שירעמס, די אַלטע הילצערנע איקאָנע, יעדע אומגלייכקייט פון דער וואַנט, וועלכע איז געווען באַקלעפּט מיט ווייס פּאַפּיר, — גערעדט אַלץ וועגן ליידן, וועגן טויט, וועגן דעם, וואָס עס וועט שוין מער נישט זיין.

מיר האָבן זיך אַוועקגעלייגט און פּאָקע האָט אונז געווונטשן אַ גוטע נאַכט און געלאָזט אַליין.

— אין דעם צימער איז דאָך געשטאָרבן די maman? — האָט וואָלאָדיע געזאָגט.

איך האָב אים נישט געענטפערט און געמאַכט זיך פלומרשט, איך שלאָף. ווען איך וואָלט עפּעס געזאָגט, וואָלט איך מיך פונאַנדערגעוויינט. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט אויף מאָרגן אינדערפרי, איז דער פּאַפּאַ געווען שוין אָנגעטאָן, אין טאָרזשאָקער שטיוועלעך און אַ כאַלאַט, מיט אַ ציגאַר אין די ציין איז ער געזעסן בא וואָלאָדיען אויפן בעט און האָט גערעדט און געלאַכט מיט אים. מיט אַ פריילעך אונטערהייבן איז ער אויפגעשפּרונגען פון וואָלאָדיען, צוגעגאַנגען צו מיר און אַ פּאַטש טוענ-דיק מיר מיט זיין גרויסער האַנט איבערן רוקן, האָט ער מיר אונטערגע-שטעלט די באַק און צוגעדריקט זי צו מיינע ליפּן.

— נו, אויסגעצייכנט, אַ דאַנק, דיפּלאָמאַט, — האָט ער גערעדט מיט זיין אייגנטימלעכער שפּאַסנדיקער לאַסקע, איינקוקנדיק זיך אין מיר מיט זיינע קליינינקע, גלאַנציקע אייגלעך. — וואָלאָדיע זאָגט, אַז דו האָסט גוט אויסגעהאַלטן, ווי אַ כוואַט, נו, איז גוט, דו, אַז דו זאָלסט וועלן נישט

זיין משוגע, ביסטו בײַ מיר אויך אַ ווילער יונג. אַ דאַנק, מיין פריינט. איצט וועלן מיר דאָ לעבן אַ גוטן טאָג, און ווינטער וועלן מיר אפשר אַריבערפאָרן קיין פעטערבורג. אַ שאָד נאָר, די יאַגד האָט זיך געענדיקט, אַז נישט, וואָלט איך אייך פאַרשאַפט פאַרגעניגן. נו, מיט אַ ביקס אויף דער יאַגד, קאָנסטו, וואָלדעמאַר? ווילדפרעט — אַ תהום, איך וועל אפשר אַליין מיט דיר ווען עס איז אַ גיי טון. נו, אין ווינטער, מיט גאָטס הילף, וועלן מיר אַריבערפאָרן קיין פעטערבורג, איר וועט זעען מענטשן, מאַכן באַקאַנטשאַפט. איר זענט בײַ מיר איצט קינדער דערוואַקסענע, אָט האָב איך ערשט וואָלדעמאַרן געזאָגט, איר שטייט איצט אויף אַ דרך, און מיין אויפגאַבע איז געענדיקט און מיט מיר אויב איר ווילט זיך באַראַטן, באַראַט אייך, איך בין נישט אייער דערציער, נאָר אייער פריינט, לפּחות, איך וויל זיין אַ פריינט און אַ חבר און אַ בעל־עצה, ווו איך קען, און מער גאָרנישט. ווי קומט עס אַרויס לויט דיין פילאָזאָפיע, קאָקאָ? האַ? ס'איז גוט, צי שלעכט? האַ?

איך האָב, פאַרשטייט זיך, געזאָגט, אַז אויסגעצייכנט, און כ'האָב עסווירקלעך אַזוי געפונען. דער פאָטער האָט אין דעם טאָג געהאַט עפּעס אַ באַזונדער־צוציענדיקן, פריילעכן, גליקלעכן אויסזעען, און דידאָזיקע נייע באַציונגען מיט מיר, ווי מיט אַ גלייכן, ווי מיט אַ חבר, האָבן מיך נאָך מער געלאָזט ליב קריגן אים.

— נו, דערצייל־זשע מיר, דו ביסט געווען בײַ אַלע קרובים? בײַ די איווינס? געזעען דעם אַלטן? וואָס האָט ער דיר געזאָגט? — האָט ער מיך ווייטער אויסגעפרעגט. — געווען בײַ פירשט איוואַן אי־וואַנישן?

און מיר האָבן אַזוי לאַנג געשמועסט, נישט אָנטועענדיק זיך, אַז די זון האָט שוין גענומען אַוועקגיין פון די פענצטער פון דיוואַנען־צימער, און יאַקאָוו (וועלכער איז אַלץ פונקט אַזוי געווען אַלט, אַלץ פונקט אַזוי געדרייט מיט די פינגער הינטערן רוקן און האָט גערעדט ווידער אַזוי) איז געקומען צו אונז אין צימער און האָט געמאָלדן דעם פאָטער, אַז דאָס פאַעטאָנדל איז איינגעשפּאַנט.

— וווהין פאָרסטו? — האָב איך געפרעגט.

— אַך, איך האָב שיער נישט פאַרגעסן, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט מיט אַ פאַרדריסלעך אונטערהייבן זיך און צוהוסטן, — איך האָב היינט צוגעזאָגט פאָרן צו די עפּיפּאַנאָווס. געדענקסט די פרוי עפּיפּאַנאָוו la belle Flamande? זי פלעגט נאָך אפילו קומען צו אייער maman.

זיי זענען ווילדע מענטשן. — און דער פּאַפּאַ האָט, ווי מיר האָט אויסגע־וויזן, שעמעוודיק אַ הייב געטון מיטן אַקסל און איז אַרויס פון צימער.

ליובעטשקע איז די גאַנצע צייט פון אונזער פלוידערן שוין עטלעכע מאָל צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט געפרעגט: „מען קאָן אַריין צו אייך?“ יעדעס מאָל האָט דער פּאַפּאַ צו איר געשריגן דורך דער טיר, אַז „מען קאָן בשום אופן ניט, ווייל מיר זענען נאָך ניט אָנגעטון“.

— וואָס פאַר אַן אומגליק? איך האָב דאָך דיך געזען אין כאַלאַט.

— דו טאָרסט נישט זען די ברידער אָן די נישט אויס־דרוקבאַרע, — האָט ער צו איר געשריגן, — נאָר אָט וועט יעדער פון זיי דיר אָנקלאַפּן אין טיר, ס'וועט דיר קלעקן? קלאַפּט. אפילו רעדן מיט דיר אין אַזאַ נעגליזשע איז פאַר זיי נישט אָנשטענדיק.

— אַך, סאַר אַן אומדערטרעגלעכע איר זענט! טאָ קומט לפּחות גיכער אין גאַסט־זאַל, מימי וויל אייך אַזוי זען! — האָט ליובעטשקע געשריגן הינטער דער טיר.

ווי נאָר דער פאָטער איז אַוועק, האָב איך מיך שנעל אָנגעטון אין סטודענטישן סורדוט און בין אַוועק אין גאַסט־זאַל; אָבער וואָלאָדיע, פאַרקערט, האָט זיך נישט געאיילט און איז לאַנג געזעסן אויבן, שמועסנ־דיק מיט יאַקאָוון וועגן דעם, ווו האַלטן זיך אויף בעקאַסן און דופּעלן. ער האָט, ווי איך האָב שוין געזאָגט, פאַר קיין זאַך אין דער וועלט נישט אַזוי מורא געהאַט, ווי פאַר צערטלעכקייט מיטן ברודערל, מיט דעם טאַטעשי, אָדער מיט דעם שוועסטערל, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן, און אויסמיידנדיק יעדן אויסדרוק פון געפיל, איז ער אַריינ־געפאַלן אין אַ צווייטער עקסטרעמיטעט — אין קאַלטקייט, וועלכע פלעגט אָפט באַליידיקן די מענטשן, וועלכע עס האָבן נישט פאַרשטאַנען אירע סיבות. אין פאָדערצימער האָב איך מיך אָנגעשטויסן אויפן פאָטער, וועל־כער איז מיט קליינע גיכע טריטעלעך געגאַנגען זעצן זיך אין עקיפּאַזש. ער איז געווען אין זיין נייעם מאָדישן מאָסקווער סורדוט, און פון אים האָט געשמעקט מיט פּערפום. דערזעענדיק מיך, האָט ער צו מיר פריילעך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, גלייך ווי ער וואָלט געזאָגט: „זעסטו, ווויל?“ און ווידער האָט מיך איבערראַשט דער גליקלעכער אויסדרוק פון זיינע אויגן, וועלכן איך האָב נאָך אינדערפרי באַמערקט.

דער גאַסט-זאַל איז געווען אַלץ דאָס זעלבע ליכטיקע הויכע צימער, מיט אַ געלענקן ענגלישן ראַיאַל און מיט גרויסע אָפענע פענצטער, אין וועלכע עס האָבן פריילעך אַריינגעקוקט די גרינע ביימער און די געלע רויטלעכע וועגעלעך פון סאַד. צעקושט זיך מיט מימין און מיט ליובעלען און צוגעגאַנגען צו קאַטיעלען, איז מיר פּלוצלינג געקומען אויפן זינען, אַז עס פּאַסט שוין נישט מיט איר צו קושן זיך, און איך האָב מיך שווייגנדיק און רויט ווערנדיק אָפּגעשטעלט. קאַטיעלע האָט זיך קיין האָר נישט קאָנפוזיעט, האָט מיר דערלאַנגט איר ווייסינקע הענטל און גראַטו־לירט מיטן אָנקומען אין דעם אוניווערזיטעט. אַז וואָלאָדיע איז געקומען אין גאַסט-זאַל, איז באַם באַגעגענען זיך מיט קאַטיעלען מיט אים געשעען דאָס זעלבע. באמת, נאָך דעם, ווי מיר זענען צוזאַמען אויסגעוואַקסן און אין משך פון דער גאַנצער צייט געזעען זיך אַלע טאָג, איז שווער געווען צו באַשליסן, ווי זאָלן מיר זיך איצט, נאָך דער ערשטער שיידונג, באַגעגענען. קאַטיעלע איז פיל מער רויט געוואָרן, איידער מיר אַלע. וואָלאָדיע איז גאַרנישט צעמישט געוואָרן און, לייכט פאַרבייגט זיך פאַר איר, איז ער אָפּגעטרעטן צו ליובעלען, מיט וועלכער ער האָט אויך גערעדט אַ ביסל, ווי דאָס אויך נישט ערנסט, און איז ערגעץ אַוועק שפּאַצירן איינער אַליין.

XXIX.

די באַציִונג צווישן אונז און די מיידלעך

וואָלאָדיע האָט געהאַט אַזאַ מאָדנעם בליק אויף די מיידלעך, אַז אים האָט געקאָנט אינטערעסירן: צי זענען זיי זאַט, צי האָבן זיי זיך אויסגעשלאָפן, צי זענען זיי אָנשטענדיק אָנגעטון, צי מאַכן זיי נישט אין פראַנצויזיש קיין פעלערן, פאַר וועלכע עס זאָל אים זיין אַ חרפה פאַר לייטן, — אָבער ער האָט נישט דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז זיי זאָלן קאָנען טראַכטן, אָדער פילן עפּעס מענטשלעכס, און נאָך ווייניקער האָט ער דערלאָזט די מעגלעכקייט מיט זיי צו רעדן וועגן עפּעס. ווען זיי פלעגט אויסקומען ווענדן זיך צו אים מיט עפּעס אַן ערנסטער פראַגע

(וואָס זיי פלעגן, אגב, באַמיען זיך אויסצומיידן), אויב זיי האָבן באַ אים געפרעגט אַ מיינונג וועגן אַ וועלכן נישט איז ראָמאַן, אָדער וועגן זיין אַרבעט אין דעם אוניווערזיטעט, פלעגט ער זיי מאַכן אַ גרימאַסע און שווייגנדיקערהייט אַוועקגיין, אָדער ענטפערן מיט עפּעס אַ צעקאַליעטשעטער פראַנצויזישער פראַזע: קאָם סי טרי זשאָלי און ד. גל. אָדער, מאַכנדיק אַן ערנסט, בפּיוון נאַריש פּנים, זאָגן עפּעס אַ וואָרט, וואָס האָט קיין זינען נישט און קיין באַציונג צו דער פראַגע. ער פלעגט אַרויסרעדן, פלוצלינג מאַכנדיק טריבע אויגן, די ווערטער: אַ בולקע, אָדער אַוועקגעפאָרן, אָדער קרויט, צי עפּעס נאָך אין דעם אַרט, ווען עס פלעגט טרעפן. אַז איך האָב פאַר אים איבערגעחזרט די ווערטער, וואָס עס האָבן מיר געזאָגט ליובעלע אָדער קאַטיעלע, פלעגט ער מיר אַלעמאָל זאָגן:

— המם! דו ביסט זיך נאָך מפלפל מיט זיי? ניין, דו ביסט נאָך, זע איך, שוואַך.

און מען וואָלט אים געדאַרפט הערן אָדער זען אין דערדאָזיקער צייט, כדי אָפּצושאַצן יענע טיפע, אומענדלעכע פאַראַכטונג, וועלכע עס האָט זיך אויסגעדריקט אין דער פראַזע. וואָלאָדיע איז שוין צוויי יאָר געווען אַ גרויסער, האָט זיך פאַרליבט אָן אויפהער אין אַלע שיינינקע פרויען, וועלכע ער האָט באַגעגנט; נאָר נישט געקוקט דערויף, וואָס יעדן טאָג האָט ער זיך געזעען מיט קאַטיעלען, וועלכע האָט שוין אויך צוויי יאָר געטראָגן אַ לאַנג קלייד און איז פון טאָג צו טאָג שענער געוואָרן, איז אים אויפן זינען נישט געקומען דער געדאַנק איינצוליבן זיך אין איר. צי האָט עס געשטאַמט דערפון, וואָס די פּראָזאַישע זכרונות פון דער קינדהייט — דער וואָגן, דאָס ליילעך, די קאַפּריזן — זענען נאָך געווען צו פיל פריש אין זכרון, אָדער פון דעם עקל-געפיל, וואָס יונגע מענטשן האָבן צו אַלעם היימישן, אָדער פון דער אַלגעמיינער מענטשלעכער שוואַכקייט, וואָס באַגעגענענדיק אויפן ערשטן וועג גוטס און שיינס, מיידט מען עס אויס, זאָגנדיק זיך: עט, אַזוינס, וועל איך נאָך פיל באַגעגענען אין לעבן, — נאָר וואָלאָדיע האָט נאָך עד היום אויף קאַטיעלען נישט געקוקט ווי אויף אַ פרויענצימער.

וואָלאָדיע האָט דעם גאַנצן זומער אפנים זייער זיך געלאַנגווייליקט; דידאָזיקע לאַנגווייליקייט האָט געשטאַמט פון דער פאַראַכטונג צו אונז, וואָס ער האָט זי, ווי איך האָב שוין געזאָגט, אפילו נישט געסטאַרעט צו באַהאַלטן. דער שטענדיקער אויסדרוק פון זיין פּנים האָט גערעדט:

טפו, סאַר אַן אומעט, אפילו אַ וואָרט אויסצורעדן איז נישטאָ מיט וועמען. פונדערפרי פלעגט ער שוין געוויינלעך אַוועקגיין מיט דער ביקס אויף יאַגד, אָדער אין זיין צימער פלעגט ער נישט אָנגעטועטערהייט ביז מיטאָג לייענען אַ בוך. אויב דער פּאַפּאַ איז נישט געווען אינדערהיים, פלעגט ער אפילו צום מיטאָג קומען מיט אַ בוך, לייענענדיק און נישט רעדנדיק מיט קיינעם פון אונז, פאַרוואָס מיר אַלע פלעגן זיך פילן גלייך ווי שולדיקע קעגן אים. אינאָווענט פלעגט ער זיך אויך לייגן מיט די פיס אויפן דיוואַן אין גאַסט-זאַל, שלאָפן, אָנגעשפּאַרט אויפן עלנבויגן, אָדער ער האָט געפלוידערט מיט אַן ערנסט געזיכט שרעקלעכע אומזיניקייטן, אָפטמאָל אפילו נישט גאָר אָנשטענדיקע, פון וועלכע מימי פלעגט ווערן צעקאָכט און רויט אין פלעקן, און מיר פלעגן שטאַרבן פון געלעכטער. נאָר קיינמאָל האָט ער קיינעם פון אונזער משפחה, אַ חוץ דעם פאָטער און ווען-נישט-ווען מיר, נישט אָנגעטון דעם כבוד צו רעדן מיט זיי ערנסט. איך האָב גאַנץ נישט ווילנדיק דעם ברודער נאָכגעמאַכט אין זיין בליק אויף די מיידלעך, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך האָב נישט אַזוי ווי ער מורא געהאַט פאַר צערטלעכקייטן, און מיין פאַראַכטונג צו די מיידלעך איז נישט געווען אַזאַ פעסטע און טיפע. איך האָב פאַר דעם זומער אפילו געפרווט מחמת לאַנגווייליקייט דערנענטערן זיך און שמועסן מיט ליובעלען און מיט קאַטיעלען, נאָר איך פלעג אַלעמאָל אין זיי באַגעגענען אַזאַ אומפעיקייט צום לאָגישן דענקען, און אַזאַ נישט וויסן די סאַמע געוויינלעכע זאַכן, ווי, למשל, וואָס איז אַזוינס געלט, וואָס לערנט מען אין די אוניווערזיטן, וואָס איז אַזוינס מלחמה און ד. גל., און אַזאַ גלייכגילטיקייט צו דער דערקלערונג פון דידאָזיקע אַלע זאַכן, אַז די פּרוּוון האָבן נאָר מער באַשטעטיקט מיין שלעכטע מיינונג וועגן זיי.

איך געדענק, איינמאָל האָט ליובעלע צום הונדערטסטן מאָל געחזרט אויף דעם פאָרטעפּיאַן עפּעס אַ פּאַסאַזש, וועלכער האָט אומדערטרעגלעך דערעסן. וואָלאָדיע איז געלעגן אין גאַסט-זאַל, דרימלענדיק אויפן דיוואַן, און פון צייט-צו-צייט מיט אַ געוויסער בייזער איראָניע, נישט ווענדנדיק זיך צו קיינעם באַזונדער, געמורמלט: „אַי, ווי זי האַקט... אַ מוזיקאַנטקע... ב י ט כ אָ ו ע ן... (דעם נאָמען פלעגט ער אַרויסרעדן מיט אַ באַזונדערער איראָניע, כוואַטסקע...) נו, נאָך אַמאָל... אָט אַזוי...״ און ד. גל. קאַטיעלע און איך זענען געבליבן באַם טיי-טיש און, איך געדענק נישט ווי אַזוי, קאַטיעלע האָט פאַרפירט אַ שמועס אויף איר געליבטער טעמע — וועגן ליבע. איך בין געווען געשטימט צו פילאָזאָ-

פירן און האָב אָנגעהויבן פון אויבן אראָפּ דעפינירן די ליבע אַלס אַ ווונטש צו באַקומען אין אַ צווייטן דאָס, וואָס מען האָט אַליין נישט און אַז. וו. אָבער קאַטיעלע האָט מיר געענטפערט, אַז, פאַרקערט, דאָס איז שוין נישט ליבע, ווען אַ מיידל וויל חתונה האָבן מיט אַ רייכן, און אַז, לויט איר מיינונג, איז פאַרמעגן אַ גײַסטיקע זאַך, און אַז אמתע ליבע איז בלויז יענע, וועלכע קאָן אויסהאַלטן צעשיידונג (דאָס האָב איך אַזוי פאַרשטאַנען, אַז זי גיט מיר אַ רמז אויף איר ליבע צו דובקאָוון). וואָלאָדיע, וועלכער האָט אַפּנים געהערט אונזער שמועס, האָט זיך פּלוצלינג אויפגעהויבן אויפן עלנבויגן און פרעגנדיק אויסגעשריגן:

— קאַטיעלע! רוסישע?

— אַלעמאָל מיט זײַנע נאַרישקייטן! — האָט קאַטיעלע געזאָגט.

— אין פעפערמעסטל? — האָט וואָלאָדיע ווייטער גערעדט, אַקצענטירנדיק יעדן וואָקאַל. און איך האָב נישט געקאָנט נישט קיין טראַכט טון, אַז וואָלאָדיע איז געווען פולקאָם גערעכט.

באַזונדער פון די אַלגעמיינע, מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע פערזאָנען, פעיקייטן פון שכל, פון פילעוודיקייט, פון קינסטלערישן געפיל, עקזיסטירט אַ פּריוואַטע פעיקייט, מער אָדער ווייניקער אַנטוויקלטע אין פאַרשידענע קרייזלעך פון דער געזעלשאַפט און דערהויפּט אין משפחות, אַ פעיקייט, וועלכע איך וועל אָנרופן פ אַ ר ש ט י י נ ג. דער מהות פון דערדאָזיקער פעיקייט באַשטייט אין דעם אָפּגערעדטן געפיל פון מאָס און אין דעם אָפּגערעדטן איינזייטיקן בליק אויף זאַכן. צוויי מענטשן פון איין קרייזל, אָדער פון איין משפחה, וועלכע האָבן די דאָזיקע פעיקייט, דערלאָזן דעם אויסדרוק פון געפיל ביז איינעם און דעם זעלביקן פונקט, און ווייטער פאַר דעמדאָזיקן פונקט, זעען זיי ביידע צוזאַמען שוין די פראַזע; אין איינער און דער זעלביקער רגע זעען זיי, ווו עס ענדיקט זיך די לויב און עס הייבט זיך אָן די איראָניע, ווו ענדיקט זיך די התפעלות און עס הייבט זיך אָן דער אָנשטעל, — דאָס, וואָס פאַר מענטשן מיט אַן אַנדער פאַרשטייונג קאָן אויסווייזן גאַנץ אַנדערש. פאַר מענטשן מיט איין פאַרשטייונג וואַרפט זיך יעדער קעגנשטאַנד ביידן גלייך אין די אויגן דער עיקר מיט זיין לעכערלעכער אָדער שיינער, אָדער שמוציקער זייט. כדי צו פאַרלייכטערן דידאָזיקע גלייכע פאַרשטייונג צווישן מענטשן פון איין קרייזל אָדער משפחה, ווערט איינגעשטעלט אַן אייגענע שפּראַך, אייגענע רעדנסאַרטן, אפילו ווערטער, וועלכע באַשטימען

יענע שאַטירונגען פון באַגריפן, וואָס פאַר אַנדערע עקזיסטירן זיי נישט. אין אונזער משפחה איז צווישן דעם פאָטער און אונז, די ברידער, די דאָזיקע פאַרשטייונג געווען אַנטוויקלט ביז דער העכסטער מדרגה. דובקאָ איז עפּעס אויך גוט געווען צוגעפּאַסט צו אונזער קרייזל און האָט פאַרשטאַנען, אָבער דמיטרי, הגם ער איז געווען פיל קליגער פאַר אים, איז דערויף געווען טעמפּ. נאָר מיט קיינעם האָבן מיר ביז אַזאַ דינקייט נישט דערפירט דידאָזיקע פעיקייט ווי מיט וואָלאָדיען, וואָס מיר האָבן זיך ביידע אַנטוויקלט אין גלייכע באַדינגונגען. אפילו דער פּאַפּאַ איז שוין לאַנג פון אונז אָפּגעשטאַנען, און אַ סך זאַכן, וואָס זענען פאַר אונז געווען קלאָר, ווי צוויי מאָל צוויי, זענען פאַר אים געבליבן אומפאַרשטענדלעך. למשל, בײַ מיר מיט וואָלאָדיען זענען, גאָט ווייסט ווי אַזוי, איינגעשטעלט געוואָרן די פאָלגנדיקע ווערטער מיט די אַנטשפּרעכנדיקע באַגריפן: ראָזינקע האָט באַטייט דעם גאַוהדיקן פאַרלאַנג צו באַווייזן, אַז איך האָב געלט; שישקע (דערביי האָט מען געדאַרפט פאַרייניקן די פינגער און מאַכן אַ באַזונדערן אַקצענט אויף ביידע שינס) האָט באַטייט עפּעס פרישס, געזונטס, פיינס, נאָר נישט פּראַנטיש; אַ הויפּט-וואָרט, געברויכט אין מערצאָל, האָט באַטייט אומגערעכטיקע נשיאות-פּנים צו דעמדאָזיקן קעגנשטאַנד און אַז. וו. און אַז. וו. נאָר דער באַטייט איז, איבעריקנס, אָפּהענגיק געווען מער פון דעם אויסדרוק פון געזיכט, פון דעם אַלגעמיינעם זינען פון דעם שמועס, אַזוי אַז וואָס פאַר אַ נייעם אויסדרוק, פאַר אַ נייע שאַטירונג עס זאָל נישט צוטראַכטן איינער פון אונז, האָט דער אַנדערער בלויז אויפן ווונק אים שוין פונקט אַזוי פאַרשטאַנען. די מיידלעך האָבן נישט געהאַט אונזער פאַרשטייונג, און דאָס איז עס געווען די הויפּט-סיבה פון אונזער מאָראַלישן פירוד און פון דער פאַראַכטונג, וואָס מיר האָבן צו זיי געפילט.

אפשר האָבן זיי געהאַט זייער אייגענע פאַרשטייונג, אָבער זי איז אַזוי ווייט נישט צוזאַמענגעפאַלן מיט אונזערע, אַז דאָרט, ווו מיר האָבן שוין געזען פּראָזע, האָבן זיי געזען געפיל; אונזער איראָניע איז פאַר זיי געווען ווירקלעכער אמת און אַז. וו. נאָר דעמאָלט האָב איך נישט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אין דער הינזיכט נישט שולדיק, און אַז דידאָזיקע נישט פאַרשטייונג שטערט זיי נישט צו זיין ווילינקע און קלוגע מיידעלעך, און איך האָב זיי פאַראַכט. חוץ דעם, נאָכדעם ווי איך בין איינמאָל געפאַלן אויפן רעיון וועגן אָפנהאַרציקייט, און אין זיך

דערפירט די אָנווענדונג פון דעמדאָזיקן געדאַנק ביז עקסטרעמיטעט. האָב איך שוין באַשולדיקט אין נישט-אָפּנהאַרציקייט און אין אָנשטעל מאַכן די רויקע, צוטרוילעכע נאַטור פון ליובעלען, וועלכע האָט נישט געזען קיין שום נויטווענדיקייט אין אַרויסגראָבן און באַטראַכטן אַלע אירע געדאַנקען און תשוקות פון דער נשמה. למשל, דאָס, וואָס ליובעלע פלעגט אַלע טאָג אויף דער נאַכט צלמען דעם פאָטער, דאָס, וואָס זי און קאַטיעלע האָבן געוויינט אין דער קאַפּליצע, ווען זיי זענען געפאָרן אָפּ-ריכטן אַ יאָרצייט-תפילה נאָך דער מאַמען, דאָס, וואָס קאַטיעלע האָט געזיפצט און פאַרגלאָצט די אויגן, שפּילנדיק אויף דעם פאָרטעפּיאַן, — דאָס אַלץ האָט מיר אויסגעוויזן ווי אויסערגעוויינלעכע פאַרשטעלטקייט, און איך האָב זיך געפרעגט: ווען האָבן זיי זיך אויסגעלערנט אַזוי מאַכן דעם אָנשטעל, ווי די גרויסע, און ווי דערלאָזט עס זיי זייער געוויסן?

XXX

מיינע באַשעפטיקונגען

נישט געקוקט דערויף, האָב איך מיך היינטיקן זומער מער איידער אין אַנדערע יאָרן דערנענטערט מיט אונזערע פרייילינס מחמת דער ליב-שאַפט צו מוזיק, וועלכע האָט זיך אין מיר באַוויזן. אין פריילינג איז צו אונז געקומען פאַרשטעלן זיך איינער אַ שכן, אַ יונגערמאַן, וואָס, ווי נאָר ער איז אַריין אין גאַסט-זאַל, האָט ער גענומען קוקן אויף דעם פאָרטע-פּיאַן און אומבאַמערקט ביסלעכווייז גערוקט צו אים די שטול, רעדנדיק דערווייל מיט מימין און מיט קאַטיעלען. גערעדט אַ ביסל וועגן וועטער און וועגן די אומאָנגענעמלעכקייטן פונם דאָרפישן לעבן, האָט ער קונ..יק אַריבערגעפירט דעם שמועס אויף אַן אָנשטעלער פון פאָרטעפּיאַנען, אויף מוזיק, אויף אַ פאָרטעפּיאַן און לסוף האָט ער געמאָלדן, אַז ער שפּילט, און זייער גיך האָט ער אויפגעשפּילט דריי וואַלסן. דערביי זענען ליובעלע, מימי און קאַטיעלע געשטאַנען לעבן דעם פאָרטעפּיאַן און האָבן אויף אים געקוקט. דערדאָזיקער יונגערמאַן איז נאָכדעם מער קיינמאָל נישט געווען בא אונז, נאָר מיר איז זייער געפעלן געוואָרן זיין שפּילן, די פּאָזע בא

דעם פּאַרטעפּיאַן, דאָס טרייסלען די האַר, און דער עיקר די מאַניר צו נעמען אַן אָקטאַווע מיט דער לינקער האַנט, שנעל אויסגלייכנדיק דעם קליינעם פינגער און דעם גרויסן פינגער אויף דער ברייט פון דער אָקטאַווע, און נאָכדעם, לאַנגזאַם צונויפלייגנדיק זיי, ווידער שנעל אויסציען זיי. דערדאָזיקער גראַציעזער זשעסט, דידאָזיקע נאַכלעסיקע פּאָזע, דאָס טרייסלען מיט די האָר און די אויפמערקזאַמקייט, וואָס אונזערע דאַמען האָבן אַרויסגעוויזן צו זיין טאַלאַנט, האָבן בּאַ מיר אַרויסגערופן דעם געדאַנק צו שפּילן פּאַרטעפּיאַן. צוליב דעמדאָזיקן געדאַנק איבערצייגט זיך, אַז כ'האָב טאַלאַנט און ליידנשאַפט צו מוזיק, האָב איך מיך אָנגעהויבן לערנען. אין דער הינזיכט האָב איך געטון פּונקט אַזוי, ווי מיליאָנען מאַנסבּילן און בּאַזונדערס פרויען, וועלכע לערנען זיך אָן אַ גוטן לערער, אָן עכטן בּאַרוף און אָן דעם קלענסטן בּאַגריף וועגן דעם, וואָס אַזוינס קאָן געבן קונסט, און ווי דאַרף מען זיך פאַר איר נעמען, אַז זי זאָל עפּעס געבן. פאַר מיר איז מוזיק, אָדער גיכער דאָס שפּילן אויף דעם פּאַרטעפּיאַן, געווען אַ מיטל צו בּאַצויבערן מיידלעך מיט מיין געפיל. אויסגעלערנט זיך נאָטן און אַ ביסל צוגעוויינט די גראָבּע פינגער, אויף וואָס, איבעריקנס, איך האָב פאַרבּרויכט אַ חדשים צוויי מיט אַזאַ התמדה, אַז אפילו צו מיטאָג אויף דער קני און אין בעט אויף דעם קישן האָב איך געאַרבּעט מיט דעם נישט געהאָרכזאַמען פינגער, דעם צווייטן פונם קליינעם, — האָב איך מיך מיט קאַטיעלעס הילף תיכף גענומען שפּילן פּ י ע ס ן, און איך האָב זיי, פאַרשטייט זיך, געשפּילט מיט נשמה aves âme, מיט וואָס קאַטיעלע האָט אויך מסכים געווען, אָבּער לגמרי אָן טאַקט.

דער אויסוואַל פון די פּיעסן איז געווען אַ בּאַוווסטער — וואַלסן, גאַלאָפּן, ראָמאַנסן (arrangés) און ד. גל., — אַלץ פון יענע ליבּע קאָמפּאָזיטאָרן, וואָס יעדער מענטש מיט אַ ביסל געזונטן געשמאַק וועט זיי אין נאָטן-מאַגאַזין אָפּקליבּן אַ היפּש פּעקל פון אַ קופּע אויסגעצייכנטע זאַכן און וועט זאָגן: „אָט וואָס מען דאַרף נישט שפּילן, מחמת ערגער, געשמאַקלאָזער און זינלאָזער פאַר דעם האָט מען קיינמאָל גאָרנישט געשריבּן אויף נאָטן-פּאַפּיר“, — און וואָס, מסתמא דווקא דערפאַר, וועט איר זיי געפינען אויף די פּאַרטעפּיאַנען בּאַ יעדער רוסישער פריילין. אמת, מיר האָבן געהאַט אויך די אומגליקלעכע, אויף אייביק צעקאַליעטשעטע דורך די פריילינס „Sonate Pathetique“ און די Cis-moll-סאָנאַטע פון בּעטהאָווען, וואָס ליובּעלע האָט געשפּילט אין אָנדענקען פון

דער maman, און נאָך אַנדערע גוטע זאַכן, וואָס עס האָט איר אַרויס־געגעבן איר מאָסקווער לערער, נאָר עס זענען אויך געווען די ווערק פון דעמדאָזיקן לערער, די אומגעלומפּערטסטע מאַרשן און גאַלאָפּן, וועלכע ליובעלע האָט אויך געשפּילט. אָבער איך און קאַטיעלע האָבן נישט ליב געהאַט קיין ערנסטע זאַכן און האָבן בעסער פאַר אַלץ געשפּילט, „Le Fou" און „דער סאָלאָוויי", וועלכע קאַטיעלע האָט געשפּילט אַזוי, אַז די פינגער האָבן זיך נישט געזעען, און איך האָב שוין אָנגעהויבן שפּילן גאַנץ הויך און צוזויפגעגאָסן. איך האָב איבערגענומען דעם זשעסט פון דעם יונגנמאַן און אָפּט באַדויערט, וואָס עס זענען נישטאָ קיין זייטיקע, וואָס זאָלן זעען ווי איך שפּיל. אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ליסט און קאַלכברענער זענען נישט פאַר מיינע כּוחות, און איך האָב דערזעען די אוממעגלעכקייט אָנצויאָגן קאַטיעלען. צוליב דעם, פאַרשטעלנדיק זיך, אַז די קלאַסישע מוזיק איז לייכטער, און טיילווייז צוליב אָריגינאַליטעט, האָב איך פּלוצלינג באַשלאָסן, אַז איך האָב ליב די געלערנטע דייטשע מוזיק, האָב אָנגעהויבן נתפּעל צו ווערן, ווען ליובעלע פלעגט שפּילן Sonate Pathetique; נישט געקוקט דערויף, וואָס, דעם אמת זאָגנדיק, איז מיר שוין דידאָזיקע סאָנאַטע מיאוס געוואָרן אָן אַ שיעור, האָב איך אַליין אָנגעהויבן שפּילן בעטהאָווענען און אַרויסרעדן ב ע ע ט ה אָ ו ע ן. דורך דעמדאָזיקן פּלאָנטער און דעם אָנשטעל, ווי איך פאַרשטיי איצט, איז אין מיר פונדעסטוועגן געווען עפּעס ווי אַ מין טאַלאַנט, ווייל אָפט פלעגט מוזיק אויף מיר מאַכן אַ שטאַרקן איינדרוק ביז טרערן, און די זאַכן, וועלכע עס זענען מיר געפעלן געוואָרן, האָב איך אָן נאָטן ווי נישט איז געקאָנט אָפּזוכן אויף דעם פאָרטעפּיאַן; אַזוי אַז ווען עמעצער וואָלט מיך דעמאָלט אויסגעלערנט קוקן אויף מוזיק, ווי אויף אַ ציל, ווי אויף אַ זעלבשטענדיק פאַרגעניגן, און נישט ווי אויף אַ מיטל צו באַצויבערן מיידלעך מיט דער שנעלקייט און מיט דער פילעוודיקייט פון מיין שפּילן, וואָלט איך אפשר ווירקלעך געוואָרן אַן אָנשטענדיקער מוזיקאַנט.

לייענען פראַנצויזישע ראָמאַנען, וועלכע וואָלאָדיע האָט מיט זיך געבראַכט אַ מענגע, דאָס איז געווען מיין צווייטע באַשעפטיקונג אין דעם זומער. דעמאָלט האָבן ערשט אָנגעהויבן צו דערשיינען די מאָנטעקריסטאָס און פאַרשידענע „געהיימנישן", און איך האָב געלייענט אָן אַ שיעור סיו, דיומאַ און פּאָל־דע־קאָק. אַלע די סאַמע אומנאַטירלעכע פּערזאָנען און געשעענישן זענען פאַר מיר געווען פונקט אַזוי לעבעדיק, ווי די ווירק־

לעכקייט; איך האָב נישט נאָר נישט געוואָגט חושד צו זיין דעם אויטאָר אין א ליגנט, נאָר דער אויטאָר גופא האָט פאַר מיר נישט עקזיסטירט; אַליין פון זיך האָבן פאַר מיר דערשיינט פונם געדרוקטן בוך לעבעדיקע, ווירקלעכע מענטשן און געשעענישן. אויב איך האָב ערגעץ נישט באַגעגנט קיין פּערזאָנען, וועלכע זאָלן זיין ענלעך אויף די, וועגן וועלכע איך האָב געלייענט, האָב איך אויף קיין רגע קיין ספק נישט געהאַט, אַז זיי ו ו ע ל ן ז יי ן.

איך האָב אין זיך געפונען אַלע באַשריבענע ליידנשאַפטן און ענלעכקייט צו אַלע כאַראַקטערן, אי צו די העלדן, אי צו די אויסוואורפן פון יעדן ראָמאַן, ווי א מענטש, וואָס געפינט אין זיך סימנים פון אַלע מחלות, לייענענדיק א מעדיצינישן בוך. געפעלן געוואָרן זענען מיר אין די דאָזיקע ראָמאַנען אי די כיטרע געדאַנקען, אי די הייסע געפילן, אי די צויבערלעכע געשעענישן, אי די גאַנצע כאַראַקטערן: — א גוטער איז שוין אינגאַנצן א גוטער; א שלעכטער — איז שוין אינגאַנצן א שלעכטער, פּונקט אַזוי ווי איך האָב זיך פאָרגעשטעלט מענטשן אין דער ערשטער יוגנט; געפעלן געוואָרן איז מיר זייער, זייער פיל אויך דאָס, וואָס דאָס אַלץ איז געווען אויף פראַנצויזיש, און וואָס יענע געהויבענע ווערטער, וואָס עס האָבן גערעדט די איידעלע העלדן, האָב איך געקאָנט געדענקען, דערמאָנען געלעגנהייטלעך בײַ א געהויבענעם ענין. וויפיל האָב איך מיט דער הילף פון די ראָמאַנען צוגעטראַכט פאַרשידענע פראַנצויזישע פראַזן פאַר קאָלפּיקאָוון, ווען איך וואָלט מיך מיט אים ווען נישט אין באַגעגענען, און פאַר א י ר, ווען איך וועל זי ענדלעך באַגעגענען און אַנטפּלעקן מיך פאַר איר מיט מיין ליבע. איך האָב צוגעגרייט צו זאָגן זיי אַזוינס, וואָס זיי וואָלטן געשטאָרבן, הערנדיק מיך. אויפן סמך פון די ראָמאַנען זענען בײַ מיר אפילו געשאַפן געוואָרן נייע אידעאַלן פון מאָראַלישע מעלות, צו וועלכע איך האָב געוואָלט דערגרייכן. פריער פאַר אַלץ האָב איך געוואָלט אין אַלע מיינע ענינים און מעשים זיין „noble“ (איך זאָג noble, און נישט איידל, מחמת דאָס פראַנצויזישע וואָרט האָט אַן אַנדערן טייטש, וואָס עס האָבן פאַרשטאַנען די דייטשן, אָננעמענדיק דאָס וואָרט nobel און נישט צונויפמישנדיק מיט אים דעם באַגריף ehrlich), נאָכדעם — ל יי ד נ ש אַ פ ט ל ע ך און, ענדלעך, צוואָס איך האָב שוין פריער געהאַט א נטיה — וואָס מער comme il faut. איך האָב מיך אפילו מיט דער אויסערלעכקייט און מיט די רגילותן באַמיט

צו זיין ענלעך צו די העלדן, וועלכע האָבן געהאַט וועלכע נישט אין פון דידאָזיקע מעלות. איך געדענק, אַז אין איינעם פון די איבערגעלייענטע פאַר דעמדאָזיקן זומער הונדערט ראָמאַנען, איז געווען איינער אַן אויסער־געוויינלעך ליידנשאַפטלעכער העלד מיט געדיכטע ברעמען, און מיר האָט זיך אַזוי פאַרוואָלט זיין ענלעך צו אים מיט דער אויסערלעכקייט (מאָראַליש האָב איך זיך געפילט פונקט אַזוי ווי ער), אַז, באַטראַכטנדיק מיינע ברעמען אַקעגן שפיגל, האָב איך צוגעטראַכט אונטערשערן זיי אַ ביסל, כדי זיי זאָלן וואַקסן געדיכטער. נאָר ווי באַלד איך האָב אָנגעהויבן שערן, איז געשעען אַזוי, אַז איך האָב אין איין אָרט אויסגעצשוירן מער, — מען האָט געדאַרפט פאַרריכטן, און ס'האָט זיך געענדיקט דערמיט, וואָס איך האָב צו מיין אימה דערזעען זיך אין שפיגל אָן ברעמען און צוליב דעם זייער נישט קיין שיינעם. פונדעסטוועגן, האָפנדיק, אַז אינגיכן וועלן באַ מיר אויסוואַקסן געדיכטע ברעמען, ווי באַ דעם ליידנשאַפטלעכן מענטש, האָב איך מיך געטרייסט און בין נאָר געווען אומרויק, וואָס זאָל איך זאָגן אַלע אונזעריקע, ווען זיי וועלן מיך דערזעען אָן ברעמען. איך האָב געקריגן פולווער באַ וואָלאָדיען, אָנגעריבן מיט דעם די ברעמען און אונטערגעצונדן, הגם דער פולווער האָט זיך נישט אָנגעכאַפּט, דאָך בין איך געווען גאַנץ ענלעך צו אַן אָפּגעברענטן, קיינער האָט נישט דערקענט מיין שפיצל און ווירקלעך, בשעת איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן אָן דעם ליידנשאַפטלעכן מענטש, זענען באַ מיר אויסגעוואַקסן פיל געדיכטערע ברעמען.

XXXI.

Comme il faut

שוין עטלעכע מאָל האָב איך אין משך פֿון דערדאָזיקער דערציילונג ברמז געווען אויף אַ באַגריף, וועלכער אַנטשפּרעכט דעמדאָזיקן פֿראַנצויזישן קעפּל, און איצט פֿיל איך די נויטווענדיקייט צוווידמען אַ גאַנץ קאַפּיטל דעמדאָזיקן באַגריף, וועלכער איז אין מיין לעבן געווען איינער פֿון די סאַמע שעדלעכע, פֿאַלשע באַגריפֿן, וואָס די דערציונג און די געזעלשאַפֿט האָבן מיר איינגעאימפּט.

דעם מענטשלעכן מין קאָן מען צעטיילן אויף אַ מאַסע פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס — אויף רייכע און אָרימע, אויף גוטע און שלעכטע, אויף מיליטערישע און ציווילע, אויף קלוגע און נאַרישע און אַז. וו. א. אַז. וו.; נאָר יעדער מענטש האָט אומבאַדינגט זיין געליבטע הויפּטטיילונג, אונטער וועלכער ער שטעלט אומבאַוווסטזיניק אַוועק יעדע נייע פּערזאָן. מיין באַליבטע און עיקרשטע טיילונג פֿון מענטש אין יענער צייט, וועגן וועלכער איך שרייב, איז געווען די טיילונג אויף מענטשן comme il faut און אויף comme il ne faut pas. דער צווייטער מין האָט זיך נאָך געטיילט אויף מענטשן אייגנטלעך נישט comme il faut און פּשוטער עולם. מענטשן comme il faut האָב איך געאַכט, געהאַלטן פֿאַר ווירדיק צו האָבן מיט מיר גלייכע באַציִונגען; די צווייטע — האָב איך מיך געמאַכט, כּלומרשט, איך פֿאַראַכט זיי, נאָר אין תּוך האָב איך זיי געהאַסט, געפֿילט צו זיי עפּעס אַ באַליידיקט געפֿיל פֿון אַ פּערזענלעכקייט, די דריטע האָבן פֿאַר מיר נישט עקזיסטירט — איך האָב זיי אינגאַנצן פֿאַראַכט. מיין comme il faut איז באַשטאַנען, ערשטנס און הויפּטזעכלעך אין אַן אויסגעצייכנטער פֿראַנצויזישער שפּראַך און, דער עיקר, אין דער אויסשפּראַך. דער מענטש, וואָס האָט שלעכט אַרויסגערעדט פֿראַנצויזיש, האָט אין מיר גלייך דערוועקט אַ געפֿיל פֿון שנאה. „טאָ צוואָס-זשע ווילסטו רעדן, ווי מיר, אַז דו קאָנסט נישט?" האָב איך אים געפֿרעגט אין געדאַנק מיט גיפֿטיקן שפּאָט. דער צווייטער תּנאי פֿון comme il faut

איז געווען — לאַנגע נעגל, אָפּגעפּוצטע און ריינע; דער דריטער איז געווען — קאָנען פאַרנייגן זיך, טאַנצן און רעדן; דעם פערטער און זייער וויכטיקער איז געווען די גלייכגילטיקייט צו אַלעמען אָן דער באַשטענדיקער אויסדרוק פון אַ געוויסן פיינעם פאַראַכטלעכן לאַנגווײלן. חוץ דעם האָב איך נאָך געהאַט אַלגעמיינע סימנים, לויט וועלכע איך האָב, נישט רעדנדיק מיט אַ מענטש, באַשלאָסן, צו וואָס פאַר אַ קאַטעגאָריע ער געהערט. די וויכטיקסטע פון דידאָזיקע סימנים, זענען, חוץ דער צופּוצונג פון דעם צימער, די הענטשקעס, דער האַנטשריפט, דעם עקיפּאַזש, — געווען די פיס. די פאַרהעלטעניש פון די שטיוול צו די הויזן האָט גלייך אין מיינע אויגן אַנטשיידט די לאַגע פון דעם מענטש. שטיוול אָן קנאַפּל מיט אַ ווינקלדיקן נעזל און ברעגעס פון די הויזן שמאָלע אָן שטריפּעס — דאָס איז געווען אַ פּראָסטער; אַ שטיוול מיט אַ שמאָל קיילעכיק נעזל און מיט אַ קנאַפּל און הויזן שמאָלע מיט שטריפּעס אונטן, אַזעלכע, וואָס נעמען נעט אַרום די פיס, אָדער ברייטע מיט שטריפּעס, ווי אַ חופּה שטייענדיקע איבער דעם נעזל — דאָס איז געווען אַ מענטש monvais genre, און אַז. וו.

משונה איז דאָס, וואָס צו מיר, וועלכער האָט געהאַט אַ בפּירושע אומפעיקייט צו comme il faut, איז אין אַזאַ מאָס צוגעשטאַנען דער־דאָזיקער באַגריף. און אפשר דווקא דערפאַר איז ער אַזוי שטאַרק אַריינגעוואַקסן אין מיר, וואָס מיך האָט געקאָסט קאָלאָסאַלע מי, כּדי צו דער־ווערבן דידאָזיקע comme il faut. ס'איז אַ שרעק צו דערמאַנען, וויפיל אַזוינס, וואָס עס איז נישט אָפּצושאַצן, דאָס בעסטע אין לעבן פון דער זעכצעניעריקער צייט, האָב איך געפּטרט אויף דערווערבן דידאָזיקע אייגנשאַפט. אַלעמען, וואָס איך האָב זיי נאָכגעמאַכט, — וואָלאָדיען, דובּקאָוון און די גרעסטע טייל פון מיינע באַקאַנטע, האָט זיך דאָס אַלץ, דאַכט זיך, געגעבן לייכט. איך האָב מיט קנאה געקוקט אויף זיי און שטילינקערהייט געאַרבעט אויף דער פראַנצויזישער שפּראַך, אויף דער וויסנשאַפט אַ בייג צו טון זיך, נישט קוקנדיק אויף דעם, פאַר וועמען איך נייג מיך, אויף שמועסן, טאַנצן, אויף אויסאַרבעטן אין זיך צו אַלץ גלייכגילטיקייט און לאַנגווײליקייט, אויף די נעגל, אויף וועלכע איך האָב זיך געשניטן דאָס לייב מיט דער שער, — און פונדעסטוועגן האָב איך געפילט, אַז פאַר מיר איז נאָך געבליבן פיל אַרבעט ביז צו דערגרייכן דעם ציל. און דאָס צימער, דעם שרייבטיש, דעם עקיפּאַזש, — דאָס אַלץ האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט איינאָרדנען אַזוי, אַז עס זאָל זיין comme il

faut, הגם איך האָב מיך געמאַטערט מיט אַלע כוחות, נישט געקוקט אויף דעם עקל־געפיל צו פּראַקטישע ענינים, דערמיט צו פאַרנעמען זיך. בּאַ אַנדערע אָבער איז, דאַכט זיך, אָן שום מי אַלץ געגאַנגען אויסגעצייכנט, גלייך ווי עס וואָלט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. איך געדענק איינמאָל נאָך שטאַרקער אין אומזיסטער מי איבער די נעגל, האָב איך געפרעגט בּאַ דובּקאָוון, בּאַ וועלכן די נעגל זענען געווען וווּנדערלעך שיין, צי זענען זיי שוין בּאַ אים לאַנג אַזעלכע, און ווי האָט ער עס געמאַכט? דובּקאָוו האָט מיר געענטפערט: „זינט איך געדענק זיך, האָב איך קיינמאָל גאָר־נישט געטון, אַז זיי זאָלן זיין אַזעלכע, און איך פאַרשטיי נישט, ווי קאָנען זיין אַנדערע נעגל בּאַ אַן אָנשטענדיקן מענטש“. דער דאָזיקער ענטפער האָט מיר פאַרשאַפט שטאַרקע עגמת נפש. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געוווּסט, אַז איינער פון די הויפּט־תּנאים פון comme il faut איז געווען נישט־אָפּנהאַרציקייט בּנוגע דער מי, מיט וועלכער עס ווערט דערגרייכט די comme il faut. Comme il faut איז פאַר מיר געווען נישט בּלויז אַ וויכטיק פאַרדינסט, אַ פיינע אייגנשאַפט, אַ פולקאָמהייט, וועלכע איך האָב געוואָלט דערגרייכן, נאָר דאָס איז געווען אַ נייטיקער לעבנס־בּאַדינג, אָן וועלכן עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין גליק, קיין רום, קיין גוטע זאַך אויף דער וועלט. איך וואָלט נישט געאַכט נישט קיין בּאַרימטן אַרטיסט, נישט קיין געלערנטן, נישט דעם, וואָס וואָלט גליקלעך געמאַכט דעם מענטשלעכן מין, אויב ער וואָלט נישט זיין comme il faut. אַ מענטש comme il faut איז געשטאַנען העכער און אויסער יעדן פאַרגלייך; ער האָט זיי געלאָזט שרייבּן בּילדער, נאָטן, בּיכער, טון גוטס — ער האָט זיי אפילו געלויבּט דערפאַר, — פאַרוואָס נישט לויבּן אַ גוטע זאַך, אין וועמען זי זאָל נישט זיין, — אָבער ער האָט זיך נישט געקאָנט שטעלן מיט זיי אונטער איין פלאַך. ער איז געווען comme il faut, און זיי נישט — און גאָר. מיר דאַכט אפילו, אַז ווען מיר וואָלטן געהאַט אַ בּרודער, אַ מוטער, צי אַ פאָטער, וועלכע וואָלטן נישט געווען comme il faut, וואָלט איך געזאָגט, אַז דאָס איז אַן אומגליק, נאָר צווישן מיר און זיי קאָן קיין אַלגעמיינס נישט זיין. אָבער נישט דאָס פטרן די גאָלדענע צייט, וואָס איז פאַרבּרויכט אויף דער שטענדיקער זאָרג וועגן אָפּהיטן אַלע שווערע פאַר מיר תּנאים פון comme il faut, וועלכע שליסן אויס יעדע ערנסטע ליידנשאַפט; נישט די שנאה און די פאַראַכטונג צו ניין צענטל פון דעם מענטשלעכן מין, נישט די נישט־אויפמערקזאַמקייט צו אַלדאָס

שיינס, וואָס עס ווערט געטון אויסער דעם קרייזל פון comme il faut, — דאָס אַלץ איז נאָך נישט געווען דאָס עיקרשטע שלעכטס, וואָס דערדאָזי-קער באַגריף האָט פאַרשאַפט. דאָס עיקרשטע בייז איז באַשטאַנען אין דער איבערצייגונג, אַז comme il faut איז אַ זעלבשטענדיקע לאַגע אין דער געזעלשאַפט, אַז אַ מענטש דאַרף זיך נישט סטאַרען צו זיין נישט קיין באַאַמטער, נישט קיין סטעלמאַך, נישט קיין זעלנער, נישט קיין גע-לערנטער, ווען ער איז comme il faut ; אַז דערגרייכט צו דערדאָזי-קער מדרגה, דערפילט ער שוין זיין אויפגאַבע און ווערט אפילו העכער פאַר דעם גרעסטן טייל מענטשן.

אין אַ געוויסער צייט פון דער יוגנט, נאָך פיל גרייזן און טעותים, ווערט געוויינלעך יעדער מענטש אַוועקגעשטעלט אין דער נויטווענדיקייט פון טעטיקן אַנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן, ער ווילט אויס אַ וועלכע נישט איז צווייג פון אַרבעט און ווידמעט זיך צו איר; נאָר מיט דעם מענטש comme il faut טרעפט עס זעלטן. איך האָב געקענט, און קען איצט, זייער פיל מענטשן אַלטע, שטאָלצע, אין זיך פאַרגלויבטע, שאַרפע אין זייערע אורטיילן, וואָס אויף דער פראַגע, אויב מען וועט זיי אַזאַ שטעלן אויף יענער וועלט: „ווער ביסטו אַזוינער? און וואָס האָסטו גע-טון?" — וועלן זיי נישט זיין אימשטאַנד צו ענטפערן אַנדערש, סיידן „je fus un homme trés comme il faut".

דערדאָזיקער גורל האָט מיך דערוואַרט.

XXXII.

יוגנט

נישט געקוקט דערויף, וואָס באַ מיר אין קאָפּ איז פאַרגעקומען אַ פּלאָנטער פון באַגריפן, בין איך דעמדאָזיקן זומער געווען יונג, פריי, און דעריבער כמעט גליקלעך.

אַמאָל, און גאַנץ אָפט, פלעג איך אויפשטיין פרי. (איך בין געשלאָפן אויף דער פרייער לופט, אויף דער טעראַסע, און די העלע שיפע שטראַלן פון דער פרימאָרגנדיקער זון האָבן מיך געוועקט.) איך פלעג מיך גיך

אַנטון, נעמען אונטערן אָרעם אַ האַנטוך און אַ פראַנצויזישן ראָמאַן און גיין באָדן זיך אין טייך, אין שאָטן פון בערעזניאַק, וועלכער האָט זיך געפונען אַ האַלבן וויאָרסט ווייט פון הויז. דאָרט האָב איך מיך געלייגט אין שאָטן אויפן גראָז און געלייענט, זעלטן ווען אָפּרייסנדיק די אויגן פונם בוך, כּדי אַ בליק צו טון אויף דעם לילבלעכן אין שאָטן אויבערפלאַך פונם טייך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן וויגן פון דעם פרימאָרגנדיקןווינט, אויף דעם פעלד פון געלבנדיקן קאָרן אויף יענער זייט, אויף דער העל-רויטער פרימאָרגנדיקער שיין פון די שטראַלן, וואָס באַפאַרבן אַלץ נידעריקער און נידעריקער די ווייסע שטאַמען פון די בערעזעס, וואָס, באַהאַלטנדיק זיך איינע הינטער דער אַנדערער, זענען זיי פון מיר צוועק אין דער ווייטקייט פון דעם געדיכטן וואַלד; און איך האָב הנאה געהאַט פון דעם דערקענען אין זיך פּונקט אַזאַ פרישע יונגע לעבנס-קראַפט, ווי די, וואָס אומעטום אַרום מיר האָט מיט איר געאָטעמט די נאַטור. ווען אויפן הימל זענען געווען גרויע וואָלקנדלעך און איך פלעג מיך טרייסלען נאָכן באָדן, פלעג איך מיך אָפּט אָן אַ וועג אַוועקלאָזן גיין איבער די פעלדער און די וועלדער, מיט פאַרגעניגן דורכנעצנדיק די פיס אויף דעם פרישן טוי דורך די שטיוול. אין דער צייט האָב איך לעבעדיק געטרוימט וועגן דעם לעצטן איבערגעלייענטן ראָמאַן און האָב מיך פאָרגעשטעלט דאָ אַלס פעלדהער, דאָ אַלס מיניסטער, דאָ אַלס אומגעוויינלעכער גיבור, דאָ אַלס ליידנשאַפטלעכער מענטש, און מיט אַ געוויסן פלאַטערן האָב איך מיך כּסדר אַרומגעקוקט, מיט דער האָפענונג ערגעץ צו באַגעגענען זי אויף אַ פרייען פלאַץ, אָדער הינטער אַ בוים. ווען איך פלעג בשעת אַזעלכע שפּאַצירן באַגעגענען פּויערים אָדער פּויערטעס אויף דער אַרבעט, פלעג איך, כאָטש דער פּשוטער המון האָט פאַר מיר נישט עקזיסטירט, שפּירן אַן אומבאַוווסטזיניקע, שטאַרקע שעמעוודיקייט און פלעג מיך סטאַרען, זיי זאָלן מיך נישט זען. ווען עס איז שוין געוואָרן הייס, נאָר אונזערע דאַמען זענען נאָך נישט אַרויס צו דער טיי, פלעג איך אָפט גיין אין סאָד אָדער אין גרינס-גאָרטן עסן די אַלע פרוכטן און גרינסן, וועלכע זענען שוין רייף געווען. און דידאָזיקע באַשעפטיקונג האָט מיר פאַרשאַפט איינע פון מיינע הויפּטפאַרגעניגנס. כ׳פלעג מיך אַמאָל פאַרקלייבן אין עפּל-גאָרטן, אין סאַמע מיטן פון די הויכע, צעוואַקסענע, געדיכטע מאַלינעס. איבערן קאָפּ — אַ העלער הייסער הימל, אַרום — די בלאַס-גרינע, שטעכעדיקע בלעטער פון די מאַלינע-קוסטעס, וועלכע זענען איבערגעמישט מיט ווילדע גראָזן. די טונקל-גרינע קראָפּיווע מיט דעם

דינעם בליענדיקן שפּיץ ציט זיך שלאַנק אַרויף־צו, די לאַפּעוואַטע בודיקעס מיט אומנאַטירלעך לילע שטעכעדיקע בלימלעך וואַקסן גראָב, העכער פאַר די מאַלינעס און העכער פאַרן קאָפּ, און ערטערווייז דערגרייכן זיי צוזאַמען מיט דער קראָפּיווע אפילו ביז די אויסגעשפּרייטע בלאַס־גרינע צווייגן פון די אַלטע עפּל־ביימער, אויף וועלכע אויבן, גלייך אַקעגן דער הייסער זון, רייפן גלאַנציקע, ווי ביינדלעך, קיילעכיקע נאָך נישט צייטיקע עפּל. אונטן ציט זיך אַ יונגער קוסט מאַלינעס, כמעט אַ טרוקענער, אָן בלעטער, אויסגעקרומט, צו דער זון. דאָס גרינע נאָדלדיקע גראָז און אַ יונגער בודעקעס־קוסט, דורכגעשלאָגן זיך דורך די פאַראַיאָריקע בלעטער, באַפייכטע פון טוי, גרינען זאַפטיק אין אייביקן שאָטן, גלייך ווי זיי ווייסן נישט וועגן דעם, ווי אויף די בלעטער פון דעם עפּלבוים שפּילט העל די זון.

אין דערדאָזיקער געדיכטעניש פון גרינס איז אַלע מאָל פייכט, עס שמעקט מיט געדיכטן שטענדיקן שאָטן, מיט שפּינוועבס, מיט אָפּגעפּאַלענע עפּל, וועלכע וואַלגערן זיך שוין שוואַרצגעוואָרענע אויף דער צעפריעטער ערד, מיט מאַלינעס, אַמאָל אויך מיט אַ וואַלד־וואַנץ, וועלכן דו דערשלינגסט נישט ווילנדיק צוזאַמען מיט אַ יאַגדע און פאַרבייסט וואָס גיכער מיט אַ צווייטער. גייענדיק ווייטער, דערשרעקסטו די שפּערלינגען, וועלכע ווינען אַלע מאָל אין דערדאָזיקער געדיכטעניש, הערסט זייער איילנדיק צוויטשערן און די קלעפּ פון זייערע קליינינקע שנעלע פליגל אָן די צווייגן, הערסט דאָס זשוזשען פון אַ בין אויף איין אָרט און ערגעץ־ווו אויפן וועג — די טריט פון דעם גערטנער, דעם נאַרעלע אַקים, און זיין אייביק מורמלען זיך אונטער דער נאָז. טראַכסט זיך: „ניין! נישט ער, נישט קיינער אין דער וועלט וועט מיך דאָ נישט געפינען...“ מיטביידע הענט, אויף רעכטס און אויף לינקס נעמסטו אַראָפּ פון די ווייסע קאָנישע שטעמעלעך זאַפטיקע יאַגדעס און שלינגסט זיי מיט תענוג איינע נאָך דער אַנדערער. די פיס, אפילו העכער פאַר די קני, זענען נאַס, אין קאָפּ איז עפּעס אַ שרעקלעכע פוסטקייט (חזרסט אין געדאַנק איבער טויזנט מאָל נאָכאַנאַנד אי—י—י—צו—צוואָנ—ציק אי—י—י—צו—זי—בן), די הענט און די פיס זענען דורך די פאַרנעצטע הויזן אָפּגעברענט מיט קראָפּיווע, אין קאָפּ הייבן שוין אָן צו באַקן די גלייכע זונענשטראַלן, וועלכע רייסן זיך אַריין אין דער געדיכטעניש. עסן ווילט זיך שוין לאַנג נישט, און דו זיצסט אַלץ אין דער געדיכטעניש.

קוקסט זיך אַ ביסל צו, הערסט זיך איין, טראַכסט אַ ביסל און מאַשינעל רייסטו אין שלינגסט די יאַגדעס.

אַרום עלף אַ זייגער פלעג איך געוויינלעך קומען אין גאַסט־צימער, גרעסטן טייל נאָך טיי, ווען די דאַמען זענען שוין געזעסן באַ אַן אַרבעט. לעבן דעם ערשטן פענצטער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן אויף דער זון סטאָר פון נישט־געווייסטער לייוונט, וואָס דורך אירע שפּאַרעס לייגט די העלע זון אויף אַלץ, וואָס עס מאַכט זיך נאָר, אַזעלכע שיינענדיקע פייערדיקע רעדלעך, אַז עס טוט וויי די אויגן צו קוקן אויף זיי, שטייט אַ שטריק־ראַם, וואָס איבער איר ווייסער לייוונט שפּאַצירן אַרום פליגן. באַ דער ראַם זיצט מימי כסדר ברוגז, טרייסלענדיק מיטן קאָפּ און אָפּרוקנדיק זיך פון איין אָרט אויפן צווייטן פון דער זון, וועלכע רייסט זיך ערגעץ פּלוצלינג דורך און לייגט איר אַוועק דאָ — דאָ, דאָ — דאָרט אויפן פּנים, אָדער אויף דער האַנט אַ פייערדיקן פּאַס. דורך די איבעריקע דריי פענצטער, מיט שאָטנס פון די ראַמען, ליגן גאַנצע העלע פיר ווינקלען; אויף דער נישט־געפאַרבטער פּאָדלאָגע פון דעם גאַסט־צימער, אויף איינעם פון די העלע פיר־ווינקלען, ליגט, לויט דער אַלטער רגילות, מילקע און קוקט, אָנגעשפּיצט די אויערן, אויף די פליגן, וואָס גיין אַרום איבער דעם ליכטיקן פיר־ווינקל. קאַטיעלע שטריקט, אָדער לייענט, זיצנדיק אויפן דיוואַן, און טרייבט אומגעדולדיק אָפּ די פליגן מיט אירע ווייסינקע, וואָס ווייזן אויס דורכזיכטיקע אויף דער העלער שיין, הענטלעך, אָדער זי טרייסלט, קרימענדיק זיך, מיטן קאָפּ, כדי אַרויסצוטרייבן אַ פליג, וועלכע האָט זיך פאַרפּלאָנטערט און טערעפּעטשעט זיך אין די גאָלדענע געדיכטע האָר. ליובעלע אָדער זי גייט אַרום הין און צוריק איבערן צימער, פאַרלייגט די הענט אויף הויטער, וואַרטנדיק, מען זאָל אַרויסגיין אין סאָד, אָדער זי שפּילט אויף דעם פאָרטעפּיאַן עפּעס אַ פּיעסע, פון וועלכער איך קען שוין לאַנג יעדע נאָטע. איך זעץ מיך ערגעץ, הער די דאָזיקע מוזיק, אָדער דאָס לייענען, און וואַרט, ביז איך וועל מיך אַליין קאָנען זעצן באַ דעם פאָרטעפּיאַן. נאָך מיטאָג פלעג איך אַמאָל אָנטון די מיידלעך דעם כבוד צו פאָרן מיט זיי רייטנדיק (גיין צופוס שפּאַצירן, האָב איך געהאַלטן, אַז ס'איז נישט פּאַסיק פאַר מיינע יאָרן און פאַר מיין לאַגע). און אונזערע שפּאַצירן, אין וועלכע איך פיר זיי איבער אומגעוויינלעכע ערטער און איבער טיפע טאָלן, זענען זייער אָנגענעמע. באַ אונז טרעפן זיך אַמאָל אַוואַנטורעס, אין וועלכע איך ווייז מיך אַרויס אַלס כוואַט, און די דאַמען לויבן מיין פאָרן און מיין דרייסט־

קייט און האַלטן מיך פאַר זייער באַשיצער. אינאָוונט, אויב קיין געסט
זענען נישטאָ, איז נאָך דער טיי, וועלכע מיר טרינקען אין דער שאָטנ-
דיקער גאַלעריי, און נאָך אַ שפּאַציר מיטן פּאַפּאַ איבער דער ווירטשאַפט,
לייג איך מיך אויף מיין אַלט אָרט, אין אַ וואָלטער-פאָטעל, און, הערנ-
דיק קאָטיעלעס, אָדער ליובעלעס מוזיק, לייען איך און טרוים צוזאַמען
דערמיט אויפן אַלטן שטייגער. אַמאָל, בלייבנדיק אַליין אין גאַסט-צימער,
ווען ליובעלע שפּילט עפּעס פּאַרצייטיקע מוזיק, לאָז איך נישט ווילנדיק
איבער דאָס בוך און, איינקוקנדיק זיך דורך דער פאַרמאַכטער טיר
פונם באַלקאָן אין די געלאָקטע הענגענדיקע צווייגן פון די הויכע בערע-
זעס, אויף וועלכע עס פאַלט שוין דער אָוונטיקער שאָטן, און אין ריינעם
הימל, אויף וועלכן עס באַווייזט זיך פלוצלינג, בשעת מען קוקט אויפמערק-
זאַם, גלייך ווי אַ שטויביקער געלבלעכער פלעק און ווערט צוריק נעלם,
און איינהערנדיק זיך אין די קלאַנגען פון מוזיק פון זאַל, פון דעם
סקריפּ פון טויער, פון די קולות פון די פויערטעס און פון דער צוריקקו-
מענדיקער טשערעדע אין דאָרף, — דערמאָן איך מיך לעבעדיק אי
נאַטאַליע סאַווישנען, אי די maman, אי קאַרל איוואַניטשן, און אויף
אַ רגע ווערט מיר אומעטיק, אָבער די נשמה מיינע איז אין דער צייט
אַזוי פול מיט לעבן און מיט האָפנונגען, אַז די דאָזיקע דערינערונג רירט
מיך אָן בלויז מיט אַ פליגל און פליט אַוועק ווייטער.

נאָך אָוונטברויט און אַמאָל נאָך אַ נאַכט-שפּאַציר מיט וועמען עס
איז איבערן סאָד — אַליין האָב איך מורא געהאַט צו גיין איבער די
פינצטערע אַלעען — פלעג איך אַוועק איינער אַליין שלאָפן אויף דער
פּאָדלאָגע פון דער גאַלעריי, וואָס עס פלעגט מיר פאַרשאַפן פיל פאַרגע-
ניגן, נישט געקוקט אויך די מיליאָנען נאַכט-מוטן, וועלכע האָבן מיך
געפרעסן. בשעת עס פלעגט זיין אַ פולע לבנה, פלעג איך גאַנצענע נעכט
פאַרברענגען זיצנדיק אויף מיין מאַטראַץ, איינקוקנדיק זיך אין ליכט און
שאָטן, איינהערנדיק זיך אין שטילקייט און קלאַנגען, טרוימענדיק וועגן
פאַרשידענע קעגנשטאַנדן, דער עיקר וועגן פּאָעטישן, תאוותשן גליק, וואָס
האָט מיר דעמאָלט אויסגעוויזן ווי דאָס העכסטע גליק אין לעבן, און
בענקענדיק נאָך דעם, וואָס ביז איצט איז מיר אויסגעקומען בלויז פאָר-
צושטעלן זיך אין דמיון. ס'פלעגט טרעפן, ווי נאָר אַלע פלעגן זיך פונאַנ-
דערגיין און די פייערן פון גאַסט-זאַל זענען אַריבערגעגאַנגען די איי-
בערשטע צימערן, וווּ עס הייבן זיך אָן צו הערן פרויענשטימען און דאָס
קלאַפּן פון די זיך עפענענדיקע און פאַרמאַכנדיקע פענצטער, פלעג איך

אַוועקגיין אויף דער גאַלעריי און אַרומגיין אויף איר, דורשטיק צוהערנדיק זיך צו אַלע קלאַנגען פון דעם אַנטשלאָפן־ווערנדיקן הויז. בײַזוואַנען עס איז נאָך פאַראַן אַ קליינינקע, אָן אַ סיבה האָפנונג כאָטש אויף נישט קיין פול גליק אַזוינס, וועגן וועלכן איך האָב געטרוימט, קאָן איך נאָך נישט רויק בויען פאַר זיך דאָס גליק, וואָס איך שטעל מיר פאָר אין דמיון.

בײַ יעדן קלאַנג פון באָרוועסע פיס, בײַ אַ הוסט, אַ זיפץ, אַ שטויס פון פענצטער, אַ שורשען פון אַ קלייד שפּרינג איך אויף פון געלעגער, הער מיך ווי אַ גנבֿ צו, קוק מיך איין און ווער אָן אַ שום קענטיקער סיבה אויפגערודערט. נאָר אָט ווערן די פייערן פאַרשווינדן אין די אייבערשטע פענצטער, די קלאַנגען פון טריט און פון רייד ווערן פאַרביטן אויף אַ שנאָרכען, דער שומר הייבט אָן אויפן נאַכטיקן שטייגער קלאַפּן אין ברעטל, דער סאַד איז געוואָרן הושכדיקער און ליכטיקער, וויבאַלד עס זענען אין אים נעלם געוואָרן די פּאַסן פון דער רויטער ליכטיקייט פון די פענצטער. דאָס לעצטע פייער פון בופעט גייט אַריבער אין דעם פאָדערצימער, דורכלייגנדיק אַ פּאַס ליכט איבער דעם טויאיקן סאָד, און עס זעט זיך דורכן פענצטער די אייגנגעבויגענע פיגור פון פאָקען, וועלכער גייט אין אַ קאַפטן, מיט אַ ליכט אין האַנט, צו זיין געלעגער. אָפטמאָל פלעג איך געפינען אַ גרויסן, אויפרודערנדיקן תענוג צוצוגיין, גנבֿענענדיק זיך איבער דעם פייכטן גראָז אין שוואַרצן שאָטן פון הויז, צום פענצטער פון פאָדערצימער און נישט אָטעמענדיק הערן דאָס שנאָרכן פון דעם יינגל, דאָס קרעכצן פון פאָקען, וועלכער האָט געמיינט, אַז קיינער הערט אים נישט, און דעם קלאַנג פון זיין אַלטערלעך קול, וואָס האָט לאַנג־לאַנג געלייענט תּפילות. לסוף האָט זיך אויסגעלאָשן זיין לעצט ליכטל, דאָס פענצטער האָט זיך פאַרהאַקט, איך בין געבליבן אינגאַנצן אַליין און, שרעקעוודיק אַרומגעקוקט זיך אויף די זייטן, צי זעט זיך נישט ערגעץ לעבן דער קלומבע, אָדער לעבן מיין געלעגער אַ ווייסע פרוי, — פלעג איך לויפנדיק אַוועק אויף דער גאַלעריי. און אָט דעמאָלט פלעג איך מיך לייגן אויף מיין געלעגער, מיטן פּנים צום סאָד, און, פאַרדעקט זיך, וויפיל מען האָט געקאָנט, פאַר די קאָמאַרן און פאַר די פלעדערמייז, האָב איך געקוקט אין סאָד, געהערט די קלאַנגען פון דער נאַכט און געטרוימט וועגן ליבע און גליק.

דעמאָלט האָט פאַר מיר אַלץ באַקומען אַן אַנדערן זינען: אי דאָס אויסזעען פון די אַלטע בערעזעס, וועלכע האָבן פון איין זייט גע־

בלישטשעט אויף דעם לבנהדיקן הימל מיט זייערע געקרויזטע צווייגן, פון דער אַנדערער זייט — פינצטער פאַרדעקט די קוסטעס און דעם וועג מיט שוואַרצע שאָטנס; אי דער רויקער, פּראַכטפולער, גלייכמעסיקער, ווי אַ קלאַנג, וואַקסנדיקער גלאַנץ פונם סטאַוו; אי דער לבנה־גלאַנץ פון די טראָפּנס טוי אויף די בלומען פאַר דער גאַלעריי, וועלכע לייגן אויך אָפּ איבער דער ברייט פון דער גרויער בייט זייערע גראַציעזע שאָטנס, אי דער קלאַנג פון דעם וואַכטל הינטערן סטאַוו, אי די שטים פון אַ מענטש אויף דעם גרויסן שליאַך, אי דער שטילער קוים הערבאַרער סקריפּ פון צוויי בערעזעס איינע אָן דער אַנדערער, אי דאָס הודזשען פון אַ מוק איבערן אויער אונטער דער קאָלדרע, אי דאָס פאַלן אויף די טרוקענע בלעטער פון אַ פאַרטשעפּעט אָן אַ צווייגל עפּעלע, אי די שפּרונגען פון די פרעש, וועלכע פלעגן אַמאָל דערגרייכן ביז די טרעפּ פון דער טעראַסע און עפּעס סודותפול גלאַנצן אויף דער לבנה מיט זייערע גרינלעכע רוקנדלעך, — דאָס אַלץ האָט פאַר מיר באַקומען אַ משונהדיקן זינען — אַ זינען פון צופיל גרויסער שיינהייט און פון עפּעס אַ נישט פאַרענדיקט גליק. און אָט האָט זי זיך באַוויזן מיט אַ לאַנגן שוואַרצן צאָפּ, מיט אַ הויכער ברוסט, אַלעמאָל אָן אומעטיקע און אַ פּראַכטפולע, מיט בלויזע הענט, מיט תאוהשן האַלזן. זי האָט מיך געליבט, איך האָב פאַר איין רגע פון איר ליבע מקריב געווען דאָס גאַנצע לעבן. נאָר די לבנה איז אַלץ העכער, העכער, ליכטיקער און ליכטיקער געשטאַנען אויפן הימל. דער פּראַכטפולער גלאַנץ פונם סטאַוו, וואָס שטאַרקט זיך גלייכמעסיק, ווי אַ קלאַנג, איז געוואָרן ליטערער און ליטערער, די שאָטנס זענען געוואָרן שוואַרצער און שוואַרצער, די שיין דורכזיכטיקער און דורכזיכטיקער, און איינקוקנדיק זיך און איינהערנדיק זיך אין דעם אַלעמען, האָט עפּעס „צו מיר גערעדט, אַז אויך זי מיט אַנטבלויזטע הענט און מיט הייסן האַלזן זיך איז נאָך ווייט־ווייט נישט גאָר דאָס גליק, אַז אויך די ליבע צו איר איז נאָך ווייט־ווייט נישט גאָר דאָס גוטס; און וואָס מער איך האָב געקוקט אויף דער הויכער פולער לבנה, אַלץ מער האָבן די עכטע שיינקייט און גוטס מיר אויסגעוויזן העכער און העכער, ריינער און ריינער, און נענטער און נענטער צו אים, צו דעם קוואַל פון יעדער פּראַכט און גוטס, און טרערן פון עפּעס אַ נישט באַפרידיקטער, אָבער אויפרודערנדיקער פרייד זענען אַרויסגעטרעטן אויף די אויגן.

און איך בין אַלץ געווען אַליין, און אַלץ האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די סודותפול־געהויבענע נאַטור, וועלכע ציט צו זיך צו דעם ליכטי־

קרייז פון דער לבנה, וואָס האָט זיך צוליב עפּעס אָפּגעשטעלט אויף איין הויך אומבאַשטימט אָרט פון דעם בלאַס-בלויען הימל, און שטייט צוזאַ-מען דערמיט אומעטום, און גלייך ווי זי וואָלט אָנגעפילט מיט זיך דעם גאַנצן מיטן אויג נישט אַרומצוכאַפּן שטח, — און איך, דער נישטי-קער וואָרעם, שוין אַ פאַרשוועכטער דורך אַלע קליינלעכע מעשטלעכע תאוות, נאָר מיט דער גאַנצער נישט אַרומצוכאַפּן מעכטיקער קראַפט פון דמיון און פון ליבע — מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט אין דידאָזיקע מאָ-מענטן, אַז גלייך ווי אי די נאַטור, אי די לבנה, אי איך, זענען מיר אַלע געווען איין זאַך.

XXXIII.

די שכנים

מיך האָט זייער געוואונדערט אין דעם ערשטן טאָג פון אונזער קו-מען דאָס, וואָס דער פּאַפּאַ האָט אָנגערופן אונזערע שכנים די עפּיפאַנאָווס ווילע מענטשן, און נאָך מער האָט מיך געוואונדערט דאָס, וואָס ער איז געפאָרן צו זיי. מיר האָבן שוין פון לאַנג אָן מיט די עפּיפאַנאָווס גע-פירט אַ פּראָצעס פאַר עפּעס אַ שטיק ערד. נאָך אַלס קינד האָב איך נישט איינמאָל געהערט, ווי דער פּאַפּאַ פלעגט זיך כעסן פאַר דעמדאָ-זיקן פּראָצעס, זידלען די עפּיפאַנאָווס, איינלאַדן פאַרשידענע מענטשן, לויט מיינע באַגריפן, כדי צו פאַרטיידיקן זיך; איך האָב געהערט, ווי יאַקאָוו האָט אויף זיי געזאָגט אונזערע שונאים און שוואַרצע מענטשן, און כ'געדענק ווי די מאַמע האָט געבעטן, מען זאָל בּאַ איר אין הויז און אין איר אָנוועזנהייט אפילו נישט דערמאָנען וועגן דידאָזיקע מענטשן.

לויט דעם אַלעמען האָב איך מיר אין דער קינדהייט געשאַפן אַזאַ פעסטן און קלאָרן באַגריף וועגן דעם, אַז די עפּיפאַנאָווס זענען אונזערע שונאים, וועלכע זענען גרייט צו שעכטן, אָדער צו דער-שטיקן נישט נאָר דעם פּאַפּאַ, נאָר אויך זיין זון, ווען ער זאָל אַריינ-פאַלן אין זייערע הענט, און אַז זיי זענען אין בוכשטעבלעכן זינען

שוואַרצע מענטשן, — אַז ווען איך האָב אין דעם יאָר פון דער מוטערס טויט דערזעען אַוודאָטיע וואַסיליעוונע עפּיפאַנאָווא la belle Flamande, ווי זי גייט אַרום דער מאַמען, האָב איך קוים געקאָנט גלייבן, אַז זי איז געווען פון דער משפחה שוואַרצע מענטשן, און פונדעסטוועגן איז באַ מיר פאַרבליבן גאָר אַ נידעריקע פאָרשטעלונג וועגן דערדאָזיקער משפחה. נישט געקוקט דערויף, וואָס דעם זומער האָבן מיר זיך אָפט געזעען מיט זיי, האָב איך נאָך אַלץ געהאַט פאָראורטיילן קעגן דער גאַנצער משפחה. אינדעראמתן אָבער איז אָט ווער אַזוינע עס זענען געווען די עפּיפאַנאָווס. זייער משפחה איז באַשטאַנען פון אַ מוטער, אַ פופציק־יעריקער אַלמנה, נאָך אַ פרישינקע און אַ פריילעכינקע זקנה, פון אַ שיינהייט אַ טאָכטער אַוודאָטיע וואַסיליעוונע און פון אַ זון, אַ שטאַמלער פּיאָטר וואַסיליעוויטש, אַ פאָרוטשניק אין דעמיסיע, אַ בחור, מיט זייער אַן ערנסטן כאַראַקטער.

אַננאַ דמיטריעוונאַ עפּיפאַנאָווו האָט אַ יאָר צוואָנציק ביזן מאַנס טויט געלעבט צעשיידט מיטן מאַן, זעלטן ווען אין פּעטערבורג, ווו זי האָט געהאַט קרובים, נאָר דאָס רוב אין איר דאָרף מיטישטשי, וואָס האָט זיך געפונען דריי וויאָרסט ווייט פון אונז. אין דער סביבה האָט מען וועגן איר לעבנסשטייגער דערציילט אַזעלכע שרעקלעכע זאַכן, אַז מעסאַלינע איז אין פאַרגלייך מיט איר געווען אַ נאַיוו קינד. צוליב דעם האָט עס די מוטער געבעטן, אַז מען זאָל באַ איר אין הויז נישט דערמאַנען די עפּיפאַנאָווס נאָמען. נאָר גאָרנישט אירא̈ניש רעדנדיק, מען האָט נישט געטאָרט גלייבן אפילו אַ צענטחלק פון די סאַמע בייזע פון אַלע מינים רכילותן — די דאָרפישע שכנישע רכילותן. נאָר כאָטש אַננאַ דמיטריעוונאַ האָט אין שטוב געהאַט אַ קאָנטאָריסט מיטיושאַ, פון די לייבקנעכט, וואָס פלעגט, שטענדיק מיט אָנגעזאַלבטע האָר, אַ פאַרקרויזטער, און אין אַ סורדוט אויף דעם שטייגער, ווי באַ די טשערקעסן, צו מיטאָג שטיין הינטער איר שטול, און זי פלעגט אָפט אויף פראַנצויזיש איינלאַדן די געסט אַכטונג צו געבן אויף זיינע פיינע אויגן און מויל, איז אין דער צייט, ווען איך האָב זי דערקענט, קיין ענלעכס נישט געווען צו דעם, וואָס לייטישע מיילער האָבן נאָך אַלץ גערעדט. ווירקלעך, דאַכט זיך, שוין מיט אַ יאָר צען צוריק, פונקט פון דער צייט אָן, וואָס אַננאַ דמיטריעוונאַ האָט אויסגעשריבן פון דער דינסט איר זון פּעטרושע, וועלכער האָט זי זייער געאַכט, האָט זי אינגאַנצן געענדערט איר לעבנסשטייגער. אַננאַ דמיטריעוונעס מאַיאָנטעק איז געווען נישט קיין גרויסער, סך־הכל איבער

הונדערט נפשות, און די הוצאה איז פאַר דער צייט פון איר פריילעך לעבן געווען גרויס, אַזוי אַז מיט אַ יאָר צען צוריק האָט דער פאַר־משכונטער און, פאַרשטייט זיך, נאָכאַמאָל פאַרמשכונטער, מאַיאָנטעק דורכגעלאָזט דעם טערמין פון די פּראָצענטן און האָט אומאויסמיידלעך געמוזט פאַרקויפט ווערן פון אַאוקציאָן. אין דערדאָזיקער שלעכטער צייט, מיינענדיק, אַז די אַפּיטרופּסות, דאָס אָפּשרייבן דעם מאַיאָנטעק, דאָס קומען פונם געריכט און ענלעכע אומאָנגענעמלעכקייטן שטאַמען נישט אַזוי דערפון, וואָס מען האָט נישט געצאָלט קיין פּראָצענטן, ווי דערפון, וואָס זי איז אַ פּרויענצימער, האָט אַננאַ דמיטריעוונאַ אָנגעשריבן אין פּולק צום זון, אַז ער זאָל קומען צו פאָרן ראַטעווען זיין מוטער אין דעמדאָזיקן פאַל. נישט געקוקט דערויף, וואָס פּיאָטר וואַסיליעוויטשעס דינסט איז געגאַנגען אַזוי גוט, אַז ער האָט געהאָפט אינגיכן צו האָבן זיין אייגן שטיקל ברויט, האָט ער אַלץ אַוועקגעוואָרפן, איז אַרויס אין דעמיסיע און אַלס אַכטונגספולער זון, וועלכער האָט געהאַלטן פאַר דעם ערשטן חוב זיינעם צו באַרויקן דער מוטערס עלטער (וועגן וואָס ער האָט איר אויפריכטיק אָנגעשריבן אין די בריוו), איז ער געקומען צו פאָרן אין דאָרף.

נישט געקוקט אויף זיין נישט שיין געזיכט, אויף זיין אומגעלומ־פּערטקייט און שטאַמלעניש, איז פּיאָטר וואַסיליעוויטש געווען אַ מענטש מיט אויסערגעוויינלעכע פעסטע פּרינציפּן און מיט אַן אומגעוויינלעכן פּראַקטישן שכל. ער האָט ווי עס איז מיט קליינע הלוואות, מיט ספּעקו־לאַציעס, מיט בקשות און הבטחות דערהאַלטן דעם מאַיאָנטעק. געוואָרן אַ גוטבאַזיצער, האָט פּיאָטר וואַסיליעוויטש אָנגעטון דעם פאָטערס בע־קעשע, וועלכע איז געלעגן אין שפּיזשאַרניע, האָט געמאַכט אַ סוף צו די עקיפּאַזשן און צו די פערד, האָט אָפּגעוויינט געסט צו פאָרן קיין מיטיש־טשי, פאַרגרעסערט דעם שטח אַקערלאַנד, פאַרקלענערט דעם שטח פון די פויערישע פעלדער, מיט אייגענע מענטשן אויסגעהאַקט און ווירטשאַפט־לעך פאַרקויפט אַ וועלדל — און האָט די געשעפטן געבראַכט אין אָרדנונג. פּיאָטר וואַסיליעוויטש האָט זיך געגעבן און אויסגעהאַלטן דאָס וואָרט, אַז ביז וואַנען ער וועט נישט באַצאָלן אַלע חובות, זאָל ער נישט טראָגן קיין אַנדערע קליידער, אויסער דעם פאָטערס בעקעשע און דעם פאַרו־סענעם פּאַלטאָ, וואָס ער האָט זיך אויפגענייט, און נישט פאָרן אַנדערש ווי אין אַ וועגעלע אויף פויערישע פערד. דעמדאָזיקן סטאָישן לעבנס־שטייגער האָט ער זיך געסטאַרעט פאַרשפּרייטן אויף דער גאַנצער משפּחה,

אויף וויפיל עס האָט אים דערלויבט די קנעכטישע אַכטונג צו דער מו־טער, וועלכע ער האָט געהאַלטן פאַר אַ חוב. אין זאַל האָט ער שטאַמ־לענדיק זיך געלאָזט טרעטן פון דער מוטער, נאָכגעבנדיק אַלע אירע פאַרלאַנגען, און געזידלט די מענטשן, אויב זיי האָבן נישט געטון דאָס, וואָס אַננאַ דמיטריעוונאַ האָט זיי געהייסן; באַ זיך אָבער אין קאַבינעט און אין דער קאַנטאָר האָט ער שטרענג אָפּגענומען אַ חשבון דערפאַר, וואָס מען האָט צום טיש גענומען אָן זיין באַפעל אַן ענטל, אָדער וואָס מען האָט לויט אַננאַ דמיטריעוונעס באַפעל געשיקט אַ פויער צו דער שכנה פרעגן, וואָס זי מאַכט, אָדער וואָס מען האָט די פויערישע מיידלעך אָנשטאָט צו יעטן דעם גאָרטן, געשיקט אין וואַלד נאָך מאַלינעס.

אין אַ יאָר פיר אַרום זענען אַלע חובות געווען אויסגעצאָלט, און פּיאָטר וואַסיליעוויטש איז אַוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע און האָט זיך אומגעקערט פון דאָרט אין נייע זאַכן און אין אַ קאַרעטע. אָבער נישט געקוקט אויף דעמדאָזיקן בליענדיקן צושטאַנד פון די עסקים, זענען באַ אים פאַרבליבן די זעלבע סטאָישע נטיות, מיט וועלכע ער האָט, דאַכט זיך, פינצטער שטאָלצירט קעגן אייגענע און זייטיקע, און שטאַמלענדיק אָפּט גערעדט, אַז „ווער עס וויל מיך באמת זען, יענער וועט צופרידן זיין אויך, ווען ער וועט מיך זען אין פעלץ, יענער וועט אויך מיין באָרשטש און מיין קאַשע עסן. — איך עס זי דאָך", האָט ער צוגעגעבן. אין זיין יעדן וואָרט און באַוועגונג האָט זיך אויסגעדריקט דער שטאָלץ, וועלכער האָט זיך באַגרינדעט אויף דעם באַוווסטזיין, אַז ער האָט זיך מקריב געווען לטובת דער מוטער און אויסגעלייזט דעם מאַיאָנטעק, און די פאַראַכטונג צו אַנדערע דערפאַר, וואָס זיי האָבן קיין שום זאַך אַזוינס נישט געטון.

די מוטער און די טאָכטער האָבן געהאַט גאַנץ אַנדערע כאַראַק־טערן און זענען אין פיל הינזיכטן געווען פאַרשידן איינע פון דער צווייטער. די מוטער איז געווען איינע פון די סאַמע אָיגענעמע, אַלע מאָל גלייך גוטמוטיקע אין געזעלשאַפט פריילעכע פרויען. אַלדאָס ליב־לעכס, פריילעכס האָט זי באמת געפרייט. אפילו — אַ שטריך, וועלכער באַגעגנט זיך נאָר באַ די סאַמע גוטמוטיקסטע אַלטע לייט — די פעיקייט הנאה צו האָבן, זעענדיק, ווי עס פרייט זיך די יוגנט, האָט זי געהאַט אין דער גרעסטער מאָס. די טאָכטער אירע, אַוודאָטיע וואַסיליעוונע האָט, פאַרקערט, געהאַט אַן ערנסטן כאַראַקטער, אָדער, גיכער, יענעם באַזונ־דערן גלייכגילטיק-צעשטרייטן און אָן אַ שום יסוד גאַוהדיקן כאַראַקטער,

וואָס עס האָבן געוויינלעך נישט קיין חתונה געהאַטע שיינהייטן. אָבער ווען זי האָט געוואָלט זיין אַ פריילעכע, איז איר פריילעכקייט אַרויסגעקומען עפּעס אַ משונהדיקע. עפּעס האָט זיך געדאַכט, אַז זי לאַכט פון זיך, צי פון דעם, מיט וועמען זי רעדט, צי פון גאָר דער וועלט, — אַזוינס, וואָס זי האָט, מסתמא, גאָרנישט געוואָלט. אָפט פלעג איך מיך וווּנדערן און פרעגן, וואָס האָט זי געוואָלט זאָגן, בעת זי האָט גערעדט אַזעלכע פראַזן: יאָ, איך בין שרעקלעך אַ שיינע; ווי-זשע דען, אַלע זענען אין מיר פאַרליבט און דאָס גל. אַננאַ דמיטריעווונאַ איז אַלע מאָל געווען טעטיק; האָט געהאַט חשק אויסצופּוצן דאָס הייזל, דאָס גערטנדל, האָט געהאַט אַ ליידנשאַפט צו בלומען, צו קאַנאַרקעס און שיינינקע זאַכן. אירע צימערלעך און דאָס סעדל זענען געווען נישט קיין גרויסע און קיין רייכע, אָבער דאָס אַלץ איז געווען איינגעאָרדנט אַזוי פּינקטלעך, ריין, און אַלץ האָט געהאַט אַזוי דעם אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון יענער לייכטינקער פריילעכקייט, וועלכע עס דריקט אויס אַ שיינינקער וואַלס אָדער אַ פּאָלקע, אַז דאָס וואָרט צאַצקעלע, וואָס געסט נוצן אָפט, כּדי צו ליבן, האָט אויסערגעוויינלעך געפּאַסט צו אַננאַ דמיטריעוונעס סעדל און צימערלעך, אויך אַננאַ דמיטריעווונאַ אַליין איז געווען אַ צאַצקעלע — אַ קליינינקע, אַ מאָגערינקע, מיט אַ פרישער פאַרב פון געזיכט, מיט שיינינקע קליינינקע הענטלעך, אַלעמאָל אַ פריילעכע און אַלעמאָל אָנגעטון, אַז עס האָט איר געקליידט. בלויז די אַ ביסל צופיל בולט אָנגעמערקטע טונקל-לילע אָדערלעך אויף אירע קליינע הענטלעך האָבן געשטערט דעמדאָזיקן אַלגעמיינעם כאַראַקטער. אַוודאָטיע וואַסיליעוונע, פאַרקערט, האָט כמעט קיינמאָל גאָרנישט געטון, און קנאַפּ וואָס זי האָט נישט ליב געהאַט צו פאַרנעמען זיך מיט וועלכע עס איז זאַכעלעך אָדער בלימעלעך, נאָר זי האָט זיך אפילו ווייניק באַשעפטיקט מיט זיך אַליין, און זי פלעגט אַלעמאָל אַנטלויפן אָנטון זיך, ווען געסט פלעגן קומען. נאָר אָן אָנגעטוענע, אומגעקערט זיך אין צימער, איז זי געווען אומגעוויינלעך שיין, אַ חוץ דעם אַלגעמיינעם באַ אַלע שיינע געזיכטער קאַלטן און איינאַרטיקן אויסדרוק פון די אויגן און פון שמייכל. איר שטרענג רעגלמעסיק פּרעכטיק פּנים און איר שלאַנקע פיגור, האָט זיך געדאַכט, האָבן שטענדיק צו אייך גערעדט: „ביטע זייער, איר קאָנט אויף מיר קוקן".

אָבער נישט געקוקט אויף דעם לעבעדיקן כאַראַקטער פון דער מו-

טער און אויף דער גלייכגילטיק-צעשטרייטער אויסערלעכקייט פון דער טאָכטער, האָט עפּעס אייך געזאָגט, אַז די ערשטע האָט קיינמאָל נישט, סיי פריער, סיי איצט, גאָרנישט ליב געהאַט חוץ שיינינקעס און פריילע-כינקעס, און אַז אַוודאָטיע וואַסיליעוונע איז געווען איינע פון יענע נאַ-טורן, וואָס אויב זיי קריגן איינמאָל ליב, ברענגען זיי שוין דאָס גאַנצע לעבן זייערס פאַר אַ קרבן יענעם, וועמען זיי האָבן ליב.

XXXIV.

דעם פּאָטערס חתונה האָבן

דער פּאָטער איז אַלט געווען אַכט און פערציק יאָר, ווען ער האָט דאָס צווייטע מאָל חתונה געהאַט מיט אַוודאָטיע וואַסיליעוונע עפּיפאַנאָוו.

געקומען צו פאָרן אין פרילינג אַליין מיט די מיידלעך אין דאָרף, האָט דער פּאַפּאַ, רעכן איך, זיך געפונען אין יענעם באַזונדערן אומרויק-גליקלעכן און געזעלשאַפט-ליבנדיקן צושטאַנד, אין וועלכן עס געפונען זיך, געוויינלעך, קאָרטן-שפּילער, וועלכע האָבן פאַרבאַסטירט נאָך אַ גרויס געווינס. ער האָט געפילט, אַז אַ סך איז נאָך אין אים געבליבן נישט אויסגעבראַכט גליק, וואָס, אויב ער האָט עס נישט געוואָלט פאַרברויכן אויף קאָרטן, האָט ער עס געקאָנט פאַרברויכן בכלל אויף דערפאָלג אין לעבן. דערצו איז געווען פרילינג, ער האָט אומדערוואַרט געהאַט אַ סך געלט און איז געווען לגמרי איינער אַליין און האָט זיך געלאַנגווייליקט. שמועסנדיק מיט יאַקאָוון וועגן די עסקים אין דערמאָנט זיך אָן דעם אומענדלעכן פּראָצעס מיט די עפּיפאַנאָווס און אָן דער שיינהייט אַוודאָטיע וואַסיליעוונע, וועלכע ער האָט שוין לאַנג נישט געזען, שטעל איך מיר פאָר, ווי ער האָט געזאָגט צו יאַקאָוון: „ווייסט, יאַקאָוו כאַרלאַמפּיטש, וואָס וועלן מיר זיך פאַרדרייען דעם קאָפּ מיט דעם פּראָצעס, איך רעכן פּשוט אָפּטרעטן זיי דאָס שטיקל פאַרפלוכטע ערד, האַ? ווי מיינסטו?"

איך שטעל מיר פאָר, ווי נעגאַטיוו עס האָבן זיך גענומען הינטערן רוקן דרייען יאַקאָווס פינגער בײַ אַזאַ פראַגע, און ווי ער האָט דערוויזן,

אז „ווידער אזוי, פיאָטר אַלעקסאַנדראָוויטש. אונזער רעכט איז בעזעצלעך".

אָבער דער פּאַפּאַ האָט געהייסן איינשפּאַנען דאָס קאַרעטל, האָט אָנגעטון זיין מאָדישע גרינע בעקעשע, פאַרקעמט די רעשט פון די האָר, אָנגעשפּריצט אויפן טיכל פּערפום און אין סאַמע אַ פריילעכער שטימונג, אין וועלכער עס האָט אים אַריינגעבראַכט די איבערצייגונג, אַז ער האַנדלט פּריציש, און דער עיקר די האָפענונג צו זעען אַ שיינינקע פּרויענצימער, איז ער אַוועקגעפאָרן צו די שכנים.

מיר איז נאָר דאָס באַוווסט, אַז דער פּאַפּאַ האָט בײַ דעם ערשטן וויזיט זײַנעם נישט דערווישט פּיאָטר וואַסיליעוויטשן, וועלכער איז געווען אין פעלד. און ער האָט איינער אַליין פאַרבראַכט צוויי שעה מיט די דאַמען. איך שטעל מיר פאָר, ווי ער האָט זיך צעגאָסן מיט קאָמפּלימענטן, ווי ער האָט זיי באַצויבערט, צוטופּענדיק מיט זיין ווייכן שטיוול, שעפּעליאַווענדיק אַ ביסל און מאַכנדיק זיסינקע אייגעלעך. איך שטעל מיר אויך פאָר, ווי עס האָט אים פּלוצלינג צאַרט ליב געקריגן די פריילעכינקע אַלטיטשקע, און ווי פריילעך עס איז געוואָרן די קאַלטע שיינהייט-טאָכטער.

ווען דאָס הויף-מיידל איז אַ פאַרסאַפּעטע געקומען צו לויפן מעלדן פּיאָטר וואַסיליעוויטשן, אַז דער אַלטער אירטעניעוו אַליין איז געקומען צו פאָרן, שטעל איך מיר פאָר, ווי ער האָט ברוגז געענטפערט: „נו, איז וואָס, אַז ער איז געקומען?" און ווי צוליב דעם איז ער אַוועק אַהיים וואָס לאַנגזאַמער, אפשר אומגעקערט זיך אין קאַבינעט, בכיוון אָנגעטון דעם סאַמע שמוציקן פּאַלטאָ און געשיקט זאָגן דעם קוכער, אַז ער זאָל זיך בשום אופן נישט דערוועגן, אויב די פּריצטע וועט באַפעלן, עפּעס צוגעבן צום מיטאָג.

איך האָב נאָכדעם אָפט געזעען דעם פּאַפּאַ מיט עפּיפאַנאָוון, דעריבער שטעל איך מיר פאָר דידאָזיקע ערשטע באַגעגעניש. איך שטעל מיר פאָר, ווי נישט געקוקט דערויף, וואָס דער פּאַפּאַ האָט אים פאָרגעלייגט פריידלעך פאַרענדיקן דעם פּראָצעס, איז פּיאָטר וואַסיליעוויטש געווען פינצטער און ברוגז דערפאַר, וואָס ער האָט מקריב געווען זיין קאַריערע פאַר דער מוטער, און דער פּאַפּאַ האָט קיין שום זאַך אַזוינס נישט געטון, ווי קיין זאַך האָט אים נישט פאַרוווּנדערט, און ווי דער פּאַפּאַ איז, כלומרשט נישט באַמערקנדיק דידאָזיקע פינצטערניש, געווען שפּילעוודיק, פריילעך, און איז זיך מיט אים באַגאַנגען, ווי מיט אַ וווּנדערלעכן

קאַטאָוועס-טרייבער, פון וואָס פיאָטר וואַסיליעוויטש פלעגט זיך אַמאָל באַליידיקן, און וואָס ער פלעגט זיך אַמאָל קעגן זיין ווילן נישט קאָנען נישט אונטערגעבן. דער פּאַפּאַ מיט זיין געניִיגטקייט פון אַלץ צו מאַכן אַ קאַטאָוועס, האָט צוליב עפּעס פיאָטר וואַסיליעוויטשן גערופן פולקאָווניק און נישט געקוקט דערויף, וואָס עפּיפּאַנאָוו האָט איינמאָל פאַר מיר אין די אויגן, פאַראיקעגדיק זיך ערגער איידער אַלעמאָל און רויט ווערנ-דיק פון פאַרדראָס, באַמערקט, אַז ער איז נישט קיין פּו-פּו-פּו-פולקאָווניק, נאָר אַ פּאַ-פּאַ פּאָרוטשניק, האָט דער פּאַפּאַ אין פינף מינוט אַרום אים ווידער גערופן פולקאָווניק.

ליובעלע האָט מיר דערציילט, אַז ווען מיר זענען נאָך נישט גע-ווען אין דאָרף, פלעגן זיי זיך אַלע טאָג זען מיט די עפּיפּאַנאָווס, און עס איז געווען אויסערגעוויינלעך פריילעך. דער פּאַפּאַ מיט זיין קאָנען איינאָרדנען אַלץ עפּעס אָריגינעל, קאַטאָוועסדיק און צוזאַמען דערמיט פּשוט און פיין, האָט אונטערגענומען אַמאָל געיעגן, אַמאָל פיש-פאַנגען, אַמאָל פייערווערקן, אויף וועלכע די עפּיפּאַנאָווס פלעגן זיין. און עס וואָלט געווען נאָך פריילעכער, האָט ליובעלע געזאָגט, ווען נישט דערדאָ-זיקער אומדערטרעגלעכער פיאָטר וואַסיליעוויטש, וועלכער האָט זיך גע-בלאָזן, געשטאַמלט און אַלץ צעשטערט.

זינט מיר זענען געקומען, זענען די עפּיפּאַ-אָווס נאָר צוויי מאָל גע-ווען בא אונז, און איינמאָל זענען מיר אַלע געפאָרן צו זיי. אָבער נאָך דעם טאָג פונם הייליקן פּעטער, ווען אויף דעם פאָטערס נאָמען-טאָג זע-נען געווען זיי און אַ מאַסע געסט, זענען אונזערע באַציונגען מיט די עפּיפּאַנאָווס עפּעס איבערגעריסן געוואָרן, און בלויז דער פּאַפּאַ אַליין פלעגט צו זיי פאָרן.

פאַר יענער קורצער צייט, וואָס איך האָב געזען דעם פּאַפּאַ צו-זאַמען מיט דוניעלען, ווי די מוטער האָט זי גערופן, האָב איך אָט-וואָס באַוויזן צו באַמערקן. דער פּאַפּאַ איז שטענדיק געווען אין דער זעלבי-קער גליקלעכער שטימונג, וועלכע האָט מיך אין אים איבערראַשט אין דעם טאָג, ווען מיר זענען געקומען צו פאָרן. ער איז געווען אַזוי פריי-לעך, יונג, פול מיט לעבן און גליקלעך, אַז די שטראַלן פון דעמדאָזיקן גליק האָבן זיך פאַרשפרייט אויף אַלע אַרומיקע און אַליין פון זיך זיי אויך איבערגעגעבן אַזאַ שטימונג. ער איז נישט אָפּגעטרעטן פון אַוודאָטיע וואַסיליעווגען, ווען זי איז געווען אין צימער, האָט איר כסדר געזאָגט אַזעלכע זיסינקע קאָמפּלימענטן, אַז איך האָב מיך געשעמט פאַר אים,

אָדער שווייגנדיק געקוקט אויף איר, עפּעס ליידנשאַפטלעך און זעלבסט־צופרידן הייבנדיק מיטן אַקסל און אונטערגעהוסט, און אַמאָל האָט ער, שמייכלענדיק, גערעדט מיט איר אפילו שעפּטשענדיק; אָבער ער האָט דאָס אַלץ געטון מיט דעם אויסדרוק, אַזוי זיך, אויף קאַטאָוועס, וואָס איז אים אייגנשאַפטלעך געווען אין די סאַמע ערנסטע זאַכן.

אַוודאָטיע וואַסיליעוונע, האָט אויסגעוויזן, האָט איבערגענומען פונם פּאַפּאַ דעם אויסדרוק פון גליק, וואָס האָט אין יענער צייט געגלאַנצט אין אירע גרויסע בלויע אויגן כמעט שטענדיק, חוץ יענע רגעס, ווען אויף איר פלעגט פּלוצלינג אָנפאַלן אַזאַ שעמעוודיקייט, אַז מיר, וואָס איך האָב געקענט דאָסדאָזיקע געפיל, איז געווען אַ רחמנות און אַ ווייטיק צו קוקן אויף איר. אין אַזעלכע רגעס האָט זי באַשיינפּערלעך מורא געהאַט פאַר יעדן בליק און באַוועגונג, איר האָט זיך געדאַכט, אַז אַלע קוקן אויף איר, טראַכטן נאָר וועגן איר און געפינען, אַז אַלץ איז אין איר אומאָנשטענדיק. זי האָט זיך דערשראָקן אַרומגעקוקט אויף אַלעמען, די פאַרב פלעגט כסדר צופלייצן און אָפּפלייצן פון איר געזיכט, און זי פלעגט אָנהייבן הויך און דרייסט צו רעדן, גרעסטן טייל, נאַרישקייטן, פילנדיק עס, פילנדיק, אַז אַלע, דער פּאַפּאַ אויך, הערן עס, און נאָך רויטער ווערן. נאָר אין אַזוינע פאַלן האָט דער פאָטער אפילו נישט באַמערקט אירע נאַרישקייטן, ער האָט אַלץ פּונקט אַזוי ליידנשאַפטלעך, אונטערהוסטנדיק, מיט פריילעכער אַנטציקונג געקוקט אויף איר. איך האָב באַמערקט, אַז כאָטש די אַטאַקן פון שעמעוודיקייט פלעגן זיין בײַ אַוודאָטיע וואַסיליעוונען אָן אַ שום סיבה, נאָר אָפּטמאָל פלעגן זיי קומען תיכף נאָכדעם, ווי מען פלעגט אין דעם פּאַפּאַס אָנוועזנהייט דערמאָנען וועגן עפּעס אַ יונגער און אַ שיינער פרויענצימער. די אָפטע איבערגאַנגען פון פאַרטראַכטקייט צו יענעם מין פון איר משונהדיקער, אומגעלומפּערטער פריילעכקייט, וועגן וועלכער איך האָב שוין גערעדט, דאָס איבערחזרן דעם פּאַפּאַס געליבטע ווערטלעך און זאָג־ווענדונגען, דאָס פאַרזעצן מיט אַנדערע די שמועסן, וואָס זי האָט אָנגעהויבן מיטן פּאַפּאַ, — דאָס אַלץ וואָלט מיר, אויב די ווירקנדיקע פּערזאָן וואָלט געווען נישט מיין פאָטער און איך וואָלט געווען אַ ביסל עלטער, דערקלערט, וואָס פאַר אַ מין באַציונגען עס זענען צווישן פּאַפּאַ מיט אַוודאָטיע וואַסיליעוונען, אָבער איך האָב אין יענער צייט גאָרנישט חושד געווען, אפילו דעמאָלט ווען דער פּאַפּאַ איז אין מיין אָנוועזנהייט, באַקומענדיק אַ בריוו פון פּיאָטר וואַסיליעוויטשן, גע־

וואָרן זייער צערודערט פון דעם און האָט ביז סוף אויגוסט אויפגעהערט צו פאָרן צו די עפּיפּאַנאָווס.

סוף אויגוסט האָט דער פאָטער ווידער אָנגעהויבן פאָרן צו די שכנים און א טאָג פאַר אונזער (מיינעם און וואָלאָדיעס) אָפּפאָרן קיין מאָסקווע, האָט ער אונז געמאָלדן, אַז ער האָט חתונה מיט אַוודאָטיע וואַסיליעווּנען.

XXXV.

ווי אַזוי מיר האָבן אויפגענומען דידאָזיקע ידיעה

ערב דערדאָזיקער אָפּיציעלער מעלדונג האָבן שוין אַלע אין שטוב געוווּסט און פאַרשידן געמשפּט וועגן דעמדאָזיקן ענין. מימי איז דעם גאַנצן טאָג נישט אַרויסגעגאַנגען פון איר צימער און האָט געוויינט. קאַטיעלע איז מיט איר געזעסן און איז אַרויס נאָר צו מיטאָג מיט עפּעס אַ באַליידיקטן אויסדרוק פון געזיכט, וועלכן זי האָט באַשיינפּערלעך איבערגענומען פון דער מוטער; ליובעלע, פאַרקערט, איז געווען זייער פריילעך און האָט צו מיטאָג געזאָגט, אַז זי ווייסט אַן אויסגעצייכנטן סוד, וועלכן זי וועט פונדעסטוועגן קיינעם נישט דערציילן.

— ס'איז קיין שום אויסגעצייכנטס נישטאָ אין דיין סוד, — האָט איר וואָלאָדיע געזאָגט, נישט נעמענדיק קיין אָנטייל אין איר פאַרגעניגן: — ווען דו וואָלסט געקאָנט טראַכטן וועגן עפּעס ערנסט, וואָלסטו פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז, פאַרקערט, זייער שלעכט.

ליובעלע האָט מיט פאַרוווּנדערונג אויפמערקזאַם אַ בליק געטון אויף אים און איז אַנטשוויגן געוואָרן.

נאָך מיטאָג האָט וואָלאָדיע מיך געוואָלט נעמען פאַר דער האַנט, נאָר דערשראָקן זיך, מסתּמא, אַז דאָס וועט ענלעך זיין צו צערטלעכקייט, האָט ער מיר נאָר אָנגערירט אַן עלנבויגן און אַ ווונק געטון אויפן זאַל.

— דו ווייסט, וועגן וואָס פאַר אַ סוד ליובעלע האָט גערעדט? —

האָט ער צו מיר געזאָגט, נאָכדעם ווי ער האָט זיך איבערצייגט, אַז מיר זענען אַליין.

איך האָב זעלטן גערעדט מיט וואָלאָדיען אויג אויף אויג וועגן ערנסטע זאַכן, אַזוי אַז ווען דאָס האָט געטראָפן, האָבן מיר געשפּירט עפּעס אַ קעגנזייטיקע נישט-היימלעכקייט, און אין די אויגן האָבן בײַ אונז אָנגעהויבן שפּרינגען יינגעלעך, ווי וואָלאָדיע פּלעגט זאָגן. אָבער איצט אַלס ענטפער אויף דער שעמעוודיקייט, וואָס עס האָט זיך אויסגע- דריקט אין מיינע אויגן, האָט ער שאַרף און ערנסט ווייטער געקוקט מיר אין די אויגן מיט אַן אויסדרוק, וועלכער האָט גערעדט: „דאָ איז נישטאָ וואָס צו שעמען זיך, פּאַרט זענען מיר ברידער, און מיר דאַרפן זיך באַראַטן צווישן זיך וועגן אַ וויכטיקער משפּחה-אָנגעלעגנהייט". איך האָב אים פאַרשטאַנען, און ער האָט ווייטער גערעדט:

— דער פּאַפּאַ האָט חתונה מיט דער עפּיפאַנאָוו, דו ווייסט?

איך האָב אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, ווייל איך האָב שוין געהערט וועגן דעם.

— דאָס איז דאָך נישט גוט, — האָט וואָלאָדיע ווייטער געזאָגט.

— פאַרוואָס עפּעס?

— פאַרוואָס? — האָט ער געענטפערט מיט פאַרדראָס; — עס איז זייער אָנגענעם צו האָבן אַזאַ מין פעטער אַ שטאַמלער אַ פּאָלקאָווניק און די גאַנצע משפּחה. אגב ווייזט זי גאָר איצט אויס אַ גוטע און גאָר- נישט, אָבער ווער ווייסט, וואָס עס וועט זיין. פאַר אונדז, אמת, איז דאָס אַלצאיינס, אָבער ליובעלע וועט דאָך איינגיכן דאַרפן אַרויספאָרן אין דער וועלט. מיט אַזאַ belle mère איז נישט זייער אָנגענעם. זי רעדט אפילו פראַנצויזיש שלעכט, און וואָס פאַר אַ מאַנירן קאָן זי זי אויסלערנען. אַ פּוֹאַסאַרדקע און מער גאָרנישט, — האָט וואָלאָדיע געענדיקט, קענטיק זייער צופרידן מיט דעמדאָזיקן נאָמען „פּוֹאַסאַרדקע"*).

ווי משונה מיר איז נישט געווען צו הערן, וואָס וואָלאָדיע אורטיילט אַזוי רויק וועגן דעם פּאַפּאַס אויסוואַל, האָט דאָך אויסגעוויזן, אַז ער איז גערעכט.

— טאָ וואָס-זשע האָט דער פּאַפּאַ חתונה? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס איז אַ טונקעלע געשיכטע, דאָס גוטע יאָר ווייסט זיי.

---

*) אַ פּראָסטע פרוי, אַ מאַרקהענדלערין.

איך ווייס נאָר, אַז פּיאָטר וואַסיליטש האָט אים איינגערעדט חתונה האָבן, האָט געפּאָדערט; אַז דער פּאַפּאַ האָט נישט געוואָלט, און נאָכדעם איז אים געקומען אַ פאַנטאַזיע, עפּעס אַ ריטערלעכקייט; — אַ טונקעלע געשיכטע. ערשט איצט האָב איך אָנגעהויבן פאַרשטיין דעם פאָטער, — האָט וואָלאָדיע ווייטער גערעדט (דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט פאָטער און נישט פּאַפּאַ, האָט מיר דערלאַנגט אַ ווייטיקדיקן שטאָך): — ער איז אַ פּראַכטפולער מענטש, אַ גוטער און אַ קלוגער, נאָר אַזאַ לייכטזיניקייט און פוסטקייט... דאָס איז וווּנדערלעך! ער קאָן נישט גלייכגילטיק זעען אַ פרויענצימער. דו ווייסט דאָך, אַז נישטאָ קיין פרוי, וואָס ער זאָל קענען און וואָס ער זאָל זיך אין איר נישט פאַרליבן. דו ווייסט, מימי דאָך אויך.

— וואָס רעדסטו!

— איך זאָג דיר, איך האָב מיך נישט לאַנג דערוווּסט, ער איז געווען פאַרליבט אין מימי, ווען זי איז געווען יונג, האָט איר געשריבן לידער און עפּעס איז צווישן זיי פאָרגעקומען. מימי ליידט עד היום. און וואָלאָדיע האָט זיך פונאַנדערגעלאַכט.

— ס'קאָן נישט זיין! — האָב איך געזאָגט אַ פאַרוווּנדערטער.

— נאָר דער עיקר, — האָט וואָלאָדיע ווייטער געזאָגט, צוריק ווערנדיק ערנסט און פּלוצלינג אָנגעהויבן רעדן אויף פראַנצויזיש, — אונזער גאַנצער משפּחה ווי אָנגענעם וועט עס זיין אַזאַ חתונה! און זי וועט דאָך מסתּמא האָבן קינדער אויך.

מיך האָט אַזוי איבערראַשט וואָלאָדיעס געזונטער פאַרשטאַנד און זיין פאָראויסזעען, אַז איך האָב נישט געוווּסט, וואָס צו ענטפערן.

אין דער רגע איז צו אונז צוגעגאַנגען ליובעלע.

— ווייסט איר שוין? — האָט זי געפרעגט מיט אַ פריילעך פּנים.

— יאָ, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט, — איך וווּנדער מיך נאָר, ליובעלע: דו ביסט דאָך שוין נישט קיין קינד אין די ווינקעלעך, וואָס־זשע איז באַ דיר פאַר אַ שמחה, וואָס דער פּאַפּאַ האָט חתונה מיט עפּעס אַ פּאַסקודסטווע?

ליובעלע האָט פּלוצלינג געמאַכט אַן ערנסט פּנים און האָט זיך פאַרטראַכט.

— וואָלאָדיע! פאַרוואָס עפּעס אַ פּאַסקודסטווע? ווי וואַגסטו אַזוי

צו רעדן וועגן אוודאָטיע וואסיליעוונען? וויבאַלד אַז דער פּאַפּאַ האָט מיט איר חתונה, הייסט עס, אַז זי איז נישט קיין פּאַסקודסטווע.

— יאָ, נישט קיין פּאַסקודסטווע. איך האָב אַזוי נאָר געזאָגט, אָבער פונדעסטוועגן...

— קיין „פונדעסטוועגן", — האָט ליובעלע איבערגעשלאָגן, צעהיצנדיק זיך, — איך האָב נישט געזאָגט, אַז עס איז אַ פּאַסקודסטווע די פריילין, אין וועלכער דו ביסט פאַרליבט; ווי־זשע קאָנסטו רעדן וועגן דעם פּאַפּאַ און וועגן אַן אויסגעצייכנטער פרוי? כאָטש דו ביסט אַן עלטערער ברודער, נאָר דו רעד מיר נישט, דו טאָרסט נישט רעדן.

— פאַרוואָס־זשע טאָר מען נישט אורטיילן וועגן...

— מען טאָר נישט אורטיילן, — האָט ווידער ליובעלע איבערגעשלאָגן, — מען טאָר נישט אורטיילן וועגן אַזאַ פאָטער, ווי אונזערער. מימי מעג אורטיילן, אָבער נישט דו, אַן עלטערער ברודער.

— ניין, דו פאַרשטייסט נאָך גאָרנישט, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט פאַראַכטלעך, — דו פאַרשטיי, ווי דאָס איז גוט, וואָס עפּעס אַן עפּיפאַנאָוו דוניעטשקע וועט דיר פאַרבייטן די maman, די זעליקע?

ליובעלע איז אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן און פּלוצלינג זענען בײַ איר טרערן אַרויסגעטרעטן אויף די אויגן.

— איך האָב געוווסט, אַז דו ביסט אַ בעל־גאווה, איך האָב אָבער נישט געטראַכט, אַז דו קאָנסט זיין אַזאַ שלעכטער. — האָט זי געזאָגט און איז אַוועק פון אונז.

— אין בולקע, — האָט וואָלאָדיע געזאָגט, מאַכנדיק אַ קאָמישערנסט פּנים און טריבע אויגן. — גיי אָט, רעד מיט זיי, — האָט ער ווייטער געזאָגט, גלייך ווי אויפוואַרפנדיק זיך, וואָס ער האָט זיך אַזוי פאַרגעסן, אַז ער האָט זיך באַשלאָסן אַראָפּצולאָזן זיך ביז אַ געשפּרעך מיט ליובעלען.

אויפן צווייטן טאָג איז דאָס וועטער געווען שלעכט, און סיי דער פּאַפּאַ, סיי די דאַמען זענען נאָך נישט אַרויס צו טיי, ווען איך בין אַריין אין גאַסטזאַל. באַדערנאַכט איז געווען אַ האַרבסטיק קאַלט רעגנדל, איבערן הימל זענען געלאָפן די רעשטן פון דער כמאַרע, וועלכע האָט זיך באַדערנאַכט אויסגעגאָסן, און דורך וועלכע עס האָט געשיינט נישט העל די אַנגעמערקטע מיט אַ העלן קרייז, שוין גאַנץ הויך שטייענדיקע זון. עס איז געווען ווינטיק, פייכט און גרוילעך. די טיר אין סאָד אַריין איז געווען אָפן. אויף דער שוואַרצגעוואָרענער פון דער פייכטקייט פּאָד

לאָגע פון דער טעראַסע האָבן זיך געטרוקנט די קאַלוזשעס פון דעם באַנאַכטיקן רעגן. די אָפענע טיר האָט זיך פון דעם ווינט געריסן אויף דעם אייזערנעם קייטל, די סטעזשקעס זענען געווען נאַסע און שמוציקע; די אַלטע בערעזעס — מיט אָפּגעהוילטע ווייסע צווייגן, די קוסטעס און דאָס גראָז, — די קראָפּעווע, די סמאָראָדענע, מיט אויסגעקערטע אויף דער בלאַסער זייט בלעטער, האָבן זיך געוואָרפן אויף איין אָרט און, ס'האָט אויסגעוויזן, זיי האָבן געוואָלט אָפּרייסן זיך פון די וואָרצלען. פון דער ליפּאָווער אַלעע האָבן זיך דרייענדיק און איבעריאָגנדיק איינע די אַנדערע, געטראָגן געלע קיילעכיקע בלעטער און, פאַרנעצט ווערנדיק, געלייגט אויף דעם פייכטן וועג, און אויף דעם פייכטן טונקל גרינעם גראָז פון דער לאָנקע. מיינע געדאַנקען זענען געווען פאַרנומען מיט דער קינפטיקער חתונה דעם פאָטערס, טראַכטנדיק פון דעם שטאַנדפּונקט, פון וועלכן עס האָט אויף איר געקוקט וואָלאָדיע. די צוקונפט פון דער שוועסטער, פון אונז און פון פאָטער גופא האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט גאָרנישט גוט. עס האָט מיך אויפגעבראַכט דער געדאַנק, וואָס אַ זייטיקע, אַ פרעמדע און דערהויפּט אַ יונגע פרוי וועט, נישט האָבנדיק דערויף קיין רעכט, פלוצלינג פאַרנעמען אין פיל הינזיכטן דאָס אָרט — וועמענס? — אַ פּשוטע יונגע פריילין, און זי וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער געשטאָרבענער מאַמעשי! עס איז מיר געווען טרויעריק, און דער פאָטער האָט מיר אויסגעוויזן אַלץ מער און מער שולדיק. אין דער רגע האָב איך דערהערט זיינע און וואָלאָדיעס שטימען, ווי זיי האָבן גערעדט אין דעם אָפיציאַנטן-צימער. איך האָב נישט געוואָלט זען דעם פאָטער אין דער רגע, און בין אַוועק פון דער טיר. נאָר ליובעלע איז נאָך מיר געקומען און האָט געזאָגט, אַז דער פאַפאַ רופט מיך.

ער איז געשטאַנען אין גאַסטזאַל, אָנגעשפּאַרט מיט דער האַנט אויף דעם פאָרטעפּיאַן און אומגעדולדיק און צוזאַמען פייערלעך געקוקט אין מיין זייט. אויף זיין געזיכט איז שוין נישט געווען יענער אויסדרוק פון יונגקייט און פון גליק, וועלכן איך האָב אויף אים באַמערקט די גאַנצע צייט. ער איז געווען טרויעריק. וואָלאָדיע איז מיט דער ליולקע אין דער האַנט אַרומגעגאַנגען איבערן צימער. איך בין צוגעגאַנגען צום פאָטער און האָב מיך מיט אים געגריסט.

— נו, מיינע פריינט, — האָט ער געזאָגט אַנטשלאָסן, אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, און מיט יענעם באַזונדערן גיכן טאָן, מיט וועלכן מען רעדט זאַכן באַשיינפערלעך אומאָנגענעמע, נאָר וועלכע עס איז שוין,

שפעט צו אורטיילן, — איר ווייסט, מיין איך, אַז איך האָב חתונה מיט אוודאָטיע וואַסיליעווגען. — ער האָט אַ ביסל געשוויגן. — איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט חתונה האָבן נאָך אייער maman, נאָר... — ער האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ רגע, — נאָר... נאָר אַפּנים אַזוי איז באַשערט. דוניעלע איז אַ גוטע, אַ ליב מיידל און שוין נישט זייער קיין יונגע. איך האָף, איר וועט זי ליב קריגן, קינדער, און זי האָט אייך שוין ליב מיטן גאַנצן האַרץ, זי איז אַ ווילע. איצט איז אייך, — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו מיר און צו וואָלאָדיען, און גלייך ווי איילנדיק זיך צו רעדן, כּדי מיר זאָלן נישט באַווייזן אים איבערצושלאָגן, — איז אייך שוין צייט צו פאָרן, און איך וועל דאָ פאַרבלייבן ביז ניי-יאָר, און כ'וועל קומען קיין מאָסקווע, — ער האָט זיך ווידער פאַרשטאַמלט, — שוין מיט דעם ווייב און מיט ליובעלען. — מיר האָט אָנגעהויבן ווייי צו טון, קוקנדיק אויפן פאָטער. וואָס האָט גלייך ווי זיך געשראָקן און ווי שולדיק געווען אַנטקעגן אונז, איך בין צוגעגאַנגען צו אים נענטער, נאָר וואָלאָדיע האָט אַלץ גערייכערט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און איז אַרומגעגאַנגען איבערן צימער.

— אַזוי איז דאָס, מיינע פריינט, אָט וואָס אייער אַלטער האָט אויסגעטראַכט, — האָט דער פּאַפּאַ געענדיקט, רויט-ווערנדיק, אונטערהוסטנדיק און דערלאַנגענדיק מיר און וואָלאָדיען די הענט. טרערן זענען בײַ אים געווען אויף די אויגן, ווען ער האָט דאָס געזאָגט, און די האַנט, וועלכע ער האָט דערלאַנגט וואָלאָדיען, וועלכער איז דעמאָלט געווען אויף דער אַנדערער זייט צימער, האָב איך באַמערקט, האָט אַ ביסל געציטערט. דאָס אויסזעען פון דערדאָזיקער ציטערדיקער האַנט האָט מיך מיט ווייטיק געשראָפן, און עס איז מיר געקומען אַ מאָדנער געדאַנק, וועלכער האָט מיך נאָך מער גערירט. אַז דער פּאַפּאַ האָט געדינט אין 12-טן יאָר און איז געווען, ס'איז באַוווסט, אַ מוטיקער אָפיציר. איך האָב פאַרהאַלטן זיין גרויסע אָדערדיקע האַנט און האָב זי אַ קוש געטון. ער האָט שטאַרק אַ דריק געטון מיינע און, פלוצלינג אַ כליפּע געטון פון טרערן, האָט ער מיט ביידע הענט גענומען ליובעלען פאַר איר שוואַרץ קעפּל און אָנגעהויבן קושן זי אין די אויגן. וואָלאָדיע האָט זיך געמאַכט, פלומרשט בײַ אים איז אַרויסגעפאַלן די ליולקע און, אַנגעבויגן זיך, האָט ער שטילינקערהייט אויסגעווישט די אויגן מיט דער פויסט און, סטאַרענדיק זיך נישט באַמערקט צו זיין, איז ער אַרויס פון צימער.

XXXVI.

דער אוניווערזיטעט

די חתונה האָט געדאַרפט פאָרקומען אין צוויי וואָכן אַרום; נאָר אונזערע לעקציעס האָבן זיך אָנגעהויבן און איך מיט וואָלאָדיען זענען אין אָנהייב סעפטעמבער אַרויסגעפאָרן קיין מאָסקווע. די נעכליודאָווס האָבן זיך אויך אומגעקערט פון דאָרף. דמיטרי (מיט וועלכן מיר האָבן זיך באַם שיידן געגעבן אַ וואָרט, מיר זאָלן איינער צו דעם אַנדערן שרייבן בריוו, און מיר האָבן, פאַרשטייט זיך, קיין איין מאָל נישט גע-שריבן) איז גלייך געקומען צו מיר, און מיר האָבן באַשלאָסן, אַז ער וועט מיך אויף מאָרגן אָוועקפירן דאָס ערשטע מאָל אין דעם אוניווער-זיטעט אויף די לעקציעס.

עס איז געווען אַ העלער זוניקער טאָג.

ווי נאָר איך בין אַריין אין דער אודיטאָריע, האָב איך דערפילט, ווי מיין פערזענלעכקייט ווערט פאַרשוווּנדן אין דערדאָזיקער מאַסע יונגע פרייַלעכע פנימער, וועלכע באַוועגט זיך איבער אַלע טירן און קאָרידאָרן אויף דער העלער זונשיין, וואָס דרינגט אַריין דורך די גרויסע פענצטער. דאָס געפיל פון פילן זיך פאַר אַ מיטגליד פון דער גרויסער געזעלשאַפט איז געווען זייער אָנגענעם. נאָר פון דער גאַנצער מענגע פנימער זענען נישט פיל געווען מיר באַקאַנטע, און מיט די איז אויך די באַקאַנטשאַפט געווען באַגרענעצט מיט אַ שאָקל מיטן קאָפּ און מיט די ווערטער: „גוט מאָרגן, אירטיעניעוו!" אָבער אַרום מיר האָט מען איינע די אַנדערע גע-דריקט די הענט, מען האָט זיך געשטופּט; ווערטער פון פריינטשאַפט, שמייכלען, גינציקייט, קאַטאָוועסלעך האָבן זיך געשאָטן פון אַלע זייטן. איך האָב אומעטום געפילט דעם בונד, וואָס פאַראייניקט גאָר דידאָזיקע יונגע געזעלשאַפט, און איך האָב געפילט מיט טרויער, אַז דערדאָזיקער בונד האָט עפּעס מיך אויסגעמיידט. אָבער דאָס איז געווען אַן איינדרוק נאָר אויף אַ רגע. צוליב אים און דעם פאַרדראָס, וואָס ער האָט געבוירן, האָב איך, פאַרקערט, אפילו באַלד איינגעפונען, אַז עס איז זייער גוט,

וואָס איך געהער נישט צו דער גאַנצער געזעלשאַפט, וואָס איך דאַרף האָבן מיין קרייזל, מענטשן אַנשטענדיקע, און איך האָב מיך אוועקגע-זעצט אויף דער דריטער באַנק, ווו עס זענען געזעסן גראַף ב., באַראָן ז., פירשט ר., איווין און אַנדערע הערן פון דעם זעלבן מין, וואָס פון זיי בין איך באַקאַנט געווען מיט איווינען און מיט גראַף ב. אָבער אויך די־דאָזיקע הערן האָבן אויף מיר געקוקט אַזוי, אַז איך האָב מיך געפילט נישט גאָר אָנגעהעריק צו זייער געזעלשאַפט. איך האָב אָנגעהויבן צוקוקן מיך צו אַלץ, וואָס עס קומט פאָר ארום מיר. סעמיאָנאָוו מיט זיינע צעפּאַטלטע גרויע האָר און מיט די ווייסע ציין, אין אַ פונאַנדערגעשפּי-ליעטן סורדוט, איז געזעסן נישט ווייט פון מיר און האָט, אָנגעשפּאַרט זיך אויפן עלנבויגן, געביסן די פעדער. דער גימנאַזיסט, וואָס האָט אויס-געהאַלטן אַלס ערשטער דעם עקזאַמען, איז געזעסן אויף דער ערשטער באַנק, אַלץ פאַרבונדן די באַק מיט אַ שוואַרץ האַלזטוך, און האָט געשפּילט מיט דעם זילבערנעם שליסעלע פון זייגער אויף דעם אַטלעסענעם זשילעט. איקאָנין, וועלכער איז טאַקע פאַרט אָנגעקומען אין אוניווערזיטעט, האָט, זיצנדיק אויף דער אייבערשטער באַנק אין בלויע הויזן מיט אַ קאַנט, וועלכע האָבן פאַרדעקט דעם גאַנצן שטיוול, ראַהאָטשעט און געשריגן, אַז ער איז אויפן פּאַרנאַס. אילינקע, וועלכער האָט זיך צו מיין ווונדער נישט נאָר קאַלט, נאָר אפילו מיט פאַראַכטונג געגריסט, גלייך ווי וועלנ-דיק דערמאָנען אָן דעם, אַז דאָ זענען מיר אַלע גלייך, איז געזעסן פון פאָרנט פריער פאַר מיר, און, אַוועקגעשטעלט באַזונדער הפקרדיק זיינע מאָגערע פיס אויף דער באַנק (ווי מיר האָט אויסגעוויזן אויף מיין חשבון), האָט ער גערעדט מיט אַן אַנדערן סטודענט און צייטנווייז געוואָרפן בליקן אויף מיר. לעבן מיר האָט איווינס חברה גערעדט פראַנצויזיש. די־דאָזיקע הערן האָבן מיר אויסגעוויזן זייער נאַריש. יעדעס וואָרט, וואָס איך האָב געהערט פון זייער שמועס, האָט מיר אויסגעזעען נישט נאָר זינלאָז, נאָר נישט רעגלמעניק, פשוט נישט פראַנצויזיש (ce n'est pas français, האָב איך מיר געזאָגט אין געדאַנק), און די פּאָזעס, די רעדעס און די מעשים סעמיאָנאָווס, אילינקעס און פון אַנדערע האָבן מיר אויס-געוויזן נישט איידל, נישט אַנשטענדיק נישט „comme il faut".

איך האָב נישט געהערט צו קיין חברה און, פילנדיק זיך איינזאַם און אומפעיק צו דערנעענטערן זיך, בין איך געווען ברוגז. איין סטודענט אויף דער באַנק אַקעגן מיר האָט געביסן די נעגל, וועלכע זענען אַלע געווען אין רויטע אָפּגעשטאָנענע הייטלעך, און דאָס האָט מיר אויסגעוויזן

אַזוי עקלהאַפט, אַז איך האָב מיך אפילו איבערגעזעצט אויף אַ ווייס אַרט. אויף דער נשמה אָבער, געדענק איך, איז מיר דעמדאָזיקן ערשטן טאָג געווען זייער אומעטיק.

ווען עס איז אַריין דער פּראָפעסאָר און אַלע, אַ ריר טוענדיק זיך, זענען אַנטשוויגן געוואָרן, געדענק איך, אַז איך האָב אויך אויפן פּראָפעסאָר פאַרשפּרייט מיין סאַטירישן בליק, און מיך האָט איבערראַשט דאָס, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט אָנגעהויבן די לעקציע מיט אַ זייטיקער פראַזע, וועלכע האָט, לויט מיין מיינונג, נישט געהאַט קיין טעם. איך האָב געוואָלט, אַז די לעקציע פון אָנהייב ביזן סוף זאָל זיין אַזאַ קלוגע, אַז מען זאָל פון איר נישט קאָנען אַרויסוואַרפן און צו איר נישט קאָנען צוגעבן קיין איין וואָרט נישט. אַנטוישט זיך אין דעם, האָב איך תּיכּף אויפן אָרט אונטער דעם קעפּל „די ערשטע לעקציע“, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אין אַ שיין געבונדענעם העפט, וואָס איך האָב מיט זיך געבראַכט, אָנגעצייכנט אַכצן פּראָפילן, וועלכע זענען געווען פאַריינ׳לקט אין איין קרייז אין דער פאָרם פון אַ בלימל, און כ׳האָב נאָר זעלטן געפירט מיט דער האַנט איבערן פּאַפּיר, כּדי דער פּראָפעסאָר (וועלכער האָט זיך, בין איך געווען זיכער, שטאַרק אינטערעסירט מיט מיר) זאָל מיינען, אַז איך פאַרשרייב. באַשלאָסן אויף דערדאָזיקער לעקציע טאַקע, אַז פאַרשרייבן אַלץ, וואָס יעדער פּראָפעסאָר וועט רעדן, דאַרף מען נישט, און ס׳וואָלט אפילו געווען נאַריש, האָב איך מיך געהאַלטן פאַר דעם כּלל ביזן סוף פונעם קורס.

אויף די ווייטערדיקע לעקציעס האָב איך שוין נישט אַזוי שטאַרק געפילט די איינזאַמקייט, כ׳האָב מיך באַקענט מיט אַ סך, געדריקט די הענט, געשמועסט, נאָר צווישן מיר און די חברים, איז קיין עכטע דערנענטערונג פונדעסטוועגן צוליב עפּעס נישט אַנטשטאַנען, און אָפט פלעגט מיר נאָך אין דער נשמה אויסקומען צו פילן אַן אומעטיקייט און מאַכן אַן אָנשטעל. מיט דער חברה פון איווין און פון די אַריסטאָקראַטן, ווי אַלע האָבן זיי גערופן, האָב איך מיך נישט געקאָנט באַפריינדן, מחמת איך בין געווען, לויט איך געדענק איצט, ווילד און גראָב מיט זיי, און האָב מיך געגריסט נאָר דעמאָלט, ווען זיי האָבן מיר געגריסט, און זיי האָבן אפּנים זייער ווייניק זיך גענייטיקט אין דער באַקאַנטשאַפט מיט מיר, מיט דער גרעסטער טייל אָבער איז עס פאָרגעקומען צוליב אַ גאַנץ אַנדערער סיבה. ווי נאָר איך האָב דערפילט, אַז אַ חבר האָט אָנגעהויבן ווערן מיט מיר פריינטלעך, האָב איך אים גלייך געלאָזט פילן, אַז איך

עס מיטאָג בײַ פּירשט איוואַן איוואַניטש און האָב אַ דראָזשקע. איך האָב דאָס אַלץ געראַדעט נאָר כּדי צו באַווײַזן זיך פון דער שענערער זײַט, און די חברים זאָלן מיך נאָך מער ליב קריגן דערפאַר, נאָר כמעט אַלע מאָל פלעגט, פאַרקערט, צוליב דער געמאָלדענער ידיעה וועגן מײַן קרובה־שאַפט מיט פּירשט איוואַן איוואַניטש און וועגן דער דראָזשקע, צו מײַן גרויס וווּנדער, דער חבר פלוצלינג ווערן מיט מיר שטאָלץ און קאַלט.

בײַ אונדז איז געווען אַ סטודענט אָפּעראָוו, וואָס האָט געלערנט אויף מלוכה־קאָסטן, אַ באַשיידענער, זייער אַ פּעיקער און אַ פלײַסיקער יונג־געראַמאַן, וועלכער האָט שטענדיק דערלאַנגט די האַנט, ווי אַ ברעטל, נישט צונויפבייגנדיק די פינגער און נישט מאַכנדיק מיט איר קיין שום באַוועגונג, אַזוי, אַז די חברים־לצים פלעגן אים אויך אַמאָל אַזוי דער־לאַנגען די האַנט און האָבן עס גערופן געבן „אַ ברעטעלע“. איך האָב מיך כמעט אַלע מאָל געזעצט לעבן אים און מיר האָבן אָפט געשמועסט. אָפּעראָוו איז מיר באַזונדער געפעלן געוואָרן מיט זײַנע פרײַע מיינונגען, וועלכע ער האָט אַרויסגעזאָגט וועגן די פּראָפעסאָרן. ער האָט זייער קלאָר און דײַטלעך באַשטימט די מעלות און די חסרונות פון דעם לערנען פון יעדן פּראָפעסאָר, און האָט אָפטמאָל אפילו געשמייכלט איבער זיי, וואָס עס האָט באַזונדער משונה און איבעראַשנדיק געווירקט אויף מיר. ער פלעגט עס זאָגן מיט זײַן שטילער שטימע, וועלכע פלעגט אַרויס פון זײַן קלײנינקן מײַלעכל. נישט געקוקט דערויף, האָט ער פונדעסטוועגן זאָר־געוודיק פאַרשריבן מיט זײַנע קלײנע אותיות אַלע לעקציעס אָן אויסנאַם. מיר האָבן שוין אָנגעהויבן ווערן חברים, האָבן באַשלאָסן גרייטן זיך צו־זאַמען, און זײַנע קלײנינקע גרויע קורצזיכטיקע אייגלעך האָבן שוין אָנ־געהויבן מיט פאַרגעניגן ווענדן זיך צו מיר, בעת איך פלעג קומען זעצן זיך אויף מײַן אָרט לעבן אים. אָבער איינמאָל אין אַ שמועס האָב איך געפונען פאַר נייטיק צו דערקלערן אים, אַז מײַן מאַמעשי האָט שטאַרבנ־דיק געבעטן דעם פאָטער, נישט אָפּצוגעבן אונדז אין קיין מלוכה־אַנ־שטאַלט, און אַז איך הייב מיך אָן איבערצוצייגן, אַז אַלע וואָס ווערן דערצויגן אויפן חשבון פון דער מלוכה, זענען אפשר טאַקע זייער געלערנטע, אָבער זיי זענען פאַר מיר... כלל נישט דאָס, ce ne sont pas des gens comme il faut, האָב איך געזאָגט שטאַמלענדיק און פילנדיק, אַז איך בין צוליב עפּעס רויט געוואָרן. אָפּעראָוו האָט מיר גאָרנישט נישט גע־זאָגט, נאָר אויף די ווײַטערדיקע לעקציעס האָט ער זיך דער ערשטער

מיט מיר נישט געגריסט, האָט מיר נישט דערלאַנגט זיין ברעטעלע, נישט גערעדט, און אַז איך פלעג מיך זעצן אויפן אָרט, פלעגט ער, מיט אַ זייט, אָנבייגנדיק דעם קאָפּ אויף אַ פינגער איבער דעם העפט, מאַכן זיך כלומרשט ער קוקט אין אים. איך האָב מיך געוואונדערט, וואָס אָפּעראָוו האָט זיך אָן אַ סיבה אָפּגעקילט. נאָר pour un jeune homme de bonne maison האָב איך געהאַלטן פאַר נישט אָנשטענדיק אונטערלעקן זיך צו אַ סטודענט אָפּעראָוו, וואָס לערנט זיך אויפן חשבון פון דער מלוכה, און האָב אים געלאָזט צורו, הגם, איך בין מיך מודה, זיין אָפּקילונג האָט מיר פאַרשאַפט טרויער. איינמאָל בין איך געקומען פריער פאַר אים, און היות ווי דאָס איז געווען אַ לעקציע פון אַ געליבטן פּראָפעסאָר, אויף וועלכער עס האָבן זיך צונויפגעקליבן אַלע סטודענטן, וועלכע האָבן נישט געהאַט די געוווינהייט צו קומען אַלעמאָל אויף די לעקציעס, און אַלע ערטער זענען געווען פאַרנומען, האָב איך מיך געזעצט אויף אָפּעראָווס אָרט, אַוועקגעלייגט אויפן שטענדער מיינע העפטן, און בין אַרויס. אומגעקערט זיך אין דער אוידיטאָריע, האָב איך דערזעען, אַז מיינע העפטן זענען אַריבערגעלייגט אויף דער הינטערשטער באַנק, און אָפּעראָוו זיצט אויף זיין אָרט. איך האָב אים געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז איך האָב דאָ אַוועקגעלייגט די העפטן.

— איך ווייס נישט, — האָט ער געענטפערט, פּלוצלינג רויט־ווערנדיק און נישט קוקנדיק אויף מיר.

— איך זאָג אייך, אַז איך האָב דאָ אַוועקגעלייגט די העפטן, — האָב איך געזאָגט, אָנהייבנדיק בכיוון צו העצן זיך, מיינענדיק, אַז איך וועל אים איבערשרעקן מיט מיין דרייסטקייט. — אַלע האָבן געזעען, — האָב איך צוגעגעבן, אַרומקוקנדיק זיך אויף די סטודענטן, נאָר כאָטש פיל האָבן מיט נייגיריקייט געקוקט אויף מיר, האָט דאָך קיינער נישט געענטפערט.

— דאָ קויפט מען קיין ערטער נישט אָפּ, און ווער עס איז געקומען פריער, יענער זעצט זיך, — האָט אָפּעראָוו געזאָגט, אין כעס פאַרריכטנדיק זיך אויפן אָרט און אויף אַן אויגנבליק אַ קוק געטון אויף מיר מיט אַן אויפגעבראַכטן בליק.

— דאָס באַטייט, אַז איר זענט אַ נישט אַרטיקער מענטש, — האָב איך געזאָגט.

דאַכט זיך, אַז אָפּעראָוו האָט עפּעס אַ מורמל געטון, דאַכט זיך אפילו, אַז ער האָט געזאָגט „און דו ביסט אַ נאַריש ייִנגל“, נאָר איך

האָב עס בפירוש נישט געהערט. און וואָס פאַר א נוצן וואָלט געווען, ווען איך וואָלט עס געהערט? זידלען זיך ווי עפּעס manants אַזוינע, מער גאָרנישט? (איך האָב זייער ליב געהאַט ס'דאָזיקע וואָרט manant*), און עס האָט מיר געדינט פאַר אַן ענטפער און פאַר אַ דערקלערונג פון פיל פאַרפּלאָנטערטע באַציונגען.) ס'קאָן זיין, איך וואָלט געזאָגט נאָך עפּעס, נאָר אין דער צייט האָט אַ קלאַפּ געטון די טיר, און דער פּראָפעסאָר אין אַ בלויען פראַק איז, באַגריסנדיק זיך, איילנדיק דורכגעגאַנגען צו דער קאַטעדרע.

פונדעסטוועגן, פאַר דעם עקזאַמען, ווען איך האָב געדאַרפט האָבן העפטן, האָט אָפּעראָוו, געדענקענדיק זיין צוזאָג, מיר פאָרגעלייגט זיינע און איינגעלאַדן גרייטן זיך צוזאַמען.

XXXVII.

האַרציקע ענינים

האַרציקע ענינים האָבן מיך דעם ווינטער אינטערעסירט זייער שטאַרק. איך בין געווען פאַרליבט דריי מאָל. איינמאָל האָב איך מיך ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין זייער אַ פולער דאַמע, וועלכע איז אין מיין אָנוועזנהייט געפאָרן אין פרייטאַגס מאַנעזש, צוליב וואָס איך פלעג יעדן דינסטיק און פרייטיק — די טעג, אין וועלכע זי פלעגט פאָרן — קומען אין מאַנעזש קוקן אויף איר, אָבער איך האָב יעדעס מאָל אַזוי מורא געהאַט, טאָמער וועט זי מיך דערזעען, און דעריבער פלעג איך מיך אַזוי ווייט פון איר שטעלן און אַזוי גיך אַנטלויפן פון דעם אָרט, וווּ זי האָט געדאַרפט דורכגיין, און מיך אַזוי נאַכלעסיק אָפּקערן, ווען זי האָט געקוקט אין מיין זייט, — אַז איך האָב אפילו נישט גוט געזעען איר פּנים,

*) אַ דאָרפסמאַן, אַ פויער.

און איך ווייס עד היום נישט, צי איז זי ווירקלעך געווען א שיינע, צי נישט.

געפינענדיק זיך איינמאָל אין מאַנעזש, ווו איך בין געשטאַנען באַהאַלטן הינטער די לאָקייען און די מאַנטלען, וואָס זיי האָבן געהאַלטן, און דערוויסנדיק זיך פון דמיטרין וועגן מיין ליידנשאַפט, האָט דובקאָוו, וועלכער איז באַקאַנט געווען מיט דערדאָזיקער דאַמע אַזוי איבערגעשראָקן מיך מיט דעם פאָרשלאַג באַקאַנט צו מאַכן מיך מיט דער אַמאַזאָנע, אַז איך בין פייל אויסן בויגן אַנטלאָפן פון מאַנעזש, און נאָר באַ דעם געדאַנק, אַז ער האָט איר דערציילט וועגן מיר, האָב איך מער נישט געוואַגט אַריינצוגיין אין מאַנעזש, אפילו צו די לאָקייען, מורא האָבנדיק זי צו באַגעגענען.

ווען איך בין געווען פאַרליבט אין אומבאַקאַנטע און דער עיקר חתונה געהאַטע כּרויען, פלעגט אויף מיר אָנפאַלן א שעמעוודיקייט, טויזנט מאָל שטאַרקער נאָך פאַר יענער, וואָס איך האָב איבערגעלעבט באַ סאָניעלען. מער פאַר אַלץ אין דער וועלט האָב איך מורא געהאַט, אַז מיין אָביעקט זאָל זיך נישט דערוויסן וועגן מיין ליבע און אפילו וועגן מיין עקזיסטענץ. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אויב זי האָט זיך דערוווסט וועגן דעם געפיל, וואָס איך שפּיר צו איר, וואָלט עס פאַר איר געווען אַזאַ באַליידיקונג, אַז זי וואָלט עס מיר קיינמאָל נישט מוחל געווען. און באמת, ווען דידאָזיקע אַמאַזאָנע וואָלט געוווּ געוווּסט, ווי קוקנדיק אויף איר פון הינטער די לאָקייען, האָב איך מיר פאָרגעשטעלט, אַוועקרויבנדיק זי, אָפּפירן אין דאָרף אַריין, און ווי איך וועל דאָרט מיט איר לעבן, און וואָס איך וועל דאָרט מיט איר טון, וואָלט זי זיך אפשר באמת זייער באַליידיקט. אָבער איך האָב מיר נישט געקאָנט קלאָר פאָרשטעלן, אַז קענענדיק מיך, האָט זי נאָך נישט געקאָנט פלוצלינג דערוויסן זיך אַלע מיינע געדאַנקען וועגן איר, און דעריבער איז גאָרנישט געווען מיאוס מיט איר פשוט צו באַקענען זיך.

א צווייט מאָל האָב איך מיך פאַרליבט אין סאָניעלען, ווען איך האָב זי דערזעען באַ דער שוועסטער. די צווייטע ליבע מיינע צו איר איז שוין לאַנג אַריבער, אָבער איך האָב מיך אין איר פאַרליבט א דריט מאָל צוליב דעם, וואָס ליובעלע האָט מיר געגעבן א העפטל מיט פערזן, וועלכע סאָניעלע האָט איבערגעשריבן. אין דעם העפט איז לערמאָנטאָווס „דעמאָן" אין פיל פינצטערע ליבע־ערטער געווען אונטערגעשטראָכן מיט רויטע טינט און פאַרלייגט מיט בלימעלעך. דערמאַנט זיך, ווי וואָלאָדיע

האָט פּאַריקעס יאָר געקושט דאָס טייסטערל פון זיין פריילין, האָב איך געפּרוּווט טון דאָס זעלבע, און ווירקלעך, אינאָונט, ווען איך האָב איינער אַליין אין מיין צימער גענומען טרוימען, קוקנדיק אויפן בלימל און צוליגנדיק עס צו די ליפּן, האָב איך דערפילט אַן אָנגענעם טרערנדיקע שטימונג און בין פון ס׳ניי געווען פאַרליבט, אָדער איך האָב אַזוי משער געווען אין אַ משך פון עטלעכע טעג.

ענדלעך דאָס דריטע מאָל פאַר דעמדאָזיקן ווינטער בין איך געווען פאַרליבט אין דער פריילין, אין וועלכער וואָלאָדיע איז געווען פאַרליבט און וועלכע פלעגט פאָרן צו אונז. אין דערדאָזיקער פריילין, לויט ווי איך דערמאָן מיך איצט, איז אַבסאָלוט גאָרנישט געווען קיין שיינס אַזוינס, וואָס איז מיר געוויינלעך געפעלן געווען. זי איז געווען די טאָכטער פון אַ באַרימטער מאָסקווער קלוגער און געלערנטער דאַמע, אַ קליינינקע, אַ דאַרינקע, מיט לאַנגע בלאָנדע ענגלישע לאָקאָנעס און מיט אַ דורכזיכטיקן פּראָפיל. אַלע האָבן געזאָגט, אַז דידאָזיקע פריילין איז קליגער און געלערנטער פאַר איר מוטער; נאָר איך האָב בשום אופן וועגן דעם נישט געקאָנט אורטיילן, ווייל פילנדיק עפּעס אַ קנעכטישע מורא באַ דעם געדאַנק וועגן איר שכל און געלערנטקייט, האָב איך נאָר איינמאָל מיט איר גערעדט, אי דאָס אויך מיט אַ שרעקלעכער ציטערניש. אָבער די אַנטציקונג פון וואָלאָדיען, וועלכער האָט זיך קיינמאָל נישט געשטערט פאַר די אַנוועזנדיקע מיט דעם אויסדרוק פון זיין אַנטציקן, האָט זיך מיר איבערגעגעבן מיט אַזאַ קראַפט, אַז איך האָב מיך ליידנשאַפטלעך פאַרליבט אין דערדאָזיקער פריילין. פילנדיק, אַז וואָלאָדיען וועט זיין אומאָנגענעם די ידיעה וועגן דעם, וואָס צוויי ברידערלעך זעענען פאַרליבט אין איין בתולה, האָב איך אים נישט דערציילט וועגן מיין ליבע. מיר אָבער, פאַרקערט, האָט אין דעם געפיל מער פאַר אַלץ פאַרשאַפט פאַרגעניגן דער געדאַנק, וואָס אונזער ליבע איז אַזוי ריין, אַז נישט געקוקט דערויף, וואָס איר אָביעקט איז דאָס זעלבע פּראַכטפולע וועזן, בלייבן מיר גוטע פריינט און זענען גרייט, אויב ס׳וועט זיך באַגעגענען אַ נויטווענדיקייט, מקריב זיין זיך איינער פאַר דעם אַנדערן. איבעריקנס, בנוגע דער גרייטקייט מקריב צו זיין זיך האָט וואָלאָדיע, דאַכט זיך, געהאַט נישט אינגאַנצן איין מיינונג מיט מיר, מחמת ער איז געווען פאַרליבט אַזוי ליידנשאַפטלעך, אַז ער האָט געוואָלט געבן אַ פּאַטש און אַרויסרופן אויף אַ דועל איינעם אַן אמתן דיפּלאָמאַט, וואָס מען האָט דערציילט, אַז ער דאַרף מיט איר חתונה האָבן. מיר אָבער

איז זייער לייכט געווען מקריב צו זיין מיין געפיל אפשר דערפאַר, וואָס דאָס איז נישט זייער שיין געווען, מחמת איך, האָב מיט דערדאָזיקער פריילין נאָר איין מאָל מליצהדיק גערעדט וועגן די מעלות פון דער געלערנטער מוזיק, און די ליבע מיינע, ווי איך האָב מיך נישט געסטאַרעט אונטערצוהאַלטן זי, איז זי דאָך די צווייטע וואָך פאַרבייגעגאַנגען.

XXXVIII.

די געזעלשאַפט

די וועלטלעכע פאַרגעניגנס, וואָס איך האָב, אַריינטרעטנדיק אין אוניווערזיטעט, געטרוימט זיי אָפּצוגעבן זיך, נאָכמאַכנדיק דעם עלטערן ברודער, האָבן מיך דעם ווינטער אינגאַנצן אַנטוישט. וואָלאָדיע האָט געטאַנצט זייער פיל. דער פּאַפּאַ פלעגט אויך פאָרן אויף בעלער מיט זיין יונגער פרוי; נאָר מיך האָט מען אפנים נאָך געהאַלטן פאַר אַ צו יונגן, אָדער פאַר נישט קיין פעיקן צו אַזעלכע פאַרגעניגנס, און קיינער האָט מיך נישט פאָרגעשטעלט אין די הייזער, וווּ מען האָט געמאַכט בעלער. נישט געקוקט אויף דער הבטחה פון אָפנהאַרציקייט מיט דמיטרין, האָב איך קיינעם נישט, און אים אויך נישט דערציילט וועגן דעם, ווי מיר האָט זיך געוואָלט פאָרן אויף בעלער, און ווי עס האָט מיר וויי געטון, און ווי עס איז מיר געווען פאַרדראָסיק, וואָס מען האָט אָן מיר פאַרגעסן און אפנים אויף מיר געקוקט, ווי אויף עפּעס אַ פילאָזאָף, פאַר וועלכן איך האָב מיך צוליב דעם אַרויסגעשטעלט.

אָבער דעם ווינטער איז געווען אַן אָוונט בײַ דער פירשטין קאָרנאַקאָוו. זי אַליין האָט אונדז אַלעמען איינגעלאַדן און צווישן אַנדערע מיך, און איך האָב דאָס ערשטע מאָל געדאַרפט פאָרן אויף אַ באַל. איידער מיר זענען אַרויסגעפאָרן, איז וואָלאָדיע אַליין געקומען צו מיר אין צימער און האָט געוואָלט זען, ווי איך וועל מיך אָנטון. מיך האָט זייער געוווּנדערט און צעטומלט דערדאָזיקער טאַט פון זיין זייט. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דער פאַרלאַנג צו זיין גוט אָנגעטון איז זייער אַ מיאוסער און אַז מ'דאַרף עס פאַרהוילן; ער אָבער, פאַרקערט, האָט דעמדאָזיקן

פאַרלאַנג געהאַלטן פאַר אַ נאַטירלעכן אין אַזאַ גראַד, אַז ער האָט גאַנץ אָפנהאַרציק געזאָגט, אַז ער האָט מורא, איך זאָל נישט פאַרשעמט ווערן. ער האָט מיך געהייסן אומבאַדינגט אָנטון לאַקירטע שיך, אויף אים איז אָנגעפאַלן אַ שרעק, אַז איך האָב געוואָלט אָנטון זעמשענע הענטשקעס, ער האָט מיר אָנגעטון דעם זייגער אויף עפּעס אַ באַזונדערן אופן און אוועקגעפירט אויף קוזניעצקי מאָסט צו אַ פריזירער. מען האָט מיך פאַרקרייזלט. וואָלאָדיע איז אָפּגעגאַנגען אויף הינטער און האָט אויף מיר אַ קוק געטון פון ווייטן.

— אָט, איצט איז גוט, נאָר צי דען קאָן מען נישט צוגלעטן דעם-דאָזיקן פוק האָר? — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו דעם פריזירער.

אָבער וויפיל m-r Charles האָט נישט געשמירט עפּעס מיט אַ קלעפּיקער עסענציע מיינע פּאַטלעס, האָבן זיי זיך אַלץ אויפגעהויבן, ווען איך האָב אָנגעטון דעם הוט, און בכלל האָט מיר מיין פאַרקרייזלטע פריזור אויסגעוויזן אַ סך ערגער, איידער פריער. איין רעטונג האָב איך געהאַט — אַפעקטירן נאַכלעסיקייט. נאָר אין אַזאַ אויסזען האָט מיין אויסערלעכקייט געהאַט עפּעס אַ פּנים.

וואָלאָדיע האָט, דאַכט זיך, אויך אַזוי געמיינט, ווייל ער האָט מיך געבעטן צעוואַרפן די קרייזלעך, און אַז איך האָב דאָס געטון, און ס'איז פאָרט געווען נישט גוט, האָט ער אויף מיר נישט געקוקט און דעם גאַנצן וועג ביז די קאָרנאַקאָווס איז ער געווען אַ שווייגנדיקער און אַן אומעטיקער.

צו די קאָרנאַקאָווס, צוזאַמען מיט וואָלאָדיען, בין איך אַריין דרייסט; נאָר ווען די פירשטין האָט מיך איינגעלאַדן טאַנצן, און איך, נישט געקוקט דערויף, וואָס איך בין געפאָרן דורכאויס מיט דעם געדאַנק צו טאַנצן זייער פיל, האָב צוליב עפּעס געזאָגט, אַז איך טאַנץ נישט, בין איך געוואָרן אָפּהענטיק, און, געבליבן אַליין צווישן אומבאַקאַנטע מענטשן, בין איך אַריינגעפאַלן אין דער געוויינלעכער, אומבאַזיגבאַרער, אַלץ וואַקסנדיקער שעמעוודיקייט. איך בין שווייגנדיק געשטאַנען אויף איין אָרט דעם גאַנצן אָוונט.

בשעת דעם וואַלס איז איינע פון די יונגע פירשטינס צוגעגאַנגען צו מיר און מיט דער אַלגעמיינער בא דער גאַנצער משפּחה אָפיציעלער פריינדלעכקייט, בא מיר געפרעגט: „פאַרוואָס טאַנץ איך נישט?“ איך געדענק, ווי איך בין אַ דערשראָקענער געבליבן פון דער פראַגע, נאָר

ווי צוזאַמען דערמיט האָט זיך גאָר אָן מיין ווילן דערצו, בײַ מיר אויפן געזיכט פונאַנדערגעלאָזט אַ זעלבסטצופרידענער שמייכל, און איך האָב אָנגעהויבן רעדן אויף פראַנצויזיש מיט אַ גאָר געהויבן לשון, מיט מאמרים מוסגרים, אַזאַ נאַרישקייט וואָס עס איז מיר נאָך אפילו איצט, נאָך אַ צייט פון צענדליקער יאָרן, מיאוס צו דערמאָנען זיך. מסתמא האָט אויף מיר געווירקט די מוזיק, וועלכע האָט אויפגערייצט מיינע נערוון און פאַרטומלט, ווי איך האָב געמיינט, די נישט גאָר פאַרשטענדלעכע טייל פון מיין רעדע. איך האָב גערעדט עפּעס וועגן דער העכערער געזעלשאַפט, וועגן דער פוסטקייט פון די מענטשן און פון די פרויען און לסוף האָב איך מיך אַזוי פאַרפּלאָנטערט, אַז איך האָב איבערגעריסן אויף אַ פערטל וואָרט פון עפּעס אַ פראַזע, וועלכע עס איז קיין מעגלעכקייט נישט געווען צו ענדיקן.

אפילו די וועלטלעכע לויטן שטאַם פירשטין איז צוערשט צעמישט געוואָרן און האָט מיט פאַרוואורף אויף מיר אַ בליק געטון, איך האָב געשמייכלט. אין דער קריטישער מינוט האָט וואָלאָדיע, וועלכער האָט באַמערקט, אַז איך רעד מיט היץ, מסתמא געוואָלט וויסן, ווי אַזוי קויף איך אין געשפּרעך אויס מיין זינד פון נישט טאַנצן, און ער איז צוגעגאַנגען צו מיר צוזאַמען מיט דובקאָוון. דערזעען מיין שמייכלענדיק פּנים און די דערשראָקענע מינע פון דער יונגער פירשטין, און דערהערט די שרעקלעכע נאַרישקייט, מיט וועלכער איך האָב געענדיקט, איז ער רויט געוואָרן און האָט זיך אָפּגעקערט. די פירשטין איז אויפגעשטאַנען און איז אַוועק פון מיר. איך האָב פונדעסטוועגן געשמייכלט, האָב אָבער אַזוי געליטן פון דעם באַוווסטזיין פון מיין נאַרישקייט, אַז איך בין גרייט געווען לעבעדיקערהייט צו באַגראָבן זיך אין דער ערד, און איך האָב געפילט, אַז איך מוז — וואָס עס זאָל נישט זיין — באַוועגן זיך און רעדן עפּעס, כדי ווי נישט איז צו ענדערן מיין לאַגע. איך בין צוגעגאַנגען צו דובקאָוון און האָב בײַ אים געפרעגט, צי האָט ער געטאַנצט אַ סך וואַלסן מיט א י ר. דאָס בין איך כלומרשט געווען שפּילעוודיק און פריילעך. נאָר אין תּוך גענומען האָב איך געבעטן אום הילף בײַ דעם זעלבן דובקאָוון, צו וועלכן איך האָב געשריגן: „שווייגט!" אויפן מיטאָג באַם יאַר. דובקאָוו האָט זיך געמאַכט, כלומרשט ער הערט מיך נישט, און האָט זיך אומגעקערט אין אַן אַנדערער זייט. איך האָב מיך צוגערוקט צו וואָלאָדיען און האָב געזאָגט מיט די לעצטע כּוחות, באַמיענדיק זיך צוצוגעבן מיין שטים א שפּאַסגדיקן טאָן: „נו. וואָס, וואָלאָדיע, אָ ז ג ע-

האָרעוועט זיך?" נאָר וואָלאָדיע האָט אויף מיר אַ קוק געטון אַזוי, גלייך ווי ער האָט מיר געוואָלט זאָגן: „דו רעדסט נישט אַזוי מיט מיר, ווען מיר זענען אַליין", און איז שווייגנדיק אָפּגעטרעטן פון מיר, אַפּנים אויס מורא, איך זאָל זיך נאָך צו אים נישט צוטשעפּען.

„גאָט מיינער, אפילו מיין ברודער פאַרלאָזט מיך!" האָב איך אַ טראַכט געטון.

פונדעסטוועגן האָט מיר עפּעס נישט געקלעקט קיין כוח אָפּצוקפּאָרן. איך בין ביזן סוף־אָוונט אָפּגעשטאַנען אויף איין אָרט, און ער׳ט דעמאָלט ווען, פונאַנדערפאָרנדיק זיך, האָבן זיך אַלע צונויפגעשפּאַרט אין פאָדערצימער, און דער לאָקיי האָט מיר אָנגעטון דאָס מאַנטל אויף דעם ברעג פון דעם הוט, אַזוי אַז דער הוט האָט זיך אויפגעהויבן, האָב איך מיך דורך טרערן קרענקלעך פונאַנדערגעלאַכט, און צו קיינעם באַזונדער נישט ווענדנדיק זיך פאָרט געזאָגט: "comme c'est gracieux".

XXXIX.

די הוליאַנקע

נישט געקוקט דערויף, וואָס אונטער דמיטריס השפּעה האָב איך מיך נאָך נישט איבערגעגעבן צו די סטודענטישע פאַרגעניגנס, וועלכע רופן זיך הוליאַנקעס, איז מיר שוין דעם ווינטער איינמאָל אויסגעקומען אָנטיילצונעמען אין אַזאַ שמחה, און איך האָב פון איר אַרויסגעטראָגן נישט גאָר קיין אָנגענעם געפיל. אָט ווי דאָס איז געווען.

אין אָנהייב יאָר האָט דער באַראָן ז., אַ הויכער, אַ בלאָנדער יונגערמאַן, מיט זייער אַן ערנסטן אויסדרוק פון רעגלמעסיקן געזיכט, אונדז אַלעמען איינגעלאַדן צו זיך אויף אַ חברשן אָוונט. אונדז אַלעמען, הייסט אַלע חברים מער אָדער ווייניקער comme il faut פון אונזער קורס, צווישן וועלכע עס זענען, פאַרשטייט זיך, נישט געווען נישט גראַפּ, נישט סעמיאָנאָוו, נישט צפּעראָוו, נישט קיינער פון די אַלע בראָסטינקע הערן. וואָלאָדיע האָט פאַראַכטלעך אַ שמייכל געטון, דערוויסנדיק זיך, אַז איך פאָר אויף אַ הוליאַנקע פון סטודענטן פון ערשטן קורס. אָבער איך האָב

דערוואַרט אַן אומגעוויינלעך און אַ גרויס פאַרגעניגן פון דעמדאָזיקן נאָך גאָר אומבאַקאַנטן צייט-פאַרווייַלן, און פונקט צו דער באַשטימטער צייט, אַכט דעם זייגער, בין איך געווען בייַ באַראָן ז.

דער באַראָן ז. האָט אין אַ פונאַנדערגעשפּיליעטן סורדוט און אין אַ ווייסן זשילעט אויפגענומען די געסט אין באַלויכטענעם זאַל און אין דעם גאַסטצימער פון נישט קיין גרויס הויז, אין וועלכן עס האָבן געוווינט זיינע עלטערן, וועלכע האָבן אים אויף דעם אָוונט פון דער פייערלעכקייט אָפּגעטרעטן די פּאַראַדנע צימערן. אין קאָרידאָר האָבן זיך געזען די קליידער און די קעפּ פון די נייגיריקע שטוב-מיידלעך, און אין בופעט-צימער האָט עטלעכע מאָל זיך געזען דאָס קלייד פון אַ דאַמע, וועלכע איך האָב אָנגענומען פאַר דער באַראָנעסע אַליין. געסט זענען געווען אַ מאַן צוואָנציק, אַ חוץ ה. פּראָסט, וועלכער איז געקומען צו פאָרן צוזאַמען מיט איווינען און מיט איינעם אַ רויטן, אַ הויכן ציווילן הער, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן מאָלצייט, און וועלכן מען האָט מיט אַלעמען באַקאַנט געמאַכט, אַלס דעם באַראָנס קרוב און געוועזענער סטודענט פון דאָרפּאַטער אוניווערזיטעט. די צו העלע באַלייכטונג און די געוויינלעכע סקאַרבאָווע באַפוצונג פון די פּאַראַדנע צימערן האָבן לכתחילה געווירקט אַזוי אָפּקילנדיק אויף דערדאָזיקער גאַנצער יונגער געזעלשאַפט, אַז אַלע האָבן נישט ווילנדיק זיך געהאַלטן בייַ די ווענטלעך, חוץ אייניקע מוטיקע און דעם דאָרפּאַטער סטודענט, וועלכער האָט שוין פונאַנדערגעשפּיליעט דעם זשילעט, און, דאַכט זיך מיר, געפונען זיך אין איינער און דערזעלביקער צייט אין יעדן צימער און אין יעדן ווינקל פון יעדן צימער און, דאַכטזיך, אָנגעפילט דאָס גאַנצע צימער מיט זיין קלינגענדיקן, אָנגענעמען, נישט אָנטשוויגן-ווערנדיקן טענאָר. די חברים אָבער האָבן מערער געשוויגן, אָדער באַשיידן געשמועסט וועגן פּראָפעסאָרן, וויסנשאַפטן, עקזאַמענס, בכלל וועגן ערנסטע און נישט אינטערעסאַנטע זאַכן. אַלע אָן אויסנאַם האָבן געוואָרפן בליקן אויף דער טיר פונם בופעט-צימער, און הגם זיי האָבן זיך געמיט צו פאַרבאָרגן עס, האָבן זיי געהאַט דעם אויסדרוק פון געזיכט, ווי זיי וואָלטן גערעדט: „וואָס-זשע וועט זיין, ס'וואָלט שוין צייט געווען אָנצוהייבן". איך האָב אויך געפילט, אַז ס'וואָלט שוין צייט געווען אָנצוהייבן, און כ'האָב געוואַרט אויפן אָ נ ה י י ב מיט אומגעדולדיקער פרייד.

נאָך דער טיי, וועלכע די לאָקייען האָבן צוגעטראָגן די געסט, האָט דער דאָרפּאַטער סטודענט אויף רוסיש געפרעגט בייַ פּראָסטן:

— די קאָנסט מאַכן פונש, פּראָסט?

— O ja! — האָט פראָסט געענטפערט, טרייסלענדיק מיט די ליטקעס, נאָר דער דאָרפּאַטער סטודענט האָט ווידער אויף רוסיש צו אים געזאָגט:

— טאָ נעם זיך צו דער אַרבעט (זיי זענען געווען אויף „דו", אַלס חברים פון דאָרפּאַטער אוניווערזיטעט), — און פראָסט האָט, מאַכנדיק גרויסע טריט מיט זיינע אויסגעבויגענע מוסקולדיקע פיס, אָנגעהויבן איבערצוגיין פון גאַסטצימער אין בופעט, פון בופעט אין גאַסטצימער, און באַלד האָט זיך אויפן טיש באַוויזן אַ גרויסע זופּ־שיסל מיט אַ צענפונטיקן קאָפּ צוקער, וואָס איז אויף איר געשטאַנען אויף דריי איבערגעקרייצטע סטודענטישע שפּאַגעס. באַראָן ז. איז דעמאָלט אָן אויפהער געגאַנגען צו אַלע געסט, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט אין גאַסטזאַל, קוקנדיק אויף דער זופּ־שיסל, און מיט אַ תמיד ערנסט פּנים געזאָגט אַלעמען כמעט איינע און די זעלבע זאַך: „לאָמיר, מיינע הערן, אויסטרינקען אַלע אויפן סטודענטישן שטייגער אין קרייז אויף ברודערשאַפט, וואָרים אַזוי איז גאָר נישטאָ קיין חברשאַפט באַ אונז אויפן קורס. שפּיליעט זשע זיך פונאַנדער, אָדער נעמט גאָר אַראָפּ, אָט אַזוי ווי ער". ווירקלעך, אַראָפּגענומען דעם סורדוט און פאַרקאַשערט די ווייסע אַרבל פון דעם העמד העכער פאַר די ווייסע עלנבויגנס און אַנטשלאָסן פונאַנדערגעשטעלט די פיס, האָט דער דאָרפּאַטער סטודענט שוין אונטערגעצונדן דעם ראָם אין דער זופּ שיסל.

— מיינע הערן! לעשט די ליכט, — האָט פּלוצלינג אַ געשריי געטון דער דאָרפּאַטער סטודענט אַזוי פיל און הויך, ווי מען וואָלט געקאָנט אַ געשריי טון נאָר דעמאָלט, ווען מיר אַלע וואָלטן געשריגן. אָבער מיר אַלע האָבן שטילשווייגנדיק געקוקט אויף דער זופּ־שיסל און אויף דעם ווייסן העמד פון דעם דאָרפּאַטער סטודענט, און אַלע האָבן געפילט, אַז עס איז אָנגעקומען אַ פייערלעכע מינוט.

— Löschen sie die Lichter aus, Frost! — האָט ווידער דער דאָרפּאַטער סטודענט אויסגעשריגן שוין אויף דייטש, מסתמא ווייל ער איז געווען שוין צופיל צעהיצט.

פראָסט און מיר אַלע האָבן אָנגעהויבן לעשן די ליכט. אין צימער איז געוואָרן פינצטער, בלויז די ווייסע אַרבל און די הענט, וועלכע האָבן אונטערגעהאַלטן דעם קאָפּ־צוקער אויף די שפּאַגעס, זענען געווען באַלויכטן מיט אַ בלוילעכן פלאַם. דעם דאָרפּאַטער סטודענטס הויכער טענאָר איז שוין נישט געווען קיין איינזאַמער, מחמת אין אַלע ווינקלען פון דעם

צימער האָט מען אָנגעהויבן רעדן און לאַכן. אַ סך האָבן אַראָפּגענומען די סורדוטן (דער עיקר יענע, וועלכע האָבן געהאַט דינע און אינגאַנצן פּרישע העמדער). איך האָב געטון דאָס זעלבע, און כ'האָב פֿאַרשטאַנען, אַז עס האָט זיך אָנגעהויבן. הגם קיין פֿריילעכס איז נאָך נישט געווען, בין איך דאָך געווען פֿעסט זיכער, אַז עס וועט פּונקטעסטוועגן זיין אויסגעצייכנט, בשעת מיר אַלע וועלן אויסטרינקען צו גלעזער פֿון דער משקה, וואָס עס גרייט זיך.

די משקה איז פֿאַרטיק געוואָרן. דער דאָרפּאַטער סטודענט האָט, שטאַרק טריפֿנדיק אויפֿן טיש, פֿונאַנדערגעגאָסן דעם פּונש אין די גלעזער און אָנגעהויבן צו שרייען: „נו, איצט, מיינע הערן, הייבן מיר אָן". ווען יעדער פֿון אונז האָט גענומען אין האַנט אַ פֿול קלעפּיק גלאָז, האָבן דער דאָרפּאַטער סטודענט מיט פֿראָסטן אָנגעהויבן זינגען אַ דייטשיש ליד, אין וועלכן עס האָט זיך אָפֿט איבערגעחזרט דער אויסגעשריי „יוכע!" מיר אַלע האָבן נישט צום טאַקט אָנגעהויבן זינגען מיט זיי, גענומען קלאַפּן זיך מיט די גלעזלעך, שרייען עפּעס, לויבן דעם פּונש און איינער מיט דעם אַנדערן אַריבער די הענט און פּשוט טרינקען די זיסע און שטאַרקע פֿליסיקייט. איצט איז שוין נישט געווען אויף וואָס צו וואַרטן, די הוליאַנקע איז געווען אין סאַמע ברען. איך האָב שוין אויסגעטרונקען אַ גאַנץ גלאָז פּונש, מען האָט מיר אָנגעגאָסן אַן אַנדערס, אין די שלייפֿן האָט בא מיר געקלאַפּט, דאָס פֿייער האָט מיר אויסגעוויזן אַ בלוט־רויטס, אַרום מיר האָט אַלץ געשריגן און געלאַכט, פּונקטעסטוועגן האָט נישט נאָר נישט אויסגעוויזן פֿריילעך, נאָר איך בין אפֿילו געווען זיכער, אַז אי מיר, אי אַלעמען איז געווען לאַנגווייליק, און אַז איך און אַלע האָבן בלויז צוליב עפּעס געהאַלטן פֿאַר נייטיק צו מאַכן זיך, כלומרשט עס איז זייער פֿריילעך. נישט געמאַכט זיך האָט אפֿשר נאָר דער דאָרפּאַטער סטודענט: ער איז אַלץ מער און מער געוואָרן רויט און אומעטום דאָ, האָט אַלעמען דערגאָסן אין די פּוסטע גלעזער, און אַלץ מער און מער פֿאַרגאָסן דעם טיש, וועלכער איז אינגאַנצן געוואָרן אַ זיסער און אַ קלעפּיקער. איך געדענק נישט וואָס און ווי עס האָט פּאַסירט לויטן סדר, אָבער איך געדענק, אַז אין דעם אָוונט האָב איך ליב געהאַט דעם דאָרפּאַטער סטודענט און פֿראָסטן, האָב געלערנט אויף אויסנווייניק אַ דייטשיש ליד און זיי ביידע געקושט אין די ליפּן. איך געדענק אויך, אַז דעם אָוונט האָב איך פֿיינט געהאַט דעם דאָרפּאַטער סטודענט און אים געוואָלט געבן מיט אַ שטול, נאָר איך האָב מיך איינגעהאַלטן. איך געדענק, אַ חוץ יענעם גע-

פיל פון אומגעהאַרכזאמקייט פון אַלע אברים, וואָס איך האָב געהאַט אין דעם טאָג, בעת מיר האָבן געגעסן מיטאָג באַם יאַר, האָט באַ מיר אין דעם אָוונט אזוי ווי געטון דער קאָפּ, אַז איך האָב שרעקלעך מורא געהאַט, כ'זאָל די זעלביקע רגע נישט שטאַרבן. איך געדענק אויך, אַז מיר האָבן צוליב עפּעס אַלע זיך געזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, געמאַכט מיט די הענט, נאָכמאַכנדיק די באַוועגונג פון רודער און געזונגען „וניז פּאָ מאַטושקע פּאָ וואָלגע" און אַז איך האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז מען וואָלט עס גאָרנישט באַדאַרפט צו טון. איך געדענק אויך, אַז ליגנדיק אויף דער פּאָדלאָגע, האָב איך, איינטשעפּענדיק זיך אַ פוס אין אַ פוס, געקעמפט אויף ציגיינעריש, עמעצן געלאָזט אויסלינקען דעם נאַקן, און אַ טראַכט געטון, אַז דאָס וואָלט נישט געשעען, ווען כ'וואָלט נישט געווען שיכור. איך געדענק נאָך, אַז מען האָט געגעסן אָוונטברויט און געטרונקען עפּעס אַנדערש, אַז איך בין אַרויס אין הויף אָפּפרישן זיך און אין קאָפּ איז מיר געווען קאַלט, און אַז אַוועקפאָרנדיק האָב איך באַמערקט, ווי עס איז געווען שרעקלעך פינצטער, אַז דאָס טרעפּל פון דער דראָזשקע איז געוואָרן אַ משופּעדיקס און אַ גליטשיקס, און פאַר קוזמען האָט מען זיך נישט געקאָנט אָנהאַלטן, מחמת ער איז געוואָרן שוואַך און האָט זיך געוואַקלט ווי אַ שמאַטע; נאָר דער עיקר געדענק איך, אַז אין משך פון דעם גאַנצן אָוונט, האָב איך אָן אויפהער געפילט, אַז איך טו זייער נאַריש, מאַכנדיק דעם אָנשטעל, כלומרשט מיר איז פריילעך, כלומרשט איך האָב זייער ליב פיל צו טרינקען, און כלומרשט איך האָב אפילו נישט בדעה געהאַט צו זיין שיכור, און כ'האָב אָן אויפהער געפילט, אַז אויך אַנדערע טוען נאַריש, וואָס זיי מאַכן דעם אָנשטעל. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז יעדן באַזונדער איז געווען אומאָנגענעם, ווי מיר, נאָר מיינענדיק, אַז אַזאַ אומאָנגענעם געפיל האָט נאָר ער אַליין, האָט יעדער געהאַלטן פאַר זיין חוב צו מאַכן זיך פאַר אַ פריילעכן, כדי נישט צו צעשטערן די אַלגעמיינע פריילעכקייט. חוץ דעם — ס'איז מאָדנע צו דערציילן, — האָב איך זיך געהאַלטן מחויב צו מאַכן דעם אָנשטעל שוין דערפאַר, וואָס אין דער זופּ־שיסל האָט מען אַריינגעגאָסן דריי פלאַש שאַמפּאַניער צו צען רובל און צען פלאַש ראָם צו פיר רובל, וואָס עס מאַכט אויס בסך הכל זיבעציק רובל חוץ דעם אָוונטברויט. איך בין אַזוי געווען איבערצייגט אין דעם, אַז דעם צווייטן טאָג אויף די לעקציעס האָט מיך אויסערגעוויינלעך פאַרוואונדערט דאָס, וואָס די חברים מיינע, וועלכע זענען געווען אויף דעם אָוונט פון באַראָן ז., האָבן זיך נישט

נאָר נישט געשעמט דערמאָנען אָן דעם, וואָס זיי האָבן דאָרט געטון, נאָר זיי האָבן דערציילט וועגן דעם אָוונט אַזוי, אַז אַנדערע זאָלן הערן. זיי האָבן געזאָגט, אַז עס איז געווען אַן אויסגעצייכנטע הוליאַנקע, אַז די דאָרפּאַטער זענען כוואַטעס אויף אַזעלכע זאַכן, און אַז דאָרט האָט מען אויף צוואַנציק מאַן אויסגעטרונקען פערציק פלאַש ראָם, און אַז אַ כך זענען ווי טויטע געבליבן ליגן אונטער די טישן. איך האָב נישט געקאָנט פאַרשטיין, צוליב וואָס האָבן זיי נישט נאָר דערציילט, נאָר אפילו געלייקנט וועגן זיך

XL.

די פריינטשאַפט מיט די נעכליודאָווס

דעם זומער האָב איך מיך זייער אָפט געזען נישט נאָר מיט דמיטרין אַליין, וועלכער פלעגט אָפטמאָל קומען צו אונז, נאָר אויך מיט זיין גאַנצער משפחה, מיט וועלכער איך האָב מיך אָנגעהויבן צו באַפריינדן.

די נעכליודאָווס — די מוטער, די מומע און די טאָכטער — פלעגן אַלע אָוונט זיין אינדערהיים, און די פירשטין האָט ליב געהאַט, אַז אינאָוונט זאָל צו איר קומען יוגנט, מאַנסבילן פון דעם מין, וואָס קאָנען, ווי זי פלעגט זאָגן, פאַרברענגען דעם גאַנצן אָוונט אָן קאָרטן און אָן טענץ. נאָר מסתמא זענען אַזעלכע מאַנסבילן געווען ווייניק, מחמת איך, וואָס פלעג פאָרן צו זיי כמעט יעדן אָוונט, האָב זעלטן באַגעגנט בא זיי געסט. איך בין געוווינט געוואָרן צו די מענטשן פון דער משפחה, צו זייערע פאַרשידענע שטימונגען, האָב מיר שוין געשאַפן אַ קלאָרן באַגריף וועגן זייערע קעגנזייטיקע באַציונגען, בין צוגעוווינט געוואָרן צו די צימערן און צום מעבל, און ווען קיין געסט זענען נישט געווען, האָב איך מיך געפילט אינגאַנצן פריי, חוץ יענע פאַלן, ווען איך בין געבליבן אַליין אין צימער מיט וואַרעקען. מיר האָט זיך אַלץ געדאַכט, אַז ווי נישט זייער קיין שיין מיידל, וואָלט זי זייער וועלן, איך זאָל מיך אין איר פאַרליבן. אָבער אויך דידאָזיקע שעמעוודיקייט האָט

אָנגעהויבן צו פאַרשווינדן. זי האָט אַזוי נאַטירלעך געמאַכט אַזאַ פּנים, אַז איר איז אַלצאיינס געווען מיט וועמען צו רעדן, מיט מיר, מיטן ברודער, אָדער מיט ליובאָוו סערגעיעווּנען, אַז איך האָב אויך איבערגע-נומען די רגילות צו קוקן אויף איר פּשוט, ווי אויף אַ מענטש, פאַר וועלכן עס איז קיין חרפּה און קיין געפאַר נישט אַרויסצווייזן דאָס פאַר-בעניגן, וואָס מען האָט פון זיין געזעלשאַפט. פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט איר, האָט זי מיר אויסגעוויזן — ווי אַ טאָג — אַמאָל זייער נישט קיין שיינע, אַמאָל נישט זייער קיין מיאוס מיידל, נאָר איך האָב זיך אַפילו קיין איינציק מאָל נישט געפרעגט בנוגע צו איר: איך בין פאַרליבט, אָדער נישט. מיר פלעגט אויסקומען צו רעדן צו איר דירעקט, נאָר אָפטער פלעג איך מיט איר רעדן, ווענדנדיק אין איר אַנוועזנהייט מיינע רייד צו ליובאָוו סערגעיעווּנען, אָדער צו דמיטרין, און דערדאָזיקער לעצטער אופן איז מיר זייער געפעלן געווען. איך האָב געפילט אַ גרויס פאַרגעניגן צו רעדן אין איר אַנוועזנהייט, הערן ווי זי זינגט און בכלל וויסן, אַז זי איז דאָ אין דעם זעלבן צימער, אין וועלכן איך בין געווען; נאָר דער געדאַנק וועגן דעם, ווי וועלן שפּעטער זיין מיינע באַציונגען מיט וואַרענקען, און די טרוימען וועגן זעלבסטאָפּפערונג לטובת מיין פריינט, אויב ער וועט זיך פאַרליבן אין מיין שוועסטער, פלעגן מיר שוין זעלטן קומען אויפן זינען. אויב עס פלעגן מיר קומען אַזעלכע טרוימערייען און געדאַנקען, איז פילנדיק זיך צופרידן מיט דער קעגנוואַרט, האָב איך זיך אומבאַוווסטזיניק געמיט צו פאַרטרייבן דעם געדאַנק וועגן דער צוקונפט.

נישט געקוקט, פונדעסטוועגן, אויף דערדאָזיקער דערנענטערונג, האָב איך ווייטער געהאַלטן פאַר מיין אומבאַדינגטן חוב צו באַהאַלטן פון דער גאַנצער געזעלשאַפט פון די נעכליודאָווס און באַזונדערס פון וואַ-רענקען מיינע אמתע געפילן און נייגונגען, און האָב מיך באַמיט אַרויס-צווייזן זיך פאַר אַ יונגן מענטש, וועלכער איז גאָר אַנדערש, נישט ווי איך בין געווען אין דערווירקלעכקייט, און אַפילו פאַר אַזוינעם, אַ וועלכער עס האָט אין דער ווירקלעכקייט גאָרנישט געקאָנט זיין. איך האָב מיך געסטאַרעט אַרויסצווייזן זיך פאַר אַ ליידנשאַפטלעכן, האָב מיך אַנטציקט, געאַכקעט, געמאַכט ליידנשאַפטלעכע באַוועגונגען, ווען מיר איז עפּעס כּלומרשט זייער געפעלן געוואָרן. צוזאַמען דערמיט האָב איך מיך געמיט אַרויסצווייזן זיך פאַר אַ גלייכגילטיקן צו יעדן אומגעוויינלעכן צופאַל, וואָס איך האָב געזען, אָדער וועגן וועלכן מען האָט מיר דערציילט.

איך האָב מיך געסטאַרעט צו באַווייזן זיך אַלס בייזער אָפּשפּעטער, פאַר וועלכן ס'איז קיין הייליקס נישטאָ, און צוזאַמען דערמיט פאַר אַ פיינעם באַאָבאַכטער; איך האָב מיך געסטאַרעט צו באַווייזן זיך פאַר אַ לאָגישן אין אַלע מיינע מעשים, פאַר אַ פּינקטלעכן אין לעבן און צוזאַמען דערמיט פאַר אַזאַ, וואָס פאַראַכט יעדעס מאַטעריעלעס. איך קאָן דרייסט זאָגן, אַז איך בין געווען אַ סך אַ בעסערער אין דער ווירקלעכקייט, איידער יענץ משונהדיקע נפש, וואָס איך האָב געוואָלט פאָרשטעלן מיט זיך. נאָר פונדעסטוועגן האָבן מיך די נעכליודאָווס אפילו אַזאַ, ווי איך האָב מיך געמאַכט, אויך ליב געקריגן, און זיי האָבן צו מיין גליק, דאַכט זיך נישט געגלייבט מיינע אָנשטעלן. די איינציקע ליובאָוו סערגעיעוונע, וועלכע האָט מיך געהאַלטן פאַר דעם גרעסן עגאָיסט, גאָטלאָזן און אָפּשפּעטער, האָט, ווי מיר דאַכט זיך, מיך נישט ליב געהאַט. און זי האָט זיך, אָפט מיט מיר געאַמפּערט, איז געווען אין כעס און האָט אין מיר געשאָסן אירע אָפּגעריסענע, נישט געבונדענע פראַזן. נאָר דמיטרי איז אַלץ פאַרבליבן אין די זעלבע מאָדנע, מער איידער פרינציפּיעלע באַציונגען צו איר און האָט געזאָגט, אַז קיינער פאַרשטייט זי נישט, און אַז זי טוט אים אויסערגעוויינלעך פיל גוטס. זיין פריינטשאַפט מיט איר האָט פונקט אַזוי ווייטער געערגערט די גאַנצע משפחה.

איינמאָל האָט וואַרענקע, רעדנדיק מיט מיר וועגן דערדאָזיקער אומפאַרשטענדלעכער פאַר אונז אַלעמען נאָענטקייט, אַזוי געגעבן איר צו דערקלערן.

— דמיטרי איז אייגנליביק. ער איז צו שטאָלץ און, נישט געקוקט אויף זיין שכל, האָט ער זייער ליב מען זאָל אים לויבן און באַוווּנדערן, האָט ליב אַלע מאָל צו זיין דער ערשטער, און די מומינקע איז שטענדיק אין פאַרוווּנדערונג פאַר אים, און זי האָט נישט גענוג טאַקטישקייט, צו באַהאַלטן פון אים דידאָזיקע פאַרוווּנדערונג, און עס קומט אויס, אַז זי חנפעט אים, אָבער נישט געמאַכטערהייט, נאָר אויפריכטיק.

דערדאָזיקער אורטייל איז בא מיר געבליבן אין זכרון, און נאָכדעם, אַנאַליזירנדיק אים, האָב איך נישט געקאָנט נישט קיין טראַכט טון, אַז וואַרענקאַ איז זייער אַ קלוגע, און איך האָב זי מחמת דעם מיט פאַרגעניגן דערהויבן אין מיין מיינונג. אַזאַ מין דערהייבונג, אַלס רעזולטאַט פון דעם אַנטדעקטן אין איר שכל און אַנדערע מאָראַלישע מעלות, האָב איך געמאַכט כאָטש מיט פאַרגעניגן, אָבער מיט שטרענגער איינגעהאַלטנ-

קייט, און איך בין קיינמאָל נישט דערגאַנגען צו התפּעלות, צו דעם עקסטרעמען פּונקט פון דערדאָזיקער דערהייבונג. אַזוי איז געווען, ווען סאָפיע איוואַנאָוונע, וועלכע איז נישט מיד געוואָרן צו רעדן וועגן איר פּלימעניצע, האָט מיר דערציילט, ווי וואַרענקאַ האָט אין דאָרף, זייענדיק אַ קינד, מיט פיר יאָר צוריק אָפּגעגעבן אָן דער דערלויבעניש פון דער מוטער אַלע אירע קליידער און שיך די פּויערישע קינדער, אַזוי, אַז מען האָט זיי נאָכדעם געדאַרפט צוריק אָפּנעמען, האָב איך נאָך דעמ־דאָזיקן פאַקט נישט תיכּף אויפגענומען אַלס אַזעלכן, פאַר וועלכן זי פאַר־דינט די דערהייבונג אין מיין מיינונג, און איך האָב נאָך אין געדאַנק געלאַכט פון איר פאַר אַזאַ נישט פּראַקטישן בליק אויף זאַכן.

ווען בא די נעכליודאָווס זענען געווען געסט און צווישן אַנדערע אַמאָל וואָלאָדיע און דובקאָוו, האָב איך אייגנוויליק און מיט אַ געוויסן רויקן באַוווסטזיין פון אַ היימישן מענטש מיך דערווייטערט אין הינטער־גרונד, נישט גערעדט, און נאָר געהערט, וואָס אַנדערע רעדן. און אַלץ, וואָס אַנדערע האָבן גערעדט, האָט מיר אויסגעוויזן אַזוי אומגלייבלעך נאַריש, אַז איך האָב מיך אינערלעך געוווּנדערט, ווי קאָן אַזאַ קלוגע לאָגישע פרוי, ווי די פירשטין, און די גאַנצע לאָגישע משפּחה אירע הערן די־דאָזיקע נאַרישקייטן און ענטפערן אויף זיי. ווען מיר וואָלט דעמאָלט געקומען אויפן זינען צו פאַרגלייכן מיט דעם, וואָס אַנדערע האָבן גע־רעדט, דאָס, וואָס איך אַליין האָב גערעדט, ווען איך בין געווען אַליין, וואָלט איך מיך מסתמא קיין האָר נישט געוווּנדערט. נאָך ווייניקער וואָלט איך מיך געוווּנדערט, ווען איך וואָלט געגלייבט, אַז אונזערע היימיקע — אַוודאָטיע וואַסיליעוונע, ליובעלע און קאַטיעלע זענען געווען פּונקט אַזעלכע פרויען ווי אַלע, קיין האָר נישט נידעריקער פאַר אַנדערע, און כ'וואָלט מיך דערמאָנט, וואָס האָבן גאַנצענע אָוונטן גערעדט, פריי־לעך שמייכלענדיק, דובקאָוו, קאַטיעלע און אַוודאָטיע וואַסיליעוונע; ווי כּמעט יעדעס מאָל פלעגט דובקאָוו, צוטשעפּענדיק זיך צו עפּעס, מיט געפיל לייענען די פערזן „Au banquet de la vic infortunè convive"... אָדער פראַגמענטן פון „דעמאָן", און, בכלל, מיט וואָס פאַר אַ פאַרגעניגן און וואָס פאַר אַ פּוסטע זאַכן זיי פלעגן רעדן אין משך פון עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד.

פאַרשטייט זיך, אַז ווען עס זענען געווען געסט, פלעגט וואַרענקאַ אויף מיר ווייניקער אַכט לייגן, איידער ווען מיר פלעגן זיין אַליין — דעמאָלט איז שוין נישט געווען נישט קיין לייענען, נישט קיין מוזיק,

וועלכע איך האָב זייער ליב געהאַט צו הערן. שמועסנדיק מיט די געסט, פלעגט זי פאַר מיר פאַרלירן איר הויפּט פּראַכט — די רויִקע איבערגעלייגטקייט און די פּשטות. איך געדענק, ווי אירע שמועסן וועגן טעאַטער און וועגן וועטער מיט מיין ברודער וואָלאָדיען האָבן מיך משונה פאַרוואונדערט. איך האָב געוווּסט, אַז וואָלאָדיע האָט מער פאַר אַלץ אין דער וועלט אויסגעמיידט און געהאַסט באַנאַליטעטן, וואַרענקע פלעגט אויך אַלע מאָל לאַכן פון די געמאַכט-אינטערעסאַנטע שמועסן וועגן וועטער און אַ. וו., — פאַרוואָס זשע, צונויפגעקומען זיך אינאיינעם, האָבן זיי שטענדיק גערעדט די סאַמע אומדערטרעגלעכע באַנאַליטעטן, און גלייך ווי כּלומרשט שעמענדיק זיך איינער פאַר דעם אַנדערן? יעדעס מאָל נאָך אַזעלכע שמועסן פלעג איך שטילינקערהייט זיין בייז אויף וואַרענקען, אויף מאָרגן פלעג איך אָפּלאַכן פון די געוועזענע געסט, אָבער איך האָב געהאַט נאָך מער פאַרגעניגן צו זיין אַליין אין דעם משפּחה-קרייז פון די נעכליודאָווס.

ווי די מעשה זאָל נישט זיין, איך האָב אָנגעהויבן צו געפינען מער פאַרגעניגן צו זיין מיט דמיטרין אין דעם גאַסטצימער בא זיין מוטער, איידער מיט אים אַליין אויג אויף אויג.

XLI.

די פריינטשאַפט מיט נעכליודאָוון

גראָד אין דער צייט האָט זיך מיין פריינטשאַפט מיט דמיטרין געהאַלטן נאָר אויף אַ האָר. איך האָב שוין צו לאַנג אָנגעהויבן נאָכצוטראַכטן וועגן אים, כּדי נישט צו געפינען אין אים קיין פעלערן. נאָר אין דער ערשטער יוגנט ליבן מיר ליידנשאַפטלעך, און דעריבער נאָר מענטשן פולקאָמע. אָבער וויבאַלד עס הייבט ביסלעכווייז אָן קלענער צו ווערן דער נעפּל פון דער ליידנשאַפט, אָדער דורך אים הייבן זיך נישט אַליין פון זיך אָן דורכצוברייסן די העלע שטראַלן פונם פאַרשטאַנד, דערזעען מיר גלייך דעם אָביעקט פון אונזער ליידנשאַפט אין זיין עכטן

אויסזעען, מיט מעלות און מיט חסרונות; אייניקע חסרונות, ווי אַן אומ-
דערוואַרטע זאַך, וואַרפן זיך אונז גוזמאדיק אין די אויגן, דאָס געפיל
פון גלוסטונג צו בייקייט, און די האָפנונג, אַז פולקאָמהייט אין אַ צווייטן
מענטש איז נישט אוממעגלעך, טרייבן אונז נישט נאָר צו אָפּקילונג, נאָר
אפילו צו עקל-געפיל בנוגע צו דעם אָביעקט פון דער ליידנשאַפט, און
מיר וואַרפן אים אַן באַדויערן אוועק און לויפן פאָרויס זוכן נייע פול-
קאָמענהייט. אויב מיט מיר האָט עס נישט פּאַסירט בנוגע צו דמיטרין,
איז עס נאָר אַ דאַנק זיין איינגעשפּאַרטער, פּעדאַנטישער, מער פון קאָפּ
איידער פון האַרץ צוגעבונדנקייט, וועלכע דאָס געוויסן וואָלט מיך שוין
צופיל נישט געלאָזט פאַרראַטן. חוץ דעם האָט אונז נאָך פאַרבונדן אונזער
משונהדיקער פּרינציפּ פון אָפנהאַרציקייט. שיידנדיק זיך, וואָלטן מיר
צופיל מורא געהאַט איבערצולאָזן אין דער מאַכט איינער בײַ דעם אַנדערן
די אָנגעטרויטע, מיאוסע פאַר אונז, מאָראַלישע סודות. איבעריקנס, אונזער
פּרינציפּ פון אָפנהאַרציקייט האָט זיך שוין לאַנג, באַשײנפּערלעך פאַר
אונז, נישט אָפּגעהיטן. און אָפט פלעגט אונז שטערן און אַרויסרופן
צווישן אונז משונהדיקע באַציונגען.

בײַ דמיטרין פלעג איך דעם ווינטער כמעט אַלע מאָל, ווען איך
פלעג צו אים קומען, דערווישן זיין חבר פון אוניווערזיטעט, דער סטו-
דענט בעזאָבעדאָוו, מיט וועלכן ער האָט געאַרבעט צוזאַמען. בעזאָבעדאָוו
איז געווען אַ קליינינקער, אַ געשטופּלטער, אַ מאַגער מענטשל, מיט
פּיצינקע, אין זומערשפּרינקלעך איינגעדעקטע הענטלעך, און מיט גרויסע
נישט פאַרקעמטע געלע האָר, אַלע מאָל אַן אָרומגעריסענער, אַ שמוציקער,
נישט קיין געבילדעטער און אפילו אַ שלעכט אַרבעטנדיקער. די באַציונ-
גען פון דמיטרין צו אים, פּונקט אַזוי ווי צו ליובאָוו סערגעיעוונען,
זענען פאַר מיר געווען אומפאַרשטענדלעכע. די איינציקע סיבה, צוליב
וועלכער ער האָט אים געקאָנט אויסקלויבן פון אַלע חברים און באַפריינדן
זיך מיט אים, האָט געקאָנט זיין נאָר די, וואָס ערגער פאַר בעזאָבעדאָוון
לויטן אויסזען איז אין דעם גאַנצן אוניווערזיטעט קיינער נישט געווען.
נאָר אַפּנים דווקא דערפאַר איז דמיטרין אָנגענעם געווען אַלעמען אויף
צו להכעיס שענקען אים פריינטשאַפט. אין אַלע זיינע באַציונגען מיט
דעמדאָזיקן סטודענט האָט זיך אויסגעדריקט דאָסדאָזיקע שטאָלצע געפיל:
„אָט, הייסט עס, איז מיר אַלצאיינס, ווער איר זאָלט נישט זיין, פאַר

מיר זענען אַלע גלייך, און אַז איך האָב אים ליב, הייסט עס איז ער גוט".

איך האָב מיך געוווּנדערט, ווי איז אים נישט שווער כּסדר צו נייטן זיך, און ווי האָט דער אוּמגליקלעכער בעזאָבעדאָוו אויסגעהאַלטן זיין אומבאַקוועמע לאַגע. מיר איז זייער נישט געפעלן געווען דידאַזיקע פריינטשאַפט.

איינמאָל בין איך אינאָוונט געקומען צו דמיטרין, כּדי צוזאַמען מיט אים צו פאַרברענגען דעם אָוונט אין דעם גאַסטצימער בא זיין מוטער, שמועסן און הערן וואַרענקעס זינגען אָדער שפּילן; נאָר בעזאָבעדאָוו איז געזעסן אויבן. דמיטרי האָט מיר מיט אַ שאַרפן טאָן געענטפערט, אַז ער קאָן נישט אַראָפּגיין אונטן, ווייל, איך זע דאָך, בא אים זענען פאַראַן געסט.

— און וואָס איז דאָרט אַזוינס פרייליכס? — האָט ער צוגעגעבן — לאָמיר בעסער דאָ זיצן, פּלוידערן אַ ביסל. — הגם מיך האָט כּלל נישט באַצויבערט דער געדאַנק אָפּצוזיצן צוויי שעה מיט בעזאָבעדאָוון, האָב איך מיך נישט אַנטשלאָסן אייגער אַליין אַוועקצוגיין אין גאַסטזאַל און מיט פאַרדראָס אין דער נשמה אויף די שגעונות פון מיין פריינט, האָב איך מיך אַוועקגעזעצט אין אַ וויג-שטול און גענומען שווייגנדיק וויגן. מיר איז זייער פאַרדראָסיק געווען אויף דמיטרין און אויף בעזאָבעדאָוון דערפאַר, וואָס זיי האָבן בא מיר אָפּגענומען דאָס פאַרגעניגן צו זיין אונטן; איך האָב געוואַרט, ווען וועט שוין בעזאָבעדאָוו אַוועקגיין, און בין בייז געווען אויף אים און אויף דמיטרין, הערנדיק זייער שמועס שווייגנדיקערהייט. „זייער אַן אַנגענעמער גאַסט! זיץ מיט אים!" האָב איך געטראַכט, ווען דער לאַקיי האָט געבראַכט טיי, און דמיטרי האָט געמוזט אַמאָל פינף בעטן בעזאָבעדאָוון נעמען אַ גלאָז, ווייל דער שרעקעדיקער גאַסט האָט בא דעם ערשטן און צווייטן גלאָז געהאַלטן פאַר אַ חוב אָפּצוזאָגן זיך און רעדן: „געניסט אַליין". דמיטרי האָט זיך, באַשייגפערלעך, געצייט, פאַרווײַלט דעם גאַסט מיט אַ שמועס, אין וועלכן ער האָט אומזיסט עטלעכע מאָל אויף מיך געוואָלט אַריינציען. איך האָב פינצטער געשוויגן.

„נישטאָ וואָס צו מאַכן אַזא פּנים, אַז קיינער זאָל נישט וואַגן חושד צו זיין, אַז איך לאַנגווייליק מיך", האָב איך אין געדאַנק געווענדט צו דמיטרין, שווייגנדיק, גלייכמעסיק וויגנדיק זיך אויף דער שטול. איך האָב אַלץ מער און מער, מיט אַ געוויסן פאַרגעניגן, פונאַנדערגעלאָזט אין זיך

דאָס געפיל פון שטילער שנאה צו מיין פריינט. „אַט אַ שוטה, — האָב איך וועגן אים געטראַכט: — וואָלט געקאָנט אָנגענעם פאַרברענגען דעם אָוונט מיט די ליבלעכע קרובים, איז ניין, זיצט מיט דערדאַזיקער בהמה, און איצט גייט די צייט אַוועק, ס'וועט שוין זיין שפּעט צו גיין אין גאַסטצימער״, — און איך האָב פון הינטערן קאַנט פון דער שטול גע־וואָרפן בליקן אויף מיין פריינט. אי זיין האַנט, אי זיין פּאַזע, אי דער האַלז און דער עיקר די פּאַטילניצע און די קני האָבן מיר אויסגעוויזן אַזוי דערווידער און באַליידיקנדיק, אַז איך וואָלט מיט תענוג אין דער רגע אָפּגעטון אים עפּעס אפילו אַ גרויסע אומאָנגענעמלעכקייט.

לסוף איז בעזאָבעדאָוו אויפגעשטאַנען, אָבער דמיטרי האָט נישט געקאָנט תיכף אָפּלאָזן אַזאַ אָנגענעמען גאַסט; ער האָט אים פאַרגעלייגט נעכטיקן, אויף וואָס, בעזאָבעדאָוו האָט, צום גליק, נישט מסכים געווען און איז אַוועק.

באַגלייט אים, האָט זיך דמיטרי צוריקגעקערט און אַ ביסל זעלבסט־צופרידן שמייכלענדיק און רייבנדיק די הענט — מסתמא אויך דערפון, וואָס ער האָט אויסגעהאַלטן פּאַסאַן, אויך דערפון, וואָס ער איז סוף־כּל־סוף דערלייזט געוואָרן פון דעם אומעט, — האָט ער גענומען אַרומגיי־איבערן צימער, פון צייט־צו־צייט קוקנדיק אויף מיר. ער איז מיר געווען נאָך עקלהאַפטער. „ווי וואַגט ער אַרומצוגיין און שמייכלען?״ האָב איך געטראַכט.

— וואָס ביסטו ברוגז? — האָט ער פּלוצלינג געזאָגט, אָפּשטעלנ־דיק זיך אַנטקעגן מיר.

— איך בין גאָרנישט ברוגז, — האָב איך געענטפערט, ווי מען ענטפערט אַלעמאָל אין ענלעכע פאַלן, — נאָר מיר איז פאַרדראָסיק, וואָס דו מאַכסט אָן אָנשטעל אי פאַר מיר, אי פאַר בעזאָבעדאָוון, אי פאַר זיך אַליין.

— סאַראַ נאַרישקייט! איך מאַך קיינמאָל פאַר קיינעם נישט קיין אָנשטעל.

— איך פאַרגעס נישט אונזער פּרינציפּ פון אָפנהאַרציקייט, איך זאָג דיר גלייך, איך בין זיכער, — האָב איך געזאָגט, — אַז דיר איז דערדאָזיקער בעזאָבעדאָוו אַזוי אומדערטרעגלעך, ווי מיר, ווייל ער איז נאַריש, און גאָט ווייסט וואָס אַזוינס, נאָר דיר איז אָנגענעם צו שטאָלצירן פאַר אים.

— ניין! און ערשטנס איז בעזאָבעדאָוו אַ פיינער מענטש...

— און איך זאָג, אַז יאָ, ווייל איך ווייס עס פון זיך. — האָב איך געענטפערט מיט דער היץ פון איינגעהאַלטענעם פאַרדראָס און מיט דער גאַנצער אָפנהאַרציקייט, וועלנדיק אַנטוואָפענען אים. — איך האָב דיר געזאָגט און איך חזר דיר איבער, אַז מיר דאַכט זיך אַלע מאָל, אַז איך ליב יענע מענטשן, וואָס רעדן מיר אָנגענעמע זאַכן, און ווען איך קלויב מיך גוט פונאַנדער, זע איך, אַז קיין אמתע צוגעבונדקייט איז נישטאָ.

— ניין, — האָט דמיטרי ווייטער געזאָגט, מיט אַ צאַרנדיקער באַוועגונג פונם האַלדז פאַרריכטנדיק דאָס האַלדז-טיכל, — ווען איך ליב, קאָנען נישט קיין שבחים, נישט קיין זידלערייען ענדערן מיין געפיל.

— נישט אמת; איך האָב זיך דאָך פאַר דיר מודה געווען, אַז ווען דער פּאַפּאַ האָט מיך אָנגערופן שמוץ, האָב איך אַ געווויסע צייט אים פיינט געהאַט און געוואָלט, ער זאָל שטאַרבן, דו אויך אַזוי...

— רעד וועגן זיך. אַ גרויסער שאָדן, אויב דו ביסט אַזאַ...

— אדרבא, — האָב איך אויסגעשריגן, אַ שפּרונג טוענדיק פונ'ם שטול און מיט פאַרצווייפלטער מוטיקייט קוקנדיק אים אין די אויגן. — דאָס איז נישט גוט, וואָס די זאָגסט; צי דען האָסטו מיר נישט געזאָגט וועגן ברודער — איך דערמאָן דיר וועגן דעם נישט, ווייל דאָס וואָלט געווען אוממעגלעך, — צי דען האָסטו מיר נישט געזאָגט... און איך זאָג דיר, ווי איך פאַרשטיי דיך איצט...

און סטאַרענדיק זיך אַ שטאָך צו טון נאָך ווייטיקדיקער, איידער ער מיך, האָב איך אים געוואָמען דערווייזן, אַז ער האָט קיינעם נישט ליב, און אַרויסזאָגן אַלץ, וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך האָב אים רעכט אויפצוּוואַרפן. איך בין געווען זייער צופרידן מיט דעם, וואָס איך האָב אים אַרויסגעזאָגט אַלץ, נאָר פאַרגעסנדיק, אַז דער איינציקער מעגלעכער ציל פון דעמדאָזיקן אַרויסזאָגן, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, אַז ער זאָל זיך מודה זיין אין זיינע חסרונות, אין וועלכע איך האָב אים באַשולדיקט, האָט נישט געקאָנט דערגרייכט ווערן אין דערדאָזיקער רגע, ווען ער איז געווען צעהיצט. אָבער אין אַ רויקן צושטאַנד, בעת ער וואָלט זיך געקאָנט מודה זיין, האָב איך עס אים קיינמאָל נישט געזאָגט.

דאָס אַמפּעריי איז שוין אַריבער אין אַ מחלוקת, ווען דמיטרי איז פּלוצלינג אַנטשוויגן געוואָרן און פון מיר אַוועק אין אַן אַנדער צימער. איך האָב געפּרוווט גיין נאָך אים, רעדנדיק ווייטער, אָבער ער האָט מיר נישט געענטפערט. איך האָב געוווּסט, אַז בײַ אים אין דער רובריק פון זינד איז געווען פאַררעכנט אויך דאָס זײַן אַ כּעסן, און איצט האָט ער איבער זיך געטון אַ כּוח. איך האָב פאַרשאָלטן די גאַנצע רשימה זינע.

איז אָט צו וואָס עס האָט אונז געבראַכט אונזער כּלל: זאָגן איינער דעם אַנדערן אַלץ, וואָס מיר האָבן געפילט, און קיינעם אַ דריטן גאָרנישט רעדן איינער וועגן דעם אַנדערן. מיר זענען אָפטמאָל דערגאַנגען אין דעם קאָכן זיך אין דער אָפנהאַרציקייט ביז צו מודה זײַן זיך אין די סאַמע אומפאַרשעמטע זאַכן, אַנגעבנדיק צו אונזער חרפּה אַ השערה, אַ טרוים פאַר אַ פאַרלאַנג און אַ געפיל, ווי למשל דאָס, וואָס איך האָב אים איצט געזאָגט. און די דאָזיקע אָפנהאַרציקייט האָט נישט נאָר נישט שטײַפער געמאַכט דעם בונד, וואָס האָט אונז פאַראייניקט, נאָר זי האָט געטריקנט דאָס געפיל גופא. און האָט אונז געשיידט איינעם פונם צווייטן; אָבער איצט האָט אים די אייגנליבע נישט דערלאָזט מודה צו זײַן זיך אין דער סאַמער נישטיקער זאַך. אין דער היץ פון דער אַמפּעריי האָבן מיר אויסגענוצט דאָס געווער גופא, וואָס מיר האָבן פריער איינע די אַנדערע געגעבן, און וואָס האָט געשלאָגן מיט שרעקלעכער ווייטיק.

XLII.

די שטיפמוטער

נישט געקוקט דערויף, וואָס דער פּאַפּאַ האָט געוואָלט קומען מיט דעם ווייב קיין מאָסקווע ערשט נאָך ניי־יאָר, איז ער געקומען צו פאָרן אין אָקטאָבער, אין האַרבסט, בשעת עס איז נאָך געווען אַ גוטע יאַגד מיט הינט, דער פּאַפּאַ האָט געזאָגט, אַז ער האָט געענדערט זיין פּלאַן דערפאַר, וואָס זיין פּראָצעס האָט געדאַרפט פאָרקומען אין סענאַט. אָבער מימי האָט דערציילט, אַז אַוודאָטיע וואַסיליעווגע האָט אין דאָרף אַזוי זיך געלאַנגווייליקט, אַזוי אָפט גערעדט וועגן מאָסקווע און אַזוי געמאַכט זיך פאַר אַ קראַנקע, אַז דער פּאַפּאַ האָט באַשלאָסן צו דערפילן איר פאַרלאַנג.

— ווייל זי האָט אים קיינמאָל נישט ליב געהאַט און נאָר אָלעמען די אויערן פאַרקלונגען מיט איר ליבע, וועלנדיק חתונה האָבן מיט אַ רייכן מענטש, — האָט מימי צוגעגעבן, זיפצנדיק פאַרטראַכטערהייט, ווי זי וואָלט געזאָגט: „נישט דאָס וואָלטן פאַר אים געטון א י נ י ק ע מ ע נ ט ש ן, ווען ער וואָלט זיי געקאָנט אָפּשאַצן".

„איניקע מענטשן" זענען געווען אומגערעכט קעגן אַוודאָטיע וואַסיליעווגען; איר ליבע צום פּאַפּאַ, אַ ליידנשאַפטלעכע, אַ געטרייע, אַ זעלבסטאָפּפּערדיקע ליבע, האָט זיך געזעען אין יעדן וואָרט, בליק, באַוועגונג. נאָר אַזאַ ליבע האָט איר לגמרי נישט געשטערט צוזאַמען מיט דעם פאַרלאַנג נישט צו שיידן זיך מיט דעם פאַרגעטערטן מאַן, פאַרלאַנגען אַן אומגעוויינלעך טשיפּיקל פון געשעפט פון מאַדאַם אַנעט, אַ הוט מיט אַן אומגעוויינלעכער שטרויספּעדער און אַ בלוי־ווענעציאַניש סאַמעט קלייד, וואָס זאָל קונציק אַנטפּלעקן די שלאַנקע ווייסע ברוסט און די הענט, וועלכע זענען נאָך ביז איצט פאַר קיינעם נישט באַוויזן געוואָרן, חוץ פאַרן מאַן און פאַר די שטובמיידלעך. קאַטיעלע איז, פאַרשטייט זיך, געווען אויף דער זייט פון דער מוטער, און צווישן אונז מיט דער שטיפמוטער האָבן זיך תיכף איינגעשטעלט עפּעס משונהדיקע, קאַטאָוועסדיקע,

באַציונגען. ווי נאָר זי איז אַרויס פֿון דער קאַרעטע איז וואָלאָדיע, מאַכנ־דיק אַן ערנסט פּנים און טריבע אויגן, צוקלאַפּנדיק מיט די פֿיס און שאָקלענדיק זיך, צוגעגאַנגען אַ קוש טון איר אין האַנט און האָט גע־זאָגט גלייך ווי פֿאַרשטעלנדיק עמעצן:

— איך האָב דעם כּבֿוד גראַטולירן מיטן אָנקומען די ליבנסווירדיקע מאַמעשי און אַ קוש טון איר האַנט.

— אַ, ליבנסווירדיק זונדעלע! — האָט געזאָגט אַוודאָטיע וואַסי־ליעווגע, שמייכלענדיק מיט איר שיינעם איינטאָניקן שמייכל.

— פֿאַרגעסט נישט אויך אָן דעם צווייטן זונדעלע, — האָב איך געזאָגט, אויך קושנדיק איר די האַנט און אַליין פֿון זיך באַמיענדיק זיך איבערצונעמען וואָלאָדיעס אויסדרוק פֿון פּנים און פֿון דער שטים.

ווען מיר און די שטיפֿמוטער וואָלטן זיכער געווען אין דער קעגנזייטיקער צוגעבונדנקייט, וואָלט דערדאָזיקער אויסדרוק געקאָנט באַטייטן גרינגשעצונג צום אַרויסווייזן די סימנים פֿון ליבשאַפֿט; ווען מיר וואָלטן שוין געווען שלעכט געשטימט איינע קעגן די אַנדערע — איראָניע, אָדער פֿאַראַכטונג צו געקיצלטקייט, אָדער דעם פֿאַרלאַנג צו פֿאַרהוילן פֿון דעם אָנוועזנדיקן פֿאָטער אונזערע אמתע באַציונגען, און נאָך אַ סך אַנדערע געפֿילן און געדאַנקען. נאָר אין דעם געגעבענעם פֿאַל האָט דערדאָזיקער אויסדרוק, וואָס האָט זייער געשטימט מיט אַוודאָטיע וואַסיליעווגעס גייסט בסך הכּל גאָרנישט מיט מער נישט באַטייט און האָט נאָר באַהאַלטן די אָפּוועזנהייט פֿון וועלכע עס איז באַציונגען. איך האָב שפּעטער באַמערקט אויך אין אַנדערע משפּחות, ווען די מיטגלידער פֿילן פֿאָר, אַז די אמתע באַציונגען וועלן זיין נישט גאָר קיין גוטע, אַזאַ מין קאַטאָוועסדיקע, אונטערגעשטעלטע באַציונגען; און אָט די־אָ באַ־ציונגען זענען אַליין פֿון זיך פֿאַרבליבן צווישן אונז און אַוודאָטיע וואַסיליעווגען. מיר זענען כּמעט קיינמאָל פֿון זיי נישט אַרויס, מיר זענען אַלעמאָל געווען געמאַכט־דרך־ארצדיק מיט איר, גערעדט פֿראַנצויזיש, געמאַכט מיט די פֿיס און גערופֿן זי chére maman, אויף וואָס זי פֿלעגט שטענדיק ענטפֿערן מיט וויצעלעך פֿון דעם זעלביקן צאָרט און מיט אַ שיינעם איינאַרטיקן שמייכל. בלויז די קלאָגמוטער ליובעלע מיט אירע געבוזענע פֿיסלעך און תּמימותדיקע שמועסן האָט ליב געקריגן די שטיפֿמאַמע און האָט זייער נאַיוו און אָפּטמאָל אומגעשיקט געמיט זיך צו דערנענטערן זי מיט אונזער גאַנצער משפּחה; דערפֿאַר איז טאַקע ליובעלע געווען די איינציקע פּערזאָן אויף גאָר דער וועלט, צו וועלכער אַוודאָטיע

וואַסיליעוונע האָט, אַ חוץ איר ליידנשאַפטלעכער ליבע צום פּאַפּאַ, געהאַט כאָטש וויפיל נישט איז צוגעבונדנקייט. אַוודאָטיע וואַסיליעוונע האָט איר אַרויסגעוויזן אַן אַנטציקטע באַוווּנדערונג און אַ שרעקעדיקע אַכטונג, וועלכע איז פאַר מיר געווען אַ גרויס ווונדער.

אַוודאָטיע וואַסיליעוונע האָט די ערשטע צייט אָפטער ליב געהאַט, רופנדיק זיך שטיפמוטער, מרמז זיין אויף דעם, ווי אַלע מאָל קוקן די קינדער און די היימיקע שלעכט און נישט גערעכטיק אויף אַ שטיפמוטער און ווי שווער עס איז צוליב דעם איר לאַגע. נאָר פאַרויסזעענדיק די גאַנצע אומאָנגענעמלעכקייט פון דער דאָזיקער לאַגע, האָט זי גאָרנישט געטון, כדי אויסצומיידן זי: צולאַשטשען דעם, באַשענקען יענעם, נישט בורטשען, וואָס דאָס איז איר זייער לייכט געווען, מחמת זי איז פון דער נאַטור געווען נישט קיין פיל-פאָדערנדיקע און זייער אַ גוטע. און לא די וואָס זי האָט עס נישט געטון, נאָר, אדרבא, פאָרויסזעענדיק די גאַנצע אומאָנגענעמלעכקייט פון איר לאַגע, האָט זי זיך אָן אַן אָנפאַל געגרייט צו פאַרטיידיקונג, און מיינענדיק, אַז אַלע שטוביקע ווילן איר מיט אַלע מיטלען פאַרשאַפן אומאָנגענעמלעכקייטן און באַליידיקונגען, האָט זי אין אַלץ געזעען אַ כוונה, און האָט געהאַלטן, אַז דאָס פּאַסיקסטע פאַר איר איז ליידן שווייגנדיק, און, פאַרשטייט זיך, מיט איר גאָרנישט טון האָט זי נישט אַרויסגערופן קיין ליבשאַפט, נאָר אַרויסגערופן נישט געשטימטקייט צו זיך. חוץ דעם איז אין איר געווען אַזאַ אָפּוועזנהייט פון יענער און אונזער הויז אויסערגעוויינלעך אַנטוויקלטער פאַרשטייונג, וועגן וועלכער איך האָב שוין גערעדט, און אירע געוווינהייטן זענען געווען אַזוי קעגנזעצלעך צו די, וועלכע זענען איינגעוואָרצלט געווען בא אונז אין הויז, אַז דאָס אַליין האָט שוין שלעכט געווירקט אויף די באַציונגען צו איר. אין אונזער פּינקטלעכן, ציכטיקן הויז, האָט זי שטענדיק געוווינט, גלייך ווי זי וואָלט ערשט געקומען צו פאָרן, איז אויפגעשטאַנען און האָט זיך געלייגט אַמאָל שפּעט, אַמאָל פרי, דאָ איז זי אַרויסגעגאַנגען, דאָ נישט אַרויסגעגאַנגען צו מיטאָג, אַמאָל האָט זי געגעסן, אַמאָל נישט געגעסן אָוונטברויט, כמעט שטענדיק, ווען עס זענען נישט געווען קיין געסט, איז זי אַרויסגעגאַנגען אַ האַלבאַנגעטוענע, און זי האָט זיך נישט געשעמט פאַר אונז און אפילו פאַר דער דינערשאַפט צו באַווייזן זיך אין אַ ווייס אונטערקלייד און אַן אַרויפגעוואָרפענעם שאַל, מיט נאַקעטע הענט. לכתחילה איז די דאָזיקע איינפאַכקייט מיר געפעלן געוואָרן, אָבער באַלד דעם האָב איך זייער גיך, טאַקע

צוליב דערדאָזיקער איינפאַכקייט, פאַרלוירן די לעצטע אַכטונג, וואָס איך האָב צו איר געהאַט. נאָך מער משונה פאַר אונז איז געווען דאָס, וואָס אין איר זענען געווען פאַר געסט און אָן געסט צוויי גאַנץ פאַרשידענע פרויען: איינע פאַר געסט — אַ יונגע, אַ געזונטע און אַ קאַלטע שיינהייט, פראַכטפול אָנגעטון, נישט קיין נאַרישע, נישט קיין קלוגע, נאָר אַ פרייליכע; די אַנדערע, אָן געסט, איז שוין געווען נישט קיין יונגע, אַן אויסגעמאַטערטע, אַ בענקענדיקע פרוי, אַן אומציכטיקע און אַ זיך לאַנגווײַלנדיקע, הגם אַ ליבנדיקע. קוקנדיק אויף איר, בשעת זי פלעגט זיך, אַ שמייכלענדיקע, אַ ראָזע פון דער ווינטערדיקער קעלט, אַ גליקלעכע מיט דעם באַוווסטזיין פון איר שיינקייט, אומקערן פון די וויזיטן און, אַראָפּנעמענדיק דעם הוט, צוגיין קוקן אויף זיך אין שפיגל, אָדער, ווען זי פלעגט רוישנדיק מיט דעם פראַכטפולן באַלאָוון אָפענעם קלייד, שעמענדיק זיך און צוזאַמען דערמיט שטאָלצירנדיק קעגן די באַדינער, פאַרבייגיין זעצן זיך אין דער קאַרעטע, אָדער אינדערהיים, ווען בא אונז פלעגן זיין קליינינקע אָוונטן, אין אַ פאַרמאַכט זיידן קלייד און אין עפּעס פיינע שפּיצן אַרום דעם צאַרטן האַלז, שיינען אויף אַלע זייטן מיט דעם איינאַרטיקן, אָבער שיינעם שמייכל, — האָב איך אָפט, קוקנדיק אויף איר, געטראַכט, וואָס וואָלטן געזאָגט יענע, וואָס זענען פון איר נתפעל געוואָרן, ווען זיי וואָלטן זי געזען אַזאַ, ווי איך האָב זי געזען, ווען פאַרבלייבנדיק אין אָוונט אינדערהיים, נאָך צוועלף דעם זייגער, וואַרטנדיק אויפן מאַן פון קלוב, גייט זי אַרום אין עפּעס אַ קאַפּאָט, מיט נישט פאַרקעמטע האָר, ווי אַ שאָטן איבער די שוואַך באַלויכטענע צימערן. דאָ איז זי צוגעגאַנגען צו דעם פאָרטעפּיאַן און געשפּילט, ווערנדיק אין קנייטשן פון אָנשטרענגונג, דעם איינציקן וואַלס, וואָס זי האָט געקענט; דאָ האָט זי גענומען אַ בוך — אַ ראָמאַן און, איבערגעלייענט עטלעכע שורות פון מיטן, אַוועקגעוואָרפן עס, דאָ איז זי אַליין, כדי קיינעם נישט אויפצוּוועקן צוגעגאַנגען צום בופעט, אַרויסגענומען פון דאָרט אַן אוגערקע און קאַלט קאַלבפלייש און אויפגעגעסן עס שטייענדיק באַם פענצטער פון בופעט, דאָ ווידער אַ מידע, אַ לאַנגווײַליקע אָן אַ ציל אַרומגעשלעפּט זיך פון איין צימער אין צווייטן. נאָר מער פאַר אַלץ האָט אונז פונאַנדערגעשיידט די אָפּוועזנהייט פון פאַרשטייונג, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט דער עיקר אין דעם מאַניר, וואָס זי האָט געהאַט, צו הערן גאַכזיכטיק, בעת מען האָט מיט איר גערעדט וועגן זאַכן, אומפאַרשטענדלעכע פאַר איר. זי איז נישט געווען שולדיק אין דעם, וואָס זי

האָט זיך געמאַכט די אומבאַוווסטזיניקע רגילות לייכט צו שמייכלען נאָר מיט די ליפּן און אָנבייגן דעם קאָפּ, בשעת מען האָט איר דערציילט זאַכן, פאַר איר ווייניק אינטערעסאַנטע (און חוץ איר אַליין און איר מאַן איז איר גאָרנישט געווען אינטערעסאַנט). נאָר דערדאָזיקער שמייכל און דאָס אָנבייגן דעם קאָפּ, וואָס האָבן זיך אָפּט איבערגעחזרט, זענען געווען אומדערטרעגלעך אָפּשטויסנדיק. איר פרייליכקייט, גלייך ווי אַ מין אָפּלאַכן פון זיך אַליין, פון אייך און פון דער גאַנצער וועלט, איז אויך געווען אַן אומגעשיקטע, וואָס האָט זיך קיינעם נישט איבערגעגעבן, איר פילעוודיקייט צו אַ זיסע. און דער עיקר, זי האָט זיך נישט געשעמט פאַר יעדן צו רעדן וועגן איר ליבע צום פּאַפּאַ. הגם זי האָט גאָרנישט געלייגט, רעדנדיק וועגן דעם, וואָס איר גאַנץ לעבן איז אין דער ליבע צו איר מאַן, און הגם זי האָט עס דערוויזן מיט איר גאַנץ לעבן, נאָר לויט אונזער פאַרשטיין, איז אַזאַ אומפאַרשעמט, אומאויפהערלעך רעדן וועגן איר ליבע געווען עקלהאַפט, און מיר האָבן זיך געשעמט פאַר איר, ווען זי האָט עס געזאָגט פאַר זייטיקע, נאָך מער, ווי בשעת זי האָט געמאַכט פעלערן אין דער פראַנצויזישער שפּראַך.

זי האָט געליבט איר מאַן מער פאַר אַלץ אין דער וועלט, אויך דער מאַן האָט זי ליב געהאַט, דערהויפּט די ערשטע צייט, און ווען ער האָט געזעען, אַז זי געפעלט נישט נאָר אים. דער איינציקער ציל פון איר לעבן איז געווען — דערווערבן די ליבע פון איר מאַן; אָבער זי האַט, דאַכט זיך, בכיוון געטון אַלץ, וואָס נאָר עס האָט אים געקאָנט זיין אומאָנגענעם, און אַלץ מיט דעם ציל צו דערווייזן אים די גאַנצע קראַפט פון איר ליבשאַפט און גרייטקייט מקריב צו זיין זיך.

זי האָט ליב געהאַט שיינע קליידער, דער פאָטער האָט ליב געהאַט צו זעען זי אין דער געזעלשאַפט אַלס אַ שיינהייט, וועלכע רופט אַרויס שבחים, פאַרוואונדערונג; זי האָט מקריב געווען איר ליידנשאַפט צו קליידער צוליבן פאָטער און האָט זיך אַלץ מער צוגעוויינט צו זיצן אינדערהיים אין אַ גרויער בלוזע. דער פּאַפּאַ, וועלכער האָט אַלע מאָל געהאַלטן די פרייהייט און די גלייכהייט פאַר אַ נויטווענדיקן תנאי אין משפחה־באַציונגען, האָט געהאָפט, אַז זיין ליבלינג ליובעלע און דאָס גוטע יונגע ווייב וועלן זיך צונויפקומען אויפריכטיק און פריינטלעך, אָבער אַוודאָטיע וואַסיליעוונע האָט זיך מקריב געווען און האָט געהאַלטן פאַר נייטיק אַרויסצוווייזן צו דער אמתער ווירטין פון הויז, ווי זי האָט גערופן ליובעלען, אומאָנשטענדיקן כבוד. וועלכער האָט ווייטיקדיק

באַלײדיקט דעם פּאַטער. ער האָט פיל געשפּילט אין קאָרטן דעמדאָזיקן ווינטער, צום סוף האָט ער פיל פאַרשפּילט און, ווי אַלע מאָל נישט ווילנדיק צונויפמישן דאָס שפּילן מיט דעם משפּחה־לעבן, האָט ער באַהאַלטן זיינע קאָרטן־עסקים פון אַלע היימיקע. אַוודאָטיע וואַסיליעוונע האָט זיך מקריב געווען און, אַמאָל קראַנקערהייט, ענדע ווינטער אפילו אַ מעוברתע, געהאַלטן פאַר איר חוב כאָטש פיר אָדער פינף דעם זייגער באַדערנאַכט, אין אַ גרויער בלוזע, מיט אַ נישט פאַרקעמטן קאָפּ, וואַקלענדיק זיך, גיין באַגעגענען דעם פּאַפּאַ, ווען ער פלעגט, אַמאָל אַ מידער, אַ פאַרשפּילטער, אַ פאַרשעמטער, באַך דעם אַכטן שטראָף זיך אומקערן פון קלוב אַהיים. זי האָט אים צעשטרייט געפרעגט וועגן דעם, צי אים איז געגאַנגען אין דעם שפּיל און מיט נאָכזיכטיקער אויפמערקזאַמקייט, שמייכלענדיק און שאָקלענדיק מיטן קאָפּ, געהערט, וואָס ער האָט איר גערעדט וועגן דעם, וואָס ער האָט געטון אין קלוב, און וועגן דעם, וואָס ער האָט זי שוין צום הונדערטסטן מאָל געבעטן, קיינמאָל נישט צו וואַרטן אויף אים. נאָר הגם דאָס געווינען און דאָס פאַרשפּילן, פון וואָס, בא זיין שפּילן, איז אָפּהענגיק געווען דעם פּאַפּאַס גאַנצע פאַרמעגן, איז איר קיינמאָל נישט געווען אינטערעסאַנט, האָט זי ווידער יעדע נאַכט די ערשטע אים באַגעגנט, ווען ער פלעגט זיך אומקערן פון קלוב. אגב, צו דידאָזיקע באַגעגענישן האָט זי געטריבן, חוץ איר ליידנשאַפט צו זעלבסטאָפּפערונג, אויך די באַהאַלטענע אייפערזוכט, פון וועלכער זי האָט געליטן אין דער גרעסטער מאָס. קיינער אין דער וועלט וואָלט זי נישט געקאָנט איבערציינגן, אַז דער פּאַפּאַ קערט זיך שפּעט אום פון קלוב, און נישט פון אַ געליבטער. זי האָט זיך געמיט איבערצולייענען אויף דעם פּאַפּאַס געזיכט זיינע ליבע־סודות; און גאָרנישט איבערגעלייענט. האָט זי מיט אַ געוויסן תענוג פון צער געזיפצט און אָפּגעגעבן זיך דעם צוקוקן צו איר אומגליק.

צוליב די און פיל אַנדערע אומאויפהערלעכע קרבנות איז אין דעם באַגיין זיך פונם פּאַפּאַ מיט זיין ווייב פאַר די לעצטע חדשים פון דעם ווינטער, אין וועלכן ער האָט אַ סך פאַרשפּילט און איז צוליב דעם דאָס רוב געווען שלעכט אויפגעלייגט, שוין קענטיק געוואָרן צייטנווייז דאָס געפיל פון *שטילער שנאה*, — פון יענעם איינגעהאַלטענעם עקלגעפיל צו דעם אָביעקט פון דער ליבע, וועלכער דריקט זיך אויס אין דער אומבאַוווּסטזיניקער שטרעבונג אָפּצוטון אַלערליי קליינע מאָראַלישע אומאָנגענעמלעכקייטן דעמדאָזיקן אָביעקט.

XLIII.

נייע חברים

דער ווינטער איז דורכגעגאַנגען אומבאַמערקט, און ווידער האָט שוין אָנגעהויבן צו לאָזן, און אין דעם אוניווערזיטעט איז שוין געווען צוגעשלאָגן אַ רשימה פון די עקזאַמענס, ווען איך האָב מיך פּלוצלינג דערמאַנט, אַז מען האָט געדאַרפט ענטפערן פון אַכצן לימודים, אויף וועלכע איך בין געווען פאַרשריבן און וועלכע איך האָב נישט געהערט, נישט פאַרשריבן און נישט צוגעגרייט קיין איינעם. מאָדנע, וואָס אַזאַ קלאָרע פראַגע: ווי-זשע האַלט מען עקזאַמען? — איז מיר קיינמאָל נישט געקומען אויפן זינען. נאָר איך בין דעמדאָזיקן גאַנצן ווינטער געווען אין אַזאַ נעפּל, וואָס האָט געשטאַמט פון דעם תענוג, וואָס איך בין אַ גרויסער און וואָס איך בין „comme il faut“, אַז ווען מיר איז געקומען דער געדאַנק: ווי-זשע האַלט מען עקזאַמען? — האָב איך זיך פאַרגליכן מיט מיינע חברים און האָב געטראַכט: זיי וועלן דאָך האַלטן און דער גרעסטער טייל פון זיי איז נאָך נישט „comme il faut“, אַלזאָ, האָב איך נאָך פאַרצוג לגבי זיי, און איך מוז אויסהאַלטן. איך בין געגאַנגען אויף די לעקציעס נאָר דערפאַר, ווייל איך בין שוין אַזוי געוווינט געווען, און ווייל דער פאַפּאַ האָט מיך אַוועקגעשיקט פון שטוב. דערצו האָב איך געהאַט פיל באַקאַנטע, און מיר איז אָפט פריילעך געווען אין אוניווערזיטעט. איך האָב ליב געהאַט דעם טומל, דאָס רעדעריי, דאָס ראַהאָצעניש אין די אוידיטאָריעס, כ׳האָב ליב געהאַט בשעת די לעקציעס, בײַ דעם מעסיקן קלאַנג פון דעם פּראָפעסאָרס שטימע טרוימען וועגן עפּעס, באַאָבאַכטן די חברים, כ׳האָב ליב געהאַט מיט עמעצן אַמאָל צולויפן צו מאַטערנען אויסטרינקען אַ גלעזל בראָנפן און פאַרבייסן און, וויסנדיק, אַז דערפאַר קאָן מען אויף מיר שרייען, אַרייגגיין אין דער אוידיטאָריע, מיט מורא אַ סקריפּע טוענדיק מיט דער טיר, נאָך דעם פּראָפעסאָר; כ׳האָב ליב געהאַט אָנטייל צו נעמען אין אַ קונדייסעריי, ווען

איין קורס פלעגט זיך שטופן אויף אַ צווייטן אין קאָרידאָר. דאָס איז אַלץ געווען זייער פריילעך.

ווען אַלע האָבן שוין אָנגעהויבן גיין פינקטלעכער אויף די לעקציעס, דער פּראָפעסאָר פון פיזיק האָט געענדיקט זיין קורס און זיך געזעגנט ביז די עקזאַמענס, די סטודענטן האָבן גענומען צונויפקלויבן די העפטן און גרופּנווייז גרייטן זיך, האָב איך אויך אַ טראַכט געטון, אַז מען דאַרף זיך גרייטן. אָפּעראָוו, צו וועלכן איך האָב מיך נאָך געגריסט, נאָר מיר זענען געווען אין סאַמע קאַלטע באַציונגען, ווי איך האָב שוין דערציילט, האָט מיר נישט נאָר פאַרגעלייגט די העפטן, נאָר ער האָט מיך אפילו איינגעלאַדן גרייטן זיך לויט זיי צוזאַמען מיט אים און אַנדערע סטודענטן. איך האָב אים באַדאַנקט און בין מסכים געווען, האָפנדיק מיט דעמדאָזיקן כבוד איינגאַנצן צו פאַרגלעטן דעם אַמאָליקן ברוגז. איך האָב נאָר געבעטן, אַז אַלע זאָלן זיך אומבאַדינגט צונויפקלויבן בא מיר, ווייל בא מיר איז די וווינונג אַ גוטע.

מען האָט מיר געענטפערט, אַז מען וועט זיך גרייטן פאַרשידן, אַמאָל בא איינעם, אַמאָל בא אַ צווייטן, און דאָרט, וווּ ס׳איז נענטער. דאָס ערשטע מאָל האָט מען זיך פאַרזאַמלט בא זוכינען. דאָס איז געווען אַ קליין צימערל הינטער אַ ווענטל פון ברעטער, אין אַ גרויס הויז אויף טרובני-בולוואַר. דעם ערשטן באַשטימטן טאָג האָב איך פאַרשפּעטיקט, און בין געקומען, ווען מען האָט שוין געלייענט. דאָס קליינע צימערל איז איינגאַנצן געווען אָנגערייכערט, אפילו נישט מיט טאַבאַק, נאָר מיט מאַ־כאָרקע, וועלכע זוכין האָט גערייכערט. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ ליטער בראָנפן, אַ קעלישעק, ברויט, זאַלץ און אַ שעפּסענער ביין.

נישט אויפשטייענדיק, האָט מיך זוכין איינגעלאַדן אויסטרינקען בראָנפן און אויסטון דעם סורדוט.

— איר זענט, מיין איך, צו אַזאַ כיבוד נישט געוווינט, — האָט ער צוגעגעבן.

אַלע זענען געווען אין שמוציקע ציצענע העמדלעך און אין מאַ־נישקעס. באַמיענדיק זיך נישט אַרויסצווייזן מיין פאַראַכטונג צו זיי, האָב איך אויסגעטון דעם סורדוט און ח ב ר י ש געלייגט זיך אויפן דיוואַן. זוכין האָט צייטנווייז געזוכט אין די העפטן און געלייענט, אַנדערע האָבן אים איבערגעריסן, שטעלנדיק פראַגן. און ער האָט דערקלערט קורץ, קלוג און פּינקטלעך. איך האָב מיך אָנגעהויבן צוהערן, און נישט פאַרשטייענ־

דיק פיל זאַכן, ווייל איך האָב נישט געוווּסט דאָס פריערדיקע, האָב איך געשטעלט אַ פראַגע.

— אַהאַ, פּאַטערל, איר קאָנט נישט הערן, אויב איר ווייסט דאָס נישט, — האָט זוכין געזאָגט: — איך וועל אייך געבן די העפטן, וועט איר עס אויסלערנען אויף מאָרגן; וואָרים וואָס וועט אַרויסקומען פונם דערקלערן.

מיר איז געוואָרן מיאוס פאַר מיין נישט וויסן, און פילנדיק צוזאַמען דערמיט די גערעכטיקייט פון זוכינס באַמערקונג, האָב איך אויפגעהערט צו הערן און מיך פאַרנומען מיט באַאָבאַכטן דידאָזיקע נייע חברים. לויט דער פאַרטיילונג פון מענטשן אויף comme il faut און נישט comme il faut, האָבן זיי באַשיינבערלעך געהערט צו דעם צווייטן מין, און מחמת דעם איז לאַ־די, וואָס זיי האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַ געפיל פון פאַראַכטונג, נאָר אפילו אַ געוויסע פערזענלעכע שנאה, וועלכע איך האָב צו זיי געשפּירט דערפאַר, וואָס נישט זייענדיק comme il faut, האָבן זיי גלייך ווי געהאַלטן מיך נישט נאָר פאַר אַ גלייכן צו זיך, נאָר אפילו גוטמוטיק פּראָטעזשירט מיך. דאָסדאָזיקע געפיל האָבן אין מיר געוועקט זייערע פיס און די שמוציקע הענט מיט די אָפּגעריסענע נעגל און איין פאַרלאָזטער לאַנגער נאָגל אויפן פינפטן פינגער בא אָפּעראָוון, די ראָזע העמדלעך, און די מאַנישקעס, און די זידלערייען, מיט וועלכע זיי האָבן אַלס אויסדרוק פון ליבשאַפט זיך געווענדט איינער צו דעם אַנדערן, און דאָס שמוציקע צימער, און זוכינס טבע כסדר אַ ביסל צו שנייצן די נאָז, צודריקנדיק איין נאָזלעכל מיטן פינגער, און דער עיקר זייער מאַניר פון רעדן, באַנוצן און אינטאָנירן געוויסע ווערטער. למשל זיי האָבן געברויכט די ווערטער ט י פּ ש אָנשטאָט נאַר, ג ר ו י ס אַ ר ט י ק אָנשטאָט פיין און ד. ג ל.. וואָס עס האָט מיר אויסגעוויזן ליטעראַריש און עקלהאַפט אומאָנשטענדיק. אָבער נאָך מער האָבן אין מיר אַרויסגערופן דידאָזיקע קאָמילפאָטנע שנאה די אינטאָנאַציעס, וועלכע זיי האָבן געמאַכט אויף אייניקע רוסישע און דער עיקר אויף פרעמדע ווערטער. זיי האָבן גערעדט מאַשינע אָנשטאָט מאַשי׳נע, שעקספּיר אָנשטאָט שעקספּי׳ר און אַז. וו., און אַז. וו.

נאָר פאַרפילנדיק עפּעס גוטס וועגן דידאָזיקע מענטשן און מקנא זייענדיק דער פריילעכער חברשאַפט, וועלכע האָט זיי פאַראייניקט, האָב איך, נישט געקוקט פונדעסטוועגן, אויף דערדאָזיקער, דעמאָלט פאַר מיר אָפּשטויסנדיקער אויסערלעכקייט, געפילט, אַז עס ציט מיך צו זיי, און

איך האָב מיך געוואָלט דערנעענטערן מיט זיי, ווי שווער דאָס איז פאַר מיר נישט געווען. דעם שטילן און ערלעכן אַפעראָוו האָב איך שוין געקענט; איצט איז דער לעבעדיקער, אומגעוויינלעך קלוגער זוכין, וועלכער האָט אפנים געקיניגט אין דעמדאָזיקן קרייזל, מיר אויסערגעוויינלעך געפעלן געוואָרן. דאָס איז געווען אַ קליינינקער געפּאַקטער ברונעט מיט אַ ביסל אַ פאַרלאָפן און אַלע מאָל בלישטשענדיק, נאָר מערקווירדיק קלוג, לעבעדיק און אומאָפּהענגיק פנים. דעמדאָזיקן אויסדרוק האָבן אים באַזונדער צוגעגעבן דער נישט הויכער, נאָר אַריבער די טיפע שוואַרצע אויגן בולטער שטערן, די האַרטע און גלייכע קורצע האָר און די געדיכטע שוואַרצע באָרד, וועלכע האָט אַלע מאָל אויסגעוויזן נישט קיין ראַזירטע. עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן זיך (וואָס עס פלעגט מיר אַלע מאָל באַזונדער געפעלן זיך אין מענטש), מען האָט אָבער געזען, אַז זיין קאָפּ בלייבט קיינמאָל נישט אָן אַרבעט. ער האָט געהאַט איינס פון יענע אויסדריקלעכע פנימער, וואָס אין עטלעכע שעה אַרום נאָכדעם, ווי איר האָט זיי דערזען דאָס ערשטע מאָל, ענדערן זיי זיך פלוצלינג לגמרי אין אייערע אויגן. דאָס איז געשען צום סוף אָונט פאַר מיינע אויגן מיט זוכינס פנים. פלוצלינג האָבן זיך אויף זיין פנים באַוויזן נייע קנייטשן, די אויגן זענען אַוועק טיפער, דער שמייכל איז געוואָרן אַן אַנדערער, און דאָס גאַנצע פנים האָט זיך אַזוי געענדערט, אַז איך וואָלט אים קוים דערקענט.

אַז מען האָט געענדיקט לייענען, האָבן זוכין, די איבעריקע סטודענטן און איך, כדי צו דערווייזן אונזער פאַרלאַנג צו זיין חברים, אויסגעטרונקען צו קעלישקעס בראָנפן, און אין פלאַש איז כמעט גאָרנישט געבליבן. זוכין האָט געפרעגט, ווער האָט אַ פערטעלע, כדי צו שיקן נאָך בראָנפן עפּעס אַן אַלטע פרוי, וועלכע האָט אים באַדינט. איך האָב געפרוווט פאָרלייגן מיין געלט, נאָר זוכין האָט גלייך ווי נישט הערנדיק מיך, זיך געווענדט צו אַפעראָוון, און אַפעראָוו האָט אַרויסגענומען אַ פאַטשערקן טייסטערל און אים געגעבן די מטבע, וואָס ער האָט געבעטן.

— זע, אָקאָרשט, זאָלסט נישט אָנהייבן שיכורן, — האָט געזאָגט אַפעראָוו, וועלכער האָט אַליין גאָרנישט געטרונקען.

— נישקשה, — האָט געענטפערט זוכין, אויסטשמאָטשקענדיק דעם מאַרך פון דעם שעפּסענעם ביין (איך געדענק, איך האָב דעמאָלט גע-

טראַכט: דערפאַר איז ער דאָס אַזוי קלוג, וואָס ער עסט אַ סך מאַרך). ניקשה, — האָט זוכין ווייטער גערעדט, שמייכלענדיק לייכט, און דער שמייכל איז באַ אים געווען אַזאַ, אַז איר האָט אים נישט ווילנדיק באַמערקט, און איר זענט אים געווען דאַנקבאַר פאַר דעמדאָזיקן שמייכל: — אפילו אַז איך וועל אָנהייבן שיכורן, איז אויך קיין אומגליק נישט, איצט, ברודער, וועלן מיר שוין זעען, ווער וועמען עס וועט געבן, ער מיר, צי איך אים. שוין פאַרטיק, ברודער, — האָט ער צוגעגעבן באַרימעריש אַ שנעל טועודיק זיך איבערן שטערן: אָט סעמיאָנאָוו, ער זאָל דיר אָפּטמאָל נישט דורכפאַלן, ער האָט זיך עפּעס זייער פאַרהוליעט.

ווירקלעך, דער זעלבער סעמיאָנאָוו מיט די גרויע האָר, וועלכער האָט מיך צום ערשטן עקזאַמען אַזוי דערפרייט, וואָס מיטן אויסזען איז ער געווען ערגער פאַר מיר, און וואָס, אויסגעהאַלטן דעם אַריינטריט־עקזאַמען אַלס צווייטער, האָט ער דעם ערשטן חודש פון דער סטודענטנשאַפט באַזוכט די לעקציעס פּינקטלעך, האָט אָנגעהויבן הוליען נאָך פאַר די רעפּעטיציעס און צום סוף פונם קורס האָט ער זיך שוין גאַרנישט באַוויזן אין אוניווערזיטעט.

— ווו איז ער? — האָט עמעצער געפרעגט.

— איך ווייס שוין אויך נישט, ווו ער איז אַהינגעקומען, — האָט זוכין ווייטער גערעדט, — און דאָס לעצטע מאָל האָבן מיר צוזאַמען ליסאַבאָן צעבראָכן. ס'איז אַרויסגעקומען אַ גרויסאַרטיקער שפּאַס. נאָכדעם, זאָגט מען, איז עפּעס פאַרגעקומען אַ געשיכטע. אָט דאָס איז אַ קאָפּ! וויפיל פייער עס איז פאַראַן אין דעם אַ מענטש! וויפיל שכל! אַ שאָד, אויב ער וועט פאַרפאַלן ווערן. און פאַרפאַלן ווערן וועט ער אויך געוויס; נישט אַזאַ יינגל, אַז מיט זיינע שוווּנגען זאָל ער קאָנען איינזיצן אין דעם אוניווערזיטעט.

נאָך אַ ביסל געשמועסט, האָבן אַלע אָנגעהויבן זיך פונאַנדערגיין, אָפּרעדנדיק אויף מאָרגן אויך צונויפקלויבן זיך באַ זוכינען, ווייל זיין קוואַרטיר איז געווען נעענטער צו אַלע איבעריקע. ווען אַלע זענען אַרויס אין הויף, איז מיר געוואָרן אַ ביסל מיאוס, וואָס אַלע זענען געגאַנגען צופוס, און איך איינער בין געפאָרן אויף אַ דראָזשקע, און שעמענדיק זיך האָב איך פאַרגעלייגט אָפּפאָרן אונטערפירן אים. זוכין איז אַרויס צוזאַמען מיט אונז און, געלייען באַ אָפּעראָוון אַ קערבל, איז ער ערגעץ אַוועק צו גאַסט אויף דער גאַנצער נאַכט. אין וועג האָט מיר אָפּעראָוו

דערציילט פיל זאַכן וועגן זוכינס כאַראַקטער און לעבנסאַרט, און אַז איך בין געקומען אַהיים, בין איך לאַנג נישט געשלאָפן, טראַכטנדיק וועגן די דאָזיקע נייע מענטשן, וועלכע איך האָב דערקענט. נישט אַנטשלאָפן ווערנדיק לאַנג, האָב איך מיך געוואַקלט, פון איין זייט צווישן דער אַכטונג צו זיי, וועלכע עס האָבן באַ מיר אַרויסגערופן זייערע קענטענישן, איינפאַכקייט, ערלעכקייט און די פּאָעזיע פון דער יוגנט און כוואַטסקעקייט, און פון דער צווייטער זייט — צווישן דער אָפּשטויסנדיקער אומאַנשטענדיקער אויסערלעכקייט. נישט געקוקט אויף גאָר מיין פאַרלאַנג, איז פאַר מיר דעמאָלט בוכשטעבלעך אוממעגלעך געווען צו באַפריינדן זיך מיט זיי. אונזער פאַרשטיין איז געווען אינגאַנצן פאַרשידן. עס איז געווען אַ תהום שאַטירונגען, וועלכע האָבן פאַר מיר געבילדעט די גאַנצע פּראַכט און דעם גאַנצן זינען פון לעבן, פאַר זיי אינגאַנצן אומפאַשטענדלעכע, און פאַרקערט. נאָר די הויפּט-סיבה פון דער אוממעגלעכקייט צו דערנענטערן זיך איז געווען מיין צוואַנציקרובלדיק געוואַנט אויפן סורדוט, די דראָזשקע און דאָס האָלענדישע העמד. די דאָזיקע סיבה איז געווען באַזונדער וויכטיק פאַר מיר: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נישט ווילנדיק באַליידיק איך זיי מיט די צייכנס פון מיין ווילשטאַנד. איך האָב מיך געפילט שולדיק אַקעגן זיי און, אַמאָל אונטערגעבנדיק זיך, אַמאָל אויפרייצנדיק זיך קעגן מיין אומפאַרדינטער אונטערגעגעבנקייט און איבערגייענדיק צו זיכערקייט אין זיך, האָב איך בשום אופן נישט געקאָנט שאַפן קיין גלייכע אויפריכטיקע באַציונגען. און די גראָבע, שלעכטע זייט פון זוכינס כאַראַקטער האָט אין אַזאַ מאָס פאַרטויבט אין יענער צייט די שטאַרקע פּאָעזיע פון דער כוואַטסקעקייט, וועלכע איך האָב אין אים פאַרגעפילט, אַז זי האָט אינגאַנצן נישט אומאַנגענעם אויף מיר געווירקט.

אַ וואָכן צוויי בין איך כמעט יעדן טאָג אין אָוונט געגאַנגען צו זוכינען זיך לערנען. געלערנט האָב איך זייער ווייניק, מחמת איך בין, ווי איך האָב שוין געזאָגט, געווען אָפּגעשטאַנען פון די חברים און, נישט האָבנדיק קיין כוח צו אַרבעטן אַליין, כדי זיי צו דעריאָגן, האָב איך מיך נאָר געמאַכט, אַז איך הער און פאַרשטיי דאָס, וואָס זיי לייענען. מיר דאַכט זיך, אַז די חברים האָבן זיך אויך געשטויסן, אַז איך מאַך מיך, און איך האָב אָפט באַמערקט, אַז זיי האָבן דורכגעלאָזט די ערטער,

וועלכע זיי האָבן אַליין געוווסט, און האָבן בײַ מיר קיינמאָל נישט געפרעגט.

מיט יעדן טאָג האָב איך אַלץ מער און מער מוחל געווען די אומ־אָנשטענדיקייט פון דעמדאָזיקן קרייזל, אַריינציִענדיק זיך אין זייער לעבן און געפינענדיק אין אים פיל פּאָעטיש. בלויז דאָס ערנוואָרט, וואָס איך האָב געגעבן דמיטרין, נישט צו פאָרן ערגעץ הוליען מיט זיי, האָט מיך אָפּגעהאַלטן פון דעם פאַרלאַנג אָנטיילצונעמען אין זייערע פאַר־געניגנס.

איינמאָל האָב איך מיך געוואָלט אויסבאַרימען פאַר זיי מיט מיינע קענטענישן אין דער ליטעראַטור, באַזונדער אין דער פראַנצויזישער, און איך האָב פאַרפירט אַ שמועס אויף דער טעמע. צו מיין וווּנדער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז כאָטש זיי האָבן אַרויסגערעדט די פרעמדע נעמען פון די ביכער אויף רוסיש, האָבן זיי געלייענט פיל מער פאַר מיר, האָבן געשעצט די ענגלישע און אפילו די שפּאַנישע שריפטשטעלער, לעסאַזשן, וועגן וועלכע איך האָב אפילו נישט געהערט. פּושקין און זשוקאָווסקי זענען פאַר זיי געווען ליטעראַטור (נישט אַזוי ווי פאַר מיר, ביכלעך אין געלע איינבינדן, וועלכע איך האָב געלייענט און געלערנט, זייענדיק אַ קינד). זיי האָבן גלייך פאַראַכט דיומאַ, סיו און פעוואַל און האָבן געאורטיילט, דערהויפּט זוכין, וועגן ליטעראַטור אַ סך בעסער און קלערער, איידער איך, און וואָס איך האָב מיך נישט געקאָנט נישט מודה זיין. אין קענען די מוזיק בין איך אויך לגבי אים נישט געשטאַנען העכער. און צו מיין גרויס וווּנדער נאָך, האָט אָפּעראָוו געשפּילט פידל, אַ צווייטער פון די, וואָס האָבן מיט אונז געאַרבעט, האָט געשפּילט וויאָלאָנטשעל און פאָרטע־פּיאַן, און ביידע האָבן געשפּילט אין דעם אוניווערזיטעטישן אָרקעסטער, האָבן אָנשטענדיק געוווּסט און געשעצט די גוטע מוזיק. מיט איין וואָרט, אַלץ, מיט וואָס איך האָב מיך געוואָלט אויסבאַרימען פאַר זיי, אַ חוץ דער אויסשפּראַך פון דער פראַנצויזישער און דער דייטשער שפּראַך, האָבן זיי געקענט בעסער פאַר מיר און דערמיט גאָרנישט שטאָלצירט. איך וואָלט טיך אין מיין לאַגע געקאָנט באַרימען מיט וועלטלעכקייט, אָבער איך האָב זי נישט געהאַט, ווי וואָלאָדיע; — טאָ וואָס־זשע אַזוינס איז געווען יענע הייך, פון וועלכער איך האָב אויף זיי געקוקט? מיין באַקאַנטשאַפט מיט פירשט איוואַן איוואַניטש? די פראַנצויזישע אויס־שפּראַך, די דראָזשקע? דאָס האָלענדער העמד? די נעגל? צי איז דאָס אָפּטמאָל נישט אַלץ נאָר נאַרישקייט? — האָט מיר אָפּט אָנגעהויבן צו קו־

מען אויפן זינען אונטער דעם איינפלוס פונם קנאה-געפיל צו דער חבר-שאפט און צו דער גוטמוטיקער יונגער פריילעכקייט, וועלכע איך האב געזעען פאר זיך. זיי זענען אלע געווען אויף דו. די פשטות פון זייער באגיין זיך צווישן זיך איז דערגאנגען ביז גראבקייט, אבער אויך אונטער דער גראבער אויסערלעכקייט האט זיך שטענדיק געזעען די מורא כאטש עטוואס צו באליידיקן איינער דעם אנדערן. טויגעניכטס, חזיר, וואס זיי האבן געברויכט אין זינען פון ליבשאפט, האבן מיר נאר געריסן דאס אויער, און האבן מיר געגעבן אן אויסרייד אינערלעך צו שמייכלען, אבער דידאזיקע ווערטער האבן זיי נישט באליידיקט און נישט געשטערט צו זיין אויפן העכסטן גראד פריינטלעך צווישן זיך. אין באנעמען זיך צווישן זיך זענען זיי געווען אזוי פארזיכטיק און דעליקאט, ווי נאר עס זענען זייער ארימע און זייער יונגע מענטשן. דער עיקר אבער האב איך געפילט עפעס ברייטס, שטיפערישס אין דעמדאזיקן כאראקטער זוכינס און אין זיינע אוואנטורעס אין ליסאבאן. איך האב פארגעפילט, אז דידא-זיקע הוליאנקעס דארפן זיין עפעס גאר אנדערש, איידער יענע געקינצלט-קייט מיטן געברענטן ראם און מיט דעם שאמפאניער, אין וועלכער איך האב אנטיילגענומען בא דעם באראן ז.

XLIV.

זוכין און סעמיאנאוו

איך ווייס נישט, צו וואס פאר א שטאנד זוכין האט געהערט, נאר איך ווייס, אז ער איז געווען פון דער ס.-ער גימנאזיע, אן שום פארמעגן און, דאכט זיך, נישט קיין אדעליקער. אים איז דעמאלט געווען א יאר אכצן, הגם אויסגעזעען האט ער א סך עלטער. ער איז געווען אומגע-ווינלעך קלוג און דער עיקר פארשטענדיק: אים איז לייכטער געווען פאראמאל ארומצונעמען א גאנצן קאמפליצירטן ענין, פארויסזעען אלע זיינע פרטים און אויספירן, איידער מיטן באוווסטזיין באטראכטן די גע-זעצן, לויט וועלכע דידאזיקע אויספירן האבן זיך באקומען. ער האט געוווסט, אז ער איז געווען קלוג, האט דערמיט שטאלצירט, און צוליב

דערדאָזיקער שטאָלצקייט איז ער געווען מיט אַלע גלייך איינפאַך אין באַגיין זיך און גוטמוטיק. ער האָט מסתמא פיל איבערגעטראָגן אין לעבן. זיין הייסע, לייכט אויפנעמעבדיקע נאַטור האָט שוין באַוויזן אָפּצושפּיגלען אין זיך אי ליבע, אי פריינטשאַפט, אי געשעפט, אי געלט. הגם אין אַ קליינער מאָס, הגם אין די נידעריקע שיכטן פון דער געזעלשאַפט, נאָר עס איז נישט געווען קיין זאַך, וואָס פרווונדיק זי, זאָל ער נישט האָבן צו איר עפּעס אַזוינס, צי פאַראַכטונג, צי אַ מין גלייכגילטיקייט און אומ־אויפמערקזאַמקייט, וועלכע האָבן געשטאַמט פון דער צו גרויסער לייכט־קייט, מיט וועלכער אַלץ האָט זיך אים געגעבן. ס'האָט אויסגעוויזן, אַז ער האָט זיך מיט אַזאַ היץ גענומען פאַר אַלדאָס נייעס, נאָר כדי, דער־גרייכנדיק דעם ציל, צו פאַראַכטן דאָס, וואָס ער האָט דערגרייכט, און די פעיקע נאַטור זיינע האָט אַלע מאָל דערגרייכט אי דעם ציל, אי דאָס רעכט אויף פאַראַכטונג. בנוגע דעם לערנען איז געווען דאָס זעלבע: לערנענדיק ווייניק, נישט פאַרשרייבנדיק, האָט ער אויסגעצייכנט געקענט מאַטעמאַטיק און האָט זיך נישט באַרימט, זאָגנדיק, אַז ער וועט צעטומלען דעם פּראָפעסאָר. אים האָט אויסגעוויזן, אַז עס זענען פאַראַן פיל פּוסטע זאַכן אין דעם, וואָס מען האָט געלייענט, נאָר מיט דער אייגנשאַפטלעכער פאַר זיין נאַטור אומבאַוווסטזיניקער פּראַקטישער כיטרעקייט, האָט ער זיך צוגעפּאַסט צו דעם, וואָס דער פּראָפעסאָר האָט געוואָלט, און אַלע פּראָ־פעסאָרן האָבן אים ליב געהאַט. ער איז געווען אָפן אין די באַציונגען מיט נאַטשאַלסטוואָ, נאָר זיי האָבן אים געאַכט. לא די וואָס ער האָט נישט ליב געהאַט און קיין דרך ארץ נישט געהאַט פאַר דער וויסנשאַפט, נאָר ער האָט אפילו פאַראַכט די, וועלכע האָבן זיך ערנסט פאַרנומען דערמיט, וואָס אים האָט זיך אַזוי לייכט געגעבן. די וויסנשאַפטן, ווי ער האָט זיי פאַרשטאַנען, האָבן נישט פאַרנומען קיין צענט חלק פון זיינע פעיקייטן; דאָס לעבן אין זיין סטודענטישער לאַגע איז גאָרנישט געווען אַזוינס, צו וואָס ער זאָל זיך קאָנען אָפּגעבן אינגאַנצן, און די הייסע טעטיקע נאַטור האָט געפאָדערט לעבן, און ער האָט זיך אַריינגעלאָזט אין דעם מין הוליען, וועלכעס איז מעגלעך געווען פאַר זיינע מיטלען, און האָט זיך דערצו איבערגעגעבן מיט היץ און מיטן פאַרלאַנג איינצו־נעמען זיך. איצט פאַר די עקזאַמענס איז מקוים געוואָרן דאָס, וואָס אָפּעראָוו האָט פאָרויסגעזאָגט. ער איז פאַרפאַלן געוואָרן אויף אַ וואָכן צוויי, אַזוי אַז מיר האָבן זיך שוין די לעצטע צייט געגרייט בא אַן אַנ־דערן סטודענט. נאָר צום ערשטן עקזאַמען איז ער אַ בלאַסער, אַן אויס־

געמאַטערטער, מיט ציטערנדיקע הענט געקומען אין זאַל און איז גלענצנד אַריבער אויפן צווייטן קורס.

אין אָנהייב פונם קורס איז אין דער כּנופיה פון די הוליאַנקעס, וואָס אין דער שפּיץ איז בא זיי געשטאַנען זוכין, געווען אַ מאַן אַכט. צווישן זיי זענען אין אָנהייב געווען איקאָנין און סעמיאָנאָוו. נאָך דער ערשטער האָט זיך דערוווייטערט פון דער געזעלשאַפט, נישט קאָנענדיק איבערטראָגן דאָס פייערדיקע מאַדימען, אין וועלכן מען האָט זיך אַריינגעלאָזט אָנהייב יאָר, דער צווייטער איז אַוועק דערבּאַר, וואָס דאָס איז נאָך פאַר אים אויך ווייניק געווען. די ערשטע צייט האָבן אַלע אויף אונזער קורס מיט עפּעס אַ שרעק געקוקט אויף זיי און איינער דעם אַנדערן האָט דערציילט וועגן זייערע אויפטועכצן.

די הויפּט העלדן פון דידאָזיקע אויפטועכצן זענען געווען זוכין און צום סוף פונם קורס כעמיאָנאָוו. אויף סעמיאָנאָוון האָט מען די גאַנצע לעצטע צייט געקוקט אפילו מיט עפּעס אַן אימה און ווען ער פלעגט קומען אויף דער לעקציע, וואָס עס האָט פּאַסירט גאַנץ זעלטן, איז אין דער אוידיטאָריע געוואָרן אַ גערודער.

סעמיאָנאָוו האָט סאַמע פאַר די עקזאַמענס געענדיקט זיין שיכּורן אויפן סאַמע ענערגישסטן און אָריגינעלסטן אופן, וואָס איך האָב עס געזען מיט מיינע אייגענע אויגן, אַ דאַנק מיין באַקאַנטשאַפט מיט זוכינען. אָט ווי דאָס איז געווען. איינמאָל אינאָווענט, ווי נאָר מיר זענען זיך צוזאַמענגעקומען בא זוכינען, און, צוגעפאַלן מיטן קאָפּ צו די העפטן און אַוועקגעשטעלט לעבן זיך, חוץ אַ חלב-ליכטל אין לייכטער, נאָך אַ חלב-ליכטל אין אַ פלאַש, האָט אַפּעראָוו מיט זיין דינענקן קולעכל אָנגעהויבן לייענען די מיט זיינע קליינע אותיותלעך כּאַרשריבענע העפטן פון פיזיק, ערשט אין צימער איז אַריין די ווירטין און געמאָלדן זוכינען, אַז צו אים איז עמעצער געקומען מיט אַ צעטעלע.

זוכין איז אַרויס און האָט זיך גלייך אומגעקערט, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, מיט אַ פאַרטראַכט פּנים. האַלטנדיק אין האַנט אַן אָפן צעטעלע אויף גרוי פּאַק-פּאַפּיר און צוויי צענרובלדיקע אַסיגנאַציעס.

— מיינע הערן! אַן אומגעווייינלעכע געשעעניש! — האָט ער געזאָגט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און עפּעס פייערלעך ערנסט אַ בליק געטון אויף אונז. — וואָס-זשע, דו האָסט באַקומען געלט פאַר דיין קאָנדיציע? — האָט אַפּעראָוו געזאָגט, בלעטערנדיק זיין העפט. — נו, לאָמיר ווייטער לייענען, — האָט עמעצער געזאָגט. — ניין, מיינע הערן! איך לייען מער

ניִשט. — האָט זוכין ווייטער גערעדט מיט דעם זעלביקן טאָן, — איך זאָג אייך, אַן אומבאַגרייפלעכע געשעעניש! סעמיאָנאָוו האָט מיר געשיקט דורך אַ זעלנער 20 רובל־אַט, וועלכע ער האָט אַמאָל געליִען, און ער שרייבט, אַז אויב איך וויל אים זען, זאָל איך קומען אין די קאָשאַרן. איר ווייסט, וואָס דאָס באַטייט? — האָט ער צוגעגעבן, באַקוקנדיק אונז אַלעמען. מיר אַלע האָבן געשוויגן. — איך גיי באַלד צו אים, — האָט זוכין ווייטער געזאָגט, — קומט, ווער עס וויל. — תיכף ומיד האָבן אַלע אָנגעטון די סורדוטן און זענען גרייט געווען צו גיין צו סעמיאָנאָוון. — צי וועט עס ניִשט זיין אומבאַקוועם, — האָט זַפעראָוו געזאָגט מיט זיין דיבינקער שטימע, — וואָס מיר וועלן אַלע גיין קוקן אויף אים, ווי אויף אַ וואונדער? איך בין געווען אינגאַנצן מסכּים מיט אָפעראָווס באַמערקונג, דערהויפּט בנוגע מיר, וואָס איז געווען כּמעט אומבאַקאַנט מיט סעמיאָנאָוון, נאָר מיר איז אַזוי אָנגענעם געווען צו קענען זיך אַלס אָנטייל־נעמער אין דער אַלגעמיינער חברשער זאַך, און עס האָט זיך אַזוי גע־וואָלט זען סעמיאָנאָוון גופא, אַז איך האָב גאָרנישט געזאָגט אויף דער־דאָזיקער באַמערקונג.

— פּוסטע דיבורים! — האָט זוכין געזאָגט, — וואָס איז דאָ אומבאַקוועם, וואָס מיר גייען אַלע זעגענען זיך מיט אַ חבר, אַלץ איינס, וווּ ער זאָל ניִשט זיין? נאַרישקייט! קומט, ווער עס וויל.

מיר האָבן גענומען דראָשקעס, האָבן מיט זיך אָוועקגעזעצט דעם זעלנער און זענען אַוועקגעפאָרן. דער דיזשורנע אונטער־אָפיציר, האָט אונז שוין ניִשט געוואָלט אַריינלאָזן אין די קאָשאַרן, נאָר זוכין האָט אים ווי עס איז איינגערעדט, און דער זעלבער זעלנער, וואָס איז געקומען מיטן צעטעלע, האָט אונז אַריינגעפירט אין אַ גרויס כּמעט פינצטער, שוואַך־באַלויכטן מיט עטלעכע נאַכטלעמפּלעך צימער, אין וועלכן בײַביידע זייטן אויף נאַרעס זענען, מיט געגאָלטע שטערנס געזעסן און געלעגן רעקרוטן אין גרויע שינעלן. אַריין אין דעם קאָשאַר, האָט מיך געטראָפן דער באַזונדער שווערער ריח, דאָס כראָפּען פון עטלעכע הונ־דערט מאַן, און גייענדיק נאָך אונזער וועג־ווייזער און נאָך זוכינען, וועל־כער איז מיט פעסטע טריט געגאַנגען פאָרויס צווישן די נאַרעס, האָב איך מיך מיט פלאַטערן צוגעקוקט צו דער לאַגע פון יעדן רעקרוט און צו יעדן צוגעלייגט די פאַרבליבענע אין מיין זכּרון איינגעפונדעוועטע אָדערדיקע פיגור פון סעמיאָנאָוון מיט די לאַנגע צעפּאַטלטע כּמעט גרויע האָר, ווייסע ליפּן און פינצטערע גלאַנציקע אויגן. אין סאַמע עקסט

ווינקל פון דעם קאַשאַר, באַם לעצטן ליימענעם טעפל מיט שוואַרצן אייל, אין וועלכן עס האָט זיך געררייכערט אַן אָנגעבּרענטע קנויט. האָט זוכין געָנומען שטעלן גיכע טריט, און פלוצלינג האָט ער זיך אָפּגעשטעלט.

— שלום עליכם, סעמיאָנאָוו, — האָט ער געזאָגט צו איין רעקרוט, פונקט מיט אַזאַ ראַזירטן שטערן ווי אַנדערע, וועלכער איז אין גראָבע זעלנערישע וועש און אין אַ גרוי מאַנטל, אָנגעטון אויף די אַקסלען, געזעסן מיט די פיס אויף די נאַרעס און האָט, רעדנדיק מיט אַן אַנדערן רעקרוט, עפּעס געגעסן. דאָס איז ער געווען מיט נידעריק אָפּגעשוירענע גרויע האָר, מיט אַן אויסגעגאָלטן בלויען שטערן און מיט זיין שטענדיקן פינצטערן און ענערגישן אויסדרוק פון געזיכט. איך האָב מורא געהאַט, אַז מיין בליק זאָל אים באַליידיקן, און האָב מיך דעריבער אָפּגעקערט. אָפּעראָוו האָט, דאַכט זיך, אויך אַזוי געקוקט און איז געשטאַנען הינטער אַלעמען, נאָר דער קלאַנג פון סעמיאָנאָווס קול, ווען ער האָט מיט זיין געוויינלעך אָפּגעריסן רעדן געגריסט זוכינען און אַנדערע, האָט אונז אינגאַנצן באַרויקט, און מיר האָבן זיך געאיילט אַרויסגיין פאָרויס און דערלאַנגען איך — מיין האַנט, אָפּעראָוו זיין ברעטל. אָבער סעמיאָנאָוו האָט נאָך פריער פאַר אונז אויסגעצויגן זיין שוואַרצע גרויסע האַנט, באַפרייענדיק אונז דערמיט פון דעם אומאָנגענעמען געפיל, כלומרשט, אָנצוטון אים אַ כבוד. — ער האָט גערעדט נישט גערן און רויק, ווי אַלע מאָל. — שלום עליכם, זוכין. אַ דאַנק, וואָס דו ביסט געקומען, אַ, מיינע הערן, זעצט זיך. דו לאָז מיך, קורדיאַשקע, — האָט ער זיך געווענדט צו דעם רעקרוט, מיט וועלכן ער האָט געגעסן און געשמועסט. — מיט דיר וועל איך נאָכדעם ענדיקן רעדן. — זעצט־זשע זיך. וואָס? עס האָט דיך פאַרוואונדערט, זוכין? אָהאָ!

— קיין זאַך וועגן דיר האָט מיך נישט פאַרוואונדערט, — האָט זוכין געענטפערט, אַוועקזעצנדיק זיך לעבן אים אויף דער נאַרע, אַ ביסל מיט דעם אויסדרוק, מיט וועלכן אַ דאָקטאָר זעצט זיך אויף דעם געלעגער פון אַ חולה. — מיך וואָלט פאַרוואונדערט, ווען דו וואָלסט געקומען צום עקזאַמען אָט־אַזוי־אַ. אָבער דערצייל, ווי ביסטו פאַרפאַלן געוואָרן, און ווי איז דאָס געשעען? — ווי פאַרפאַלן געוואָרן? — האָט ער געענטפערט מיט זיין גערדיכט שטאַרק קול, — כ'בין פאַרפאַלן געוואָרן אין די טראַקטירן, אין די שענקען, בכלל אין די אַנשטאַלטן. זעצט־זשע זיך אַלע, מיינע הערן. דאָ איז גענוג אָרט. נעם צו די פיס, דו, — האָט ער אַ געשריי געטון באַפעלעריש, באַווייזנדיק אויף אַן אויגנבליק זיינע ווייס

סע צייַן, אויף דעם רעקרוט, וועלכער איז פון דער לינקער זייט בּאַ אים געלעגן אויף דער נאַרע, האַלטנדיק דעם קאָפּ אויף דער האַנט, און האָט מיט פוילער נייגיריקייט געקוקט אויף אונז. — נו, געהוליעט. אי שלעכט, אי גוט. — האָט ער ווייטער גערעדט, ענדערנדיק בּאַ יעדן אָפּגעריסענעם זאַץ דעם אויסדרוק פון דעם ענערגישן פּנים. — די געשיכטע מיטן סוחר ווייסטו; געשטאָרבן, דער שעלמע, מיך האָט מען געוואָלט אַרויסטרייבן. וויפיל געלט עס איז געווען — אַלץ צעטרענצלט. נאָר דאָס וואָלט נאָך אַלץ געווען צו דערליידן. חובות איז געבליבן אַ תהום, און פּאַסקודנע. נישט געווען מיט וואָס צו צאָלן. און אַלץ אַזוי. — ווי־זשע האָט דיר געקאָנט קומען אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ אַריין? — האָט זוכין געזאָגט. — אָט ווי אַזוי: איינמאָל האָב איך געשיכּורט אין יאַראָסלאַוול, ווייסט — אויף סטאַזשענקע, געשיכּורט מיט עפּעס אַ פּריץ פון די קופּצעס. ער שטעלט צו רעקרוטן. זאָג איך: גיט טויזנט רובל, גיי איך. און בין אַוועק. — ווי אַזוי־זשע, דו ביסט דאָך אַן אַדעליקער, — האָט זוכין געזאָגט. — נאַרישקייט! ער האָט אַלץ בּאַוואָרנט, קיריל איוואַנאָוו. — ווער איז עס קיריל איוואַנאָוו? — דער, וואָס האָט מיך געקויפט (דערבּיי האָט ער אויף אַ בּאַזונדערן אופן אי משונה, אי שפּאַסנדיק, אי שפּאָטנדיק אַ גלאַנץ געטון מיט די אויגן און גלייך ווי אַ שמייכל געטון). אַ דערלויבעניש געגומען אין סענאַט. נאָך אַ ביסל געשיכּורט, די חובות בּאַצאָלט, און בין אַוועק. דאָס איז אַלץ. איז וואָס, שמייסן טאָר מען מיך נישט. 5 רובל פאַראַן. און אפשר וועט זיין אַ מלחמה...

נאָכדעם האָט ער אָנגעהויבן דערציילן זוכינען זיינע משונהדיקע, אומבּאַגרייפלעכע אַוואַנטורעס, כּסדר ענדערנדיק דעם אויסדרוק פון דעם ענערגישן פּנים און גלאַנצנדיק פינצטער מיט די אויגן.

ווען מען האָט שוין מער נישט געקאָנט פאַרבלייבן אין די קאָשאַרן, האָבן מיר זיך גענומען זעגענען מיט אים. ער האָט אונז אַלעמען געגעבן די האַנט, שטאַרק געדריקט אונזערע, און נישט אויפשטייענדיק צו בּאַגלייטן אונז, האָט ער געזאָגט: „קומט נאָך ווען נישט איז אַריין, הערשאַפטן, מען זאָגט, אַז מען וועט אונז נאָך ערשט דעם קומענדיקן חודש גאַוועקטרייבן". און ווידער האָט ער גלייך ווי אַ שמייכל געטון. אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט, האָט זוכין פונדעסטוועגן פון ס'בּיי זיך אומגעקערט צוריק. מיר האָט זיך געוואָלט זעען, ווי זיי וועלן זיך זעגענען. איך האָב מיך אויך אָפּגעשטעלט און געזעען, ווי זוכין האָט אַרויסגענומען פון קעשענע געלט, האָט עס אים דערלאַנגט, און סעמיאַנאָוו האָט אָפּגעשטויסן

זיין האַנט. נאָכדעם האָב איך געזעען, ווי זיי האָבן זיך צעקושט אין געהערט, ווי זוכין, ווידער דערנענטערנדיק זיך צו אונז, האָט גאַנץ הויך אַ געשריי געטון — זיי געזונט, קאַפּ! זיכער, איך וועל נאָך דעם קורס בישט ענדיקן, ווערסטו שוין זיין אַן אָפּיציר. אַלס ענטפער דערויף האָט סעמיאָנאָוו, וועלכער האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, זיך צעראַהאָטשעט מיט אַ קלינגענדיק נערוועז געלעכטער, וועלכעס האָט מיך געטראָפן מיט אַ שטאַרקער ווייטיק. מיר זענען אַרויס.

דעם גאַנצן וועג אַהיים, וועלכן מיר זענען געגאַנגען צופּיס, האָט זוכין געשוויגן און אַן אויפהער צו ביסלעך געשנייצט די נאָז, צושטעלנדיק אַ פינגער אַמאָל צו איינעם, אַמאָל צו דעם צווייטן נאָזלעכל. געקו-מען אַהיים, איז ער תיכף אַוועק פון אונז, און פון דעם טאָג אָן האָט ער אָנגעהויבן צו שיכורן ביז דעם עקזאַמען.

XLV.

איך פאַל דורך

לסוף איז אָנגעשטאַנען דער ערשטער עקזאַמען פון די פערענציאַלן און אונטערגאַלן. און איך בין אַלץ געווען אין אַ מאָדנעם נעפּל, און האָב זיך נישט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון פון דעם, וואָס עס האָט מיך דערוואַרט. נאָך דער געזעלשאַפט פון זוכינען און פון די אַנדערע חברים פלעג איך איינאָוונט טראַכטן וועגן דעם, אַז מען מוז עפּעס ענדערן אין מיינע איבערצייגונגען. אַז עפּעס איז אין זיי נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, און נישט גוט. נאָר אינדערפרי פאַר דער זונענשיין, פלעג איך ווערן comme il faut (ווי משונה דאָס זאָל נישט זיין) מיר איז אפילו אויפן זינען נישט געקומען דער געדאַנק וועגן דעם, אַז באַלד וועט מען דאַרפן ענטפערן פון אַ קעגנשטאַנד, וועלכן איך ווייס לגמרי נישט. איך האָב קאַלטבלוטיק געקוקט אויף די, וועלכע זענען צוגעגאַנגען עקזאַמענירן זיך, און האָב זיך אפילו דערלויבט צו שמייכלען פון אייניקע.

— נו, וואָס, גראַף? — האָב איך געזאָגט צו אילינקען, ווען ער האָט זיך אומגעקערט פונם טיש. — גענוג אָנגענומען זיך מיט פחד?

— מיר וועלן זען, ווי וועט איר, — האָט געזאָגט אילינקע, וועלכער האָט, זינט ער איז אָנגעקומען אין דעם אוניווערזיטעט, אינגאַנצן מורד געווען אין מיין השפעה, האָט נישט געשמייכלט, ווען איך האָב מיט אים גערעדט און איז געווען שלעכט געשטימט קעגן מיר.

איך האָב מיט פאַראַכטונג אַ שמייכל געטון אויף אילינקעס ענטפער, נישט געקוקט דערויף, וואָס דער ספק, וועלכן ער האָט אויסגעדריקט, האָט מיך אויף אַ רגע איבערגעשראָקן. נאָר דער נעפּל האָט ווידער פאַרדעקט דאָס געפיל, און איך בין ווייטער געווען צעשטרייט און גלייכגילטיק אַזוי, אַז איך האָב צוגעזאָגט תיכף ווי מען וועט מיך אויסהערן (גלייך ווי דאָס איז פאַר מיר געווען די קלענסטע זאַך) גיין מיטן באַראָן ז. צובייסן צו מאַטערנען. ווען מען האָט מיך אויסגערופן צוזאַמען מיט איקאָנינען, האָב איך פאַרריכט די פאַלדן פונם מונדיר און בין זייער גלייכגילטיק צוגעגאַנגען צום עקזאַמעניר-טיש.

אַ לייכטער פראָסט פון פחד איז דורכגעלאָפן באַ מיר איבערן רוקן ערשט דעמאָלט, ווען דער יונגער פּראָפעסאָר, דער זעלביקער, וועלכער האָט מיך עקזאַמינירט באַם אריינטריט-עקזאַמען, האָט מיר אַ בליק געטון גלייך אין פנים, און איך האָב מיך צוגעריכט צום פּאָסט-פּאַפּיר, אויף וועלכן עס זענען געווען אָנגעשריבן די בילעטן. איקאָנין, הגם ער האָט גענומען דעם בילעט מיט דעם זעלביקן הוידען זיך פונם גאַנצן קערפּער, מיט וועלכן ער האָט עס געטון אויף די פריערדיקע עקזאַמענס, האָט עפּעס געענטפערט, כאָטש זייער שלעכט. איך אָבער האָב געטון דאָס, וואָס ער האָט געטון אויף די ערשטע עקזאַמענס, איך האָב געטון אפילו ערגער, ווייל איך האָב גענומען אַן אַנדערן בילעט, און אויף דעם צווייטן גאָרנישט געענטפערט. דער פּראָפעסאָר האָט מיט באַדויערן מיר אַ בליק געטון אין פנים און מיט אַ שטילער, נאָר אַ פעסטער שטימע געזאָגט:

— איר וועט נישט אריבער אויפן צווייטן קורס, הער אירטעניעוו. ייט בעסער נישט עקזאַמינירן זיך. מען דאַרף אָפּרייניקן דעם פאַקולטעט. און איר אויך, הער איקאָנין, — האָט ער צוגעגעבן.

איקאָנין האָט געבעטן די דערלויבעניש נאָך אַמאָל זיך צו עקזאַמענירן, גלייך ווי מען בעט אַ נדבה. נאָר דער פּראָפעסאָר האָט אים געענטפערט, אַז ער וועט פאַר צוויי טעג נישט באַווייזן צו מאַכן דאָס, וואָס

ער האָט נישט געמאַכט אין משך פון אַ יאָר, און אַז ער וועט בשום אופן נישט אַריבערגיין. איקאָנין האָט ווידער קלאָגעדיק, דערנידעריקט געבעטן זיך, נאָר דער פּראָפעסאָר האָט ווידער אָנטזאָגט.

— איך קאָן גיין, מיינע הערן, — האָט ער געזאָגט מיט דעם זעלביקן נישט הויכן, נאָר פעסטן קול.

ערשט דעמאָלט האָב איך מיך באַשלאָסן אָוועקצוגיין פון טיש, און מיר איז געוואָרן מיאוס דערפאַר, וואָס איך האָב מיט מיין שווייגנ־דיקן שטיין דערביי גלייך ווי אָנטייל גענומען אין איקאָנינס דערנידעריקנ־דיקע געבעטן. איך געדענק נישט, ווי איך בין אַדורך דעם זאַל פאַרביי די סטודענטן, וואָס האָבן מיך געענטפערט אויף זייערע פראַגן, ווי בין איך אַרויס אין פירהויז און ווי האָב איך מיך פאַרשלעפּט אַהיים. איך בין געווען באַליידיקט, דערנידעריקט, איך בין געווען אמת אומ־גליקלעך.

דריי טעג בין איך נישט אַרויס פונם צימער, קיינעם נישט גע־זען, ווי אין דער קינדהייט געפונען פאַרגעניגן אין טרערן און האָב פיל געוויינט. איך האָב געזוכט פּיסטוילן, מיט וועלכע איך זאָל מיך קאָנען דערשיסן, ווען מיר זאָל זיך עס שוין זייער פאַרוועלן. איך האָב געטראַכט, אַז אילינקע גראַף וועט מיר שפּייען אין פּנים, ווען ער וועט מיך באַגע־געגענען, און טועבדיק עס, וועט ער זיין גערעכט. אַז אָפּעראָוו פרייט זיך אויף מיין אומגליק און ער דערציילט אַלעמען וועגן דעם, אַז קאָלפּיקאָוו איז געווען אינגאַנצן גערעכט, באַליידיקנדיק מיך באַם יאַר; אַז מיינע נאַרישע רעדעס צו דער יונגער פירשטין קאָרנאַקאָוו האָבן נישט געקאָנט האָבן קיין אַנדערע רעזולטאַטן, און אַז. וו., און אַז. וו. אַלע שווערע פיינלעכע פאַר דער אייגנליבע מאָמענטן פון לעבן זענען איינע נאָך די אַנדערע געקומען אויפן זינען. איך האָב מיך געמיט באַשולדיקן עמעצן אין מיין אומגליק; איך האָב געטראַכט, אַז עמעצער האָט עס אַלץ גע־מאַכט בכּיוון, איך האָב צוגעטראַכט קעגן זיך אַ גאַנצע אינטריגע, האָב מיך געקלאָגט אויף די פּראָפעסאָרן, אויף וואָלאָדיען, אויף דמיטרין, אויפן פּאַפּאַ דערפאַר, וואָס ער האָט מיך אָפּגעגעבן אין דעם אוניווערזיטעט. האָב מיך געקלאָגט אויף דער השגחה, וואָס זי האָט געלאָזט, איך זאָל דערלעבן צו אַזאַ חרפּה. לסוף פילנדיק, אַז איך בין אינגאַנצן אַ פאַר־לוירענער אין די אויגן פון אַלע, וואָס קענען מיך, האָב איך געבעטן דעם פּאַפּאַ, ער זאָל מיך לאָזן אָנקומען פאַר אַ הוזאַר, אָדער אין אַ קאַווקאַזער פּולק. דער פּאַפּאַ איז געווען אומצופרידן מיט מיר, נאָר זעענ־

דיק מיין שרעקלעכע עגמת-נפש, האָט ער מיך געטרייסט, זאָגנדיק, אַז ווי שלעכט דאָס זאָל נישט זיין, קאָן מען עס נאָך פאַרריכטן, אויב איך וועל איבערגיין אויף אַן אַנדערן פאַקולטעט. וואָלאָדיע, וועלכער האָט אויך אין מיין אומגליק קיין שרעקלעכס נישט געזעען, האָט געזאָגט, אַז אויף אַן אַנדערן פאַקולטעט וועט מיר לכּל-הפּחות נישט זיין מיאוס פאַר די נייע חברים.

אונזערע דאַמען האָבן אינגאַנצן נישט פאַרשטאַנען, און האָבן נישט געוואָלט אָדער נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס איז אַזוינס אַן עקזאַמען, וואָס הייסט נישט אַריבערגיין, און האָבן מיך באַדויערט נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן געזעען, ווי איך בין מיך מצער.

דמיטרי איז געקומען צו מיר יעדן טאָג און איז די גאַנצע צייט געווען אויסערגעוויינלעך צאַרט און מילד. אָבער דווקא דערפאַר האָט מיר אויסגעוויזן, אַז ער איז צו מיר אָפּגעקילט געוואָרן. מיר איז אַלע מאָל געווען ווייטיקדיק און באַליידיקנדיק, ווען ער פלעגט קומענדיק צו מיר אויבן, שווייגנדיק נאָענט צוזעצן זיך צו מיר, אַ ביסל מיט דעם אויסדרוק, מיט וועלכן אַ דאָקטאָר זעצט זיך אויפן געלעגער פון אַ שווערן חולה. סאָפיע איוואַנאָוונע און וואַרענקע האָבן מיר דורך אים געשיקט די ביכער, וועלכע איך האָב פריער געוואָלט האָבן, און זיי האָבן פאַרלאַנגט, איך זאָל קומען צו זיי. אָבער דווקא אין דער אויפמערקזאַמקייט האָב איך געזעען אַ גאוותדיקן, פאַר מיר באַליידיקנדיקן אַראָפּלאָזן זיך צו אַ מענטש, וועלכער איז שוין צו נידעריק געפאַלן. אין אַ טאָג דריי אַרום האָב איך מיך אַ ביסל באַרויקט, נאָר ביזן סאַמע אָפּפאָרן אין דאָרף בין איך ערגעץ פון שטוב נישט אַרויס און האָב אַלץ געטראַכט וועגן מיין צרה, פוסטע-פּאַס אַרומגעוואַנדלט פון איין צימער אין צווייטן, באַמיענדיק זיך אויסצומיידן אַלע שטוביקע.

איך האָב געטראַכט, געטראַכט, און לסוף איינמאָל אינאָוונט, זיצנדיק אייבער אַליין אונטן און הערנדיק אַוודאָטיע וואַסיליעוונעס וואַלס, בין איך פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען, אַרויפגעלאָפן אויבן, אַרויסגענומען דאָס העפט, אויף וועלכן עס איז געווען אָנגעשריבן: „כּללים פון לעבן", האָב עס אויפגעעפנט און אויף מיר איז אַראָפּ אַ מאָמענט פון חרטה און פון מאָראַלישן שוווּנג. איך האָב מיך פונאַנדערגעוויינט, נאָר שוין נישט מיט טרערן פון יאוש. קומענדיק צו זיך, האָב איך באַשלאָסן פון ס'ניי צו שרייבן די כּללים פון לעבן און בין געווען פעסט איבערצייגט, אַז

איך וועל שוין מער נישט טון קיין שלעכטס, קיין רגע נישט פארברענגען אין גארנישט טון און קיינמאל נישט עובר זיין אויף מיינע כללים.

צי האט דערדאזיקער מאראלישער אויפברויז לאנג געדויערט, אין וואס איז ער באשטאנען און וואס פאר א נייע יסודות האט ער אוועקגעלייגט פאר מיין מאראלישער אנטוויקלונג — וועל איך דערציילן אין דער וייטערדיקער, מער גליקלעכער העלפט פון מיין בחורשאפט.

24 סעפטעמבער.

יאסנאיא=פאליאנא.

װאַריאַנטן

ק י נ ד ה י י ט

צום קאַפּיטל I

אַז קאַרל איוואַנאָוויטש איז אַרויס, האָב איך, צוגייענדיק צו וואָלאָ־דיען, געפרעגט: — פאַרוואָס?

— עט, נאַרישקייטן, — האָט ער געענטפערט מיט גרינגשעצונג. — דערפאַר, וואָס איך האָב מיך אַוועקגעלייגט אויפן פענצטער, אַ בליק צו טון אויף אַקימען (אַקים — דאָס איז דער תם, דער גערטנער) און איך האָב נישט געזען, אַז ער האָט דאָ אויסגעשטעלט טרוקענען זיינע נאַרי־שע קעסטעלעך; האָב איך איינס נישט ווילנדיק צעקוועטשט.

— וואָסערע? — האָב איך געפרעגט.

ער האָט מיר נישט באַוויזן צו ענטפערן, ווייל אין דערדאָזיקער צייט, איז אַריין קאַרל איוואַנאָוויטש, איינגאַנצן שוין אָנגעטון אין בלויען סורדוט און די גרינגע הויזן. ער האָט מיר נאָר באַוויזן מיט זיינע לעבע־דיקע שוואַרצע אייגלעך אויפן ווינקל הינטערן אויוון און ווידער אויפגע־הויבן די אַקסלען און שיער־שיער זיך נישט פונאַנדערגעלאַכט.

איך האָב אַ בליק געטון; דאָס בעסטע ווערק קאַרל איוואַנאָוויטשס — דער פּוטלאַר מיט די צוויי ווענטעלעך, וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט אויסטרוקענען און אַרומקלעפּן מיט אַ זוים, כדי מען זאָל עס קאָנען דערלאַנגען אַ מתנה צום נאָמען־טאָג עמעצן פון די מיטגלידער פון אונ־זער משפּחה; דער פּוטלאַר, פאַר וועלכן קאַרל איוואַנאָוויטש האָט ספּעציעל באַשטעלט אַ פאָרמע בײַ דעם סטאָלער קאָנדראַטי. דער פּוטלאַר, איבער וועלכן ער האָט געאַרבעט מיט באַזונדערער זאָרגעוודיקייט און ליבּ־שאַפט, — דערדאָזיקער פּוטלאַר איז אַ צעקאַליעטשעטער, אַ צעקנייטש־

טער געלעגן אויף דער פּאָדלאָגע אין ווינקל הינטערן אויוון, לעבן דעם מיסט און דער קער-באַרשט, און איז פאַרשליידערט געוואָרן אַהער אין אַ רגע פון פאַרדראָס דורך קאַרל איוואַנאָוויטשן גופא.

מיר האָט אויסגעוויזן משונה, וואָס וואָלאָדיע האָט דערפון געקאָנט לאַכן.

קאַרל איוואַנאָוויטש האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר דער טיר און אויפן ביישטידל אָנגעהויבן פאַרשרייבן מיט קרייט עפעס אותיות און ציפער. ער האָט געפּירט אַ לוח אויף דערדאָזיקער טיר, נאָר היות ווי אויף דעם איבערשטן געזימס האָט זיך נישט אויסגעשטעלט קיין גאַנצער חודש, פלעגט ער אין געוויסע טעג אָפּרייבן און אָנשרייבן נייע צייכנס.

פאַר דער צייט, וואָס ער האָט דאָס געטון, בין איך צוגעגאַנגען צום לעצטן פענצטער. אָט וואָס פון אים האָט זיך געזען: הינטערן פענצטער — אַ גרויסער קוסט פון בעז, הינטערן קוסט אַ געשווירענע ליפּאָווע אַלעע, דורך דער אַלעע האָט זיך געזען אַ לאָנקע, וועלכע האָט געהאַט פון איין זייט אַ שייער, און אַנטקעגן און פון דער צווייטער זייט אַ וואַלד, אין וואַלד האָט זיך געזען דעם שומרס כאַטקע. ס'איז נישט אויסצודערציילן, ווי שיין דאָס איז געווען.

צום קאַפּיטל IV

איך בין געזעסן באַם אָפענעם פענצטער סאַמע איבער דעם פּאַפּאַס קאַבינעט. פון אונטן האָבן זיך געהערט דעם פּאַפּאַס און דער maman'ס שטימען. נאָר וואָלאָדיע האָט אַזוי הויך געזאָגט דעם שיעור פאַר קאַרל איוואַנאָוויטשן, וועלכער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן אים אויסגעהערט, אַז מען האָט נישט געקאָנט פאַרשטיין, וואָס זיי האָבן גערעדט.

„פאַרוואָס איז די maman אַליין צו אים געקומען, און נישט ער צו איר? — האָב איך געטראַכט, — זי האָט אים גערופן צו זיך, טאָ וואָס-זשע וואָלט אים געאַרט, בעסער ער זאָל גיין צו איר, איידער זי צו באַאומרויקן?"

דער פאָטער מיט דער מוטער האָבן געלעבט זייער גוט צווישן זיך. פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זיי האָבן צוזאַמען געלעבט נאָך דער חתונה, איז פון קיינעמס זייט נישט געווען נישט נאָר קיין אויסרייד, נאָר אפילו קיין חשד אין אומגעטרייהייט אָדער אין פאַלשקייט. די maman

איז געווען אַזאַ אומשולדיק, ליבנדיק און געטרויענדיק וועזן, אַז זי האָט נישט געקאָנט חושד זיין, ובפרט נאָך צו זיך אַרויסרופן חשד.

אָפטער, דערמאַנענדיק זיך זייערע באַציונגען איינעם צום צווייטן, האָב איך זיך געוואָלט שאַפן אַ באַגריף וועגן דעם געפיל, וואָס האָט זיי פאַראייניקט, אָבער — צי דערפאַר, וואָס מיינע זכרונות זענען געווען קנאַפּ, צי דערפאַר, וואָס איך האָב מורא געהאַט פאַר אַנטוישונג, נאָר איך האָב עס נישט געקאָנט. אַמאָל האָט נישט געפאַסט צו מיינע זכרונות דאָס געפיל, וועלכעס איך האָב זיך פאָרגעשטעלט. אַמאָל האָט זיך מיר נישט געוואָלט גלייבן, אַז דאָס זאָל טאַקע אַזוי זיין. איין זאַך, אין וועלכער איך בין געווען אינגאַנצן איבערצייגט — איז דאָס, אַז דער פאָטער האָט אונטערגעשטעלט די באַק און די maman האָט געקושט, ד. ה., אַז אין אַלץ און אַלע מאָל האָט ער אויף איר געהאַט אַ גרויסע השפעה.

זי איז געווען איינע פון יענע פרויען, וואָס דער ציל פון זייער לעבן איז זעלבסטאָפּפערונג און דאָס גליק פון דעם צווייטן. דעריבער איז כאָטש דער פאַפּאַ איז געווען אויפמערקזאַם, און מיט אַן אַנדערער פרוי וואָלט ער געקאָנט אויסווייזן אַ גוטער מאַן, איז ער מיט דער maman געווען גראָב. דאָס איז קענטיק געווען דערפון, וואָס ער האָט אָפטמאָל איר דערלויבט צו באַדינען אים, מקריב זיין פאַר אים אירע פאַרגעניגנס; האָט איר אַמאָל איבערגעשלאָגן די רייד; אפילו לויט דער פונאַנדערטיילונג פון דעם הויז האָט מען עס געזען. אויף וועמענס העלפט איז געווען מער פענצטער? פון וועמענס פענצטער איז דער אָנזיכט געווען שענער? וועמענס דינערשאַפט האָט געהאַט אַ בעסער אָרט פאַר זיך? צו וועמען איז דער אַריינגאַנג שענער און רויקער? פונוואַנען איז געווען אַ טיר אין גאַרטן? אויף וועמענס העלפט איז געווען אַ קאַמין? אויף וועמענס פלעגט מען אויפנעמען אַלגעמיינע געסט? אויף וועמענס פלעגט דער אַלטער גערטנער ברענגען אַ קאַקטוס-גראַנדיפלאָר און מיט רויקער חשיבות מעלדן, אַז מאָרגן וועט ער זיין מיט בליונג? צו וועמענס פענצטער פלעגט מען צופירן אַ בער און ס'פלעגן זיך פאַרזאַמלען די הויף-דינער און די קינדער? די אַלע מעלות האָט געהאַט דעם פּאַפּאַס העלפט.

וואָלאָדיע האָט אויפגעהערט צו זאָגן די דיאַלאָגן, און פונם קאַבינעט זענען צו מיר קלאָר דערגאַנגען טיילן פון אייניקע פראַזן. לויט די-דאָזיקע טיילן האָב איך פאַרשטאַנען דעם אַלגעמיינעם זינען פון דעם

שמועס. דער פּאַפּאַ האָט געזאָגט, אַז היינטיקס יאָר זענען די הכנסות געווען אַזעלכע קליינע און די הוצאות אַזעלכע גרויסע, אַז מען קאָן אַפילו נישט טראַכטן צו פאָרן מיט דעם גאַנצן הויז ווינטער אין מאָסקווע. נאָר די קינדער, דערהויפּט וואָלאָדיען, וועלכן עס ווערט שוין באַלד דרייצען יאָר, איז שוין לאַנג צייט עפּעס צו לערנען, חוץ די טיראָלער לידער און קאַרל איוואַנאָוויטשס דיאַלאָגן, נאָר אויף זומער וועט ער זיי ברענגען אין דאָרף אַריין, און דעם קומענדיקן ווינטער, מיט גאָטס חסד, וועלן מיר שוין אַלע אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע.

— איך ווייס, מיין פריינט, אַז דאָס איז טאַקע פון זייער טובה וועגן, אָבער פונדעסטוועגן איז עס טרויעריק, — האָט געענטפערט די maman און איז אַוועק פונעם פענצטער.

. . . .

„מסתמא וועט מען אונז באַלד רופן צו מיטאָג; נאָר איינס קאָן אַפּהאַלטן — איך האָב געזעען, ווי די maman מיט מימין, ליובעלען און קאַטיעלען (קאַטיעלע איז געווען מימיס צוועלפיעריקע טאָכטער) זענען אַוועק אין סאַד, אָבער זיי זענען נאָך נישט צוריקגעגאַנגען.

„אָט זעען זיך, דאַכט זיך, זייערע שירעמס. ניין, דאָס איז מימי מיט די מיידלעך... אַך, אָט איז זי שוין אַליין אויך. ווי שטיל זי גייט, און סאַר אַן אומעטיקע, טייבעלע מיינס! פאַרוואָס פאָרט זי נישט מיט אונז?

„און ווי, אויב איך זאָל אָט וואָס טון? ווען ער וועט זאָגן, אַז ס'איז שוין צייט צו פאָרן, וועל איך צוגיין צו איר, אַרומנעמען זי און זאָגן: כ'וועל בעסער שטאַרבן, און אָן איר נישט פאָרן. מ'וועט דאָך מיך, זיכער, איבערלאָזן מיט איר. דעמאָלט וועלן די maman, איך, ליובעלע, קאַטיעלע, קאַרל איוואַנאָוויטש — מיר אַלע צוזאַמען ווינען אַלעמאָל אין פּאָקראָווסקאַיע. איך וועל מיך אינדערהיים לערנען בא קאַרל איוואַנאָוויטשן, און דערנאָך, ווען איך וועל שוין אויסוואַקסן גאָר אַ גרויסער, וועל איך אים שענקען אַ הייזל, וועט ער אין דעם שטענדיק ווינען, און איך וועל אַוועקפאָרן דינען, און נאָכדעם, אַז איך וועל זיין אַ גענע־ראַל, וועל איך מיט עמעצן חתונה האָבן, אפשר מיט קאַטיעלען, און איך וועל אַראָפּברענגען קאַרל איוואַנאָוויטשס קרובים פון זאַקסן, אָדער, בעסער וועל איך אים געבן געלט, זאָל ער זיך פאָרן קיין זאַקסן".

פיל האָב איך געטרוימט וועגן זאַקסן, וועגן דעם טיטול פון אַ

גענעראַל, וועגן דער maman, וואָס דערפֿאַר, וואָס איך וועל זיין אַ געבעראַל און וווינען מיט איר צוזאַמען. וועט זי מיך ליב האָבן מער פֿאַר אַלעמען. נאָר איבערגעבן די אַלע טרוימערייען איז צו שווער, נישט דערפֿאַר, וואָס זיי זענען אומגעלומפּערטע, נאָר דערפֿאַר, וואָס זיי זענען צו פּרעכטיקע.

אָט לויפֿט טאַקע דער הויזפֿאַרוואַלטער פֿאָקאַ, מיט אַ טישטעכל אין דער האַנט, אין סאָד אַריין, מעלדן, אַז דאָס עסן איז פֿאַרטיק. סאַר אַ קאָמישער ער איז אין דעם לאַנגן סורדוט און אין דער ווייסער קאַמיזוילקע, און ווי עס גלאַנצט אויף דער זון זיין פּליך!

דאַנקען גאָט, אָט, דאַכט זיך, גייט מען שוין אונז אויך רופֿן, עס הערן זיך טריט אויף די טרעפּ. איך האָב אַלע שטוביקע געקאָנט דערקענען לויט דעם גערויש פֿון זייער גאַנג און דעם סקריפּען פֿון די שטיוול; אָבער דאָס גערויש פֿון די טריט, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט, איז מיר געווען אומבאַקאַנט, דעריבער האָב איך מיט נייגיריקייט אַ בליק געטון אויף דער טיר.

צום קאַפּיטל V

אַמאָל פֿלעגט אויסקומען, אַז ס'איז אַזוי שרעקלעך אָנהייבן צו בעטן, נאָר דאַכט זיך, ס'איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן, אַלע זענען געווען אַזעלכע גוטע! אָבער אַז דו הייבסט שוין אָן, איז אַ וווּנדער, פֿונוואַנען נעמט זיך בײַ דיר אַזוי פֿיל דרייסטקייט, ווען אַפֿילו מען דערלויבט נישט דאָס, וואָס דו בעטסט; הייבסט זיך אָפּטמאָל אָן צו אַמפּערן, און סטאַרעסט זיך דערווייזן, אַז דאָס איז אומגערעכטיק.

דידאַזיקע שוואַכקייט, ד. ה., וואָס דער ערשטער טריט איז פֿאַר מיר אַזוי שווער געווען, האָב איך אין זיך באַמערקט נישט נאָר אין דער קינדהייט, נאָר אַפֿילו אין די פֿיל רייפֿערע יאָרן. נאָר וואָס רעד איך: ד י ד אָ ז י ק ע שוואַכקייט, — אַלע שוואַכקייטן, וועלכע זענען געווען אין דער קינדהייט זענען פֿאַרבליבן די זעלביקע; דער אונטערשיד איז נאָר אין דעם, וואָס זיי ווייזן זיך אַרויס אין אַנדערע פֿאַרלאַנגען.

צום קאַפּטל VI

אפנים, אז מיט דער צייט האָט זיך דער חוש־הריח בײַ מיר אינגאַנצן געענדערט. פאַרוואָס, וויפֿיל איך זאָל איצט נישט אַריינשמעקן אין זיך דעם ריח פֿון פֿערד, האָט פֿאַר מיר דער ריח לגמרי נישט יענע באַדייטונג און פּראַכט, וואָס ער האָט געהאַט אין דער קינדהייט?

צום קאַפּיטל VII

פאַרוואָס איז די יאַגד מיט הינט — דאָס־אַ אומשולדיקע, נוצלעכע פאַרן געזונט, פֿיינע און פאַרכאַפּנדיקע פאַרגעניגן, — אַזוי פאַרהאַסט בײַ דער מערהייט סיי שטאָטישע, סיי דאָרפֿישע איינוווינער? „הינט טרייבן זיי" — זאָגן די שטאָטישע; „האָזן טרייבן זיי" — זאָגן די דאָרפֿישע. וואָס איז אין דעם פאַר אַ שלעכטס? וועמען ברענגט עס שאָדן? מען זאָגט: מען רוּינירט זיך, מען ווערט געהרגעט.

דעם גוטסבאַזיצער קאָסט פֿיל ביליקער אויסהאַלטן אין משך פֿון אַ קײַלעכיק יאָר אַן אָנשטענדיקע יאַגד, איידער פאַרברענגען די צוויי האַרבסט־חדשים אין דער הויפּטשטאָט, אין דער גובערניאַלער, אָדער אין דער קרייז־שטאָט, — די צוויי חדשים, וועלכע ער וואָלט דאָרט אומבאַדינגט פאַרבראַכט, מחמת דיזאָזיקע צוויי חדשים האָט דער גוטסבאַזיצער אין דאָרף לחלוטין נישט וואָס צו טון. עס ווערן געהרגעט נאָר די, וועלכע גאַלאָפּירן ווי די משוגעים, און עס גאַלאָפּירן ווי משוגעים אויף דער יאַגד בלויז די, וואָס זענען נישט קיין יעגער. מען וועט פרעגן: וואָס זעט מען אַזוינס אין דער יאַגד מיט הינט? — אָט וואָס:

אין 18... דעם 8־טן נאָוועמבער אין דעם טאָג פֿון דעם הייליקן מיכאל, אַכט אַ זייגער אינדערפֿרי איז N, אַ מיידל אין די עלטערע יאָרן און מיט אַ בכבודיקן אויסזען, אַרויסגעפאָרן אין אַ פאַרמאַכטן שליטן פֿון דעם דאָרף פֿון איר ברודער הער M. זי וואָלט נאָך נעכטן אַוועקגעפאָרן, נאָר נעכטן פֿון האַלבן טאָג אָן איז געוואָרן אַ וואַרעם

וועטער און ס'איז אַוועק אַ שטאַרקער שניי, וועלכער האָט אויפֿגעהערט ערשט אַ שעה פֿאַר זון־אויפֿגאַנג.

די סימנים, וואָס די יעגער האָבן בנוגע דעם טאָג פֿונעם הייליקן מיכאַיל, האָבן זיך אַרויסגעוויזן, זענען ריכטיקע — דער ערשטער האַרבסט־שניי איז געווען אַן אויסגעצייכנטער. דער הער M איז געווען אַ יעגער, דער קנעכט האָט אים דערלאַנגט דאָס פֿערד, אַליין אויף זיין פֿערד זיך געזעצט, אַ פֿייף געטון צו די הינט, וועלכע האָבן זיך געשפּילט און געוואַלגערט אויפֿן יונגן שניי, און ער איז אַרויסגעפֿאָרן תּיכּף נאָכן שליטל הינטערן דאָרף. ער איז נאָך נישט אָפּגעפֿאָרן קיין צוואָנציק קלאַפּטער, ערשט ער האָט דערזעען רעכטס פֿונעם וועג אַ האָזן־שפּור, וואָס איז אַזוי דייטלעך געווען אָפּגעדרוקט אויפֿן פּוכיקן שניי, אַז מען האָט געזעען דאָס אָרט פֿון יעדן פֿינגער: דער שפּור איז געגאַנגען צו די שייערן. הער M איז געפֿאָרן נאָך אים. אָט זענען די שפּורן געפֿלאָכטן אין צווייען... צונויפֿגעקליבן צוזאַמען, ווידעראַמאָל געפֿלאָכטן, ווידער צוזאַמענגעקליבן און אַנגעפּלאָנטערט אַזוי פֿיל קניפּלעך, אַז הער M און דער קנעכט האָבן זיך שווייגנדיק איינער דעם צווייטן אָנגעקוקט; ביידע זענען געווען אין פֿאַרלעגנהייט, נאָר שטייענדיק אַ רגע און קוקנדיק אַרום זיך, האָט דער קנעכט לייכט אַ פֿייף געטון און באַוויזן מיטן אַראַפּניק אויף אַ קליין פּינטל אַרום שניי — דאָס איז געווען אַ שפּור פֿון אַ שפּרונג, אַלע פֿיר פֿיסלעך צוזאַמען. נאָכדעם נאָך אַ שפּור. אָבער דער אָפּדרוק איז שוין געווען ברייטער, און ווידער האָט זיך אַוועקגעלאָזט אַ גלייכער שפּור. נאָך געפֿלעכטן, און פּלוצלינג, ווי פֿון דער ערד אַרויסגעוואַקסן, איז אַרויסגעשפּרונגען און האָט זיך אַוועקגעלאָזט גאַלאָפּ אַ האָז מיט אַ זילבערנעם רוקן.

די הינט האָבן אָנגעהויבן יאָגן, ער האָט זיך געלאָזט פֿליען צום וועג, איז אַרויס אויף אים און איז אַוועק גלייך צו דעם שליטל, וואָס איז לייכט לויפֿנדיק געפֿאָרן פֿון פֿאָרנט. דערהערט, אַז מען פֿאַרפֿאָלגט אַ האָז הינטער איר, האָט די פֿרוי N געהייסן אָפּשטעלן זיך און איז אַרויס פֿונעם פֿאַרמאַכטן שליטן, כּדי בעסער צו זעען די יאָגד. ווען זי איז אַרויס אויפֿן וועג, האָט דער האָז זיך געפֿונען נישט ווייטער ווי אַ טריט צען פֿון איר. דערזעען, אַז דער האָז איז נאָענט און ער לויפֿט גלייך צו איר, האָט פֿרוי N, פֿאַרגעסנדיק, אַז ס'איז נישט פּאַסיק, אַ קוויטש געטון און, אויסשפּרייטנדיק איר אויבער־מלבוש, אויסגעזעצט זיך אויפֿן מיטן וועג אין דער פּאָזע פֿון אַ הין אויף די אייער, רעכענע־

דיק אפנים צו פאַרדעקן דעם אומדערפאַרענעם האַז מיטן מלבוש, ווי נאָר ער וועט צו איר אונטערלויפן אויף אַ געניג נאָענטן שטח. אָבער דערדאָזיקער כיטרער פּלאַן האָט זיך, צום אומגליק, נישט איינגעגעבן, מחמת, דערזעענדיק אַזאַ מאָדנע פּאָזע פון דער פרוי N, האָט דער האָז פאַרשטאַנען איר בייזע כוונה, האָט אַ פּאַטש געטון מיט די אויערן, האָט זיך אָפּגעטיילט פון די הינט, וואָס זענען אים געהאָנגען אויפן קאַרק און זיך אַוועקגעלאָזט איבערן פעלד. דערזעענדיק, ווי אין איין רגע זענען אירע פּלענער געוואָרן צו נישט, האָט פרוי N שאַרף אַ קוויטש געטון: „אַי, אַי, אַי, האַלט! האַלט!“ און, פאַרקאַטשענדיק איר מלבוש, האָט זי זיך געלאָזט לויפן נאָך אים. נאָר לעבן וועג זענען געווען גאַנצע בערג שניי, חוץ דעם איז דאָס פּוקסענע מלבוש געווען שווער, און די ווייסע האַריקע שטיוול זענען כסדר אַראָפּגעפאַלן פון די פיס — זי האָט מער נישט געקאָנט לויפן און באַקומען אַזאַ אַסטמע און זיך אַזוי אַרויסגעשלאָגן פון די כוחות, אַז זי איז גלייך געפאַלן אויפן שניי און האָט נאָר געקאָנט אויסרעדן די ווערטער: „זעסט, ברודער, איך וואָלט זייער וועלן, נאָר איך האָב קיין כוחות נישט“. מען האָט זי אויפגעהויבן, אַריינגעזעצט אין פאַרמאַכטן שליטל — זי האָט פון מידקייט נישט געקאָנט רעדן, אָבער זי האָט געשמייכלט.

אין אונזער גובערניאַלער שטאָט האָט געוווינט אַ סוחר פּאָדעמשטשיקאָוו. ער האָט אַלע מאָל געהאַט געשעפטן מיט מיין פאָטער. און דער פאָטער האָט אים ליב געהאַט פאַר זיין ערלעכקייט און פּינקטלעכקייט; די יאַגד האָט ער אָבער נישט ליב געהאַט און וועגן יעגער גערעדט מיט פאַראַכטונג.

איינמאָל האָט אים דער פאָטער איינגערעדט צו פאָרן אויף יאַגד. ער איז אין זיין סוחרישער לאַנגער קאַפּאָטע אַרויפגעקראָכן אויף דעם יעגערישן פערד און איז די גאַנצע צייט געפאָרן מיט אונז. די יאַגד איז געווען נישט קיין געלונגענע, און אַ פאַראַכטלעכער שמייכל איז נישט אַראָפּ פון זיין געזיכט. לסוף איז אויסגעקומען סאַמע לעבן אים צו יאָגן אַ ווייסן האָז. איך האָב אויף אים אַכטונג געגעבן די גאַנצע צייט, וואָס מען האָט געטריבן דעם האָז, ווייל איך האָב געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַן איינדרוק וועט עס אויף אים מאַכן.

ער איז געפלויגן ווי אַ משוגענער, צייטנווייז אַרויסלאָזנדיק הילכיקע קלאַנגען. נאָר בעת די הינט האָבן אַרומגערינגלט דעם האָז און, אויסדריקנדיק זיך אויפן יעגערישן לשון, גענומען שליידערן אים פון איין

טרייב צום צווייטן, איז זיין התפעלות דערגאַנגען צו דער לעצטער מדרגה; פליענדיק ווייטער און אַנלייגנדיק זיך אויפן פאַרנט פונם זאַטל, איז ער געשטאָרבן פון געלעכטער.

דאָס טרייבן איז ווי בכיוון געווען אַ געלונגענס: ארומגערינגלט פון אַלע זייטן, האָט דער האָז געמאַכט אַ salto mortale, און איין הינט האָט אים געכאַפּט איבערלויפטן.

נישט געקוקט דערויף, וואָס מען האָט צו אים פון אַלע זייטן געשריגן: „די הינט צעטרעט נישט, די הינט צעטרעט נישט", איז ער צוגעפלויגן סאַמע צו דעם אָרט, וווּ מען האָט געכאַפּט דעם האָז, נישט האָבנדיק קיין כּוח צו האַלטן זיך אויפן זאָטל פון געלעכטער, איז ער אַראָפּגעפאַלן גלייך אין די קופּע הינט, און האָט ווייטער, ליגנדיק אויף דער ערד, אונטער זיך, נאָר אָן אַ קול געלאַכט. קוים, קוים וואָס מען האָט אים באַרויקט. פון וואָס האָט ער געלאַכט? — מ'ווייסט נישט.

צום קאַפּיטל VIII

כּדי צו באַקומען אַ געוויסע טייל פון די נאַשערייען, האָט מען אין אַ צניעותדיקער פאַזע געדאַרפט וואַרטן, ביז גאַווריליע וועט איינציק־ווייז פונאַנדערוויקלען יעדעס שטיק, וועט נעמען די טעלער, אויסווישן זיי, אוועקלייגן אויף זיי אַלץ און סימעטריש אויסשטעלן אויף דעם טעפּיך, פאַרריכטנדיק דערצו יעדן טעלער עטלעכע מאָל, גלייך ווי עס וועט פאַרקומען עפּעס אַן ענדערונג אין דעם טעם פון דידאַזיקע זאַכן דערפון, וואָס זיי וועלן שטיין נישט אויף אַ גלייכן שטח וויית איינע פון דער אַנדערער. קוקנדיק אויף אַזוינע מינים הכנות, בין איך שטענדיק בייז געווען אויף אַלץ און אויף אַלעמען און בין געווען זיכער, אַז דאָס ווערט בכיוון געטון, כּדי מיך צו רייצן, ובפרט, אַז ווען מען וואָלט מיך צוגעלאָזט דעמאָלט צום קערבעלע, דאַכט מיר, וואָלט איך מיט די בלע־טער אויפגעגעסן אַלץ, וואָס דאָרט איז געווען.

צום קאַפּיטל IX

— וואָס פאַר אַ צערטלעכקייטן ! — און ער האָט זיך ווייטער פאַרנומען מיט די שרצים, באַ מיר אָבער זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן פון תענוג און פון בושה.

דאָס געפיל פון דעמדאָזיקן תענוג איז פאַר מיר נעווען אינגאַנצן ניי און האָט דערמאַנט נאָר יענץ פאַרגעניגן, וואָס איך האָב איינמאָל געשפּירט, גלעטנדיק מיין אייגענע נאַקעטע האַנט.

הגם איך האָב מיך זייער געשעמט, האָב איך נאָכדעם קיין אויג נישט אַראָפּגעלאָזט פון קאַטיעלען.

. . . .

געבראַכט זיך ווי נישט איז אין אָרדנונג, ווי צונטער-רויט פון בושה און נישט אַרומקוקנדיק זיך אויף דעם רייטוועגל, בין איך שוין נאָכדעם געפאָרן פון הינטן. אָבער סאַמע אין דער רגע פון מיין מפלה האָב איך געהערט געשרייען, קוויטשעריי און געלעכטער פונם רייטוועגל; צווישן די לאַכנדיקע שטימען איז געווען אויך קאַטיעלעס שטימע. איך בין אויף איר זייער אין כעס געוואָרן.

געקומען צו פאָרן אַהיים, האָט די maman געהייסן דערלאַנגען ליכט, האָט אוועקגעלייגט די נאָטן און געזעצט זיך צום ראָיאַל. וואָלאָדיע, ליובעלע און קאַטיעלע זענען אַוועקגעלאָפן אין זאַל שפּילן, איך אָבער בין מיט די פיס אַריינגעקראָכן אין וואָלטערישן פאָטעל, וואָס איז געשטאַנען אין גאַסט-צימער און האָב מיך איינגעאָרדנט צום הערן. קאַטיעלע איז געקומען רופן מיך אין זאַל אַריין, אָבער איך בין אויף איר געווען בייז און האָב זי געבעטן לאָזן מיך צורו.

צום קאַפּיטל ח

הגם ער האָט קיינמאָל גאָרנישט גערעדט קעגן רעליגיע און איז געווען פרום, דאָך איז בײַ מיר עד היום אַ ספק, צי האָט ער אין עפּעס געגלייבט, צי נישט. זײַנע פּרינציפּן און בליקן אויף זאַכן זענען אַלע מאָל געווען אַזוי בויגעוודיק, אַז ענטפערן אויף דער פראַגע איז זייער שווער, און מיר דאַכט זיך, אַז ער איז געווען פרום נאָר פאַר לײַטן.

קיין מאָראַלישע איבערצײַגונגען, — וואָס איז, אומאָפּהענגיק פון די געזעצן פון דער רעליגיע, גוט אָדער שלעכט, — האָט ער אוודאי נישט געהאַט. זײַן לעבן איז געווען אַזוי פיל מיט אַלערליי מינים לײַדנשאַפטן, אַז ער האָט נישט באַוויזן, און אגב נישט געהאַלטן פאַר נייטיק, אַ כּראַכט צו טון וועגן דעם און אויסאַרבעטן זיך וועלכע נישט איז כּללית

. . . .

אַלס פאָטער, איז ער געווען נאָכזיכטיק. האָט ליב געהאַט אויסצובאַרימען זיך מיט זײַנע קינדער און איז געווען צאַרט, אָבער נאָר פאַר זײַטיקע אין די אויגן, נישט דערפאַר, וואָס ער זאָל האָבן געמאַכט אַן אָנשטעל, נאָר צושויער האָבן אים געדרייצט. ער האָט גענדאַרפט פּובליק, כּדי צו טון עפּעס גוטס.

ער איז געווען אַ מענטש מיט הייסע תּאוות; די גרעסטע תּאוות זענען בײַ אים געווען קאָרטן און פרויען. פאַרן גאַנצן לעבן האָט ער אויסגעשפּילט אַרום צוויי מיליאָן, און האָט אַלץ פאַרלעבט. צי האָט ער געשפּילט אָפּט, צי גישט, ווייס איך נישט; איך ווייס נאָר דאָס, אַז מיט אים איז פאָרגעקומען עפּעס פאַר קאָרטן אַ געשיכטע, צוליב וועלכער ער איז געווען פאַרשיקט, אָבער צוזאַמען דערמיט האָט ער געהאַט אַ רעפּוטאַציע פון אַ גוטן שפּילער, און מען האָט ליב געהאַט מיט אים צו שפּילן. ווי אַזוי האָט ער געקאָנט אָפּגעווינען בײַ מענטשן זייער געלט און פאַרבלײַבן מיט זיי גוט־פרײַנט, פאַרשטיי איך בשום אופן נישט, — ער האָט גלײַך ווי געטון אַ טובה די מענטשן, וועלכע ער האָט אַרומגענומען.

. . . .

בלויז דער, ווער עס האָט נישט געוווינט אין דאָרף אַלס ווירט, קאָן נישט וויסן, וויפיל אומאַנגענעמלעכקייטן עס קאָנען אים פאַרשאַפן די שכנים מיט זייערע לאָדענישן און מחלוקתן, די גוטבאַזיצער פון איין קרייז מיט אים — דורך זייערע צינגעלעך, און די מאַכט — דורך די באַדריקונגען און די טשעפּעניש ; קאָן נישט וויסן, וויפיל בייז בלוט זיי פאַרשאַפן אים און ווי זיי כמען אים אָפּ דאָס גאַנצע גליק פון זיין לעבן.

כדי פּטור צו ווערן פון דידאָזיקע אַלע רדיפות, וועלכע עס איז אומפאַרמיידלעך אונטערגעוואָרפן יעדער גוטבאַזיצער, זענען פאַראַן דריי מיטלען : דאָס ערשטע איז : בנוגע צו אַלעמען געזעצלעך דערפילן די חובות און באַנוצן זיך מיט די רעכט פון אַ גוטבאַזיצער. דאָסדאָזיקע מיטל, הגם עס איז דאָס איינפאַכסטע און דאָס ערשטע, וועלכעס לייגט זיך אויפן שכל, פאַרבלייבט ליידער עד-היום אין דער מדרגה פון אַ שכליות, מחמת מען קאָן זיך נישט באַגיין געזעצלעך מיט מענטשן, וועלכע נוצן אויס דאָס געזעץ אַלס אַ מיטל פאַר אומבאַשטראָפטער אומגעזעצלעכקייט. דאָס צווייטע מיטל באַשטייט אין באַקאַנטשאַפט און גוטפריינטשאַפט נישט בלויז מיט די פערזאָנען, וועלכע שטעלן פאָר די מאַכט פון דעם קרייז און פון דער גובערניע, נאָר אויך מיט אַלע גוטבאַזיצער, מיט וועלכע דער גורל פירט אייך צונויף, אָדער וועלכע פאַרלאַנגען באַקאַנטשאַפט מיט אייך, און אין פריינדלעכן פריינטשאַפטלעכן פאַרענדיקן אַלע אָנשטייענדיקע צוזאַמענשטויסן. דאָסדאָזיקע מיטל ווערט ווייניק געברויכט, ערשטנס דערפאַר, וואָס פריינטשאַפטלעכע באַציונגען מיט דעם גאַנצן קרייז זענען אַליין פאַר זיך שוין אַן אומאַנגענעמלכקייט נישט קיין קלענערע כאַר יענער, וועלכע איר האָט געוואָלט אויסמיידן, און צווייטנס דערפאַר, וואָס צו שווער איז פאַר דעם נישט צוגעוויינטן מענטש צו קאָנען האַלטן צווישן אַלע שנאות, אומגעזעצלעכקייטן און נידעריקייטן פונם גובערניאַלן לעבן, אויסמיידנדיק רכילות און רוגז ; איר טאָרט גאָרנישט פאַרגעסן, קיינעם נישט גרינגשעצן : איר מוזט זיך סטאַרען, אַז אַלע אָן אויסנאַם זאָלן פון אייך זיין צופרידן. ווײ צו אייך, אויב איר האָט זיך דערוואָרבן כאָטש איין שונא, מחמת יעדער גאָרנישט, וואָס איז נאָך פאַר אייך היינט געשטאַנען אין אַן עניוותדיקער פּאָזע לעבן דעם אושאַק פון אייער טיר, קאָן אייך מאָרגן פאַרשאַפן אַ באַרג מיט אומאַנגענעמלעכקייטן.

דאָס דריטע מיטל איז : האַלטן זיך פערעמד מיט אַלעמען און צאָלן

מס. דער מס איז פון צוויי מינים: מס אונטערטעניקער, און מס נאָכזיכטיקער. מס אונטערטעניקן צאָלן די מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעקליבן דאָס דריטע מיטל, נאָר זיי האָבן נישט קיין מעגלעכקייט צו באַפרייען זיך פון דעם ווילקיר מצד דער מאַכט אין דער היינזיכט פון ארויפלייגן דעם מס. נאָכזיכטיקן צאָלן די מענטשן, וועלכע האָבן אַ צד צווישן דער גובערניאַלער מאַכט, נאָר צוליב גרעסערער זיכערקייט און לויט אַלטע מנהגים זאָגן זיי זיך פונם מס נישט אָפּ.

פאַראַן נאָך איין זייער אַ געברויכלעך מיטל, נאָר צוליב זיין אומגעזעצלעכקייט דערמאַן איך וועגן אים בלויז ווי וועגן אַן אויסנאַם. עס באַשטייט אין דערווערבן זיך אין דער גובערניע אָדער אין דעם קרייז אַ שם פון אַ שרעקלעכן בעל-מחלוקת און אַ מסור.

דער פּאַפּאַ האָט בנוגע דער מאַכט און די שכנים זיך באַנוצט מיט דעם דריטן מיטל, ד. ה. ער איז מיט קיינעם אין דעם קרייז נישט געווען באַקאַנט און האָט געצאָלט נאָכזיכטיקן מס. ער האָט נישט ליב געהאַט אָפּט צו פאָרן אין דער גובערניאַלער שטאָט, נאָר ער האָט זיך געקאָנט איינאָרדנען אַזוי, אַז אַלע גובערניאַלע גדולים: דער גובערנאַטאָר, דער גובערניאַלער מאַרשאַלעק, דער פּראָקוראָר פלעגן כאָטש איינמאָל אין יאָר קומען קיין פּעטראָווסקאָיע.

יאַקאָוו מיכאַילאָוויטש פלעגט, פאַרשטייט זיך, בײַ דער ערשטער נסיעה אין קרייז-שטאָט דערציילן דעם איספּראַווניק און אַנדערע, ווי זיין עקסעלענץ האָבן באַוויליקט צו נעכטיקן און ווי זיי האָבן באַוויליקט צו זאָגן דאָס און יענץ. דעריבער האָט נישט דער איספּראַווניק, נישט דער סטאַנאָוואָי אפילו די נאָז נישט באַוויזן אין פּאָקראָווסקאָיע און האָבן רויק געוואַרט אויף דעם נאָכזיכטיקן מס.

ווען די מאַכט פלעגט צוליב וועלכע נישט איז אומבאַדינגט נייטיקע ענינים שוין קומען קיין פּעטראָווסקאָיע, פלעגט דער פּאַפּאַ הייסן יאַקאָוון, ער זאָל זיי מכבד זיין בײַ זיך, און אויב ער האָט שוין עמעצן פון זיי אויפגענומען בײַ זיך, איז אַזוי קאַלט, אַז די maman פלעגט אים אָפּט זאָגן:

— ווי האָסטו אַ לבבות, mon cher, זיי אַזוי גרינגצושעצן?

נאָר דער פּאַפּאַ פלעגט ענטפערן:

— דו ווייסט נישט, מיין פריינט, וואָס דאָס איז פאַר אַן עולם: דו גיב זיי נאָר אָט-דאָס-אָ — און דערבײַ פלעגט ער אָנווייזן אויפן

קליינעם פינגערל, — וועלן זיי וועלן אָט אַזוי-פיל-אָ — און ער פלעגט באַווייזן די גאַנצע האַנט ביזן אַקסל.

מיט די שכנים איז געווען דאָס זעלביקע באַנעמען זיך — פון אויבן אַראָפּ.

— דאָס דאָרף איז נאָר דערמיט גוט, — פלעגט ער זאָגן, — וואָס דו רוסט אָפּ, און דידאָזיקע הערן ווילן מיר דאָ אויך דערצען מיט ווײַ-רע נאַרישע וויזיטן און פּרעטענזיעס.

מען קאָן אים נישט באַשולדיקן פאַר אַזאַ באַנעמען זיך; אין זיין צייט, ד. ה. מיט אַ יאָר פופצען צוריק, איז דאָס געווען דאָס איינציקע מיטל צו זיצן רויק אין דאָרף. איצט האָט זיך אַלץ געענדערט, און פיל זאַכן זענען געוואָרן אַנדערש. איין גוטבאַזיצער, בײַ וועלכן איך האָב וועגן דעם געפרעגט, האָט מיר געענטפערט.

— איי, טאַטעלע, איר קענט איצט נישט אונזערע קייז-און לאַנד-געריכטן. סאַר אַן אָרדנונג, ריינקייט, העפלעכקייט, פּאָליטישקייט! דער ערגסטער שרייבער האָט בײַ זיך אַ פראַק. אין קומט איר צו פאָרן צו דעם איספּראַווניק — איז די איספּראַווניקעכע אָנגעטון אין אויסגעשריבענע פון דער גרויסער שטאָט קליידער און טשעפּיקלעך, די געבילדעטסטע פּרוי, רעדט פראַנצויזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש, האָס-זשע ווילט איר? די טעכטער זענען אויסגעצייכנטע מוזיקאַנטקעס, אַ פּיאַנינאָ-ראָיאַל, די פּאָדלאָגע — פּאַרקעט. און אָט האָט איר אייך נאָך: אין אונזער קרייז האָבן מיר צוויי סטאַנאָוואָיעס: איינער פון דעם מאָסקווער אוניווערזיטעט, דער צווייטער האָט חתונה געהאַט מיט דער פירסטין שטשעדרישפּאַנסקע, מיט איין וואָרט, אַן עכטער פּאַריזער, אָט אַזאַ. טאַטעלע, איז עס בײַ אונז היינט די לאַנדפּאָליציי.

— נו, און ווי איז עס איצט מכּות כאַבאַר און מסירות? — האָב איך געפרעגט — אויסגענומען זיך!

דער גוטבאַזיצער האָט נישט געענטפערט דירעקט, האָט נאָר ווײַ-טער געלויבט די נייע אָרדנונג, די פּאָליטישקייט און די בילדונג פון די גוטבאַזיצער, דערביי האָט ער געמאַכט אַ באַמערקונג, אַז דער צווייטער סטאַנאָוואָי פאַרלעבט מער פון טויזנט רובל אַ יאָר און ער האַלט אַזעלכע פערד, אַזאַ טיש און אַזאַ קוואַרטיר, אַז ער וואָלט אַ וואָסערן גוטבאַזיצער פון דער סטעפּ געקאָנט געבן אַ לעקציע, ווי דאַרף מען לעבן.

צום קאַפּיטל XI

די maman האָט לייכט און גענויפּיק מיט ביידע הענט געמאַכט אַ גאַמע, נאָכדעם האָט זי בענטער צוגערוקט דעם טאַבורעט און אָנגעהויבן שפּילן דעם גראַציעזן און שפּילעוודיקן צווייטן קאָנצערט פון פילד — איר לערער.

זי האָט געשפּילט ווייל, האָט נישט געקלאַפּט איבער די ביינדלעך, ווי די תּלמידים און די תּלמידות פון דער נייער שול, האָט נישט געהאַלטן דעם פּעדאַל בײַ דער ענדערונג פון האַרמאָניע, האָט נישט געמאַכט קיין arpeggio און נישט פאַרהאַלטן דעם טאַקט דאָרט, ווו מען דאַרף נישט, אַזוי ווי עס טוען אַ סך מענטשן, מיינענדיק דערמיט צו מאַכן אויסדריקלעך זייער שפּילן, נישט צוגעבנדיק אייגענע פּיאָריטורעס. בכלל, זי האָט געשפּילט און איז געזעסן בײַם ראָיאַל פּשוט, אָן אַפּעקטאַציעס. ס'קאָן זיין, אַז צוליב דעם טאַקע איז מיר איר שפּילן באַזונדער געפעלן געוואָרן.

• • • • • • • • •

אין דער צייט האָט די מאַמאַן געענדיקט פילדס קאָנצערט, איז אויפגעשטאַנען פון דעם קײַלעכיקן טאַבורעט, גענומען אַן אַנדער העפט נאָטן, פונאַנדערגעלייגט עס אויפן שטענדער, נענטער צוגערוקט דאָס ליכט און, פאַרריכט דאָס קלייד, ווידער געזעצט זיך קעגן ראָיאַל. לויט דער אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער זי האָט עס אַלץ געטון און לויט דעם פאַרטראַכט-שטרענגן אויסדרוק פונם פּנים, האָט זי, דאַכט זיך, געמאַכט הכנות צו עפּעס זייער אַן ערנסטער זאַך.

„וואָס וועט עס זיין? — האָב איך אַ טראַכט געטון, און ווידער פאַרמאַכט די אויגן, צוררוקנדיק דעם קאָפּ צום ווינקל פאָטעל. דער ריח פונם שטויב, וואָס איך האָב אויפגעהויבן, איבערקערנדיק זיך, האָט מיר געקיצלט אין די נאָזלעכער און די לאַנג באַקאַנטע קלאַנגען פון דער פּיעסע, וואָס די maman האָט אָנגעהויבן שפּילן, האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַן איינדרוק אַ זיסן און צוזאַמען דערמיט אַן אומרויקן. זי האָט געשפּילט די פּאַטעטישע סאָנאַטע פון בעטהאָווען. הגם איך האָב אַזוי

גוט געקענט די סאָנאַטע, אַז פאַר מיר איז אין איר קיין שום נייעס נישט געווען, האָב איך נישט געקאָנט איינשלאָפן מחמת אומרויקייט. ווי, אויב פּלוצלינג וועט זיין נישט דאָס, וואָס איך דערוואַרט ? דער איינגעהאַלטענער, געהויבענער, נאָר אומרויקער מאָטיוו פון דער אינטראָדוקציע, וואָס גלייך, ווי ער האָט מורא אַרויסצוזאָגן זיך, האָט מיך געניית צו באַהאַלטן דעם אָטעם. וואָס שענער, קאָמפּליצירטער עס איז די מוזיקאַלישע פּראַזע, אַלץ שטאַרקער ווערט דאָס געפיל פון מורא, אַז עפּעס זאָל דידאַזיקע שיינקייט נישט צעשטערן, און אַלץ שטאַרקער דאָס געפיל פון פרייד, ווען די פּראַזע פאַרענדיקט זיך האַרמאָניש.

איך האָב מיך באַרויקט ערשט דעמאָלט, ווען דער מאָטיוו פון דער אינטראָדוקציע האָט אַרויסגעזאָגט אַלץ און רוישיק זיך פאַרענדיקט מיט allegro. דער אָנהייב פון דער allegro איז צו אַ געוויינלעכער, דעריבער האָב איך אים נישט ליב געהאַט ; הערנדיק אים, רוסטו אָפּ פון די שטאַרקע איבערלעבונגען פון דער ערשטער זייט, אָבער וואָס קאָן זיין בעסער פאַר דעם אָרט, ווען עס הייבן זיך אָן די פּראַגעס און די ענטפערס !

לכתחילה איז דער שמועס שטיל און צאַרט, נאָר פּלוצלינג זאָגט עמעצער אין באַס אַזעלכע צוויי שטרענגע, נאָר פולע מיט ליידנשאַפט פּראַזן, אויף וועלכע מען קאָן, דאַכט זיך, גאָרנישט ענטפערן... אָבער ניין, מען ענטפערט אים, און מען ענטפערט נאָך און נאָך, נאָך בעסער, נאָך שטאַרקער, ביז, סוף-כל-סוף, אַלץ גיסט זיך צונויף אין עפּעס אַן אומקלאָרן, אומרויקן מאַנען. דאָסדאָזיקע אָרט האָט מיך אַלע מאָל געוווּנדערט און דאָס געפיל פון פאַרוווּנדערונג איז שטענדיק געווען פונקט אַזוי שטאַרק, גלייך ווי איך וואָלט עס געהערט דאָס ערשטע מאָל. דערנאָך דערהערט זיך פּלוצלינג אין דעם גערויש פונם allegro דער אָפּקלאַנג פון דער אינטראָדוקציע, נאָכדעם חזרט זיך דער שמועס איבער נאָך אַמאָל, נאָך אַן אָפּקלאַנג, און פּלוצלינג אין דער רגע, בעת די נשמה איז אַזוי צערודערט מיט דידאָזיקע כסדרדיקע אומרויען, אַז זי בעט רו, ענדיקט זיך אַלץ, און ס'ענדיקט זיך אַזוי אומדערוואַרט און פּרעכטיק...

בשעת דער andante בין איך אַנדרימלט געוואָרן ; אויף דער נשמה איז געווען רויק, פריידיק, עס האָט זיך געוואָלט שמייכלען און ס'האָט זיך געחלומט עפּעס לייכטס, ווייס, דורכזיכטיקס. נאָר דער Rondo אין בעמאָל האָט מיך אויפגעוועקט. וואָס רעדט ער ? וווהין בעט ער זיך ? וואָס ווילט זיך אים ? און ס'האָט זיך געוואָלט, אַז גיכער, גיכער.

גיכער זאָל זיך אַלץ ענדיקן. אָבער װײַזן ער האָט אויפגעהערט צו װײנען און צו בעטן זיך, האָט זיך מיר געװאָלט נאָך אַ ביסל הערן די לײדנ־שאַפטלעכע אויסדרוקן פון זײַנע לײַדן.

מוזיק װירקט נישט אויפן שכל, נישט אויפן דמיון. אין דער צײַט, װען איך הער מוזיק, טראַכט איך װעגן גאָרנישט און שטעל מיר גאָר־נישט פאָר, נאָר עפּעס אַ מאָדנע זיס געפיל פילט מיר אין אַזאַ מאָס אָן די נשמה, אַז איך פאַרליר דאָס באַװוסטזײַן פון מײַן עקזיסטענץ, און דאָסדאָזיקע געפיל איז — דערינערונג, אָבער דערינערונג װעגן װאָס? כאָטש דאָס שפּירן איז שטאַרק, אָבער די דערינערונג איז נישט דײַטלעך. דאַכט זיך, װי מען דערמאַנט זיך דאָס, װאָס עס איז קײנמאָל נישט געװען.

צי איז דער יסוד פון דעם געפיל, װאָס עס װעקט אין אונז אויף יעדע קונסט, אָפּטמאָל נישט די דערינערונג? צי שטאַמט אָפּטמאָל נישט דער תענוג, װאָס מאָלערײַ און סקולפּטור גיבן אונז, פון דעם, װאָס מיר דערמאַנען זיך געשטאַלטן? צי שטאַמט נישט דאָס געפיל פון מוזיק פון דער דערינערונג װעגן די געפילן און װעגן די איבערגאַנגען פון אײן געפיל צו אַן אַנדערס? צי איז דאָס געפיל פון פּאָעזיע נישט קײן דערי־נערונג װעגן געשטאַלטן, געפילן און געדאַנקען?

די מוזיק איז נאָך בײַ די אַלטע גריכן געװען אַ נאָכמאַכנדיקע און אין זײַן „רעפּובליק" האָט פּלאַטאָן געהאַלטן פאַר אַ נויטװענדיקן תנאי, אַז זי זאָל אויסדריקן אײדעלע געפילן. יעדע מוזיקאַלישע פראַזע דריקט אויס עפּעס אַ געפיל — גאװה, שמחה, עצבות, יאוש א. אַז. װ., אָדער אײנע פון די אומענדלעכע באַהעפטונגען פון דידאָזיקע געפילן צװישן זיך. מוזיקאַלישע װערק, װעלכע דריקן קײן געפיל נישט אויס, זענען פאַרפאַסט מיט דעם ציל אָדער צו דערװײַזן, קלאָר מאַכן, אָדער צו באַקומען געלט, מיט אײן װאָרט, אין דער מוזיק, װי אין אַלץ, זענען פאַראַן בעלי־מומים, לויט װעלכע מען טאָר נישט אורטײלן. (צו דידאָזיקע בעלי־מומים געהערן אײניקע פּראָבעס פון דער מוזיק אויסצודריקן גע־שטאַלטן און בילדער.) אויב מען זאָל דערלאָזן, אַז די מוזיק איז אַ דע־רינערונג װעגן געפילן, װעט פאַרשטענדלעך װערן, פאַרװאָס װירקט זי פאַרשידן אויף מענטשן. װאָס רײנער און גליקלעכער עס איז געװען די פאַרגאַנגענהײט פונם מענטש, אַלץ מער ליבט ער זײַנע דערינערונגען און אַלץ שטאַרקער פילט ער מוזיק; פאַרקערט, װאָס שװערער עס זענען

די זכרונות פאַר דעם מענטש, אַלץ ווייניקער פילט ער זי מיט, און דעריבער זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע קאָנען נישט אַריבערטראָגן קיין מוזיק. ס'ווערט אויך זיין פאַרשטענדלעך, פאַרוואָס איינעם געפעלט איין זאַך, און דעם אַנדערן — אַן אַנדערע. פאַר יענעם, וועלכער האָט איבערגעלעבט דאָס געפיל, וועלכעס איז אויסגעדריקט דורך דער מוזיק, איז זי אַ דערינערונג, און ער געפינט אין דעם פאַרגעניגן. פאַר אַן אַנדערן אָבער האָט זי קיין שום באַדייטונג נישט.

די maman האָט אויפגעהערט צו שפּילן. איך האָב מיך אויפגע־כאַפּט, אַרויסגערוקט דעם קאָפּ פון הינטער דעם הענטל פון דעם פאָטעל און דערזעען, אַז זי זיצט אויף דעם זעלביקן אָרט, אָבער זי שפּילט נישט, נאָר זי הערט זיך איין. פונם זאַל האָבן זיך געהערט יללות.

— אַך, גאָט מיינער, — האָט געזאָגט די maman, — אַנדערש נישט ווי עמעץ פון די קינדער האָט זיך צעמזיקט, — זי איז אויפגע־שטאַנען און כמעט לויפנדיק אַוועקגעלאָזט זיך אין זאַל אַריין.

ליובעלע איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע צווישן צוויי שטולן. איבער איר פּנים האָבן געראָנען טרערן און בלוט. לעבן איר זענען גע־שטאַנען מיט צעשראָקענע פּנימער וואָלאָדיע און קאַטיעלע.

— וואָס איז אַזוינס? ווי האָסטו זיך אָפּגעשלאָגן? זאָג מיר, וואָס איז דיר? נשמהלע, ליובעלע, ליבינקע, מלאך מיינער, — האָט די maman געזעדט שטאַרק צערודערט, און איז גרייט געווען אַליין זיך פונאַנדערצווויינען. ווען זי האָט אָפּגעווענדט די האַנט, מיט וועלכער ליובעלע האָט זיך געהאַלטן פאַר דער נאָז, האָט מען געזען, ווי זי האָט זיך דערפרייט, דערזעענדיק, אַז דאָס בלוט גייט פון דער נאָז און אַז ס'איז קיין ערנסטע זאַך נישט. דער אויסדרוק פון איר געזיכט איז מאָ־מענטאַל געענדערט געוואָרן און זי האָט שטרענג געפרעגט בײַ וואָלאָדיען:

— ווי אַזוי איז עס געשען?

וואָלאָדיע האָט דערקלערט, אַז ליובעלע האָט פאַרגעשטעלט אַ האָז, און איז שוין אינגאַנצן אַוועק פון אַלעמען, ערשט זי האָט זיך פּלוצלינג אויסגעגליטשט און איז געפאַלן מיט דער נאָז אָן אַ שטול.

— דאָס איז דאָס, — האָט די maman געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו ליובעלען און אויפהייבנדיק זי, — דאָס איז דיר אַ לערע, אַז דו זאָלסט נישט לויפן ווי אַ משוגענע. גיי אין גאַסטצימער, מיין ליבע, בענוג וועט דיר זיין צו שטיפן.

ליובעלע איז אַוועק פּאַרויס, היטנער איר די maman, און הינטער דער maman — מיר זאַלבעדריט.

ליובעלע האָט אַלץ געקלאָגט, און אירע יללות זענען פּנלעך גע-ווען צו אַ גרעבסן. פון די אויגן האָבן גערונען טרערן, פון דער נאָז — בלוט. מיינענדיק, אַז זי ווישט זיך מיטן טיכל, האָט זי דערמיט דאָס אַלץ פונאַנדערגעשמירט איבערן פּנים. די פיס זענען בא איר אַלע מאָל געווען ווי בא אַ גאַנז, נאָר איצט איז איר גאַנג מיטן קוליען זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער געווען נאָך קאָמישער, אַזוי אַז אַזאַ נעבעכ-דיקע און לעכערלעכע פיגור האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזעען. אפילו די maman האָט, אַרומקוקנדיק זיך אויף אונז, אַ שמייכל געטון, אָנווייזנ-דיק אויף ליובעלען.

— איר קאָנט גיין שפּילן, — האָט זי געזאָגט צו אונז, אָבער וואָ-לאָדיע האָט געענטפערט, אַז אָן ליובעלען איז לגמרי אוממעגלעך צו שפּילן אין האָז, און מיר זענען אַלע אַריין אין גאַסטצימער.

— זעץ זיך, רו אָפּ, — האָט די maman געזאָגט צו ליובעלען, צולייגנדיק איר צו דער נאָז וואַסער מיט עסיק. — דערפאַר וואָס דו האָסט אַזוי געשטיפּט, וועסטו אַזוי לאַנג נישט אויפשטיין פון דעם אָרט, ביז דו וועסט נישט ענדיקן די אויפגאַבע, וואָס מימי וועט דיר אַרויס-געבן.

מימי האָט דערלאַנגט ליובעלען, וועלכע האָט נאָך אַלץ געוויינט, אַ קניילעכל פאָדים, און געגעבן אַן אויפגאַבע אויסצושטריקן פינף אַרשין שנור.

ווען עמעץ פון אונז פלעגט זיך אָפּשלאָגן, פלעגט מען אונז גע-ווינלעך אַלעמען באַשטראָפן דערמיט, וואָס מען פלעגט ראָטן זיצן אַ ביסל און אָפּרוען. אָבער היינט האָט אונז די maman דערלויבט צו גיין שפּילן, דעריבער האָב איך משער געווען, אַז היינט זענען מיר דעם לעצטן אָוונט צוזאַמען, און זי האָט אונז נישט געוואָלט פאַרשאַפן קיין עגמת-נפש, גלייך ווי פון איר האָט אונז עפּעס געקאָנט פאַרשאַפן עגמת-נפש.

דער פּאַפּאַ איז אַרויס פונם קאַבינעט מיט קאַרל איוואַנאָוויטשן.
קאַרל איוואַנאָוויטש איז אַוועק אויבן, און דער פּאַפּאַ איז מיט זייער אַ פריילעך פּנים אַריין אין גאַסטצימער, צוגעגאַנגען צו דער maman און, אַוועקגעלייגט איר די הענט אויפן אַקסל, געזאָגט:

. . . .

— וואָס איז דאָס ? — האָט ער געזאָגט, באַמערקנדיק די בלויע נאָז און די פּאַרווייַנטע אויגן בײַ ליובעלען. — דאַכט זיך, מיר האָבן פאַרזינדיקט ?

ליובעלע האָט שוין געהאַט גאָר באַרויקט זיך. אָבער ווי נאָר זי האָט דערזעען, אַז אויף איר איז געווענדט די אַלגעמיינע אויפמערקזאַמקייט, האָט זי זיך ווידעראַמאָל פונאַנדערגעוויינט.

— לאָז זי, mon cher, — האָט געזאָגט די maman. — זי דאַרף ענדיקן איר אויפגאַבע.

דער פּאַפּאַ האָט אַרויסגענומען בײַ ליובעלען פון האַנט די אַרבעט און אַנגעהויבן אַליין שטריקן.

— זאַלבענאַנד וועלן מיר עס גיכער ענדיקן, נאָר בעסער לאָמיר פּרווון בעטן, מען זאָל אונז מוחל זיין, — האָט ער געזאָגט, נעמענדיק זי פאַר א האַנט. — קום.

ליובעלע האָט אויפגעהערט צו וויינען און, צוגעגאַנגען צו דער maman, איבערגעחזרט הויך די ווערטער, וואָס דער פּאַפּאַ האָט איר געשעפּטשעט אין אויער אַריין.

— היינט איז דער לעצטער אָוונט, מאַמעשי, וואָס מיר... איך מיט דעם פּאַפּאַ... וועל... אַזוי... זייט אונז מוחל... א נישט... וויל ער נישט... האָלט האָבן מיך... אויב איך וועל... וויינען.

— זייט אונז מוחל, — האָט מוסיף געווען דער פּאַפּאַ, און מ׳האָט זיי, פאַרשטייט זיך, מוחל געווען.

צום קאַפּיטל XII

אין דער זעלביקער רגע האָב איך דערפילט עפּעס א זיסן ציטער און כ׳האָב מיך דערמאָנט יענץ אָרט אונטערן קאַפּיטל, אין וועלכן איך האָב איר א קוש געטון היינט אין וואַלד. איך האָב גאָרנישט געענטפערט אויף איר פראַגע, און נאָר מיט ביידע הענט אָנגעכאַפּט איר הענטל, צוגעפאַלן צו דעם מיט די ליפּן און דאַרשטיק גענומען קושן. אָבער איך האָב מיך דערמיט נישט באַנוגנט; נישט אַרויסלאָזנדיק איר האַנט, האָב איך פאַרזיכטיק צעפּשעפּיליעט דאָס קנעפּעלע פון איר אַרבל און אָנגעהויבן באַדעקן מיט די ליידנשאַפטלעכסטע קושן איר האַנט פון דער דלאָניע ביז דעם אויסבייג פונם עלנבויגן, ביז סאַמע יענעם אָרט.

פון וועלכן מען לאָזט בלוט. צוגעדריקט די ליפּן צו דעמדאָזיקן גריבעלע, האָב איך געשפּירט אַן אומבאַשרייבלעכן תּענוג און געטראַכט בלויז װעגן איין זאַך — נאָר נישט אַרויסצולאָזן קיין צו־הויכן קלאַנג מיט די ליפּן, ער זאָל מיך נישט אַרויסגעבן און איבעררייסן דעמדאָזיקן תּענוג.

קאַט־עלע האָט בײַ מיר נישט אַרויסגעריסן די האַנט, נאָר, אָפּגע־זוכט מײַן קאָפּ, האָט זי מיט דער צווייטער געגלעט מיך איבערן פּנים און די האָר און זיך באַמיט אָפּצושטופּן מיך. דערנאָך, גלײַך זי וואָלט זיך פאַרשעמט, האָט זי שנעל אַרויסגעריסן איר האַנט און אַראָפּגעלאָזט דעם אַרבל, אָבער איך האָב זיך ווײַטער געכאַפּט, צוגעדריקט נאָך פעס־טער, און טרערן האָבן בײַ מיר גענומען טריפן פון די אויגן. עס איז איר געוואָרן אַ רחמנות, זי האָט זיך אָנעבויגן צו מיר און צוגערירט זיך צו מײַנע האָר. מיר איז געוואָרן אַזוי גוט, ווי קיינמאָל נישט אין לעבן; איך האָב פאַרלאַנגט נאָר איין זאַך: אַז דערדאָזיקער גליקלעכער צו־שטאַנד זאָל קיינמאָל נישט אויפהערן.

ווי קאָן מען באַשרײַבן דאָס פאַרגעניגן, וואָס איך האָב געשפּירט. אין דעמדאָזיקן תּענוג האָט געהאַט אַ חלק דאָס, וואָס די הויט אויף דער האַנט, וועלכע איך האָב געקושט איז געווען אַ צאַרטע און אַ גלאַטע; ס'האָט אויך געהאַט אַ חלק דער געדאַנק, אַז דידאָזיקע האַנט געהערט דווקא קאַטיעלען — אַ מיידעלע, וואָס איך האָב זי אַלעמאָל ליב געהאַט, און מיט וועלכער איך דאַרף מיך מאָרגן שיידן, אפשר, אויף אייביק. אָבער וואָס האָט באַטייט דערדאָזיקער זיסער טרויער, וואָס האָט מיך געדריקט און האָט זיך אויסגעדריקט אין שטראָמען טרערן.

. . . .

. . . .

כטאַרענדיק זיך צו פאַרנעמען אַן אָרט וואָס אַ רויקערס, האָב איך נישט ווילנדיק פאַרטשעפּעט מיט דעם כּוס אַ צעבראָכענע שטול, וואָס איז געשטאַנען אין קעמערל. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר וואָלאָדיען האָט עס אויסגעוויזן זייער קאָמיש, און איך האָב מיט שרעק געהערט, ווי ער האָט עפּעס אָנגעשעפּטשעט (מסתּמא זייער קאָמישס) ליובעלען, און ווי זיי ביידע, פאַרשפּאַרט די מײַלער, האָבן זיך אָן דערפאָלג גע־סטאַרעט אײַנהאַלטן זיך פון געלעכטער, — אָן דערפאָלג דערפאַר, וואָס פון צײַט־צו־צײַט פלעגן זיי אַמאָל דער, אַמאָל יענער, אַרויסלאָזן דורך דער נאָז משונהדיקע אָפּגעריסענע קלאַנגען, ענלעך צו דעם הירושען

פון א לאָשעק. דידאַזיקע קלאַנגען האָבן זיך איבערגעחזרט אַלץ אָפטער און העכער. גרישע האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, שטילערהייט אַרומגע־קוקט זיך און אָנגעהויבן צו צלמען אַלע ווינקלען, זאָגנדיק פּאַטשערעס. דאָס האָט אויסגעוויזן אין אַזאַ מאָס קאָמיש, אַז ליובעלע און וואָלאָדיע האָבן זיך הויך און קלינגענדיק פונאַנדערגעלאַכט און אַז קאַטיעלע האָט זיך אויך נישט געקאָנט איינהאַלטן. פאַרשטייט זיך, איך האָב מיך אויך פונאַנדערגעלאַכט, און מיר אַלע זענען מיט גערויש און געפּילדער אַרויס־געלאָפן פונם קעמערל.

צום קאַפּיטל XVII

קאַרל איוואַנאָוויטש איז אויפגעשטאַנען, פאַרריכט די פאַלדן פון זיין פראַק — זעצנדיק זיך און אויפשטייענדיק פונם אָרט, האָט ער עס קיינמאָל נישט פאַרגעסן צו טון, — און פאַרנייגנדיק זיך מיט א שאַר מיטן פוס, איז ער צוגעגאַנגען צו דער באָבעשיס פאָטעל.

— איר וועט מיר דערלויבן, גרעפין, — האָט ער אָנגעהויבן ווי ער איז געוווינט געווען, פונאַנדערציִענדיק און שטעלנדיק רחמנותדיקע אַקצענטן אויף אייניקע ווערטער, — צו פאַרברענגען הייגטיקן טאָג באַ מיין אַלטן פריינט הערן Schönheit און אָפּגעבן מזל־טוב לכבוד איר נאָמענטאָג, זיין פרוי, מאַדאַם Schönheit ?

די באָבעשי האָט תיכף ומיד מסכים געווען, באַמערקנדיק פונדעסט־וועגן, אַז עס וואָלט איר געווען אָנגענעם אין דעם טאָג פון איר נאָמען זעען אים באַ זיך, נאָר אַלטע פריינט דאַרפן על פי יושר האָבן דעם פאָר־צוג לגבי בייע.

— איר קאָנט גיין, — האָט דער פּאַפּאַ גאַנץ טרוקן געזאָגט צו קאַרל איוואַנאָוויטשן, וועלכער האָט זיך צו אים געווענדט מיט א נישט־זיכערן שמייכל. און ווען ער איז אַרויסגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט צו דער באָבעשי: — איך האָב מורא, maman, אַז ער וועט דאָ קאַליע ווערן.

— דאָס הייסט, ווי קאַליע ווערן, מיין פריינט ? — האָט די באָבעשי געפרעגט, נישט באַמערקנדיק די פּירשטין, וועלכע איז אין דער צייט אַריינגעגאַנגען אין גאַסטצימער.

צו מיין גרויס עגמת־נפש, האָט דער פּאַפּאַ נישט באַוויזן צו דער־

קלערן, אויף וואָס פאַר אַן אופן האָט קאַרל איוואַנאָוויטש געקאָנט קאַליע ווערן.

— ער וועט צעלאָזט ווערן. — האָט ער געזאָגט, אויפהייבנדיק זיך און פאַרנייגנדיק זיך פאַר דער פירשטין.

צום קאַפּיטל XVIII

איך קאָן נישט זאָגן, אַז איך האָב נישט פאַרשטאַנען, וואָס אַזוינס איז געווען דער ע ר , וועלכן די באָבעשי האָט באַשולדיקט, און דער פירשט האָט פאַרענטפערט. נאָר אין וואָס האָט געקאָנט באַשטיין די שולד פון דער פערזאָן, וועלכע האָט לויט מיינע באַגריפן בשום אופן נישט געקאָנט פאַראורטיילט ווערן, דאָס האָב איך מיר לגמרי נישט געקאָנט קלאָר מאַכן. בא מיר איז אפילו געווען אַ ספק, צי האָב איך באמת געהערט דידאַזיקע ווערטער, און צי איז אַ יושר, וואָס זיי האָבן זיך אַזוי באַצויגן צום פאָטער. צוליב דידאָזיקע רעיונות האָבן זיך בא מיר אין קאָפּ אָנגעזאַמלט אַזוי פיל השערות און זכרונות, אַז איך האָב לגמרי נישט געקאָנט ברענגען אין אָרדנונג מיינע נעדאַנקען. און ווי עס טרעפט אַלע מאָל אין אַזעלכע פאַלן, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן זאַכן אינגאַנצן זייטיקע.

איין פּועל-יוצא, וועלכער איז אַרויסגעקומען פון דעמדאָזיקן פּלאָנ-טער, איז דער נישט-קלאָרער באַגריף, וואָס ווי שטאַרקער ער זאָל מיך נישט געהאַט שרעקן, האָב איך אים בשום אופן נישט געקאָנט פאַרניכטן, וועגן דעם, אַז מיין פאָטער קאָן ט ו ן ש ל ע כ ט.

צום קאַפּיטל XIX

מיר ז'אַכט, אַז סעריאָזשע איז געווען אכזריש צוליב דעם פאַלשן point d'honneur, וועלנדיק באַווייזן זיין ווילינגערישקייט, און איך צוליב דעם, וואָס עס איז געווען איבער מיינע כּוחות נישט נאָכצומאַכן אים. די עיקרשטע סיבה איז אָבער געווען, דאַכט מיר, אָט אין וואָס:

די באַזונדערהייט פון דער קינדערישער טבע באַשטייט אין דער שטרעבונג צו גענעראַליזירן אַלע באַגריפן, דערפירן זיי צו איין אַלגע-

מײנעם יסוד, — אַ שטרעבונג, וועלכע שטאַמט פון דעם, וואָס עס פעלט די אַנטוויקלונג פון די גייסטיקע פעיקייטן.

אַ קינד קאָן זיך בשום אופן נישט פאָרשטעלן, אַז עס זאָל קאָנען זיין אַ זאַך אַ גוטע פון איין זייט, און אַ שלעכטע פון דער צווייטער. יענע אייגנשאַפט אין דער זאַך, וועלכע האָט אים די ערשטע פאַרכאַפּט, האַלט ער פאַר דער אַלגעמיינער אייגנשאַפט פון דער זאַך. בנוגע צו מענטשן מאַכט זיך עס וועגן זיי אַ באַגריף לויט דעם ערשטן אויסערלעכן איינדרוק. אויב אַ פערזאָן האָט אויף דעם קינד געמאַכט אַן איינדרוק אַ קאָמישן, וועט עס שוין נישט קיין טראַכט געבן וועגן די גוטע אייגנ-שאַפטן, וועלכע קאָנען זיין פאַרייניקט מיט דערדאָזיקער קאָמישער זייט; באַר וועגן דעם גאַנצן סך-הכל פון דער פערזאָנס אייגנשאַפטן וועט עס זיך שאַפן אַ שלעכטן באַגריף. דאָס זעלביקע איז מיט מיר פאָרגעקומען בנוגע צו דעם אָרימען גראַפּן. אויב ער איז אַזוי לעכערלעך, איז ער זיכער אַ שלעכט יינגל, איז שוין נישט כדאי צו טראַכטן וועגן דעם, צי איז אים גוט, צי איז אים שלעכט און, היוצא מזה, מען מעג אים אָנטון אַלערליי נגישות.

אויב דאָס פאַרענטפערט מיך נישט, טאָ זאָל עס דינען אַלס באַ-וויז, אַז, חרטה האָבנדיק פאַר דעם טאַט מײנעם, וואָלט איך אים זייער געוואָלט פאַרענטפערן מיט וואָס עס איז.

צום קאַפּיטל XX

די איווינס זענען אַוועקגעפאָרן אַהיים, כדי איבערצוטון זיך, און 8 אַ זייגער האָבן זיי געוואָלט צוריקקומען.

די דינערשאַפט, אין ווייסע האַלזטיכער און מיט פאַרזאָרגטע פיזיאָנאָמיעס, האָט זיך אַרומגעדרייט איבער אַלע צימערן. אין בופעט-צימער האָט זיך באַמערקט אַ באַזונדער פאַרהאַוועטקייט, און מען האָט דאָרט אויסגעווישט דאָס זילבערנע געשיר און דעם פאַרשטויבטן קרישטאָל, וועלכע האָבן שוין לאַנג נישט אַנגעזעען די שיין. אין זאַל האָט זיך געהערט אַ שטאַרקער ריח פון טערפענטין, און פילאַט, אַנגעטון אין אַ פאַרטוך און פאַרשפרייט אַ האַנטוך אויף דער שטול, אויף וועלכער ער איז געשטאַנען, האָט אַנגעצונדן די קנויטן פון די לאָמפּן, פאַרקלענערט

און פאַרגרעסערט דאָס פייער און האָט ריין אויסגעווישט און אָנגעטון די קלאָשן. אַ גרויסער שטייענדיקער לאָמפּ, אַ דרייפוס, בראַ, אין וועלכן עס זענען פון פאַרצייטן אָן געשטאַנען ספּערמאַצעטענע ליכט, וועלכע מען האָט נאָך קיינמאָל נישט אָנגעהויבן, — אַלץ איז געווען אָנגעצונדן אין זאַל און אין די צווי גאַסט-זאַלן.

די ווענט, די סטעליע, דער פּאַרקעט, די געזימסן, די בילדער אין גאַסטצימער זענען געווען באַגאָסן מיט העלער לאָמפּן-שיין און האָבן געהאַט אַן אומגעווײנלעך אויסזעען. די אַלע זאַכן האָבן מיר אויסגעזעען לגמרי נייע. אפילו דער וואָלטער-פּאַטעל, די טיכלעך, די קעסטעלעך און די באַבעשי גופא, כאָטש זי איז געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, מחמת מען האָט דאָס גאַנצע הויז פאַרעיפּושט מיט טערפּענטין, האָבן געהאַט אַ יום-טובדיק אויסזעען.

די טיר פון פאַרהויז האָט זיך געעפנט, עס האָט אַ שפּאַר געטון מיט קעלט, און עס זענען אַריין עפּעס מענטשן אין גרויע מאַנטלען, מיט עפּעס משונהדיקע זאַכן אונטער די אָרעמס. זיי זענען אַוועק הינטער דעם פּאַראַוואַן, וועלכן מען האָט אַוועקגעשטעלט אין ווינקל זאַל. פון הינטער דעם פּאַראַוואַן האָט זיך דערהערט אַ הוסטן, אַ שפּייען, אַ קנאַקן פון שלעסער, אָפּגעריסענע באַס-שטימען: „זייט אַזוי גוט, דערלאַנגט ליכט". „וועמענס פּאַרטיטורע איז עס?" „קאַניפאָלע". „גייט צו אַלדי גוטע יאָר", נאָכדעם עטלעכע נאָטן pizzicato אויף דער פידל, און לסוף די גאַנצע פאַרן געהער שרעקלעכע האַרמאָניע־לאָזיקייט פון אַן אָרקעסטער, וואָס שטעלט אָן די כּלים. קווינטעס אויף סטרונע-אינסטרומענטן, אַ נאַרישע פּרעלודיע אויף די פלייטן און די וואַלטאָרנעס א. ד. גל. דאָס איז געווען אַ סורפּריז פון דעם פירשט איוואַן איוואַנאָוויטש.

צום קאַפּיטל XXI

בעת די איווינס זענען אַרויס פונם גאַסטצימער, אין וועלכן סעריאָזשע האָט, נישט געקוקט אויף זיין אָנגענומענער אויסערלעכקייט, אָפּגעצאָלט דעם אַלגעמיינעם מס דער שעמעוודיקייט, האָב איך אים אָנגענומען פאַרן עלנבויגן און פירנדיק אים צו דער טיר, איינגעלאַדן, ביז וואַנען מען וועט אָנהייבן טאַנצן, אַרויפגיין אויבן.

— קומט, קומט, — האָט געזאָגט עטיען, אומגעלומפּערט שטיפנדיק

און כאַפּנדיק סעריאָזשען פֿאַר דער האַנט. — אייער דייטש האָט אַ ליולקע?

הגם מיר אין זייער נישט געפעלן געווען די געזעלשאַפט פֿון דעם יונגן פירשט און זיין צופֿיל פֿריי באַגיין זיך מיט סעריאָזשען, איז מיר אָבער נאָך ווייניקער געפעלן געווען דאָס, וואָס סעריאָזשע איז אין גאַסטצימער.

Oú allez vous, Mr Serge, ne voyez vous pas qu‘on va danser*) — האָט אָפּשטעלנדיק אונז געזאָגט .Mr. Frost — Haben sie ihre Handschuhen? — האָט ער צוגעגעבן.

— אמת טאַקע, מען דאַרף אָנטון די הענטשקעס, — האָט געזאָגט סעריאָזשע, אַרויסנעמענדיק פֿון קעשענע אַ נייע פּאָר זאַמשענע הענטשקעס.

. . . .

די קלאַנגען פֿון דער מיזיק, די בלאַנקע באַלויכטונג, די לאָקייען אין ווייסע האַלזטיכער, דער באַזונדערער באַל-ריח, — דאָס אַלץ האָט געמאַכט, אַז אַוועקזעצנדיק זיך לעבן סאָניעלען אויף די שטולן, וועלכע איך האָב צוגעגרייט, האָב איך, אָנשטאָט אָנצוהייבן צו רעדן פּשוט, מיך אַנטשלאָסן אום יעדן פּרייז איבערראַשן זיי מיט מיין שיינעם רעדן פֿראַנצויזיש און איך האָב אָנגעהויבן רעדן שרעקלעכע נאַרישקייטן.

— Vous êtes une hobitante de Moscou?**) — האָב איך געזאָגט נאָכדעם, ווי איך האָב אַ ביסל געשוויגן. נאָך אַ פּאָזיציוון ענטפֿער האָב איך ווייטער גערעדט אין דעם זעלבן גייסט. — Et vous êtes native de quel gonvernement?***) — און אויסגערעכנט דערהויפּט אויף דעם עפֿעקט פֿונם וואָרט „native“. נאָכדעם, ווען זי האָט באַ מיר געפֿרעגט, צי בין איך געווען אין מאָסקווע, האָב איך געענטפֿערט, אָננעמענדיק אַ גאַנץ מאַלערישע פּאָזע אויף מיין שטול:

— Et moi, je n’ai jamais fréquenté la capitale****), —

---

*) וואוהין גייט איר, הער סערזש, איר זעט דען נישט, אַז מען גייט טאַנצן?

**) איר זענט אַן איינוווינערין פֿון מאָסקווע?

***) און פֿון וועלכער גובערניע זענט איר אַ געבירטיקע?

****) . ו איך, איך האָב קיינמאָל נישט אָפּט באַזוכט די הויפּטשטאָט.

וועלנדיק מיט דעם וואָרט frequénté ענדגילטיק איבערצייגן זי אין מיין גרויסן קענען די פראַנצויזישע שפּראַך.

צום קאַפּיטל XXII

איך האָב שוין נישט געהאַט קיין מוט אומצוקערן זיך אויף מיין אָרט, האָב מיך אַוועקגערוקט אין דעם נאָענטסטן ליידיקן צימער און אין שטומען יאוש אַ וואָרף געטון זיך אויפן דיוואַן. אַריבערצוגיין פונם גליקלעכן און לעבעדיקן הומאָר צום שווערן געפיל פון באַוווסטזיין פון דער אייגענער מפּלה — איז געווען שרעקלעך. ווען עס וואָלט געווען די מעגלעכקייט און דער נסיון אָנצוטון זיך אַ מיתה אין דערדאָזיקער רגע, בין איך געווען אַזוי אומגליקלעך, אַז איך וואָלט מיך נישט געוואַקלט. ערגער פאַר אַלץ איז געווען דאָס, וואָס סאָניעלע האָט אויף מיר געקוקט עפּעס פרעגנדיק און מיט אַן אויסדרוק פון נייגיריקייט און מיטלייד.

צום קאַפּיטל XXIII

די מאַזורקע האָט זיך געענדיקט. וואָלאָדיע, די איווינס און דער יונגער פירשט זענען אַריין אין דעם צימער, אין וועלכן איך בין געזעסן, און גלייך ווי עס וואָלט קיין באַזונדערס נישט געשען, האָבן זיי מיך גערופן אַרויסגיין אויבן פּרוון די כוחות מיט עטיענען, וועלכער האָט זיך באַרימט און געזאָגט, אַז ער וועט אונז אַלעמען אַוועקלייגן מיט איין פינגערל. ווען עמעצער פון זיי וואָלט מיט וואָס נישט איז מרמז געווען אויף מיין אומגליק, וואָלט איך זיכער אָנגעהויבן רעווען, און וואָלט זיי געזאָגט אַ מאַסע אומאָנגענעמלעכקייטן. נאָר היות ווי דאָס איז נישט געשען, האָב איך מסכּים געווען אַרויפצוגיין אויבן, בפרט, אַז איך האָב מיך שטענדיק אויסגעצייכנט אין איבונגען בנוגע קראַפט און פלינקייט. דער קאַמף, דאָס לויפעניש, דער טומל, די געשרייען האָבן מיך געלאָזט פונאַנדערשטיפן זיך און כמעט פאַרגעסן אָן מיין אומגליק; בלויז זעלטן, דערמאָנענדיק זיך אָן דעם, האָב איך צונויפגעדריקט די ציין און אָפּגעריסן לייכט אויסגעשריגן, דאָס, וואָס איך טו געווייגלעך בײַ אַ שטאַרק אומאָנגענעמער דערינערונג. ווען מען האָט אונז גערופן עסן

אָוונטברויט, האָב איך שוין געהאַט פאַרגעסן אַלע מיינע מיזאַנטראָפּישע פּלענער און בין אַוועקגעלאָפן אונטן אונטער דעם איינפלוס פון דעם אַנגענעמען געפיל פון זעלבסטצופרידנהייט, וועלכן עס געבוירט געוויינלעך דער דערפאָלג. מיין דערפאָלג, און מען מעג אפילו זאָגן מיין נצחון, איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס איך האָב צוויי מאָל נאָכאַנאַנד גובר געווען דעם יונגן פירשט, און איין מאָל אַזוי, אַז בּאַ אים איז אויפן שטערן אַרויסגעשפּרונגען אַ זייער קאָמישער און זייער אַ גרויסער בייל.

צום קאַפּיטל XXIV

אין דער צייט האָט זיך אויף די טרעפּ דערהערט אַ שטאַרקער קלאַפּ — ס'האָט אויסגעוויזן, אַ מאַן פינף אין גרויסע שטיוול האָבן אַרויפגעטראָגן אויבן עפּעס לעבנלאָזס און שווערס; צוזאַמען מיט דעמדאָזיקן קלאַפּ האָבן זיך געהערט ווערטער און עפּעס קלאַנגען, וועלכע האָבן דערמאַנט קאַרל איוואַנאָוויטשס שטימע, נאָר דידאָזיקע קלאַנגען, אַמאָל אומנאַטירלעך הויכע און שאַרפע, אַמאָל גלייך ווי אויסגייענדיקע און זיך פּלאָנטערנדיקע, זענען געווען צופיל משונהדיקע.

ווען דאָס גערויש פון די טריט האָט זיך דערנענטערט, האָט מען קלאָר געקאָנט הערן ניקאָלאַיס העפלעכע שטימע, וועלכע האָט גערעדט: „די קאָלאָשן באַוויליקט אַראָפּצונעמען, קאַרל איוואַנאָוויטש".

— סאַוועלי, טאָ האַלט זיי צו, — האָט דיזעלביקע שטימע געזאָגט שנעל רעדנדיק. תיכף נאָכדעם איז עפּעס שווערס אַ פּאַל געטון אויף דער ערד און אויף אַ רגע איז אַלץ שטיל געוואָרן.

— אַך, ברודערקע, ווו-זשע זענען געווען דיינע אויגן? — האָט ניקאָלאַי געזאָגט מיט פאָרוואורף. — נו, איצט נעם זיך, הייב אויף.

איצט האָב איך שוין זייער קלאָר דערהערט קאַרל איוואַנאָוויטשס שטים, הגם ער האָט גערעדט אַזוי, גלייך ווי דאָס מויל וואָלט בּאַ אים פול געווען מיט קאַשע. ער האָט גערעדט: ווו בין איך?... אַ... גוט, זייער גוט, אַ דאַנק אייך, ניקאָלאַי...

— טאָ איז וואָס, הרגעט מיך.... איר רשעים, — האָט ער פּלוצלינג גענומען שרייען מיט אַ הויכער שטימע. מיט שרעק האָב איך און וואָלאָדיע

אַ קוק געטון איינער אויף דעם אַנדערן, און מיר האָבן נישט געוואַגט אַ ריר צו טון זיך.

די טריט האָבן זיך שטאַרק דערנענטערט. און לויט דעם לייכטן באַקאַנטן סקריפּ האָט מען געקאָנט דערקענען קאַרל איוואַנאָוויטשן. נאָר דאָס קלאַפּעריי, וואָס דידאָזיקע טריט האָבן אָנגעמאַכט, איז גיכער ענלעך געווען אויף דעם קלאַפּן פון די קאָפּיטעס פון אַ פערד, וואָס מען פירט אַרויף אויף אַ טרעפּ, איידער אויף דעם גאַנג פון אַ מענטש.

— איך האָב אייך באַליידיקט, ניקאָלאַי? — האָט גערעדט קאַרל איוואַניטשס שטים, — נו, טאָ זייט מיר מוחל, ניקאָלאַי. טוט מיר אַ קוש, ניקאָלאַי. — אָפּנים, אַז קאַרל איוואַניטש האָט דערביי אַרומגענומען ניקאָלאַיען, מחמת תּיכּף נאָכדעם האָט זיך דערהערט אַ געדודער און ניקאָלאַיס פאַרסאָפּעטע שטים האָט גערעדט: „דערלויבט, דערלויבט־זשע".

— גיב מיר אַ ליכט, ניקאָלאַי, איך ווייס, איך געדענק מיין חוב — איך בין געווען צו גאַסט בײַ מיין פריינט, בײַ דער פייערנדיקער איר נאָמענטאָג מאַדאַם Schönheit. איז וואָס אַזוינס? איך ווייס, אַז איך בין שיכּורלעך, אָבער איך ווייס מיין חוב: מען דאַרף אַכטונג געבן אויף די קינדער, — גיב־זשע מיר אַ ליכט.

— דאָרט שטייט אַ ליכט.

אין עטלעכע סעקונדעס אַרום נאָך דעם שמועס איז קאַרל איוואַנאָוויטש מיט אַ רויכערנדיק חלבן ליכטל, וואָס ער האָט געהאַלטן נישט פאַרן לייכטער, נאָר פאַרן מיטן, מיט אָנגעצויגענע ברעמען, נאָר וועלכע האָבן כּסדר געציטערט, און מיט אַ פּייכט מויל, וואָס האָט זיך פאַרקרימט אָן אַ זייט, מיט נישט קיין גלייכע טריט און וואַקלענדיק זיך, אַריין דורך דער טיר.

ווו האָט זיך אַהינגעטון: די גאווהדיקייט, די רויקע חשיבות און דאָס באַוווסטזיין פון דער אייגענער ווערדע, וואָס קאַרל איוואַנאָוויטשס געזיכט האָט שטענדיק אויסגעדריקט? דאָס האַלזטיכל, אין וועלכן אינדערפרי איז נאָך אַזוי פּינקטלעך אַריין זיין אויסגעגאָלטע גאָמבע, איז געווען איינגאַנצן איבערגעדרייט (די שפּראַנצקע איז געווען פון פאָרנט), די ווייסע קאַמזויל, די מאַנישקע, וועלכע האָט דער באָבעשיס קאַמער־מיידל געקאָסט אַזוי פיל מי, און די ווייסע הויזן זענען געווען באַגאָסן מיט עפּעס אַ פייכטקייט; דער בלויער פראַק מיט בופעס אויף די אַקסלען האָט געליטן ווייניקער, איידער אַנדערע טיילן פון דער

טואַלעט, אָבער אויך יענער האָט געהאַט עפּעס אַן אומאַנשטענדיק, נאַכ-לעסיק אויסזעען. די גרויע האָר האָבן נישט פּאַרדעקט ווי אַלע מאָל דעם פּליך, נאָר זיי זענען אין לאַנגע פּאַזמעס געפאַלן. פון דער פּאַטיליצע אויף דעם קאָלנער פונם פראַק. קאַרל איוואַנאָוויטש איז אויף אַ גאַנץ פּערטל נידעריקער געוואָרן אין וווקס און שרעקלעך איינגעפאַלן. ס'איז קענטיק געווען, אַז ער האָט אָנגעווענדט אַלע כּוחות, כּדי צו האַלטן דאָס געזיכט רויק און גיין גלייך, אָבער נישט געקוקט דערויף, האָבן די ברע-מען אָן אויפהער געשפּרונגען, די באַקן געבלאָזן און אַראָפּגעלאָזט זיך און די אומגעהאָרכזאַמע פּיס האָבן אַלץ געטון פאַרקערט. ניקאָלאַי איז געגאַנגען לעבן אים און האָט אויף יעדן פאַל געהאַלטן איין האַנט לעבן זיין רוקן, די צווייטע — לעבן דעם ליכט.

ווען קאַרל איוואַנאָוויטש איז אַריין אין דעם שטח צווישן אונזערע בעטן און האָט זיך אָפּגעשטעלט, שטרענג קוקנדיק אויף אונז, האָבן מיר ביידע געמאַכט כּלומרשט מיר שלאָפן. איבערצייגט זיך אין דעם, האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט מיט ביידע הענט — אפילו אויך מיט יענער, אין וועל-כער ער האָט געהאַלטן דאָס ליכטל — אַן ווענטל און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ.

דער חלב האָט גענומען רינען איבער דער וואַנט, דאָס ליכטל איז פאַרלאָשן געוואָרן, די הייסע קנויט איז געבליבן אין זיין האַנט, און אַפּנים, צ.ז זי האָט אים שטאַרק אָפּגעבערענט; אָבער ער האָט קאַלטבלוטיק מיט זיינע טריבע אויגן אַ בליק געטון אויף דער האַנט, און ווען דאָס פייער איז אינגאַנצן פאַרלאָשן געוואָרן, האָט ער געווענדט זיין אויפ-מערקזאַמקייט אויסשליסלעך אויף מיר און אָנגעהויבן שטילשווייגנדיק צו שמייכלען.

— Liebe Kinder — האָט ער אַרויסגערעדט מיט זייער אַ גוטן שמייכל און מיט זייער אַ האַרציקן אויסדרוק. אין דער צייט האָב איך דערהערט עפּעס אַ מאָדנע גערויש אין זיינע אינגעווייד. ניקאָלאַי און סאַוועלי האָבן אים געכאַפּט אונטער די הענט און גיכער אַוועקגעשלעפּט אין אַן אַנדער צימער.

„איז אַט ווי קאַרל איוואַנאָוויטש איז קאַליע געוואָרן", האָב איך אַ טראַכט געטון.

צום קאַפּיטל XXV

„די ווייסט מיין פּאַראורטייל קעגן דער געזעלשאַפטלעכער דערציונג, און גלייב מיר, אַז דאָס איז נישט קיין קאַפּריז, נאָר די איבערצייגונג, אַז דידאַקיקע דערציונג איז שעדלעך און געפערלעך פאַר די יונגע מענטשן. איך זאָג נישט, אַז דאָס איז נישט נוצלעך צו באַקומען אַ מלוכה-שטעלע, באַקאַנטשאַפט, איך זאָג אויך נישט, אַז אין דערדאַקיקער שול קומען נישט אָן קיין קינדער פון די בעסטע משפחות, אַז אינדערהיים קאָן מען זיי אויך געבן אַזעלכע לערער, ווי זיי האָבן דאָרט. נאָר דו מוזט מסכים זיין, אַז אויסער אַ שטעלע, באַקאַנטשאַפט און גלענצנדער בילדונג, זענען פאַראַן גוטע מידות, איידעלע צאַרטע געפילן, אויף וועלכע מען מוז מער פאַר אַלץ לייגן אַכט. איך ווייס, אַז אויך אין די מלוכה-אַנשטאַלטן לייגט מען פיל אַכט אויף דער מאָראַלישקייט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז עס איז שווער צו ווירקן אויף אַלע קינדער מיט דיזעלביקע מיטלען: מען דאַרף וויסן די ריכטונג, די נטיות, די פּריערדיקע דערציונג פון יעדן קינד, כּדי איינצופלאַנצן אין אים איידעלע געפילן, לאָזן אים איינגלייבן אין גוטס און ליב קריגן עס. און דאָס איז דען מעגלעך בײַ געזעלשאַפטלעכער דערציונג? אויף איין קינד ווירקט אַ רוט, אויף אַ צווייטס אַן עצה און מוסר. בלויז די מוטער אָדער דער פאָטער, וואָס שוין דערפאַר, וואָס אין די קינדער דערקענען זיי זייערע אייגענע נטיות, און דערפאַר, וואָס שוין פון סאַמע אָנהייב פון זייער קינדהייט האָבן זיי זיי נאָכגעשפּירט מיט אויגן, באַלויכטענע מיט ליבשאַפט, קאָנען פאַרשטיין דאָס קינד אויף אַזוי פיל, וויפל דאָס איז נייטיק פאַר דער דערציונג. וועלן אויסלערנען אַלעמען גלייך אַלגעמיינע כּללים פון מאָראַל — דאָס איז דאָסזעלביקע, וואָס אַריינזעצן אין איין וואַזאָן: אַנאַנאַסן, לעווקאָי, אוגערקעס און יאַסמין. ווי גוט מען זאָל נישט גיין אַרום דידאַקיקע געוויקסן, וועט די העלפט אָדער די גרעסטע טייל פון זיי אומקומען. דעריבער לאַכן די קינדער אין די מלוכה-אַנשטאַלטן פון אַלע כּללים.

היות ווי דאָס רוב קינדער אין די מלוכה-אַנשטאַלטן פילט נישט מיט און קאָן נישט מיטפילן די טרוקענע כּללים פון מידות טובות, וואָס מען לערנט זיי, לאַכן זיי פון זיי אָפּ אין הארץ און צווישן זיך און

האַלטן זיך אָפּ פון שלעכטס בלויז אויס מורא פאַר דער שטראָף. נאָר, גלייב מיר, אַ קינד וועט קיינמאָל נישט אָפּלאַכן פון דעם טאַטנס מוסר און פון דער מאַמעס טרערן, ווען ער האָט איר פאַרשאַפט עגמת-נפש. צוגעוויינט אָפּצולאַכן מיט די חברים פון אַלץ, וואָס עס איז גוט און איידל, פאַרגעסט עס אינגיכן אויך יענע צאַרטע געפילן, וועלכע ער האָט געהאַט אינדערהיים. די פילעוודיקייט — דאָס איז די בעסטע פעיקייט פון דער נשמה — די פעיקייט צו ליבן און צו וויינען, טרעט אָפּ דאָס אָרט פאַר דעם גייסט פון חברשאַפט און ווילויונגערישקייט. דאָס רעלי-גיעזע געפיל, די ליבע צו די קרובים, צו די עלטערן, דאָס מיטלייד צו דעם צער און צו די ליידן פון אַנדערע, אַלע בעסטע געפילן, מיט וועל-כע עס איז אַזוי פול די נישט צעקאַליעטשעטע דורך פאַלשע כללים יונגע נשמה, די אַלע געפילן, אָן וועלכע עס קאָן נישט זיין קיין אמת גליק, רופן אַרויס מער נישט ווי פאַראַכטונג און שפּאָט. און שפּעטער, ווען עס איז שוין אין דער נשמה פון דעם ייִנגל נישט געבליבן קיין שום איידל און צאַרט געפיל, קיין איין פעסטער כלל פון מאָראַלישקייט, פילט ער די באַדערפעניש צו פאַרליבן זיך. די אויסגעלאַסנקייט שטעלט זיך פאַר אים פאַר אין טויזנטערליי פאָרמעס, ער דאַרשט נאָך עקסטרע-מיטעטן — מידות טובות, אָדער אויסגעלאַסנקייט, דאָס הענגט אָפּ פון דער ריכטונג, וואָס עס גיבן אים די אַרומיקע — קיין זאַך האַלט אים נישט אָפּ, און ער פאַלט אַריין אין אַזעלכע שרעקלעכע שמוציקע מעשים, אַז, כדי צו פאַרטויבן דאָס אינערלעכע געפיל און די שטים פון געוויסן, גיט ער זיך אויף שטענדיק איבער צו אויסגעלאַסנקייט, אָדער, אויב בּאַ אים קלעקט כוח אָפּצוהאַלטן זיך אויפן ראַנד פונם תהום און אַריבער-צוטראָגן די יסורים פונם געוויסן, קלעקט שוין פאַר אים, וואָס ער טראָגט דעמדאָזיקן אייביק נישט אַנטשוויגן ווערנדיקן פאָרוווּרף אין האַרץ, אַז ער זאָל אויף אייביק פאַרלירן די ריינקייט, אומשולדיקייט און רויקייט פונם גייסט. אמת, עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע האָבן אויסגעמיידט דאָסדאָזיקע אומגליק; פאַראַן אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן סוף-כל-סוף שלום געמאַכט מיט זייערע דערינערונגען און קוקן אויף זיי באַזיכ-טיק, ווי אויף קינדערישער שטיפעריי, וואָס איז נישט וויכטיק. אָבער איך ווונטש מיר אַ בעסערן גורל פאַר מיינע קינדער. איך וואָלט וועלן, זיי זאָלן אַריינטרעטן אין לעבן, נישט האָבנדיק אויף זיך די השפעה פון אַ שלעכטן ביישפּיל, מיט אַ געבילדעטן שכל, מיט פעסטע, פון קינדוויי-ז אָן איינגעפלאַנצטע כללים פון מאָראַל, מיט אַ כאַראַקטער ווילן ז.ון

דער עיקר — מיט דער זעלביקער גייסטיקער ריינקייט און אומשולדי־קייט, פאר וועלכע זיי זענען איצט אזוי ליבלעך און גליקלעך".

יינגלשע יאָרן

צום קאַפּיטל VII

לסוף איז אויך געקומען יענער טאָג, וועלכן איך וועל גוט געדענקען, ווען St.-Jerôme האָט געדאַרפט פאַרבייטן ק. אי. אין אונזערע צימערן האָט דעם גאַנצן פרימאָרגן געהערשט עפּעס אַן אומאָנגענעמע אומאָרדנונג און אַ פּוסטקייט. אין קאַרל איוואַנאָוויטשעס צימער איז נישט פאַרבליבן קיין שום זאַך, וועלכע האָט צו אים געהערט, אָנשטאָט זיין הויך געלעגער מיט דער בונטער געשטעפּטער קאָלדרע, איז געבליבן אַ ליידיק געפאַרבט אַלכן בעט מיט נאַקעטע נישט־גלייכע ברעטלעך; לעבן דעם בעט האָבן איינזאַם געשטעקט פאַריתומטע אייזערנע שטיפטן (די ערטערווייז מעשענע שטיפטלעך האָט ק. אי. גענומען מיט זיך), אויף וועלכע עס זענען פריער געהאָנגען זיין מיצעלע, דער שלאָפראָק, דער זייגער מיטן יעגער. לעבן דער וואַנט צווישן די פענצטער איז קענטיק געווען, צוליב דער פרישקייט פון די טאַפּעטן, דאָס אָרט, וואָס איז ווי־נישט־ווי פאַרצויגן געווען מיט שפּינוועבס, ווו עס איז געשטאַנען ק. אי.—טשעס אייגענע קאָמאָד, און אויף די ווענט אויך אַזעלכע ערטער, ווו עס זענען געהאָנגען זיינע בילדלעך. אויף די טרעפּ זענען געשטאַנען די קאָמאָד, דער קאַסטן, דער טשעמאָדאַן, אַ פּאַק פון פאַרשידענע קליינע זאַכן קאַרל איוואַנאָוויטשעס, ווי די שוך־בערשטלעך, מעשענע לייכטער, שוסטערישע קאַפּולעס. אַרויסטראָגנדיק דידאָזיקע אַלע זאַכן, האָט קאַרל איוואַנאָוויטש נישט פאַרגעסן יעדעס מאָל צורופן ניקאָלאַיען און דער־קלערן אים, אַז דידאָזיקע זאַכן זענען זיינע אייגענע, אַז ער נעמט נישט קיין פרעמדס, און ניקאָלאַי האָט יעדעס מאָל אויפמערקזאַם באַטראַכט די זאַכן און באַשטעטיקט, אַז זיי געהערןווירקלעך צו קאַרל איוואַנאָ־וויטשן. די משא־פור האָט שוין לאַנג געוואַרט לעבן דער טיר, נאָר קאַרל

איוואַנאָוויטש האָט מאַרודעט מחמת דעם, וואָס ער האָט געפאָדערט, אַז די באַבאַשי, דער פּאַפּאַ, אָדער עמעץ אַנדערש פון זייערע באַפולמעכ-טיקטע זאָל קומען קאָנטראָלירן, אַז ער נעמט קיין פרעמדע זאַכן נישט: נישט קיין לייכטער, נישט קיין קאַפּול — גאָרנישט. דער שליח צום פּאַפּאַ האָט זיך צוריקגעקערט און געזאָגט, אַז ער האָט אין דער הינזיכט קיין שום חשד נישט. ק. אי. האָט אַ זיפץ געטון און איז אַוועק געזעגענען זיך מיט דער באַבעשי. מיר זענען אַוועק נאָך אים, ווייל לערנען האָט מען דעם טאָג נישט געלערנט. אין דער באַבעשיס צימער זענען געזעסן מימי מיט איר שטריקעכץ, ביידע מיידלעך און עפּעס אַ בלאָנדער פראַנט אַ מאַנסביל מיט אַ גריבעלע אין דער גאָמבע, וועלכער האָט מיט אַכטונג אָבער פאַרגלויבט אין זיך און הויך גערעדט מיט דער באַבעשי מיט יענער שלעכטער, אָנגעצויגענער פראַנצויזישער אויסשפּראַך (מיט אַ שטאַרקן אַקצענט אויף דעם לעצטן טראַף און אַרויסרעדנדיק די רייש דורכן האַלז), מיט וועלכער עס רעדן בלויז פראַנצויזן.

L'éducation des jeunes gens de nobles familles, — est une tâche — האָט ער געזאָגט, — madame la comtesse sacrée, que je saurai comprendre et remplir. Je vous pro-mets, sur mon honneur, madame la comtesse, que dans deux ans vous ne zeconnaîtrez pas mes élèves. Mais il faut que je commence à étudier leur caractère (*.

— Je compte sur vous, mon cher Mr. St.-Jerôme (** — האָט געזאָגט די באַבעשי.

אַריינגייענדיק אין צימער, האָט ק. אי. זיך פאַרגייגט פאַר דער באַבעשי און שטרענג אַ בליק געטון אויף דעם איבערנעמער פון זיין שטעל, וועלכער האָט, אדרבא, זייער העפלעך, און ווי מיר האָט אויסגע-וויזן, שפּאָטיש אים געגריסט. איך בין געשטאַנען, ווי אויף נאָדלען. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט-אָט וועלן זיך אונזערע צוויי גוווערניאָרן צע-

---

*) די דערציונג פון די יונגעלייט פון די איידעלע פאַמיליעס, גרעפין, איז אַ הייליקע אויפגאַבע, וועלכע איך וועל קענען פאַרשטיין און אויספירן. איך פאַרזיכער אייך בײַ מיין ערע, גרעפין, אַז אין צוויי יאָר אַרום וועט איר מיינע שילער נישט דערקענען. איך דאַרף נאָר פריער אויסלערנען זייער כאַראַקטער.

**) איך פאַרלאָז מיך אויף אייך, טייערער הער סאַן-זשעראָם.

קריגן. און קאַרל איוואַנאָוויטש וועט באַזיגט ווערן דורך דעמדאָזיקן יונגן פּלינקן פראַנצויז. די באַבעשי האָט אויסגעזוין ליבלעך, פריילעך. „וואָס, איר פאָרט שוין, מיין ליבער, — האָט זי געזאָגט צו ק. אי. — איר וואָלט אפשר געגעסן מיט אונז מיטאָג". — אַ דאַנק אייך, אייער דורכ-לויכט, — האָט ק. אי. געענטפערט מיט ווירדע, — איך מוז פאָרן. און ער איז צוגעגאַנגען אַ קוש טון איר אין האַנט נישט מיט גאָר קיין פעסטע טריט. — „נו, פאָרט געזונט, מיין ליבער, איך בין אייך זייער דאַנקבאַר פאַר אייער ליבשאַפט צו די קינדער. נאָר איר ווייסט, אַז מען קאָן נישט האַלטן קיין צוויי גוווערניאָרן, און איך וועל מיט פאַרגעניגן אַלע מאָל באַשטעטיקן, אַז איר זענט געווען אַ מוסטערהאַפטער גוווערניאָר". ק. א. איז שווייגנדיק אוועק פון דער באַבעשי און איז צוגעגאַנגען צו די מיידלעך. „זייט געזונט, פאַרגעסט מיך נישט, ליובינקע (אַזוי האָט ער גערופן ליובעלען), דערלויבט מיר אייער הענטל". די גוטע ליובעלע האָט מיט צעמישטע גרויסע אויגן געקוקט אויף אים, נאָכדעם שטאַרק, מען האָט געזען, מיטן גאַנצן האַרץ, אים אַ קוש געטון אין פאַרוק און אָנגעהויבן וויינען. מימי איז אויפגעשטאַנען, אַוועקגעלייגט דאָס שטריקעכל, מיט אַ טיכל אויסגעווישט די פאַרשוויצטע רעכטע האַנט און דערלאַנגט זי קאַרל איוואַנאָוויטשן. „איך האָף, ק. אי., — האָט זי געזאָגט רויט ווערנדיק, — אַז מיר שיידן זיך גוטע פריינט; אויב איך בין אין עפּעס וואָס געווען שולדיק, טאָ זייט מיר מוחל". „גאָט איז אייער שופט, מ. א." — האָט ק. אי. געזאָגט, מיט איין האַנט נעמענדיק זי פאַר דער האַנט, קושנדיק זי, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס זי האָט זי אַרויסגעריסן, און טראַגיש אָנווייזנדיק אויפן הייליקן בילד, נאָכאַמאָל פאַרנייגט זיך פאַר דער גאַנצער געזעלשאַפט און איז אַרויס פון צימער.

מיר איז אויך שפּעטער אויסגעקומען צו זעען אַזעלכע זאַכן, ווי אָפט מענטשן אַזעלכע, וואָס געפינען זיך אין אַ צושטאַנד, ווען די געפילן זענען באַ זיי דערוואַרעמט, ווענדן אָן, איינגאַנצן קעגן זייער ווילן, די צערטלעכקייט אויף די מענטשן, וועלכע זיי האָבן נישט ליב. די צערייצטקייט פון דער פילעוודיקייט איז ביי ק. אי. אין דער רגע געווען אַזוי שטאַרק, אַז ער האָט מיט תענוג געכאַפּט די צעקנייטשטע האַנט פון מימי, זיין אייביקן שונא, אויב מען זאָל נישט רעכענען דעם שפּיאָן, און האָט זי מיט צערטלעכקייט באַדעקט מיט הייסע קושן.

— „Vous me permettrez, madame la comtesse — האָט

געזאָגט ,St.•Jerôme — (*de voir sil l'on a apporte mes malles —
און ער איז אַרויס גלייך נאָך אונז.

ק. אי. האָט זיך אָפּגעשטעלט אין זאַל און איז צוגעגאַנגען צו אים.

— גנעדיקער הער, — האָט ער צו אים שעפּטשענדיק געזאָגט מיט דער כוונה, אַז מיר זאָלן נישט הערן, וואָס ער וועט רעדן, (איך האָב מיך אָפּגעקערט, האָב אָבער אָנגעשטרענגט מיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט), — גנעדיקער הער, וואָלאָדיע איז אַ קלוגער יונגער מענטש און וועט שטענדיק גיין גוט, נאָר מען דאַרף אויף אים אַכטונג געבן, און ניקאָלענקע האָט אַ צו גוט האַרץ, אויף אים וועט מען מיט מורא גאָרנישט ווירקן, נאָר מען קאָן אַלץ מאַכן מיט גוטן.

— Sehr gut, mein Herr — האָט געזאָגט דער פראַנצויז און הגם מען האָט עס געקאָנט פאַרשטיין לויט זיין אויסשפּראַך, האָב איך מיך ערשט באַכדעם דערוווּסט, אַז ער האָט נישט געקענט קיין דייטש.

— כ׳בעט אייך, ליבט זיי און לאַשטשעט זיי, איר וועט אַלץ דערגרייכן דורך לאַסקע.

— גלייבט, גנעדיקער הער, אַז איך וועל קאָנען געפינען אַ מיטל, וועלכעס וועט מאַכן, אַז זיי זאָלן מיך פאָלגן, — האָט דער פראַנצויז געזאָגט אָוועקגייענדיק פון אים און האָט אַ בליק געטון אויף אונז. נאָר, אַפּנים, אַז אין דעם בליק, וועלכן איך האָב אָפּגעשטעלט אויף אים, איז געווען נישט פיל אָנגענעמס, מחמת ער האָט זיך פאַרכמורעט און האָט זיך אָפּגעקערט. די מעשה איז, וואָס איך וואָלט אין דער רגע געטויט דעמדאָזיקן חצוף, דעם פראַנצויז, אַזוי מיאוס און נישטיק האָט ער מיר אויסגעוויזן אין פאַרגלייך מיט ק. אי. פון דער רגע אָן האָב איך דערפילט אַ געמישט געפיל פון כעס און מורא צו דעמדאָזיקן מענטש.

צוזויפגעלייגט זייער פינקטלעך די זאַכן זיינע אויף דער פור, האָט ק. אי. אַרומגענומען ניקאָלאַיען, אונז און איז מיט טרערן אויף די אויגן אַראָפּ פון גאַניק. אויסגעדרייט זיך מיטן פּנים צו דער וואַנט, האָט דער אַלטער ניקאָלאַי געפּישטשעט, געכליפּעט, ווי אַ פרוי, אויך בּאַ מיר מיט וואָלאָדיען זענען געשטאַנען טרערן אין די אויגן.

---

*) איר וועט מיר דערלויבן, גרעפין, אַ בליק, צי האָט מען שוין געבראַכט מיינע קאַסטנס.

באַלד האָט מען געבראַכט אויך les malles de St.-Jerôme.
איך האָב נאָך ביז דעמאָלט קיינמאָל נישט געזעען אַזעלכע טייערע זאַכן:
צוויי שוואַרצע טשעמאָדאַנעס, באַדעקטע מיט לאַקיר, מיט קלינגעוודיקע
שלעסער, אַ ווייכן מיט אַטלעס געדעקטן פּאַטעל, אַ לאַנגן טיש מיט אַ
רויט געוואַנט און מיט פאַרשידענע אויסשניצעכצן און דער עיקר, וואָס
האָט מיך פאַרוווּנדערט — אַ מאַסע בגדים און שיך לאַקירענע, און
געוואַנטענע, און אַסאָסקענע. אפילו דער פלעגמאַטישער ניקאָלאַי איז
שטאַרק פאַרוווּנדערט געוואָרן, דערזעענדיק אייניקע בלוי-פּיאָלעטע הויזן
מיט זילבערדיקע פּאַסקעלעך, און האָט געוואָלט וויסן, וויפיל קאָן קאָסטן
אַזאַ זאַך. St.-Jerôme האָט גענעדיק געענטפערט, אַז אַזעלכע הויזן
קאָסטן אים 70 רובל, און אַז ביליקער פאַר דער פּרייז טראָגט ער נישט
קיין קליידער. אַזאַ וויכטיקן מענטש, ווי St.-Jerôme, האָב איך קיינמאָל
אפילו נישט געזעען. ווען זיינע זאַכן זענען געווען אַוועקגעלייגט אויפן
אָרט, אויפן טיש מיטן רויטן געוואַנט זענען געווען אויסגעשטעלט גלאַנ-
ציקע, בראָנזענע צאַצקעלעך, בערשטעלעך און קעמעלעך פון פאַרשידענע
פאָרמעס, פערפומען, זאַלבן, אונטער אַ ליילעך הינטער אַ פאַראַוואַן
אויסגעהאָנגען זיין מענגע מלבושים, און אויף אים אָנגעטון אַ בלויער
אַטלעסענער שלאָפראָק מיט רויטע פליגעלעך און מיט קאָלאָסאַלע פרענדז,
האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אין פּאַטעל אויף ספּרוזשינעס, פאַררייכערט
אַ ווייסינק ציגאַרל, וואָס איז נאָך דעמאָלט געווען אַ נייס, און אין דער
צייט, ווען איך האָב אויף אים געקוקט פון דער טיר, האָט ער פאַר מיר
געהאַט אַזאַ גרויסאַרטיק אויסזען, אַז עס איז מיר געווען אַ שרעק אַ
טראַכט צו טון, ווי וועל איך עס דאַרפן וווינען מיט אים צוזאַמען און
לערנען זיך אונטער זיין השגחה. ווען מען האָט אונז גערופן צו מיטאָג,
איז St.-Jerôme אַרויס פון זיין צימער אין אַ שוואַרץ קורצינק סורדוטל,
העל-קרעמעווע הויזן און אין שניי-ווייסע קעלנערלעך און מאַנזשעטן.
זיין קאָפּ איז אינגאַנצן געווען פאַרדעקט מיט קלייניקע קרייזעלעך. אין
איין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ דין באַטיסטן טיכל, אין דער צווייטער
אַ פּעקל פּאָסט-פּאַפּיר, שיין פאַרשריבן און צעלינירט. דאָס איז געווען,
ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווּסט, Proiet d'éducation pour les
nobles enfants russes de la famille... coufiés par leur res-
pectable grande mére, madame la comtesse... a mes soins.(*

*) אַ פּראָיעקט פון דער דערציונג פון די רוסישע אַדעליקע קינדער פון דער

פאַר מיטאָג און בעת דעם מיטאָג איז ער נישט אָנטשוויגן געוואָרן, און די באַבעשי איז, דאַכט זיך, געווען זייער צופרידן פון זיין פלוידערן. זי האָט אָנגעהויבן דערקלערן אים אונזערע כאַראַקטערן און באַשטימונג, וועגן וואָלאָדיען האָט זי געזאָגט, אַז זי פאַרלאַנגט אים צו זען אַלס מיליטער-אַדיוטאַנט באַ עפעס אַ וויכטיקער פערזאָן, אַלס פלינקן קאַוואַליער פון דער הויכער געזעלשאַפט. וועגן מיר אָבער האָט זי געזאָגט, צורופנדיק מיך און צעוואָרפנדיק די האָר אויף מיין קאָפּ, אַז איך גרייט מיך צו זיין אַ דיפּלאָמאַט און טראָגן אַ פּריזור á la coq, וואָס איז אַן אומאָפּטיילבאַרער עלעמענט פון דעמדאָזיקן שטאַנד. St.-Jerôme איז, ווי עס האָט אויסגעזען, זייער צופרידן געווען מיט זיין באַשטימונג, ווי ער איז מיט אַלץ געווען צופרידן: סיי מיט זיינע הויזן, סיי מיט זיין פּערזאָן, און דידאָזיקע זעלבסטצופרידנהייט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט אין יעדער באַוועגונג זיינער, האָט געשאַפן דעם סימן מובהק פון זיין פּערזענלעכקייט. ער האָט לאַנג געלייענט פאַר דער באַבעשי זיין projet, איך האָב גאָרניש פאַרשטאַנען חוץ דעם, וואָס דערדאָזיקער מענטש וועט ווייניק זאָרגן פאַר אונז. ער האָט, ווי עס שיינט, זיך פאַרגעשטעלט אַלס עפעס אַ מין Fénélon, און אונז אַלס טראָן-יורשים, אָדער פּרינצן פון פראַנצויזישן שטאַם, און באַ דער באַבעשי האָט דידאָזיקע ריכטונג אין אים זייער אויסגענומען. בשעת דעם מיטאָג האָט זיך St.-Jerome געפּרוּווט ווענדן צו דעם פּאַפּאַ מיט עפעס אַ רעיון וועגן די פאַרגעניגנס פון דער געזעלשאַפט; דער פּאַפּאַ האָט זיך געמאַכט, כלומרשט, ער האָט נישט געהערט, און ווען ער האָט געענטפערט, איז אַזוי, טרוקן.

אין צוויי וואָכן אַרום, נאָכדעם ווי St.-Jerôme איז אָנגעקומען צו אונז אין שטוב, האָט זיך די גאַנצע אָרדנונג פון אונזער לעבן ראַדיקאַל געענדערט. אונזער שלאָפצימער איז געוואָרן St.-Jerôme׳ס קאַבינעט, און מיר זענען געשלאָפן אין לערן-צימער אין די שאַפעס, פון וועלכע מען האָט אויף דער נאַכט געמאַכט בעטן. פון אונז האָט זיך געפאָדערט אויפצושטיין 5 אַ זייגער, און פאַר דעם, וואָס איז אויפגעשטאַנען פריער, איז באַשטימט געווען אַ פּרעמיע 15 קאָפּיקעס. אויף דער וואַנט איז אויף אַ פּאַפּיר געהאָנגען די רשימה פון די באַשעפטיקונגען

פאַמיליע... וועלכע זענען אָנגעטרויט דורך זייער געאַכטער באָבע, דער גרעפין... מיינע זאָרגן.

אין פראַנצויזיש, אַריינגעשטעלט אין אַ שיין רעמל אונטער אַ גלאָז. די לעקציעס האָבן בײַ אונז געדויערט ביז 7 אַ זייגער, און ביז דריי פאַרמיטאָג און פון 4 נאָכמיטאָג ביז 7 אָוונט. St.-Jerôme האָט פאַרנומען די גרעסטע העלפט פון טאָג מיט לעקציעס פון פראַנצויזישן סינטאַקסיס, פון דער פראַנצויזישער ליטעראַטור, פראַנצויזישער אָרטאָגראַפיע א. אַז. וו. די מיידלעך האָבן צוזאַמען מיט אונז געהערט די לעקציעס, און פון דער צייט, זינט עס האָבן זיך אָנגעהויבן דידאַקטיקע לעקציעס, האָב איך באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג אין זיי. קאַטיעלע, וועלכע St.-Jerôme האָט גערופן Mademoiselle Catharine און האָט זי אַלע מאָל געלויבט פאַר אירע פעיקייטן, האָט זיך עפּעס באַזונדער משונה געהאַלטן מיט אים, האָט זיך אָן אויפהער געשעפּטשעט מיט ליובעלען, און פון דער צייט אָן האָב איך באַמערקט, אַז זיי האָבן געגלאָצט מיט די אויגן און איינע מיט דער אַנדערער קאָנקורירט אין דעם. לויט St.-Jerôme'ס פאָרשלאַג האָבן מיר זיך אָנגעהויבן לערנען פעכטן, פאָרן רייטנדיק און טאַנצן, און האָבן באַקומען געהאַלט צו בלאָינקע אַסיגנאַציעס אַ חודש; פון דעם פלעגט מען אַראָפּרעכענען פאַר אונזערע פאַרברעכנס באַשטימטע סומעס. די ווייטיקסטע שטראָף איז אָבער געווען דער פאַרבאָט צו פאָרן אין מאנעזש.

אַ חוץ אילינקע גראַפּ, וועלכער פלעגט קומען לערנען זיך מיט אונז, האָבן מיר קיינעם פון אונזערע ראָוועסניקעס נישט געזען. מיט די איווינס פלעגן מיר זעלטן ווען באַגעגענען זיך אויפן בולוואַר און אין מאנעזש. צו אונז אָבער איז קיינער נישט געפאָרן דאָס גאַנצע יאָר פון טרויער צוליב דעם טרויער און צוליב דער אומרויִקייט, וואָס דאָס הויז האָט געקאָנט פאַרשאַפן דער באַבעשי, און נאָך מער דערפאַר, כּדי מיר, וועלכע האָבן דעם קינפטיקן פרילינג געזאָלט אָנקומען אין דעם אוניווערזיטעט, זאָלן נישט פאַרנאַכלעסיקן די לימודים.

. . . .

. . . .

. . . . (*

*) דער פונ־טיר באַצייכנט די ערטער, וועלכע חזרן זיך איבער אין ביידע וואריאַנטן פון דעם טעקסט.

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן איין שרעקלעכע רגע, ווי St.-Jerôme האָט, אַנווייזנדיק מיר מיטן פינגער אויף דער פּאָדלאָגע אַנטקעגן זיך, באַפוילן צו שטעלן אויף די קני, און איך בין געשטאַנען אַ בלאַסער פון צאָרן און האָב זיך געזאָגט, אַז איך וועל בעסער שטאַרבן אויפן אָרט, איידער איך זאָל שטיין פאַר אים אויף די קני; ווי ער האָט מיך מיט דעם גאַנצן כּוח צוגעדריקט פאַר די אַקסלען און, אַ בייג טוענדיק, פאַרט געניייט צו שטעלן זיך אויף די קני. ווען איך וואָלט אין דער רגע געהאַט אַ מעסער, וואָלט איך, נישט טראַכטנדיק, אים געשטאָכן און צוויי מאָל אויסגעדרייט עס בײַ אים אין דער ווונד. די גאַנצע צייט, וואָס St.-Jerôme איז געווען בײַ אונז אין הויז, האָבן די געפילן פון דערדריקטער גאווה, מורא, דערנידעריקונג און צייטנווייז אמתע שנאה צו אים אָנגעפילט מיין נשמה און אָפּגעסמט די בעסטע פאַרגעניגנס. קיין זאַך האָט נישט אַזוי מיטגעהאָלפן, עס זאָל אין מיר פאַרקומען די מאָראַלישע איבערקערעניש, צו וועלכער איך דערנענטער מיך, ווי די דאָזיקע געפילן, וועלכע זענען אין מיר איינגעפלאַנצט געוואָרן דאָס ערשטע מאָל דורך אונזער גוווערניאָר. פאַר דער גאַנצער צייט פון מיינע יינגלשע יאָרן האָב איך בלויז צוויי-דריי דערינערונגען, באַלויכטן מיט גליק; די איבעריקע זענען אַזוי פינצטער, פאַרבלאָז, און איך האַלט קוים איין זייער לופטיקע פאַרבינדונג אין מיין דמיון. איינמאָל אַ זונטיק, ווען St.-Jerôme איז געזעסן אין זיין צימער מיט די געקומענע צו אים געסט-פּראָווינציזן, בין איך געזעסן דערבײַ אין קלאַסן-צימער, כּלומרשט, איך האָב מיך פאַרנומען מיט מאָלן, און געהערט דעם שמועס פון די פּראָווינציזן. St.-Jerôme האָט אויפגעעפנט די טיר און געהייסן וואַסילין, דעם זעלביקן, וואָס האָט געוואָלט חתונה האָבן מיט מאַשען, און וואָס די באָבעשי האָט אים באַשטימט צו אים פאַר אַ קאַמערדינער, דערלאַנגען זיך די קליידער אָנצוטון זיך. די טיר איז געבליבן אָן אָפּענע, און איך האָב געקאָנט הערן זייער שמועס. צוליב דעם, וואָס וואַסילי איז לאַנג נישט געקומען, איז דער שמועס געגאַנגען וועגן קנעכט les esclaves, les serfs. איינער האָט געזאָגט ce sont des brutes, qui ressem-blent plutôt à des morceaux de bois, qa'á des hommes*).

*) די שקלאַפן, די לייבקנעכט זענען אַזעלכע חיות, וואָס זענען אָפטער ענלעך צו שטיקער האָלץ, איידער צו מענטשן.

דער צווייטער האָט געזאָגט il n'y a que le knout pour en faire quelque choze (*.

איך האָב נאָך פריער באַמערקט, אַז le serfs האָבן St.-Jerôme-ען זייער אינטערעסירט. בעת צו אונז איז אָנגעקומען נאָך איין קאַראַוואַן, האָט ער זיך לאַנג נישט געקאָנט באַרויקן.

לסוף איז געקומען וואַסילי, נאָר לעבן דער טיר האָט אים אָפּגעהאַלטן דער באַבעשיס הויזפאַרוואַלטער. וואָס גייסטו נישט עסן ? — האָט ער צו אים געזאָגט. „ווען-זשע האָב איך צייט געהאַט ? — האָט געענטפערט וו„ וועלכער איז געווען, לויט איך האָב נאָך פון דער פרי באַמערקט, אַ ביסל בגילופן — דאָ האָב איך די צימערן צוגעקליבן, דאָ די קליידער גערייניקט, אָט ווען דער מוסיו וועט אַוועק אין גאַס, וועל איך דעמאָלט קומען”. דאָס וואָרט „מוסיו” האָט St.-Jerôme-ען אַרויסגעבראַכט פון די כּלים. „וויפיל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, קאַנאַליע, אַז מען רופט מיך אַווגוסט אַנטאָנאָוויטש, און נישט מוסיו, גולם!” — „איך ווייס נישט, ווי מען רופט אייך, איך ווייס, אַז איר זענט מוסיו”, האָט געענטפערט וואַסילי, אויף וועלכן עס איז אָנגעפאַלן עפּעס אַ באַזונדערע גראָבקייט. „אָט וועסטו שוין ווייסן, ווער איך בין, קאַנאַליע!” האָט St.-Jerôme אַ געשריי געטון און האָט אים דערלאַנגט אַ פּאַטש. וואַסילי האָט געשוויגן, נאָר דער הויזפאַרוואַלטער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר.

Et dire, qu'un cretin comme celui-là me gâte le — sang et l'appetit ! (** — האָט ער געזאָגט, ווענדנדיק זיך צו זיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן געשמייכלט, קוקנדיק אויף וואַסילין.

Il ne s'attendait pas à recevoir un soufflet si bien — appliqué. Voyez quel air ébêté (*** . — וואַסילי האָט ווירקלעך געשוויגן און דאַכט זיך געהאַט אַ ישוב הדעת.

„אַרויס פון דאַנען, מען דאַרף דיך דאָ נישט האָבן”, האָט

---

*) בלויז מיטן קנוט קאָן מען פון זיי עפּעס מאַכן.

**) און שטעלט זיך פאָר, אַז אַזאַ קרעטין פּטרט מיר דאָס בלוט און דעם אַפּעטיט.

***) ער האָט נישט דערוואַרט צו באַקומען אַזאַ געשיקטן פּאַטש. זעט פאַר אַ תּם.

St.-Jerôme געזאָגט מיט גאווה. „אַרויס פון דאַנען, — האָט וואַסילי־איבערגעחזרט, גלייך ווי באַטראַכטנדיק דעם זינען פון דעם אויסדרוק. — „נישט אַרויס פון דאַנען, נאָר קומט, זייט מוחל, צו דער גרעפין, מוסיו, ווי וואַגט איר פּאַטשן זיך? איך דין זעקס יאָר, און האָב באַ דעם זעליקן גראַף געדינט, און געשלאָגן האָט מען מיך נישט, זייט אַקאָרשט מוחל", האָט ער איבערגעחזרט, מאַכנדיק אַ באַוועגונג מיטן קאָפּ אין דער ריכ־טונג צו דער טיר. St.-Jerôme האָט נאָך געוואָלט צעקאָכן זיך, אָבער די בכבודיקע פיגור פון דעם הויזפאַרוואַלטער מיטן גרויען קאָפּ אין דער ווייסער קאַמזויל און אין האַלזטוך האָט אים באַצוימט. „מען טאָר, מיין הער, נישט שלאָגן קיין פרעמדע מענטשן, ווי אייך איז ווילגעפעלן, נאָר איך וועל מעלדן דער גרעפין". St.-Jerôme האָט זיך פאַרענטפערט, זאָגנדיק, אַז ער איז אַ גראָבער יונג, נאָר ער האָט קענטיק קיין מוט נישט געהאַט. אים איז געווען אומאָנגענעם, וואָס אַזאַ מיאוסע געשיכטע וועט דערגיין צו דער באָבעשי. „Ce n'est rien, — האָט ער געזאָגט צו זיינע באַקאַנטע — je dirai tout ce soir à la comtesse, et le coquin recevra le knout"(* — און ער איז אַרויס אין קאָרידאָר, ווו ער האָט גאַנץ לאַנג גערעדט מיט וואַסילין, און געגעבן אים געלט, וועלכעס דערדאָזיקער לעצטער האָט לאַנג געהאַלטן אין האַנט און נישט געוואָלט שלום מאַכן. די געשעעניש האָט מיך לאַנג געפּייניקט, און איך האָב נישט געקאָנט מוחל זיין וואַסילין, וואָס ער האָט מיט אים שלום געמאַכט און גענומען געלט. ווי האָט ער, דער פראַנצויז, זיך דערוועגט צו שלאָגן אונזערס אַ רוסישן מענטש!

צום קאַפּיטל XII

מיין פּרווו האָט זיך אויפן בעכטן אויפן איינגעגעבן: דער פּאָרט־פעל האָט זיך אויפגעעפנט, און איך האָב אין אים געפונען אַ גאַנצן פּאַק בריוו, צעטיילטע לויט די האַנטשריפטן, וואָס אַלע זענען זיי געווען נאָכ־לעסיקע און דינע, און מיט אַן אויפשריפט אויף יעדן פּעקל. איך האָב

---

*) דאָס איז גאָרנישט, איך וועל דעם אָוונט אַלץ דערציילן דער גרעפין און דער מ[illegible] וועט באַקומען שמיץ.

איבערגעקוקט די אויפשריפטן אויף עטלעכע פעקלעך און האָב אַ פאַר־וואונדערטער אַנטדעקט, אַז דאָס זענען געווען אַלץ ווייבערישע בריוו, געשריבענע אויף דער העלפט אין רוסיש. אויף איינעם איז געווען באַ־צייכנט: די בריוו פון Sophie, אויף אַ צווייטן: די צעטעלעך פון Esther. די זענען אַלע געווען געשריבן אויף פראַנצויזיש. אויף אַ דריטן — בריוו פון דער אָרימער נאַסטיען (דאָס זענען געווען עפּעס קרומע רוסישע קאָטשערעס). איך בין געווען אַזוי ביי־גיריק, אַז איך האָב איבערגעלייענט עטלעכע פראַזן פון דעם ערשטן פעקל, און די פראַזן האָבן מיך גרוילעך פאַרוואונדערט, אַזוי משונה האָבן זיי מיר אויסגעוויזן, למשל: Oh, mon bien aime, rein ne pellt égaler la douleur que je sens de neplus te voir*); ווי גאָט איז דיר ליב, קום צו פאָרן כאָטש אויף אַ שעה, כאָטש אויף אַ רגע, כדי צו באַרויקן מיך און דערלייכטערן מיינע ליידן. חרפה און חרטה פייניקן מיך", און אז. וו. חוץ די בריוו זענען נאָך דאָ געלעגן דיניקע בויגנס מיט שטעמפּלען באַ די זייטן, איינציקע גאַנצע, אַנדערע אָפּגעריסענע (דאָס זענען געווען, ווי איך האָב מיך שפּעטער דערוווסט, וועקסלען), און אַ טאַליע צעבויגענע קאָרטן, איינגעוויקלטע אין אַ פּאַפּיר, אויף וועלכן עס איז געווען מיט דעם פּאַפּאַס האַנטשריפט אָנגעשריבן: „קאָרטן, מיט וועלכע איך האָב אין 1814 יאָר אין דער נאַכט פונם 17-טן יאַנואַר צוריק אָפּגעוווּנען מיין גאַנץ פאַרמעגן, וועלכעס איך האָב געהאַט פאַרשפּילט". איך קאָן זיכער זאָגן, אַז די אַלע משונהדיקע אַנטדעקונגען, וועלכע איך האָב געמאַכט אין דעם פּאָרטפעל, האָבן אויף קיין רגע נישט איבערגעלאָזט אין מיין קאָפּ קיין שום קלאָרן באַגריף. איך האָב מיר אין דער ערשטער רגע נישט געקאָנט דערקלערן די אַלע זאַכן, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עפּעס איז נישט גוט.

---

*) אַ מיין הייבגעליבטער קיין זאַך קאָן נישט שטילן די ווייטיק, וואָס איך פיל מחמת איך קאָן דיך מער נישט זעען.

צום קאַפּיטל XIV

St.-Jerôme איז אַרויסגעגאַנגען אין אַן אַנדער צימער, און אין דער צייט האָט עמעצער צווישן די שטולן, וואָס זענען געשטאַנען אויף די ערטער, באַמערקט איין שטול, בײַ וועלכער דאָס פּיסל האָט זיך קוים געהאַלטן, און געזאָגט, אַז ס׳וואָלט גוט געווען אונטערצושטעלן זי עמעצן. איך האָב זי גלייך גענומען און אונטערגעשטעלט St.-Jerôme׳ען; כ׳האָב אַ ביסל אָנגעבראָכן דאָס פּיסל און אַוועקגעשטעלט פּונקט דאָרט, ווו St.-Jerôme פּלעגט געוויינלעך זיצן. — „אָט אַ כוואַט, האָט פאַר קיינעם קיין מורא נישט“, — האָט עמעץ געזאָגט. איך האָב פּרגעץ געלייענט, אַז מען האָט באַמערקט, אַז קינדער, אין דעם איבערגאַנגעלטער פון די יינגלשע יאָרן, האָבן אַ באַזונדערע נטיה צו אונטערצינדריי און אפילו צו מאָרד. איך האָב מיך איצט געפונען אין דעמדאָזיקן צושטאַנד און בין גרייט געווען אויף אַלץ; אַ באַווייז — מיין טאַט מיט דער שטול, פאַר וועלכן איך וואָלט שרעקלעך באַשטראָפט ווערן, ווען מ׳וואָלט זיך דערוווסט, און איך מיין, אַז איך וואָלט געדאַרפט האָבן ווייניקער מוט, אונטערצולייגן פייער אונטער אַ הויז, איידער אַוועקצושטעלן דידאָזיקע צעבראָכענע שטול. גאָרנישט חושד זייענדיק און נישט באַמערקנדיק אַלע בליקן, וועלכע זענען מיט אומגעדולדיקער דערוואַרטונג געווען אויסגעשטעלט אויף אים, איז St.-Jerôme צוגעגאַנגען צו דער שטול און האָט זיך אַוועקגעזעצט, קראַך! דאָס פּיסל האָט זיך צעבראָכן, און St.-Jerôme ליגט אויף דער ערד. פאַר מיר איז נישטאָ קיין קאָמישערע זאַך, איך ווייס נישט פאַרוואָס, איידער זעען, ווי אַ מענטש פאַלט. נאָר איצט האָט די אוממעגלעכקייט צו לאַכן און די אָנוועזנהייט פון צושויער אַזוי פאַרשטאַרקט אין מיר דידאָזיקע שטימונג, אַז איך האָב מיך פונאַדערגעלאַכט, און אַלע האָבן נאָכגעטון מיין ביישפּיל, איך ווייס נישט ווי אַזוי, נאָר St.-Jerôme האָט זיך דערוווסט, אַז דער שולדיקער אין זיין פאַלן בין איך געווען. האָט ער מיך פאַר אַלעמען אין די אויגן אָנגערופן ..auvais garnement *) און געהייסן אַרויסגיין אויבן און אין

*) מ׳אוסער באַדיונג.

אַלע אופנים, צייטן און צאָלן אָנטרייבן דריי מאָל דעם אויסדרוק je suis un mauvais garnement, tu es un mauvais garnement און אז. וו. (זייער אַ נאַרישע שטראָף, וואָס St.-Jerôme האָט אויס-געטראַכט).

איך האָב גאָרנישט געקאָנט מאַכן, איך בין אַוועק אויבן, געכאַפּט דעם ערשטן בויגן פּאַפּיר, וואָס איז מיר אַריינגעפאַלן אין די הענט און עפּעס מיט אַ קדחתדיקער אומגעדולדיקייט אָנגעהויבן קאָניוגירן דעם הילפסצייטוואָרט, צוגעבנדיק יעדעס מאָל דעם נישט פיינעם עפּיטעט „manvais garnement". איך האָב מיך געאײַלט, אי דערפאַר, וואָס מיר האָט זיך געוואָלט וואָס פריער אַראָפּ אונטן, אי דערפאַר, וואָס איך האָב שוין צוגעטראַכט פאַר St.-Jerôme-ען אַ נקמה, וועלכע מיר האָט זיך געוואָלט וואָס פריער פאַרווירקלעכן.

איך בין אַראָפּ אונטן מיט אַ פאַרשריבענעם בויגן פּאַפּיר און, צוגייענדיק צו St.-Jerôme-ען, האָב איך געפרעגט, צי זאָל איך עס אים באַווייזן דאָ.

— לייענט דאָ, — האָט St.-Jerôme געזאָגט, וועלנדיק מיך פאַר-שעמען. — איך האָב אָנגעהויבן: Je suis un mauvais garnement, — האָב איך געזאָגט קוים וואָס מען האָט געקאָנט הערן. און העכער האָב איך געזאָגט צו St.-Jerôme-ען: Tu es un mauvais garnement — איך האָב געזאָגט אַזוי, אַז עס האָט זיך געהערט איבערן גאַנצן זאַל, קוקנדיק אים גלייך אין די אויגן, און נאָך אַמאָל, גלייך ווי פאַרגעסנדיק זיך, האָב איך איבערגעחזרט.

— Prenez garde á vous*), — האָט ער געזאָגט ברוגז, נאָר איך האָב נאָך עטלעכע מאָל איבערגעחזרט די סענטענץ אין דער צווייטער פּערזאָן פון יעדער צייט: Tu fus un mauvais garnement — tu seras un mauvais garnement.

— C'est bien**), — האָט געזאָגט St.-Jerôme, — איך האָב אייך שוין עטלעכע מאָל צוגעזאָגט אַ שטראָף, פון וועלכער עס האָט אייך געוואָלט אויסלייזן אייער באַבעשי, אָבער איך זע, אַז אַ חוץ מיט ריטער קאָן מען אייך מיט גאָרנישט נישט נייטן צו פאָלגן. היינט האָט איר עס

*) היט זיך.

**) רעכט.

באמת פאַרדינט און וועט זיין באַשטראָפט. Vous serez fouetter*), — האָט ער געזאָגט, עקלהאַפט אַרויסרעדנדיק ס׳דאָזיקע לעצטע וואָרט.

צום קאַפּיטל XV

נאָך מיטאָג האָב איך מיך נישט אַריינגעמישט, ווי פריער, אין דעם בסודותדיקן שמועס פון וואָלאָדיען מיט קאַטיעלען. איך האָב מיך קאָנצענטרירט אין זיך אַליין, און מיין פאַרגעניגן זענען געווען די טרוימערייען, מחשבות און באַאָבאַכטונגען. בשעת די לימודים האָב איך ליב געהאַט צו זעצן זיך הינטערן פענצטער, וואָס צו דער גאַס, און איך האָב מיט טעמפּער אויפמערקזאַמקייט, אָן שום געדאַנק, געקוקט אויף אַלע פאַרבייגייענדיקע און פאַרבייפאָרנדיקע אויף דער גאַס. וואָס ווייניקער עס זענען געווען געדאַנקען, אַלץ לעבעדיקער און שנעלער האָט געווירקט דער דמיון. יעדע נייע פּערזאָן האָט געוועקט אַ נייע געשטאַלט אין דמיון, און דידאָזיקע געשטאַלטן האָבן אָן אַ פאַרבינדונג צווישן זיך, נאָר עפּעס פאַנטאַסטיש זיך געפּלאָנטערט אין מיין קאָפּ. און עס איז מיר געווען אָנגענעם. עס וועלן מיר די לעזער קוים גלייבן, ווען איך וואָלט זאָגן, וואָסערע זענען געווען מיינע באַשטענדיקע געליבטסטע טרוימערייען און מחשבותן, — אַזוי האָבן זיי נישט געפּאַסט פאַר מיין עלטער און פאַר מיין לאַגע. נאָר אָט די נישט-פּאַסיקייט אין דער הינזיכט, דאַכט זיך מיר, איז דער בעסטער סימן פון אמת. איך בין געווען פולקאָם זיכער, אַז אויף עפּעס אַ וואָסער וווּנדערלעכן אופן וועל איך אינגיכן זיין צעשיידט מיט זיי, און אַז מיין מוטער איז נישט געשטאָרבן, נאָר זי וועט אָפּלעבן און איך וועל זי געפינען. איין זונטיק, ווען מיר זענען אַלע געווען אין צערקווע, איז אַ דאַמע אין טרויער מיט אַ לאַקיי, וועלכער איז אַכטונגפול געגאַנגען נאָך איר, אַריין צום אַנהייב מעסע און אָפּגעשטעלט זיך לעבן אונז. איך האָב נישט געקאָנט זען איר געזיכט, נאָר מיך האָט פאַרוווּנדערט די פיגור און דער גאַנג פון דער דאַמע. אַזוי שטאַרק האָט זי מיר דערמאָנט די געשטאָרבענע maman. די שוואַרצע קליידער, דאָס קירךגעזאַנג, וואָס האָט מיך שטענדיק אַריבערגעטראָגן צו דער צייט פון דער

---

*) איר וועט באַקומען שמיץ.

מאמעשיס טויט, דאָס האָט צוגעגעבן נאָך מער לעבעדיקייט צו דערדאָ-זיקער ענלעכקייט. איך האָב פון איר נישט געקאָנט אראָפנעמען קיין אויג, און האָב מיט מורא און האָפנונג געוואַרט אויף דער רגע, ווען זי וועט זיך אַ קער טון צו מיר, נאָר די דאָמע האָט תפילה געטון מיט כוונה; שטיל אראָפגעלאָזט זיך אויף די קני, האָט זי מיט חן צונויפגעלייגט די הענט, אָדער זיך געצלמט און געהויבן דעם קאָפּ אינדערהייך. איך האָב אין דמיון געזען ווונדערלעכע ברוינע פייכטע אויגן, אויפגעהויבענע צום הימל. די קנייטשן פון איר שוואַרצן זיידענעם קלייד און פון דער מאַנ-טיליע האָבן זיך אַזוי באַחנט געלייגט אַרום איר דינער אײדעלער פיגור. מיר האָט זיך געדאַכט, און נישט נאָר עס האָט זיך געדאַכט, נאָר איך בין געווען כמעט זיכער, אַז דאָס איז זי, אַז זי בעט און וויינט וועגן אונז, אירע קינדער, וועלכע זי האָט פאַרלוירן. ווי אַזוי האָט עס אַלץ געקאָנט געשעען, האָב איך מיך אפילו נישט מטריח געווען צו דערקלערן זיך... אָבער פאַרוואָס־זשע האָב איך מיך נישט אַ וואָרף געטון, און נישט צוגעדריקט זיך צו איר, ווי פריער, מיט טרערן פון ליבשאַפט? איך האָב מורא געהאַט, אַז די קלענסטע באַוועגונג מײַנע זאָל בײַ מיר נישט אָפּקרויבן דאָס גליק, וואָס איך האָב פון לאַנג דערוואַרט ווידער צו באַקומען: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט וועט זי פּלוצלינג בעלם ווערן, גאָט ווייסט וווהין.

אַרויסגייענדיק פון דער צערקווע, האָב איך דערזעען איר פּנים, אַן אומעטיקס, אַ גוטס, אָבער מיר האָט עס אויסגעוויזן שרעקלעך — דאָס איז געווען נישט זי, און מײַן ווונדערלעכער טרוים, וועלכער איז שיער נישט אַריבער אין איבערצייגונג, איז זיך ווידער צעפלויגן ווי אַ רויך. און נישט איינמאָל איז מיר אויסגעקומען אי פאַרזיכערן זיך, אַז אָט איז זי, יענע, וועלכע איך זוך און ווינטש, אי אַנטוישן זיך, אָבער נישט פאַרלירן דידאָזיקע זיסע האָפנונג.

טרוימען פון ערגייץ, פאַרשטייט זיך, מיליטערישן, האָבן מיך אויך באַאומרויקט. יעדער גענעראַל, וועלכן איך האָב באַגעגנט, האָט מיך געלאָזט פלאַטערן פון דערוואַרטונג, אַז אָט־אָט וועט ער צו מיר צוגיין און זאָגן, אַז ער באַמערקט אין מיר אומגעווייּנלעכע מוטיקייט און פעיקייט צו מיליטער־דינסט און צום רייטן, און וועט בעטן דעם פּאַפּאַ, ער זאָל מיך אָפּגעבן אין פּולק אַריין, און עס וועט אָנקומען אין לעבן די ענדערונג, אויף וועלכער איך וואַרט מיט אַזאַ אומגעדולד. יעדע שרפה, גערויש פון אַ גיך פאַרנדיקן עקיפּאַזש האָט בײַ מיר אַרויסגערופן

אויפרודערונג, מיר האָט זיך געוואָלט עמעצן ראַטעווען, באַגיין אַ העל־דישן טאַט, וועלכער זאָל מיך דערהייבן און ענדערן מיין לעבן. אָבער קיין זאַך האָט דידאָזיקע שטימונג נישט דערפירט צו אַזאַ מדרגה, ווי דאָס קומען פון דעם מאָנאַרך קיין מאָסקווע. איך האָב אַלץ אַוועקגע־וואָרפן, נישט געקוקט אויפן מוסר, האָב איך עטלעכע טעג נישט געקאָנט אויסלערנען קיין איין לעקציע. צו וואָס האָב איך געדאַרפט זאָרגן וועגן וואָס עס איז, אַז אַט־אָט דאַרף אין מיין לעבן פאָרקומען אַ ראַדיקאַלע ענדערונג ? מיר זענען געגאַנגען שפּאַצירן צום פּאַלאַץ. איך געדענק גוט, ווי זיין מאַיעסטעט האָט, קעגן אונזער דערוואַרטונג, באַווילזקט אַרויסצופאָרן פון דעם הינטערשטן גאַניק, ווי איך האָב מיך, פאַרגעסנדיק אָן זיך אַליין, אַ לאָז געטון מיטן גאַנצן עולם לויפן אים אַנטקעגן און געשריגן „הורא“ און געקוקט אויף דער זיך דערבענטערנדיקער קאָטש, ווי אויף מיר איז אָנגעפאַרן אַ דראָזשקע און האָט מיך אומגעוואָרפן, אָבער איך האָב מיך אויפגעהויבן און געלאָפן ווייטער, אַלץ שרייענדיק; און ווי לסוף האָט זיין מאַיעסטעט זיך פאַרנייגט פאַרן גאַנצן עולם, הייסט עס, בכן פאַר מיר אויך, און וואָס פאַר אַ גליק דאָס איז פאַר מיר געווען. אָבער איך בין געבליבן אַלץ דער זעלבער ניקאָלינקע מיט פאַר צוויי טעג נישט אויסגעלערנטע לעקציעס. די פאַרפעסטיקטע האָפנונג צו גע־פינען די maman, דער ערגייציקער פאַרלאַנג צו ענדערן דעם לעבנס־שטייגער און די אומקלאָרע גלוסטונג צו פרויען, וועגן וועלכע איך וועל שפּעטער רעדן, דאָס איז געווען די אומדערשעפּלעכע אויפגאַבע פון מיינע יינגלשע יאָרן.

וואַריאַנט פונם סוף XVI קאַפּיטל

— וווהין לויפסטו ? — האָט מיך פּלוצלינג געפרעגט דעם פּאַפּאַס שטים. איך האָב מיך אָפּגעשטעלט, געעפנט די אויגן און, דערזעען די הויכע פיגור פונם פּאַפּאַ, וועלכער האָט אויף מיר געקוקט פאַרוווּנדערט, האָב איך געכאַפּט זיין האַנט און אַ קוש געטון זי.

— פּאַפּאַ, פאַרטיידיק מיך, העלף מיר, — האָב איך גערעדט מיט אַ שטים אַ פאַרשטיקטע פון טרערן. — איך בין שרעקלעך שולדיק, איך בין אַ נישטיקער מענטש, אָבער, אום גאָטס ווילן, דערלויב מיר נאָר צו דערציילן דיר, און דערנאָך טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט, איך וועל זיין

זייער צופרידן... זייער צופרידן, אָבער פון דיר. דו קאָנסט מיט מיר אַלץ טון, און מיר איז גאָרנישט, ווייל דו ביסט מיין פאָטער, איין באַשיצער מיינער, אָבער ער...

— בארויק דיך, — האָט דער פּאַפּאַ געזאָגט, גענומען מיך פאַר א האַנט און אַוועקגעפירט אין קליינעם דיוואַן-צימער. — נו, דערציייל מיר, זעקל, וואָס איז מיט דיר אַזוינס געשעען? — האָט ער געזאָגט מיט אַזאַ קאַלטבלוטיקן אַנטייל, אַז מיין לאַגע האָט מיר פּלוצלינג גענומען אויסווייזן ווייניקער שרעקלעך.

— פּאַפּאַ, — האָב איך געזאָגט, — איך וועל דיר אַלץ זאָגן, און נאָכדעם טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט: איך האָב נעכטן באַקומען אַן איינס באַם לערער פון געשיכטע.

— נו? —

— אויך פאַר אויפפירונג אַן איינס.

— נו? —

— דערנאָך האָב איך נישט ווילנדיק, נישט נישטווילנדיק, נאָר פשוט בכיוון, איך האָב שרעקלעך שלעכטס געטון — אונטערגעשטעלט St.-Jerôme-ען א צעבראָכענע שטול, און ער איז געפאַלן.

— דאָס איז נישט גוט. איז וואָס-זשע, מען האָט דיך באַשטראָפט?

— וואַרט, נאָך נישט אַלץ. איך האָב צעבראָכן דאָס שליסעלע, ווען איך בין געגאַנגען צו דיר נאָך צוקערקעס. זיי מיר מוחל, איך בעט דיך, איך וועל דאָס קיינמאָל נישט טון, און כ'ווייס אַליין, ווי עקלהאַפט דאָס איז.

— וואָס פאַר א שליסעלע?

— פון דעם גרינעם פּאָרטפעל...

— וואָס, דו האָסט אים אויפגעשלאָסן?

— פּאַרציי, פּאַפּאַ, איך ווייס אַליין נישט, וואָס אַזוינס מיט מיר איז געשעען.

— וואָס-זשע האָסטו דאָרט געקוקט, צעלאָזענער בחור?

— די בריוו האָב איך געקוקט. — דער פּאַפּאַ איז רויט געוואָרן, א הייב געטון דעם אַקסל און גענומען מיך פאַרן אויער.

— וואָס-זשע האָסטו איבערגעלייענט, נישטיקער יונגאַטש?

— איך געדענק גאָרנישט, כ'האָב נאָר א בליק געטון און צוריק געוואָלט פאַרשליסן, האָט עס זיך נישט ווילנדיק צעבראָכן.

— זייער אָנגענעם צו האָבן אַזעלכע ליבע קינדערלעך, — האָט ער געזאָגט, דרייענדיק מיך פאַרן אויער. — אָבער איך ראָט דיר נישט, נאָך אַמאָל אַריינצושטעקן די נאָז אַהין, וווּ מען דאַרף נישט, אַנישט וועט זיין שלעכט.

דער פּאַפּאַ האָט מיר ביז ווייטיק געריסן פאַרן אויער, אָבער דידאָזיקע שטראָף האָט מיר פאַרשאַפט עפּעס אַ מאָדנע תענוג, און איך האָב אפילו נישט געטראַכט צו וויינען. ווי נאָר ער האָט מיר אָפּגעלאָזט דאָס אויער:

— פּאַפּאַ, — האָב איך געזאָגט, — איך פאַרדין נישט, אַז דו זאָלסט מיר מוחל זיין, און איך ווייס, אַז קיינער האָט מיך נישט ליב, באַשטראָף מיך, ווי דו ווילסט, נאָר, אום גאָטס ווילן, באַשיץ מיך קעגן St.-Jerôme, ער האָסט מיך, ער סטאַרעט זיך כסדר מיך צו דערנידעריקן, אומברענגען מיך. איך בין נישט קיין קליין קינד, פּאַפּאַ, ער וויל מיך שמייסן. אויב ער וועט עס טון, — האָב איך געזאָגט מיט טרערן אויף די אויגן, — וועל איך עס נישט אַריבערטראָגן, איך וועל שטאַרבן, כ׳שווער, איך וועל שטאַרבן, אָדער איך וועל אים טויטן, אָדער איך וועל אַנטלויפן, אָדער איך וועל אָפּטון עפּעס שרעקלעכס. בשעת דו האָסט מיך באַגעגנט, ווייס איך אַליין נישט, וווהין איך בין געלאָפן. אום גאָטס ווילן, זיי מיך מציל פון אים. איך קאָן מיט אים נישט לעבן, איך האָב אים פיינט. אָך, ווען די מאַמעשי וואָלט געלעבט, זי וואָלט נישט דערלויבט אַזוי מיך צו פייניקן! פּאַפּאַ! פּאַפּאַ! די טרערן האָבן מיך געוואָרגן. איך בין צו אים צוגעגאַנגען און, מער שוין נישט האָבנדיק קיין כוח אויסצורעדן אַ וואָרט, האָב איך געקלאָגט און געקושט זיינע הענט.

— באַרויק זיך מיין פריינד, — האָט צו מיר דער פּאַפּאַ גערעדט, אוועקלייגנדיק זיין גרויסע האַנט אויף מיין קאָפּ, און איך האָב באַמערקט טרערן אויף זיינע אויגן. — ווען זי וואָלט וויסן ווי מיאוס, מנוול!... שמייס... זיי מיר מוחל... דערלויב נישט אים. ער איז מיין פייניקער... דער טיראַן... קיינער האָט מיך נישט ליב, — איך בין געפאַלן אויפן דיוואַן און האָב געקלאָגט ביז היסטעריק, אַזוי אַז דער פּאַפּאַ האָט מיך אויף די הענט אוועקגעטראָגן אין שלאָפצימער.

בחורישע יאָרן

צום קאַפּיטל III

בשעת מען האָט מיך גערופן צום מיטאָג, און איך האָב, דורכ־גייענדיק דורך דעם פּאָרהויז, דערזעען דעם עקיפּאַזש, וואָס איז געשטאַנען אויפן הויף, איז מיר תּיכּף ומיד געקומען אויפן רעיון, אַז היינט, תּיכּף וועט זיך ע ס אָ נ ה י י ב ן, און אַז זי איז דאָ, נאָר עס הייבט זיך נישט אָן: דאָס איז געווען דער עקיפּאַזש פון דער אַלטער פריילין ראַגאָוו, אין ברילן און אין פּאַלשע, קאַלאָסאַלע לאָקן, וועלכע פלעגט זייער אָפט נאָך דער באָבעשיס טויט קומען צו אונז. דידאָזיקע ראָגאָוו איז געווען אונזערס עפּעס אַ קרובה. בשעת די באָבעשי האָט געלעבט, האָב איך זי קיינמאָל נישט געזעען. נאָר אין דער צייט, ווען די פאַר־שטאָרבענע האָט שוין געהאַלטן באַם אויסגיין, האָט זיך די פריילין ראָגאָוו פּלוצלינג באַוויזן, און אָפּגעלעבט אַ גאַנצע וואָך באַ אונז אין הויז, איז געגאַנגען אַרום דער באָבעשי, האָט געוויינט, פלעגט בלאַס ווערן, האָט זיך אינגאַנצן געטרייסלט פון אויפרעגונג, ווען די באָבעשי האָט געגוסט. נאָר דער עיקר, זי האָט אַלץ איינגעקויפט, וואָס עס איז נייטיק געווען צו דער לוויה, איינגעלאַדן דעם גלח, צוגעגרייט דאָס מיטאָג, געפונען אַ קרקע און פון דעמאָלט אָן פלעגט זי צו אונז קומען זייער אָפט, פלעגט פאַר אונז איינקויפן וואָס מען דאַרף צווישן די קלייטן, אויף וואָס זי איז, אַלע האָבן דאָס געזאָגט, געווען אַ גרויסע בריה, און זי פלעגט זיך אַלע מאָל באַווייזן, ווען באַ אונז אין שטוב האָט מען געדאַרפט האָבן צו טון מיט די גייסטלעכע. מיט אירע ידיעות און מיט איר פלינקייט אין דערדאָזיקער הינזיכט האָט זי שטאָלצירט נאָך מער, איידער מיט דער קונסט צו דינגען זיך. פאַרנעמענדיק זיך מיט דידאָזיקע געשעפטן, האָט פריילין ראָגאָוו לגמרי נישט געהאַט קיין אייגננוציקע כּוונות און זי האָט בשום אופן נישט געהערט צו דער קאַטעגאָריע אָרימע קרובות, מיט וועלכע עס מיסברויכן זינט אַ געוויסער צייט אונזער שריי־בער נאָך מער, איידער די רייכע זקנות, באַ וועלכע די אָרימע קרובות

האַלטן זיך אויף; זי איז געווען רייך און זעלבשטענדיק, נאָר זי האָט געפילט אַ באַרוף צו דער גייסטלעכשאַפט און צו די קלייטן און האָט זיך לגמרי אָן שום כוונות פון אייגננוץ אָפּגעגעבן צו דידאָזיקע נטיות. זי האָט אפילו פיל טובות געטון אונזער הויז. איינס נאָר, פאַרוואָס איך קאָן זי פאַרהאַלטן, איז דאָס, וואָס זי האָט מיר איינמאָל געקויפט עקל־האַפטן גראָגראָ מיט בלימעלעך אויף אַ קאַמזויל, בשעת מיר האָט זיך געוואָלט שוואַרצן אַטלעס, און זי האָט פאַרזיכערט, אַז פאַר קינדער איז דאָס בעסער פאַר אַלץ און נאָך — זינט איך האָב גענומען טראָגן אַ האַלזטוך, האָט זי אויף מיר גענומען קוקן, — און דערהויפּט אויף וואָלאָדיען, זינט ער האָט צו מיטאָג אָנגעהויבן טרינקען ווײַן אין אַ גלאָז, — ווי אויף אַזעלכע אויסגעלאָסענע יונגעלייט, מיט וועלכע עס איז גלייכער צו זיין וואָס מער פונדערווייטנס, באַזונדער פאַר יונגע מיידלעך. זי איז געווען איינע פון יענע אַלטע מיידלעך, וועלכע גלייבן נאָר קינדער, מיידלעך, זקנות און מאַנאַכן; פאַר וועלכע אַ קינד, פאַר־וואַנדלענדיק זיך אין אַ מאַנסביל, ווערט עפּעס אַ מין ווילדע, געפער־לעכע חיה, און אַ חתונה־געהאַטע פרוי — אַן אָפּשפּעטונג און אַ פאַר־וואָרף, און זי איז געווען איינע פון די הויפּט־סיבות פון דער זייער שעד־לעכער דערווייטערונג, וואָס מען האָט מיך דערווייטערט פון דעם פרויען־קרייז פון אונזער משפּחה.

צום קאַפּיטל XXXIV

דער פאָטער איז אַלט געווען 48 יאָר, בעת ער האָט דאָס צווייטע מאָל חתונה געהאַט מיט אַוודאָטיע וולאַדימיראָווגע מאַקאַרין, דאָס זעלבע מיידל, וועגן וועלכער די maman האָט אים געשריבן אין בריוו, און וועלכע ער האָט גערופן די שיינע פלאַמאַנדין. דאָס איז געשען אין דעם זעלבן זומער פון מיינע ערשטע פעריען, וואָס איך באַשרייב, און איך האָב געהאַט די מעגלעכקייט באַכצושפּירן דעם גאַנג פון דער זאַך, מחמת דער פּאַפּאַ האָט אונז ווירקלעך עטלעכע מאָל געפירט צו די מאַקאַרינס, און זיי זענען געקומען צו אונז. נאָר איך וועל מיך באַמיען צו דערציילן וועגן דעם ענין נישט בלויז לויט מיינע דעמאָלטיקע באַאָב־אַכטונגען, נאָר אַזוי ווי מיר האָט זיך פאַרגעשטעלט דער ענין שפּעטער, נאָכדעם ווען איך האָב מיך וועגן פיל זאַכן דערוווסט און זיי באַטראַכט.

די מאַקאַרינס זענען געווען נישט קיין רייכע מענטשן, און האָבן אַלע מאָל געוווינט אין דאָרף, דריי ווערסט פון פּאַקראָווסקאָיע. אמאָל נאָך פאַר דער מאַמעשי, האָב איך געמיינט, אַז דאָרט האָט געוווינט אַ שרעק-לעכער שונא פון אונזער משפחה, מחמת אַזוי האָט אים נישט איינמאָל באַשריבן יאַקאָוו. דער אַלטער איז געווען דער פּאָטער פון מיין קינפטי-קער שטיפמוטער, זייער אַ גוטער און נאַרישער גוטבאַזיצער, וואָס האָט זייער געהאַלטן פון דער כוסה און האָט מיט אונז פּראַצעסירט פאַר עפּעס 13 דיעסיאַטין לאַנקע, וואָס האָט זייער גערייצט דעם פּאַפּאַ.

די משפחה פון די מאַקאַרינס איז נאָך דעם טויט פון פּאָטער באַ-שטאַנען פון זיין אַלמנה, זייער אַ דיקער, נאָך נישט קיין אַלטער, געווען זענען זייער שייער פּרוי, פון אַ געוועזענעם דעפּוטאַט, ניקאָלאַי כאַרלימאָוויטש, וועלכער האָט שוין עטלעכע יאָר געוווינט אין הויז אַלס פריינד פון דער משפחה און פאַרוואַלטער איבער אַלע ענינים, און פון 2 טעכטער: אַוודאָטיע וולאַדימיראָוונע, וועלכע איז דעמאָלט אַלט געווען 24 יאָר און איז געווען אַ פּולקאָמע שיינהייט; די קלענערע 13-יעריקע טאָכטער בעגילינקע, און דאָס 8-יעריקע אַדאָפּטירטע מיידל, וועלכע איז געווען דער ליבלינג פון דער מוטער.

נישט רעדנדיק שוין וועגן דעם, וואָס מיר האָבן אין דער קינדהייט די גאַנצע משפחה געהאַלטן פאַר שונאים, וועלכע זענען גרייט, דער-זעענדיק אונז, אויף אַלץ, אַבי ברענגען אונז שאָדן, האָבן מיר זיי איצט אויך געהאַלטן פאַר אַזעלכע בזויים, וואָס האָבן נישט קיינע מענטשלעכע געפילן. אַז צווישן אונז מיט זיי האָט קיין געמיינזאַמס נישט געקאָנט זיין. איך געדענק, די maman האָט עטלעכע מאָל געזאָגט, ווען עמעצער האָט וועגן זיי דערמאָנט: „איך בעט אייך, לאָזט זיי צורו, און אין מיין אָנוועזנהייט און פאַר די קינדער רעדט נישט וועגן דערדאָזיקער משפּחה".

אין דעם יאָר פון איר טויט האָט די maman אין צערקווע באַ-געגנט די שכנה. די אַלמנה האָט צוליב עפּעס אַ סיבה געהאַלטן פאַר איר חוב פאַרצושטעלן איר טאָכטער, וועלכע איז זייער געפעלן געוואָרן דער מאַמעשי. נישט געקוקט דערויף, האָט מיך אין דעם ערשטן טאָג די ידיעה, אַז דער פּאַפּאַ פאָרט אָפּ צו זיי און רופט זיי אָן גוטע שכנים, שטאַרק געטראָפן און אַרויסגערופן גרויס פאַרוווּנדערונג. געקומען איינער אַליין אין דאָרף, איז דעם פּאַפּאַ אָפּנים געוואָרן זייער אומעטיק, ובפרט, אַז ער האָט זיך געפונען אין יענעם באַזונדער פרידלעכן און צו לייטן

פריינדלעכן הומאָר, אין וועלכן עס געפינען זיך געוויינלעך שפּילער, וועלכע האָבן איבערגעריסן דעם שפּיל נאָך אַ גרויס געווינס. אים האָט זיך געוואָלט לעבן אַ פריילעך, רייך, רוישיק לעבן. כּלומרשט ער וויל פאַרענדיקן דאָס לאָדעניש, און אין עצם, ווייל ער האָט געוווּסט, אַז ער וועט דערזען אַ שיינינקע פרוי, אַ זאַך, וואָס האָט אים צוגעצויגן נישט נאָר אין די יאָרן, נאָר אַפילו ביז דער טיפער עלטער, האָט ער געהייסן איינשפּאַנען די קאַרעטע און איז אָוועקגעפאָרן צו די מאַקאַרינס אין דער גליקלעכסטער זעלבסטצופרידענער שטימונג, אין וועלכער ער פלעגט באמת קאָנען באַצויבערן. אַ ביסעלע שפּעליאַוועגדיק, צוטופּענדיק מיט דעם ווייכינקן קנאַפּעלע, זאָגנדיק קאָמפּלימענטן, מאַכנדיק זיסינקע אייגעלעך, האָט ער אינגאַנצן מטושטש געמאַכט די דיקע אַגאַפיע ניקאָלאַיעווגע, וועלכע האָט נישט גלייך געקאָנט פאַרשטיין די גאַנצע ליבלעכקייט און די גרויסמוטיקייט, מחמת דער פאַפּאַ האָט מיט פּריצישער לייכטיקייט אין פּונקט מיט אַזאַ ליבלעכקייט פאַרגעלייגט אָפּזאָגן זיך פון דעם שטיק לאַנד, איבער וועלכן מען האָט זיך צעקריגט.

אַגאַפיע ניקאָלאַיעווגע איז געווען אַ פרוי, אַ קלוגע מיט יענעם באַזונדערן, כיטרען, פּראַקטישן שכל, מיט וועלכן עס זענען געוויינלעך קלוג רוסישע, נישט פון גאָר שטרענגער אויפפירונג גוטבאַזיצערס אין דעם עלטער פון אַרום פערציק יאָר, אָבער זי האָט נישט תּיכּף פאַרשטאַנען אום וואָס עס גייט, זי האָט עס אָנגעמאָסטן צו זיך, צו דער טאָכטער, צום קויפן דאָס גוט, און אַלץ האָט זיך איר נישט געגלייבט. אַוודאָטיע וולאַדימיראָווגע האָט מיט פרייד שוין אין דעם ערשטן טאָג אויף איר שטייגער פאַרשטאַנען, אויף וואָסער חשבון צו פאַררעכענען דידאָזיקע באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט מצד דעם רייכן שוין נישט יונגן, נאָר שרעקלעך ליבן שכן. דערצו האָט נאָך דער פאַפּאַ מיט זיין לייבּ-שאַפטלעכקייט געקאָנט אי רעדן, אי טון די שרעקלעכסטע זאַכן, וואָרפנדיק אָן אימה, שרעקנדיק, נאָר נישט באַליידיקנדיק קיין פרויען. און ער האָט שוין אין דעם ערשטן טאָג געלאָזט אין גאַנג אייגלעך, אין דרוק פון הענטל און פון פיסל א. ד. גל. נאָר די הויפּטפּערזאָן אין הויז, דער געוועזענער דעפּוטאַט האָט די זאַך גלייך פאַרשטאַנען אַזוי ווי זי איז. ער האָט אַפילו פאַרשטאַנען און פאַרויסגעזעען איר סוף פיל קלערער, ווי דער פאַפּאַ. דער פאַפּאַ האָט זיך שוין דעם ערשטן טאָג פאַרליבּט אַזוי, ווי איך בין קיינמאָל נישט פאַרליבּט געווען, און אַליין נישט וויסנדיק און נישט טראַכטנדיק צוליב וואָס, נאָך וואָס, וואָס וועט דערפון אַרויסקומען;

אָבער ער האָט אויך נישט געטראַכט וועגן דער מעגלעכקייט, ווען עס איז חתונה צו האָבן מיט דעם מיידל. ער האָט איר אָנגעשריבן אַ ליידנ־שאַפטלעכן בריוו אויף צוויי זייטן און געבעטן זי זאָל זיך מיט אים זעען, און, אַרויסגעפאָרן אויף מאָרגן פּלומרשט מיט די הינט, איז ער אַריין אין סאַד און דאָרט אַראָפּגעלאָזט דעם בריוו. אויפן דריטן טאָג האָט ער זיך צוגעטשעפּעט צו אַ וואָרט, כדי אָפּצושיקן אַ מתנה. אויפן פערטן — האָט ער אויסגעטראַכט עפּעס אַ פייערונג מיט אַ יאַגד און מיט אַן אילומינאַציע. אָבער ער האָט זיך אָפּנים נישט גוט געפילט מיט אוודאָטיע וולאַדימיראָוונען אין דער אָנוועזנהייט פון אונזערע דאַמען, און דעריבער האָט ער איינגעלאַדן נאָר צוויי מאָל איינגעלאַדן צו אונז די גאַנצע משפחה, אויסשליסנדיק, אגב, דעם דעפּוטאַט. אָבער אין דידאָזיקע טעג איז געווען אַ צער צו קוקן אויף דעם פּאַפּאַ. ווי אַזוי ער האָט ווי אַ ייִנגל געהויבן די אַקסלען, זיך געדרייטלט, צוגעלאָפן און אָפּגעלאָפן פון איר. איך ווייס אפילו, אַז ער האָט איר אין דער צייט אָנגעשריבן זייער פייַנע פערזן, און בײַ דער נאַכט, כדי קיינער זאָל אינדערהיים נישט וויסן, איז ער געגאַנגען פאַר דריי וויאָרסט ווייט צו זיי אין סאַד הינטער איר פענצטער.

נישט געקוקט אויף אירע 24 יאָר, איז אוודאָטיע וולאַדימיראָוונא געווען אומגעוויינלעך שיין, פון הויכן וווּקס, אַ שלאַנקע, אַן אויסערגעוויינלעך ווייסע מיט אַ פראַכטפולער פאַרב פון פּנים, וועלכע האָט געשאַפן אַ שאַרפן קאָנטראַסט צו אירע פלאַקסענע פּרעכטיקע האָר און ברעמען. אין איר געזיכט איז אַלץ געווען רעגלמעסיק און שיין, נאָר אין אַלע שטריכן איז געלעגן עפּעס אַ גראָבקייט, דער עיקר אין דער אונטערשטער ליפּ, וועלכע איז ווייט אָפּגעשטאַנען פון דער אייבערשטער. אָבער איך בין זיכער, אַז דידאָזיקע גראָבקייט פון די שטריכן, וואָס אַ פּאַרייניקטע מיט דעם פּרעכטיקן קערפּערבוי האָט זי באַוויזן די אויבערהאַנט פונם קערפּער איבער דעם אומאַנטוויקלטן גייסט, האָט אויסגעוויזן נאָך פּראַכטפולער אין די אויגן פון דעם פּאַפּאַ און אַזעלכע מענטשן, ווי ער. דעם טאַטנס הייסע ליידנשאַפט האָט זיך איר אַזוי איבערגעגעבן, אַז עס איז אויך איר אַ צער געווען צו קוקן, זי פלעגט רויט ווערן, ווי נאָר ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין צימער, האָט פון אים נישט אַראָפּגעלאָזט די אויגן, און פלעגט פּלוצלינג ווערן אומעטיק, ווען ער איז נישט בלויז צוגעגאַנגען צו אַן אַנדערער פרוי, נאָר ווען ער האָט גערעדט וועגן עפּעס אַ פרוי.

דער פּאַפּאַ האָט לגמרי פּאַראַכט דעם דעפּוטאַט, און דאָך איז נ. כ. געווען אַ מענטש, וועלכן מען האָט נישט געטאָרט פּאַראַכטן, ער האָט אַלץ געוווּסט, אַלץ געזען, און געוואָרט. נ. כ. איז געווען אַ מערק־ווירדיקער מאַן.

די פּלענער פון די „בחורשע יאָרן"

ע ר ש ט ע ר פּ ל אַ ן : 1־טער קאַפּיטל. מען נעמט אַרויס די דובלטראַמען. אומצופרידנהייט מיט זיך, דאָס פאַרלאַנגען עפּעס, פאַר־פּולקאָמונג, דאָס גימנאַסטיק מאַכן. (2־טער קאַפּיטל. דער כאַר, דער פריי־טיק צו פּאַסכע, דער טומל, די נישט אויסגעהאַלטנקייט, דער איינדרוק, די גאווה, די מורא פאַר זינד.)*) 2־טער קאַפּיטל. ד אָ ס מ י ט אָ ג פ ר יי ט י ק ט אַ ר פּ אַ ס כ ע. דער בליק אויף דער גאַנצער משפּחה פונם שטאַנדפּונקט פון מידות און גליק. די פּלענער. 3־טער קאַפּיטל. ד י ו י ד ו י. די פרומקייט, די מורא פאַר גאָט, חרטה, די איבערצייגונג אין דער צוקונפטיקער אייביקער פאַרפּולקאָמונג. 4־ער (דאָס הייליקע מאָל־צייט). די עקזאַמענס (אַנטוישונג) די גאווה, די פּוסטקייט און (צופיל פאַרלאַנגען), דעם עקזאַמען האַלט איך אויס ערגער דערפאַר, וואָס איך פאַרלאַנג צופיל גוטס. 5) די אומגערעכטיקייט. 6) די משפּחה פון די נעכליודאָווס. זעלבשטענדיקע פריינדשאַפט. 7) זעלבשטענדיקייט אין לעבן, געלט. 8) די נסיעה אין דאָרף. (די אָרימקייט.) די געפילן און יסורים פון די פּויערים. פּלענער. 9) משפּחה־באַציונגען, באַאָבאַכטונגען, פרייהייט, פריילעכקייט און זאָרגלאָזיקייט. 10) די שטיפמוטער. מיר האָבן זיך פאַר איר איינגעשטעלט אין דער יוגנט, שטאַרק און געפערלעך איז דאָס געפיל פון פאַלשער גאווה. 11) שכנים, פאַרגעניגנס. די אכזריות פון וואָלאָדיען און פון קאַטיען. איך ווייס אַליין נישט, וואָס איך טו, געריכט־ענינים, דער פאָטער פאַלט. 12) דאָס היי שניידן. פּלענער, מוזיק, דאָס טאָגבוך, דער פראַנק. זשורנאַל. 13) דער אוניווערזיטעט, געדאַנקען

---

*) די ווערטער, וואָס זענען איינגערינגלט אין קלאַמערן זענען געווען אויסגע־שטראָכן דורכן אויטאָר אינם כתב־יד.

װעגן מאַטעמאַטיק און װיסנשאַפטן. 14) דער קאָנצערט. דמיטרי איז אויך אַ בעל גאווה, און מיר גייען זיך אַ ביסל פונאַנדער. קאַטיעלע האָט חתונה מיט אַן ארטיסט. די נקמה. 15) קאָרנאַקאָװ (געלט, חובות, קאָרטן־שפּיל), דעם פאָטערס קאָרטן־שפּיל. 16) (פירשט אי״. איװ.) דער איבערגאַנג אויפן צווייטן קורס. וועלטלעכקייט. 17) דער כּישוף, די ליבע, באַ איוו. איוו. 18) נישט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען. 19) הוליאַנקעס, קאָרטן־שפּיל, געלט. 20) דער פאָטער גיט פרייהייט. 21) דאָס צונויפטרעפן זיך פון אומגליקן. 22) איך קום צו זיך און (פלענער) אין דאָרף מיט פלענער פון צונויפשטעלן אַ פילאָזאָפיע און גוטבאַזיצעריי. ק. האָט אין זיך גאָר־נישט, אויסער בענקשאַפט, און מיך פירט מען אַראָפּ פון וועג. איך ווער אַ יונקער.

דער צווייטער פּלאַן: די ערשטע פעריען, דער פאָטער האָט חתונה, איך לייען און לערן זיך, געדאַנקען, ראָמאַנען (אידילישע טרוימערייען). וואָלאָדיע גייט אויף יאַגד און לאַנגווייליקט זיך, איך משפּט װעגן פאָטער. מימי און קאַטיעלע אינטריגירן. ליובעלע גיט זיך אונטער. די שטיפמוטער רעדט אָן צו פאָרן קיין מאָסקווע.

1־טער ווינטער. איך לייען, לערן מוזיק, (אַריסטאָקראַט). די באַציונגען מיט נעכליודאָװס משפּחה זענען אָפּטע, די פריינטשאַפט מיט זיין שוועסטער. וואָלאָדיע קומט אין דער געזעלשאַפט, די שטיפמוטער אויך, דער פאָטער אויך (פיל פאַרשפּילט). מימי וויל אַוועקגיין, און מאַכט שלום. איך שטאָלציר און פאַל דורך. די 2־טע פעריען. וואָלאָדיע דרייט זיך אַרום קאַטיעלען און וויל חתונה האָבן. איך דריי זיך אַרום די שכנות coq du village*). די שטיפמוטער איז אייפערזיכטיק, דער פאָטער — דער כאַראַקטער ווערט קאַליע. ליובעלע — מילדקייט. נעכליודאָוו קומט צו פאָרן, זי הייבט אים אָן צו געפעלן. דער 2־טער ווינטער. ליובעלע האָט חתונה מיט אַבאַל. באַם פאָטער ווערן געבוירן קינדער. דער פאָטער פאַרשפּילט, מיר טיילן זיך פונאַנאַנדער. איך הוליע מיט מוזיקאַנטן, איך בין אַ ליבעראַל און לערן מיך אָנשטענדיק, איך גיי אַריבער. וואָלאָדיע מיט קאַטיען, די ליבע. 3־טע פעריען. וואָלאָדיע איז אָפּגעקילט, פאָרט קיין כאַבאַראָווקע. איך בין אַ ליבעראַל — מיט אַ פריערישער מויד, אויך פילאָזאָפיע ערנסט. מען פאַרקויפט פעטראָווסקאָיע

*) דער האָן פון דאָרף.

דער שוועסטער. איך — א פאָעטישער זומער מיט מוזיקאנטן. דער פּאפּא פּאָרט אָוועק אין דעם ווייבס גוט. 3-טער ווינטער. מיר איינע אַליין. וואָלאָדיע איז שוין אויסגערעכנט פּראקטיש; אַנטוישט. איך א פילאָזאָף. דער פאפּא אין דאָרף, און מימי בא איב, און קאטיעלע שטאַרבט. די שוועסטער אין פעטערבורג. איך בין קראנק און גיי ארויס פון דעם אוניווערזיטעט. איך פארייניק פילאָזאָפיע מיט פּראַקטיק. איך פאַר קיין כאַבאַראָווקע באַלעבאַטעווען.

באמערקונגען

קינדהייט, ייִנגלשע יאָרן, בחורשע יאָרן

1852, 1854, 1856

ל. נ. טאָלסטאָיס טרילאָגיע, וועלכע באַשטייט פון דריי נאָענטע איינע צו דער אַנדערער דערציילונגען — „קינדהייט", „ייִנגלשע יאָרן" און „בחורשע יאָרן" — איז געשריבן געוואָרן אין אַ משך פון זיבן אָדער אַכט יאָר פאַר עטלעכע מאָל, מיט גרויסע הפסקות. פרי האָבן שוין אין דעם אויטאָרס דמיון דידאַקטישע קינעמאַטיקע ווערק זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ גרויסער ראָמאַן, אפילו גרעסער, ווי ער האָט זיך פאַרווירקלעכט. ל. נ. האָט אין אים געוואָלט פאָרשטעלן די גאַנצע פאָרברייטונג פון אַ מענטש צו דעם פאַרשטייענדיקן שווערן לעבן סאַמע ביז דער צייט, וועלכע ער אַליין האָט איבערגעלעבט דעמאָלט. „פיר אַנטוויקלונגס-עפּאָכעס" האָט ער אָנגערופן זיין ראָמאַן און מיט עקשנות געפירט זיין אַרבעט — „קינדהייט", „ייִנגלשאַפט", „בחורשאַפט" און „יוגנט". געענדיקט די דריי ערשטע, האָט ער אויך אָנגעהויבן די לעצטע טייל אין דער צייט פון זיין אויסלענדישער נסיעה אין יאָר 1857, האָט וועגן איר געטראַכט אויך נאָך זיין צוריקקערן זיך קיין רוסלאַנד, אָבער ער האָט איבערגעריסן באַם אָנהייב פון דעם צווייטן קאַפּיטל.

דער ערשטער נישט איינגאַנצן קלאָרער אָנווייז אויף דער שוין אָנגעהויבענער אַרבעט פון שרייבן „קינדהייט" גיט די נאָטיץ פון ל. נ. טאָלסטאָיס טאָגבוך פון דעם 18 יאַנואַר 1851 יאָר; דאָ ווערט געזאָגט: „שרייבן די געשיכטע"... און ווייטער קומען צוויי זייער נישט קיין קלאָרע איניציאַלן פון צוויי ווערטער: „מ. ק.", ד. ה. מיין קינדהייט (אין דער

ערשטער אויסגאַבע פון טאָלסטאָיס טאָגבוך האָט מען דידאַזיקע צוויי אותיות געלייענט לויט ס. א. טאָלסטאָיס קאָפּיע „מי"). נאָך דערדאָזיקער באַמערקונג איז אין טאָגבוך און צווישן די „באַשעפטיקונגען אויף מאָרגן" דעם 7-טן מערץ קורץ פאַרצייכנט: „ראָמאַן"; אַפּנים דאָס שרייבן יענעם ראָמאַן טאָלסטאָיס, וועלכער האָט אים באַשעפטיקט אין יענער צייט. נאָכדעם פון דעם 12 ביז דעם 25 קומען נאָך מער אומבאַשטימטע אָנווייזונגען אויף עפּעס אַ שרייבן, ווי אינטערעסאַנט איז די ידיעה וועגן עפּעס אַ קאָנטראָל — דאָס ווידער-אַמאָל-איבערלייענען זיין שריפט. אָבער שרייבן האָט טאָלסטאָי געקאָנט אָפּרייסנדיק זיך און ביסלעכווייז. פריער האָט ער געקריגן אַ נייע טעמע צו שרייבן, וועלכע ער האָט אָנגערופן „די געשיכטע פון היינטיקן טאָג". נאָכדעם דאָס שרייבן אַנדערע זאַכן, נאָכדעם זענען געקומען אַנדערע ענינים, וועלכע האָבן אים פאַרכאַפּט, אַנדערע אינטערעסן אין לסוף אַ ווייטע לאַנגע נסיעה אויף קאַווקאַז. דאָ אויף קאַווקאַז האָט ער גלייך ווי אָנגעהויבן מיט גרעסערער התמדה, און דעם 22 אויגוסט 1851 יאָר הייבט ער שוין אָן „איבערצושרייבן דאָס ערשטע קאַפּיטל פונם ראָמאַן". אין ל. נ. טאָלסטאָיס פאַפּירן אין דער לענין-ביבליאָטעק אין מאָסקווע איז צווישן אַנדערע פאַראַן איין בריוו זיינער, וועלכער איז מערקווירדיק דערמיט, וואָס ער דערציילט וועגן דעם אָנהייב פון זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן. ער איז געשריבן אין נאָוועמבער 1851-סטן יאָר צו ט. א. יערגאָלסקי, זיין געליבטער מומעשי, פאַר וועלכער ער פלעגט זייער אָפּט, ווי פאַר קיין אַנדערן נישט, אויסדערציילן זיינע געהיימע און טיפע געדאַנקען, און וועלכע איז געווען די איינציקע, וואָס האָט געקאָנט אַריינדרינגען אין זיינע שטרעבונגען. צו איר, צו דערדאָזיקער „טייערער מומעשי", האָט ער אין דעמדאָזיקן בריוו אויך געשריבן וועגן זיינע באַשעפטיקונגען, וועלכע „באַשטייען אין ליטעראַטור", „און אַרבעט", איבער וועלכער „ער מיט זיך שוין צו-לאַנג, אַז ער זאָל זי קאָנען פאַרלאָזן". ווייטער דערוויסן מיר זיך פון דעם בריוו, אַז די זעלביקע טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָווגע — דערדאָזיקער פּראָטאָטיפּ פון סאָניען אין „מלחמה און שלום", אָן אַנטשלאָסענע און אַ פעיקע זיך מקריב צו זיין, וועלכע האָט שטאַרק געליבט איר האָדעוואַניק Léon'ן, מחמת איר ליבע צו זיין פאָטער האָט שוין פון לאַנג אָנגעפירט זיין אַרבעט, האָט אים אַמאָל געראָטן צו שרייבן ראָמאַנען, און ער האָט אין זיינע אַרבעטן געפאָלגט אירע עצות. ער האָט אין זיין טאָגבוך פון 29 מערץ 1852 יאָר געשריבן, אַז ער האָט „געשריבן

די דערציילונג מיט חשק", אז אויב ער האָט „נישט געוואָרפן דידאַזיקע אַרבעט", איז עס טיילווייז, כדי צו פאַרשאַפן פאַרגעניגן טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָווְנען". פון די ווערטער זעען מיר קלאָר, וואָס אַזוינס איז ט. א. יערגאָלסקי געווען פאַר ל. נ. טאָלסטאָיען.

„קינדהייט" איז איבערגעאַרבעט געוואָרן פיר מאָל אין משך פון מער ווי אַנדערטהאַלבן יאָר. דער ערשטער סקיץ פונם ראָמאַן איז געשריבן געוואָרן לאַנגזאַם, פיל מאָל איבערגעמאַכט געוואָרן, און פאַרענדיקט זיך אַפּנים אין אויגוסט 1851 יאָר, משפּטנדיק לויט דער נאָטיץ אין דעם טאָגבוך, וועלכע איז פריער געבראַכט און ווייזט אָן אויף דעם אָנהייב פונם רעדאַגירן זי. דידאָזיקע צווייטע רעדאַקציע, ווי מען זעט עס פונם טאָגבוך, האָט געדויערט ביז יאַנואַר 1852 יאָר, דעם 21 מערץ 1852 האָט זיך אָנגעהויבן די אַרבעט איבער דער דריטער רעדאַקציע, וועלכע האָט זיך פאַרענדיקט דעם 27 מאַי. ל. נ. האָט, ווי ס'שיינט, גערעכנט זי פאַר דער לעצטער: אינדערפרי געענדיקט „קינדהייט"... דער אָנהייב, וועלכן איך האָב איבערגעלייענט, איז זייער שלעכט, נאָר פונדעסטוועגן וועל איך הייסן איבערשרייבן און וועל תיכף אַוועקשיקן". אָבער באַלד האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז נאָר דער סוף פון דער דריטער רעדאַקציע. אין דעם מאַי איז „קינדהייט" געשריבן געוואָרן בייטנדיק זיך מיט אַ נייער דערציילונג, וועלכע האָט שפּעטער באַקומען דעם נאָמען „באַפאַלונג" (אָנגעהויבן דעם 17 מאַי) און האָט מער פאַרכאַפּט טאָלסטאָיען, איידער די ערשטע אַרבעט. נאָר געענדיקט „קינדהייט" דעם 27 מאַי, האָט ער שוין אין דריי טעג אַרום געשריבן צו יערגאָלסקין, אַז ער וויל נאָך אַמאָל איבערמאַכן ס'דאָזיקע ווערק. „איך האָב שוין דריי מאָל איבערגעאַרבעט דאָס ווערק, וואָס איך האָב אָנגעהויבן שוין לאַנג, און איך טראַכט נאָך אַמאָל איבערצואַרבעטן עס, כדי איך זאָל זיין צופרידן; אפשר וועט עס זיין אַ מין אַרבעט פון פענעלאָפּע, אָבער דאָס שטויסט מיך נישט אָפּ, איך שרייב נישט צוליב ערגייץ, נאָר ווייל מיר ווילט זיך. איך געפין פאַרגעניגן און נוצן אין דער אַרבעט — אַרבעט איך". אין דעם זעלביקן בריוו שרייבט ער, אַז הגם זיינע ליטעראַרישע אַרבעטן גייען ביסלעכווייז פאָרויס, טראַכט ער נאָך גאָרנישט צו דרוקן; נאָר דידאָזיקע ווערטער באַווייזן, אַז דער געדאַנק וועגן דער מעגלעכקייט צו דרוקן איז שוין בא אים דעמאָלט פאַראַן. אויף דעם צווייטן טאָג האָט דער קאַנצעלאַריסט אָנגעהויבן ביסלעכווייז איבערצושרייבן „קינדהייט", און ל. נ. האָט אין דער זעלבער צייט גענומען איבערמאַכן דעם המשך.

„אַלץ וואָס איך טראַכט וועגן דעם (וועגן „קינדהייט"), איז דאָס, אַז עס זענען פאַראַן ערגערע דערציילונגען", — שרייבט ער אין זיין טאָגבוך פון דעם 2 יוני ; „פונדעסטוועגן בין איך נאָך נישט איבערצייגט, אַז איך האָב נישט קיין טאַלאַנט. איך האָב נישט, דאַכט זיך מיר, קיין געדולד, קיין געוווינהייט און קיין קלאָרקייט, אויך איז קיין גרויסקייט נישטאָ נישט אין דעם סטיל, נישט אין די געפילן, נישט אין די געדאַנקען". אָנגעהויבן דעם 30 מאַי די פערטע רעדאַקציע פון זיין דערציילונג, טוענדיק אין דער זעלביקער צייט די אַרבעט איבער „באַ-פאַלונג", האָט ער דעם 13 יולי געענדיקט די אַרבעט : „געענדיקט מיין קינדהייט", און דעם דריטן יולי איז שוין אָנגעשריבן געווען דער בריוו צו נ. א. נעקראַסאָוו, דעם רעדאַקטאָר פונם „סאָוורעמענניק". אין דעם בריוו בעט ער איבערקוקן דעם אַרויסגעשיקטן תיכף נאָכן בריוו כתב-יד : „אויב ער טויג נישט צום דרוקן, קערט מיר אים אום, אויב פאַרקערט, שאַצט אים אָפּ, און שיקט מיר אַרויס דאָס, וואָס ער איז ווערט לויט אייער מיינונג, און דרוקט אים אָפּ אין אייער זשורנאַל. איך בין פאַרויס מסכים אויף אַלע קירצונגען, וועלכע איר וועט געפינען פאַר נייטיק צו מאַכן אין אים, נאָר איך פאַרלאַנג, אַז ער זאָל זיין אָפּגעדרוקט אָן צו-גאָבן און ענדערונגען". ל. נ. איז אין דעם בריוו מוסיף, אַז דער צוגע-שיקטער כתב-יד איז די ערשטע טייל פון אַ ראָמאַן „פיר אַנטוויקלונגס-עפּאָכעס", און אַז דאָס דערשיינען פון די ווייטערדיקע טיילן הענגט אָפּ פון דעם דערפאָלג, וואָס די ערשטע וועט האָבן. זיין נאָמען האָט ל. נ. באַהאַלטן אונטער די ראשי תיבות פון זיין נאָמען און זיין פאָטערס נאָמען. דער ענטפער אויף דעם בריוו איז פון נעקראַסאָוו געקומען אין דאָרף סטראָגלאַדאָוווסקאַיאַ, ווו ל. נ. האָט דעמאָלט געוווינט, דעם 29 אויגוסט און האָט אים דערפרייט, ווי ער שרייבט אין טאָגבוך, „ביז טיפשות". אין בריוו זאָגט נעקראַסאָוו, אַז טאָלסטאָיס כתב-יד „האָט אין זיך אַזוי פיל אינטערעסאַנטס", אַז ער האָט באַשלאָסן אָפּצודרוקן אים. „נישט קענענדיק דעם המשך", זאָגט נעקראַסאָוו, בין איך נישט אים-שטאַנד צו זאָגן אַנטשלאָסן, נאָר מיר דאַכט זיך, אַז דער אויטאָר האָט טאַלאַנט, יעדנפאַלס זענען דעם אויטאָרס ריכטונג, די איינפאַכקייט און די רעאַלישקייט פון דעם אינהאַלט די גרויסע מעלות פון דעם ווערק". אַזאַ איז געווען דער ערשטער אורטייל פון אַן ערנסטן און ווייסנדיקן ליטעראַט, און ער האָט נישט געקאָנט נישט דערפרייען לעוו ניקאָלאַיעוויטשן „ביז טיפשות", ווי ער האָט זיך אויסגעדריקט. פריער האָט ער זיין דערציילונג

געלייענט נאָר פאַר דעם ברודער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטשן, וועלכן ער האָט אמת, הויך געשעצט און זייער געצאַכט אַלס אַ מענטש אַ קלוגן און אַ מערקווירדיק טאַלאַנטפולן דערציילער, אָבער ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש איז אים פון קינדהייט אָן געווען נאָענט, און האָט דעריבער געקאָנט נושא פנים זיין. נאָך נעקראַסאָווס ערשטן בריוו איז באַלד געקומען אַ צווייטער, וועלכער האָט נאָך שטאַרקער באַשטעטיקט דעם ערשטן אורטייל: „איך קאָן פּאָזיטיוו זאָגן, אַז דער אויטאָר האָט טאַלאַנט“. דעם 6 טן סעפּטעמבער 1852 יאָר איז אַרויס דאָס ניינטע בוך „סאָוורעמעניק“, אין וועלכן עס איז געווען אָפּגעדרוקט די „געשיכטע פון מיין קינדהייט“, וועלכע איז אויסגעזוצט געוואָרן אויסערגעוויינלעך שנעל, עפּעס פאַר אַ וואָך צייט. נעקראַסאָוו שרייבט: „פון איר איז עפּעס וואָס צוּיסגעוואָרפן (אַגב נישט פיל)..., צוגעגעבן — גאָרנישט“. די דאָזיקע קירצונגען זענען געווען זייער באַליידיקנדיק פאַר ל. ניק., און אין בריוו צום ברודער סערגיי ניק. זאָגט ער אין אַ יאָר אַרום אָפן, אַז „קינדהייט“ איז דורך דער צענזור איבערגעפירט געוואָרן, און אין טאָגבוך פון דעם 31 אָקטאָבער 1852 יאָר, ווען ער האָט באַקומען דאָס בוך „סאָוורעמעניק“, שרייבט ער: „איבערגעלייענט מיין דערציילונג, וועלכע איז צעקאַליעטשעט ביז גאָר“. ער האָט אָנגעשריבן צו נעקראַסאָווען אַ בריוו, וואָס האָט אים „באַרויקט“, נאָר אַוועקשיקן אים האָט ער זיך נישט אַנטשלאָסן: „צו טרוקן“, שרייבט ער אין טאָגבוך. אין זיין בריוו צו נעקראַסאָוון (27-סטן נאָוועמבער 1852) האָט ער אים פאַרט אויסגעדריקט זיין פאַרדראָס צוליב די קירצונגען, וואָס די צענזור האָט געמאַכט, און צוליב די ענדערונגען, וועלכע האָבן אים „אומאָנגענעם געטראָפן“, אויך צוליב דער ווירקלעכער ענדערונג פון דעם טיטל: אָנשטאָט „קינדהייט“ — „די געשיכטע פון מיין קינדהייט“. דער בריוו איז אָנגעשריבן געוואָרן אין צוויי טעג אַרום נאָך דעם באַקומען דאָס ביכל „אָטיעטשעסטווענייע זאַפּיסקי“ מיט אַ קריטיש אַרטיקל, אין וועלכן עס רעדט זיך צווישן אַנדערע זאַכן אויך וועגן „קינדהייט“. דאָס אַרטיקל האָט ער איבערגעלייענט „מיט אומגעוויינלעכער פרייד“. שפּעטער האָט ל. נ. וועגן דעראָזיקער פריידיקער געשעעניש דערציילט דעם ווייב. לויט זי גיט איבער אין אירע מעמואַרן, אַז ער האָט זיך עפּעס איינמאָל צוריקגעקערט אַהיים אין דאָרף נאָך אַ לאַנגן יאַגד אויף ווילדע חזירים און האָט געפונען דאָס לעצטע ביכל „אָטיעטשעסטוו. זאַפּ.“: איך ליג אין כאַטע אויף דעם געלעגער פון ברעטער..., איך לייען און פאַרשיכור מיך מיט דעם תענוג פון די שבחים; אפילו

טרערן פון אַנטציקן ווערגן מיך. און איך טראַכט: קיינער ווייסט נישט, אפילו זיי דאָ (די חברים), אַז דאָס לויבט מען מיך". דאָס אַרטיקל, וועלכעס האָט געהערט צו ס. ס. דודישקינען (אָן אַן אונטערשריפט) האָט נישט געקאָנט נישט מאַכן אַזאַ רושם אויף ל. נ. „מען קאָן נישט נישט אָפּגעבן מזל־טוב דער רוסישער ליטעראַטור מיט דעם דערשיינען פון אַ נייעם מערקווירדיקן טאַלאַנט", זאָגט דער קריטיקער, „מיר האָבן שוין לאַנג נישט געהאַט דעם צופאַל צו לייענען אַ ווערק אַ מער דורכגעפילטס, אַ מער איידל געשריבנס, אַ מער דורכגעדרינגענס מיט סימפּאַטיע צו די דערשיינונגען פון דער ווירקלעכקייט, וואָס זיי צו שילדערן האָט זיך דער אויטאָר אָנגענומען...; מיר וואָלטן וועלן באַקענען די לעזער מיט דעם ווערק פון ל. נ., אויסשרייבנדיק פון דעם דאָס בעסטע אָרט; אָבער קיין בעסערס איז אין דעם נישטאָ; עס איז אינגאַנצן פון אָנהייב ביזן סוף עכט פּראַכטפול". דעמאָלט האָט זיך אויך באַוויזן ב. נ. אַלמאַזאָווס אַרטיקל אין „מאָסקוויטיאַנען", ווו די דערציילונג ווערט אָנגערופן „פּראַכטפולע", אין „פּאַנטעאָן" און „סט.־פּעטערבורגסקיע וויעדאָמאָסטי", ווו דער אויטאָר ווערט אָנגערופן „עכט־באַגאַבטער". טורגעניעוו, וועלכער האָט דעמאָלט געלעבט אַ פּאַרשיקטער אין זיין גוט ספּאַסקאָיע פאַר דער מיינונג וועגן גאָגאָלן, שרייבט אין אַ בריוו צו נעקראַסאָוון מיט התפעלות וועגן דעם אומבאַקאַנטן ערשט דערשינענעם שריפטשטעלער: „דו ביסט גערעכט, דאָס איז אַ טאַלאַנט, אויף וועלכן מען קאָן זיך פאַרלאָזן... שרייב צו אים און טרייב אים צו, ער זאָל שרייבן, זאָג אים, אויב דאָס קאָן אים אינטערעסירן, אַז איך באַגריס אים, גריס אים און פּאַטש אים בראַוואָ". לויט ט. א. יערגאָלסקי האָט געשריבן צו ליעוו ניקאָלאַיעוויטשן, האָט זיך טורגעניעוו נאָכגעפרעגט באַ אַלעמען, צי האָט נישט מאַריע ניקאָלאַיעוונע טאָלסטאָי אויף קאַווקאַז אַ ברודער. וועלכער זאָל עס זיין דער אויטאָר פון „דער געשיכטע פון מיין קינדהייט". (ער האָט זיך דערוווּסט פון נעקראַסאָוון, אַז דער אויטאָר פון דער דערציילונג וווינט אויף קאַווקאַז.) אין דעם משפחה־קרייז פון די טאָלסטאָיס האָט די דערשיינונג פון אַ דערציילונג פון עפּעס אַ ל. נ., וואָס איז לגמרי קיינעם נישט באַקאַנט, וואָס מאָלט אינטימע פּרטים זיכער פון זייער פּריוואַט לעבן, געמאַכט, לויט די רייד פון מאַריע ניקאָלאַיעוונע, אַ גרויסן רושם; זיי האָבן אפילו חושד געווען ניקאָלאַי ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָיען. פון דעם געדאַנק, אַז דאָס זאָל זיין ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי, זענען זיי געווען ווייט.

דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט זיך דער נאָמען „ייִנגלשאַפֿט“ אַלס צווייטער טייל פֿונם ראָמאַן „פֿיר אַנטוויקלונגס־עפּאָכעס“ דעם 29 נאָ־וועמבער 1852־סטן יאָר: „איך וועל מיך נעמען פֿאַר דער באַאַרבעטונג פֿון דער מלחמה־באַשרייבונג און פֿון ייִנגלשאַפֿט“, שרייבט טאָלסטאָי. די „מלחמה־באַשרייבונג“ איז מיט דער צייט פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין „באַפֿאַלונג“, און ל. נ. האָט מיט חשק געאַרבעט איבער דער דערציי־לונג צום סוף פֿון דעם יאָר. צי האָט ער דעמאָלט אָנגעהויבן שרייבן „ייִנגלשאַפֿט“ — איז שווער צו זאָגן; אָבער צוגרייטונגס־אַרבעטן צו „ייִנגלשאַפֿט“ זענען שוין געווען פֿריער, לפּחות אין די מאַנוסקריפּטן פֿון דער לענין־ביבליאָטעק זענען פֿאַראַן גענויע פּלענער פֿון יענער צייט, ווען „קינדהייט“ האָט זיך נאָך געשריבן, און וועלכע עס ווערט דערמאַנט „ייִנגלשאַפֿט“. ערשט אין דעם קומענדיקן יאָר האָט זיך באַשטימט אָנגע־הויבן די אַרבעט איבער „ייִנגלשאַפֿט“. אין מאַי האָט שוין ל. נ., פֿאַר־לאָזנדיק זיין נייַע דערציילונג „ניטל־נאַכט“, מיט וועלכער ער איז גע־בליבן אומצופֿרידן, געשריבן: „אָוועקגעוואָרפֿן די דערציילונג און כ׳שרייב „ייִנגלשאַפֿט“. אַזוי האָט ער פֿאַרצייכנט אין טאָגבוך און ער גיט צו: „פּונקט מיט אַזאַ חשק, ווי איך האָב געשריבן „קינדהייט“, כ׳האָף, אַז עס וועט זיין פּונקט אַזוי גוט“. נאָר עס זענען געווען אַנדערע טעמעס, וועלכע האָבן אים שטאַרק פֿאַרכאַפּט און „ייִנגלשאַפֿט“ האָט זיך געשריבן שווערער, איידער „קינדהייט“. פֿונדעסטוועגן, אין צוויי חדשים אַרום, דעם 16־טן יולי, האָט ער אין פּיאַטיגאָרסק פֿאַרשריבן אין טאָגבוך, אַז ער זעט דעם סוף פֿון „ייִנגלשאַפֿט“: „אָנגענעם; כ׳וועל אפֿילו היינט ענדיקן... כ׳וועל שרייבן דעם גאַנצן טאָג“. און לסוף דעם 21־סטן יולי: „געשריבן גאַנץ פֿיל, אַזוי, אַז געענדיקט ייִנגל־שאַפֿט, נאָר אָבער צו נאַכלעסיק“. און אין אַ טאָג אַרום האָט ער אָנגעהויבן אַ נייַע איבעראַרבעטונג, אָדער די צווייטע רעדאַקציע. דאָס שרייבן „ייִנגלשאַפֿט“ האָט אים לכתּחילה פֿאַרכאַפּט, אַמאָל איז עס אים געפֿעלן געווען. („דאָס געוויטער איז גרויסאַרטיק“), נאָכדעם איז עס געגאַנגען בייטנדיק זיך מיט אַנדערע זאַכן: „דער ראָמאַן פֿון אַ רוסישן גוטסבאַזיצער“, און „דער בורח“ — די צוקונפֿטיקע „קאָזאַקן“, און „די קאַווקאַזער דערציילונג“ — „מ׳האַקט דעם וואַלד“, און די „מעמואַרן פֿון אַ מאַרקער“, וועלכע האָבן אים זייער פֿאַרכאַפּט. דער אינטערעס צו „ייִנגלשאַפֿט“ פֿלעגט צייטנווייז אינגאַנצן פֿאַלן: „אַ שאָדן צו וואַרפֿן

יינגלשאפט", שרייבט ער אין טאג בוך, „נאר וואס זאל מען טון? בעסער נישט צו פארענדיקן די זאך, איידער ווייטער צו טון זי שלעכט". און פונדעסטוועגן ארבעט ער ווייטער. „יינגלשאפט איז מיר מיאוס געווארן ביז גאר", האט ער געשריבן דעם 22-סטן אקטאבער. איך נעם מיך פאר מיין העפט „יינגלשאפט" מיט עפעס א האפנונגסלאזן געפיל פון עקל, ווי אן ארבעטער, וואס מוז זיך מיען איבער א זאך, וועלכע איז לויט זיין מיינונג נוצלאז און טויג צו גארנישט" (23 אקטאבער). פונדעסטוועגן האט ער נאך אזעלכע אנשטרענגונגען און באמיונגען באשלאסן ווידער איבערצוארבעטן זיין דערציילונג (26 אקטאבער). דאס איז געווען די דריטע רעדאקציע. און ווידער איז די ארבעט געגאנגען אן מזל ברכה. „כדי דאס ווערק זאל זיין אינטערעסאנט, איז קנאפ, אז איין געדאנק זאל עס אנפירן, מען דארף נאך, אז עס זאל אויך זיין דורכגעדרונגען מיט איין געפיל, און דאס איז בא מיר אין יינגלשאפט נישט געווען", — באמערקט ער אין טאג-בוך דעם 20 דעצעמבער. ערשט אין אפריל 1854, אריבערגעפירט אין דער דרום-מחנה קיין מאלדאוויע, האט ער פארענדיקט „יינגלשאפט" און דעם 27 אפריל פון בוקארעשט אפגעשיקט זיין דערציילונג אין דער רעדאקציע פון „סאווריעמעניק". אין דעם אקטאבער-בוך פון 1854 איז לסוף „יינגלשאפט", אונטער דער חתימה ל. נ. ט., נאך לאנגע ווארטענישן, אפנים צוליב פארהאלטן, אפגעדרוקט געווארן אלס המשך פון דעם ראמאן „פיר אנטוויקלונגס-עפאכעס", וואס האט זיך אנגעהויבן מיט „קינדהייט". דער איינדרוק בא דער קריטיק און בא די לייענער איז געווען דערזעלביקער, וואס פון דער ערשטער דערציילונג.

די דריטע טייל פון זיין טרילאגיע, „בחורשאפט", האט טאלסטאי אנגעהויבן נאך א גרויסן אונטערוואל כמעט פון 11 חדשים, בשעת דעם אנהייב פון דער פארטיידיקונג פון סעוואסטאפאל. די ערשטע נאטיצן וועגן שרייבן „בחורשאפט" איז געמאכט געווארן דעם 12-טן מערץ 1855 יאר, נאר אזוי פשוט און צופעליק, גלייך ווי דאס וואלט געווען א המשך פון דער ארבעט: „אינדערפרי האב איך אנגעשריבן בא א בויגן בחורשאפט, דערנאך געשפילט אין באבקעס". אבער נאכדעם האט ער געשריבן אלע טאג און שנעל, איינגיכן צונויפגעפלאכטן מיט אן אנדערער ארבעט, וועלכע האט טאלסטאיען פארכאפט — איבער דער ערשטער סעוואסטאפאלער דערציילונג (סעוואסטאפאל אין דעצעמבער 1854 יאר). דיביידע ארבעטן זענען געשריבן געווארן בשעת טאלסטאי האט געדינט אויף דעם

4-טן באַסטיאָן, גאָר אין אַן אַנדערער סביבה, איידער די, וואָס עס איז געווען אין דער דערציילונג, וועלכע ער האָט דעמאָלט געשאַפן — אונטער דעם דונערן פון די קאַנאָנען צווישן כסדרדיקע טויטן, — גלייך ווי טאָלסטאָי האָט געדאַרפט מיט זיין אַרבעט אָוועקגיין פון ‏‏רעדאַזיקער אימה, אַריבערוואַנדלען אין דעם געוויינלעכן, רויקן און שטילן לעבן. „בכלל", שרייבט טאָלסטאָי דעם 14-טן אַפּריל אויפן באַסטיאָן, „די אַרבעט איבער בחורשאַפט וועט מיך שוין איצט צוציען מיט דער פראַכט גופא פון דער אָנגעהויבענער און כמעט ביז דער העלפט אויסגעפירטער אַרבעט. איך וויל היינט אָנשרייבן דאָס קאַפּיטל „היישניט, אָנהייבן באַארבעטן סעוואַסטאָפּאָל, און אָנהייבן אַ דערציילונג פון אַ סאָלדאַט וועגן דעם, ווי אַזוי עס האָט אים געטויט", און ווייטער איז ער מוסיף: „גאָט, איך דאַנק דיר פאַר דיין כסדרדיקער שוץ איבער מיר. ווי זיכער דו פירסט מיך צום גוטן, און סאַראַ נישטיקע בריאה איך וואָלט געווען, ווען דו וואָלסט מיך פאַרלאָזט". באַך דער נאָטיץ ווערט דאָס שרייבן „בחורשאַפט" איבער־געריסן. דעם 1-טן יולי פרווט טאָלסטאָי מאַכן אַ נייעם פּלאַן פון „בחור־שאַפט", וואָס די אַרבעט איבער דעם צוזאַמען מיט „יוגנט" (די 4-טע טייל פונם ראָמאַן) ווערט אין עטלעכע טעג אַרום אינם טאָגבוך אָנגערופן זיינע הויפּטבאַשעפטיקונגען: פאַר „בחורשאַפט" איז בא אים פאַרשריבן אַ „מענגע געדאַנקען" אין זיין נאָטיץ־ביכל. דעם 24 יולי הייבט ער אָן, נאָר גלייך ווערט דאָס שרייבן איבערגעריסן: עטלעכע מאָל פאַרגיט ער זיך גלייך ווי אַן אויפגאַבע אויפן מאָרגנדיקן טאָג, נאָר בעת די דער־ציילונג האָט, ווי ס'שיינט, געדאַרפט גיין אָנגעשטרענגט, האָט זיך דאָס שרייבן אָפּגעשטעלט און אויף לאַנג. ערשט כמעט אין אַ יאָר אַרום, אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, אין יוני 1856, האָט זיך ל. נ. ווידער אומגעקערט צו זיין דערציילונג; ס'האָט זיך אָנגעהויבן פון אַ נייעם פּלאַן, וואָס האָט זיך אים אויף דער העלפט באַוויזן אין אַ צושטאַנד פון האַלבן שלאָף: ל. נ. האָט איינמאָל עפּעס לאַנג נישט געקאָנט אַנטשלאָפן ווערן, איז געווען אין אַ טרוימערישן צושטאַנד און האָט צונויפגעשטעלט קלאָר נישט אויפן פּאַפּיר. נאָר אין קאָפּ דעם פּלאַן פון „בחורשאַפט", נאָכ־דעם אין עטלעכע טעג אַרום האָט ער איבערגעלייענט דעם פריערדיקן מאַנוסקריפּט און אָנגעהויבן שרייבן און באַארבעטן „מיט גרויס פאַרגעניגן". אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן אַ צווייטע איבעראַרבעטונג פון „בחורשאַפט", וועלכע איז געגאַנגען אָן שטער, „גוט", מיט פאַרגעניגן" און איז געענ־דיקט געוואָרן אויף נישט ריין דעם 22 אויגוסט, און אין פינף טעג אַרום

האָט זיך אָנגעהויבן אַ נייע איבעראַרבעטונג. דאָס מאָל האָט ל. נ. קעגן זיין געוווינהייט דיקטירט די אַרבעט פאַר אַן איבערשרייבער, וועלכן ער האָט אויסגעשריבן פון טולע. עס האָט זיך געאַרבעט לייכט און מיט חשק, אַמאָל „ביז טרערן", אַמאָל פלעגט ער באַדערנאַכט אַלץ זעען „בחורשאַפט". דעם 24 סעפּטעמבער איז די אַרבעט געווען געענדיקט און אין דעם זעלבן טאָג אָפּגעשיקט א. וו. דרוזשענינען „צום משפט", ווי טאָלסטאָי האָט זיך אויסגעדריקט אין אַ בריוו צו אי. אי. פּאַנאַיעוון. ביז דרוזשענינס פּסק דין האָט ער פאַר קיינעם קיין שורה נישט איבערגעלייענט פון זיין דערציילונג און איז געווען „שטאַרק מסופק, צי פאַרדינט זי, צי נישט, אַז מען זאָל זי דרוקן". דער ענטפער פון דרוזשענינען איז צו טאָלסטאָיען אָנגעקומען דעם 15 אָקטאָבער: „ער ליובט בחורשאַפט, נאָר נישט שטאַרק", האָט טאָלסטאָי פאַרצייכנט אין טאָגבוך. דרוזשענין ווייזט טאָלסטאָיען אָן אויף זיינע פעלערן אין סטיל: איר זענט שטאַרק נישט „גראַמעטנע", אַמאָל מיט דער „נישטגראַמעטנעקייט" פון אַ רעפאָרמאַטאָר און פון אַ שטאַרקן פּאָעט... און אַמאָל אָבער מיט דער „נישטגראַמעטנעקייט" פון אַן אָפיציר, וועלכער שרייבט צו אַ חבר און זיצט ערגעץ אין אַ גראָבן". אָבער פון דער צווייטער זייט איז די אויפגאַבע פון דער דערציילונג, לויט דרוזשענינס רייד, נישט געקוקט אויף די פולע שווער־יקייטן, אויסגעפירט געוואָרן זייער גוט: קיינער פון די איצטיקע שריפטשטעלער וואָלט נישט געקאָנט אַזוי אויפכאַפּן און אויסמאָלן דעם צערודערטן און צעבלאָנטערטן פּעריאָד פון דער בחורשאַפט. פאַר מענטשן אַנטוויקלטע וועט אייער „בחורשאַפט" זיין אַ גרויסער תענוג". אין נאָוועמבער 1856 איז טאָלסטאָי אַרויסגעפאָרן קיין פּעטערבורג, און האָט נאָך אַמאָל איבערגעלייענט „בחורשאַפט" אין דער קאָרעקטור. אין 1-טן נומער „סאָווערעמענניק" פאַר 1857 יאָר איז זי אַרויס אונטער דער פולער חתימה — „גראַף ל. נ. טאָלסטאָי".

בעת ל. נ. איז אין 1857 י. געווען אין אויסלאַנד, דערמאָנט ער אין טאָגבוך פון 3 אַפּריל, אין פּאַריז, וועגן דעם רעיון פאָרצוזעצן „בחורשאַפט": „איך טראַכט אָנצוהייבן עטלעכע זאַכן פאַר אַמאָל: „דאָס הייטע פעלד, בחורשאַפט און דער בורח". און דערנאָך אין עטלעכע טעג אַרום, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון פּאַריז אונטער דעם איינדרוק פון אַ טויטשטראָף אויף דער גיליאָטינע, שרייבט ער אין זשענעווע ווידער: „מאָרגן וויל איך אָנהייבן נאָך דריי זאַכן צוזאַמען. אפשר איז דאָס אַן איבערחזרונג פון דעם פריערדיקן פאַרלאַנג. נאָכדעם דעם 9-טן יוני אין

קלאַראַן אויף דער זשענעווער אָזיערע פאַרצייכנט ער אין טאָגבוך, אַז ער האָט „וויל אָנגעשריבן דאָס ערשטע קאַפּיטל בחורשאַפט״ דער אין אויסלאַנד אָנגעשריבענער מאַנוסקריפּט פון דעם 1-טן קאַפּיטל און פון דעם אָנהייב צווייטן איז פאַראַן אין דער לענין-ביבליאָטעק. חוץ דעם איז פאַראַן נאָך אַ נאָטיץ — אַ קאָנספּעקט צו „בחורשאַפט״ — אין נאָטיץ-ביכל פאַר דעם זעלביקן 9-טן יוני. נאָכדעם, אין אויגוסט, שוין אומגעקערט זיך קיין רוסלאַנד, רעדט טאָלסטאָי וועגן די טעמעס, וואָס ער האָט אין זינען און ער רופט אָן קאָזאַקן, דאָס ווייטע פעלד, בחורשאַפט לי (בע ?): „דאָס לעצטע איז אַ נאַרישקייט, פאַר די דריי איז פאַראַן ערנסטער שטאָף, אָבער אויף דער צווייטער טייל „בחורשאַפט״, אָדער „יוגנט״, ווי ער האָט די 4-טע טייל פון זיין ראָמאַן אָנגערופן אין 1852 יאָר, האָט ער זיך שוין מער נישט אָפּגעשטעלט.

אין 1903 יאָר האָט טאָלסטאָי, לויט פ. אי. בירוקאָווס בקשה, אָנגעשריבן זיינע מערקווירדיקע זכרונות; צוטרעטנדיק צו דער באַשרייבונג פון זיין קינדהייט, גיט ער אין זיי אגב אורחא אַן אָפּשאַצונג וועגן זיינע ערשטע דערציילונגען. דידאָזיקע אָפּשאַצונג איז אינטערעסאַנט דערמיט, וואָס אין 1903 יאָר האָט טאָלסטאָי גאָר אינגאַנצן אַנדערש געקוקט אויף זיינע דערציילונגען, גאָר עפּעס אַנדערש האָט ער אין זיי געזוכט, און אַנדערש איידער אין די 1850-קער יאָרן האָט ער אין זיי פאַראורטיילט. „כדי נישט איבערצוחזרן זיך אין דער באַשרייבונג פון דער קינדהייט״, זאָגט ער, „האָב איך איבערגעלייענט מיין געשריפטס אונטער דעמדאָזיקן טיטל און האָב חרטה געהאַט, וואָס איך האָב עס אָנגעשריבן: אַזוי נישט גוט, ליטעראַריש, נישט אויפריכטיק געשריבן. דאָס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין, ערשטנס, דערפאַר וואָס די כוונה מיינע איז געווען צו באַשרייבן נישט מיין געשיכטע, נאָר די געשיכטע פון מיינע קינדהייטס-פריינד, און צווייטנס דערפאַר, וואָס בשעת איך האָב דאָס געשריבן, בין איך געווען ווייט נישט זעלבשטענדיק אין די פאָרמעס פון אויסדרוק, און איך האָב מיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון צוויי שריפטשטעלער, וועלכע האָבן אויף מיר שטאַרק געווירקט, פון Stern-ען (זיין Sentimental journey) און פון Töpfer-ן („Biblio-thèque de mon oncle“). באַזונדער אָבער זענען מיר איצט נישט געפעלן געוואָרן די לעצטע צוויי טיילן: יינגלשע יאָרן און בחורשע יאָרן, אין וועלכע עס איז, חוץ אומגעלומפּערטער צונויפמישונג פון אמת מיט אויסגעטראַכטס, פאַראַן אויך נישט-אויפריכטיקייט, דער ווונטש אַרויסצו-

שטעלן אלס גוטס און וויכטיקט דאס, וואס איך האב דעמאלט נישט גע־האלטן פאר גוט און וויכטיק, מיין דעמאקראטישע ריכטונג".

סטערנס און טעפערס איינפלוס, ווי ל. נ. זאגט, האט אים אין זיינע ערשטע דערציילונגען געמאכט פאר נישט זעלבשטענדיק אין אויסדרוק־פארמעס. דער עיקר האט זיך דאס ארויסגעוויזן אין דער ערש־טער רעדאקציע פון „קינדהייט", נאר יעדנפאלס האט ער זיך פון דעמ־דאזיקן איינפלוס אויך נאכדעם נישט באפרייט. אין די אלטע טאגביכער פון 1851—1852 יארן רעדט ל. נ. גארנישט וועגן טעפערן, נאר סטער־נען רופט ער אן אין 1851 יאר זיין געליבטער שריפטשטעלער, הגם דא גופא זאגט ער, אז נישט געקוקט אויף זיין גרויסן טאלאנט צו דערציילן און צו פלוידערן.... זענען די אפווייכונגען שווער אפילו בא אים". טאל־סטאי האט ארום יענער צייט איבערגעזעצט א פראגמענט פון זיין בא־רימטער „סענטימענטאלער רייזע איבער פראנקרייך און איטאליע"; דעמאלט טאקע פארצייכנט ער אין זיין טאגבוך: „געלייענט סטערנען. ווונדערשיין! סאפיע אנדרעיעווגע טאלסטאי גיט איבער אין אירע מע־מוארן ל. נ.—טשעס ווערטער, אז דעם ערשטן שטויס צו שרייבן א ראמאן האט ער באקומען נאך אין מאסקווע (אלזא, נאך פאר אפריל 1851 יאר) פון סטערנען.

ווי אומגעלומפערטע צונויפמישונג פון אמת מיט ליגנט האבן ל. נ. טאלסטאיען אויסגעוויזן זיינע דערציילונגען באזונדער שארף דווקא דעמאלט, ווען ער איז צוגעטרעטן צו שרייבן זיינע פערזענלעכע, צו אמת שטרעבנדיקע און מיט אמת פולע זכרונות. אין 1903 יאר האט ער אין זיין טרילאגיע געזעען די פארטרעטן פון די פערזאנען, וועלכע זענען נאענט צו אים אליין און צו דער פריערדיקער ווירקלעכקייט, נאר זיי זענען געווען געשילדערט אין די דערציילונגען יעדער באזונדער, נישט אין זייער ווירקלעכער פארבינדונג, אין אנדערע באציונגען איינער צו דעם צווייטן. אין זיין ווערק פון די 1850־קער יארן האט ער אויסגענוצט די פערזאנען, וועלכע זענען אים געווען גוט באקאנט און קינסטלעריש אויסגעשטודירט, בלויז ווי מיט לעבעדיקן שטאף. אנהייבנדיק צו שרייבן „קינדהייט", האט טאלסטאי דער עיקר געוואלט אויסמאלן די משפחה פון די איסלעניעווס, זיינע שכנים פון זיין גוט (די טאלסטאיס יאסנאיא פאליאנא און די איסלעניעווס קראסנאיע האבן זיך געפונען 25 וויארסט איינס פון אנדערן). ביסלעכווייז דערגענצנדיק אין די ווייטערדיקע רעדאק־ציעס פון זיין דערציילונג די שילדערונג פון דער גוט באקאנטער משפחה

פון די איסלעניעוס מיט שטריכן פון דער גאר אנדערער לויטן גייסט משפחה פון די טאלסטאָיס, האָט ער אזוי אַרום פאַרייניקט דידאַזיקע צוויי משפחות אינאייגעם. אין דעם בילד, וואָס איז געשריבן געוואָרן אין די 1850-קער יאָרן האָט ל. נ. אין 1903 יאָר דערפילט די פראַגמענטן פון די זכרונות פון די 1830-קער—1840-קער יאָרן, ווי נישט נאַטירלעכע און נישט אמתדיקע. אָט אין דעם איז עס פאַר ל. נ.-טשן באַשטאַנען די צונויפמישונג פון אמת מיט ליגנט, ד. ה. דאָס לגמרי אוממעגלעכע פאַר אים צונויפמישן דאָס לעבן פון דער לייבלעכער משפחה מיט דעם לעבן פון אַ פרעמדער משפחה.

כמעט אַלע פערזאָנען, וועלכע זענען גענומען אייגציקווייז אין טאָלסטאָיס ראָמאַן, זענען פאָרטרעטן פון די מיטגלידער פון דידאָזיקע צוויי משפחות, אויסערגעווייגלעך נאָענטע צו דער ווירקלעכקייט. פון איין זייט — די משפחה טאָלסטאָי: ניקאָלענקאָ, דער העלד פון דער טרילאָגיע, מיט אַלע זיינע טרוימערייען, פרייד, גליק, דורכשטראַלונגען פון ליבע און צער — דאָס איז אַ געשריבענער מיט טיפע און העלע שטריכן פאָרטרעט פון דעם יינגל און בחור ליעוו ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי. נאַטאַליאַ ניקאָלאַיעוונאַ, די maman, די מוטער פון ניקאָלענקע, איר ליבלינג, וועלכן זי האָט, ווי ל. נ.—טשעס מוטער אָנגערופן איר בנימין — „mon petit Benjamin“ — איז מאַריע ניקאָלאַיעוונע טאָלסטאָי, די מוטער פון ל. נ. טאָלסטאָיען, וועלכע איז באַשריבן נישט לויטן זכרון, פאַרשטייט זיך (זי איז געשטאָרבן, ווען ל. נ. איז נאָך נישט אַלט געווען קיין צוויי יאָר), נאָר לויט דער מסורה פון דער משפחה. דער עלטערער ברודער ניקאָלענקעס, וואָלאָדיע — איז סערגעי ניקאָלאַיעוויטש טאָלסטאָי, דער ברודער פון ל. נ.; זיין שוועסטער ליובעלע — איז מאַריע ניקאָלאַיעוונע טאָלסטאָי, די יינגערע שוועסטער פון ל. נ.; די גרעפין, ניקאָלענקעס באַבעשי, נאַטאַליע ניקאָלאַיעוונעס מוטער — איז די מוטער פון ל. נ—טשעס פאָטער, פעלאַגעיע ניקאָלאַיעוונאַ, געבוירענע פירשטין גאָרטשאַקאָוו; דער לערער פון די אירטעניעווס קינדער, קאַרל איוואַנאָוויטש מויער — איז פ. אי. רעסעל, דער דערציער פון די טאָלסטאָיס. נאַטאַליע סאַווישנע — איז די ווירטשאַפטערין פּראַסקאָוויע איסאַיעוונע אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ; און פיל פערזאָנען, אַמאָל מיט נישט קיין גרויסע, גאַנצע פאָרטרעטן, אַמאָל מיט באַזונדערע שטריכן, דערמאַנען די נאָענטע צו טאָלסטאָיען פערזאָנען: דמיטרי נעכליודאָוו דערמאַנט ל. נ—טשעס פריינט ד. א. דיאַקאָוון און דעם ברודער דמיטרי ניקאָלאַיע-

וויטש טאָלסטאָי; סאָניעלע וואָלאַכין — די ערשטע ל. נ—טשעס קינדע־רישע ליבע — ס. פּ. קאָלאָשין און אַזוי ו. און ו.

פון דער צווייטער זייט — די משפּחה פון די איסליעניעוו. דער פּאַפּאַ. ניקאָלינקעס פאָטער — איז אַלעקסאַנדער מיכאַילאָוויטש איסלע־ניעוו, דער זיידע פון ל. נ־טשעס ווייב, סאָפיע יענדרעיעווגע בערס, פון דער מוטערס צד; אירטעניעווס צווייטע ווייב, ניקאָלענקעס שטיפמוטער, אַוודאָטיע וואַסיליעווגע עפּיפאַנאָוו — דאָס איז סאָפיע אַלעקסאַנדראָווגע איסלעניעוו, די געבוירענע זשדאַנאָוו, וועלכע מען רופט סיי אין דערווירקלעכקייט, סיי אין דער דערציילונג "la belle Flamande". מימי מיט דער טאָכטער קאַטיעלע — דאָס איז די גוווערנאַנטין פון די איסלע־ניעווס קינדער, די שוועדין קאָפּערוויין מיט דער טאָכטער א. אַז. ו.

דאָס זענען די לעבעדיקע פּאָרטרעטן פון די אַרויסגעפירטע אין דער טרילאָגיע פּאָרשטייער פון צוויי משפּחות, וועלכע האָבן זיך איני־גיכן משדך געווען צווישן זיך. חוץ דעם אַלעמען, וואָס עס איז געזאָגט געוואָרן, איז פּאַר אונז נאָך זייער שאַצבאַר דאָס, וואָס אין טאָלסטאָיס טרילאָגיע איז בולט אַרויסגעשטעלט די שילדערונג פון דעם גייסט און פון זעם לעבנסשטייגער פון אַ רוסישער גוטבאַזיצערישער משפּחה אין די 1830־קער, 1840 יאָרן, אַ רייכער און אַן אינטעליגענטער, אין דער איבער־ברעכונג פון די אַנשויונגען, איבערצייגונגען, זוכענישן און איבערלעבע־נישן פון אַ יונגן פאָרשטייער פון דעם נייעם דור: און דאָ קאָנען מיר געוויס נישט נישט זען די אָפּשפּיגלונג פון טאָלסטאָיען גופא, אַזוי איז אַלץ נאָענט צום אמת, אויטאָביאָגראַפיש, אין דערדאָזיקער געשטאַלט.

דאָס אַלץ איז אפשר פאַר אונז, וואָס מיר זוכן אויפצושטעלן דאָס פולע געשטאַלט טאָלסטאָיס, באַזונדער וויכטיק, און פאַר אונז איז געוואָרן נאַטירלעך צו קוקן אויף דידאָזיקע פריע זייגע דערציילונגען נישט בלויז ווי אויף קינסטלערישע ווערק, נאָר דער עיקר ווי אויף אַ לעבעדיקן און העלן אָפּגלאַנץ פון די יונגע לעבנסיאָרן פון דעם גרויסן מענטש.

סרעזניעווסקי

„יינגלשע יאָרן״, „בחורישע יאָרן״ און אַלע הוספות איבערגעזעצט דורך פאַלק האַלפּערן.

ערשטע זכרונות

ערשטע זכרונות

איך בין געבוירן געוואָרן און די ערשטע קינדהייט פאַרבראַכט אין דעם דאָרף יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

אָט זענען מיינע ערשטע זכרונות (וועלכע איך קאָן נישט אויסשטעלן לויטן סדר, נישט ווייסנדיק, וואָס עס איז געווען פריער, וואָס נאָכדעם. וועגן אייניקע ווייס איך אפילו נישט, וואָס עס איז פאָרגעקומען אין חלום, וואָס אויף דער וואָר), דאָס זענען זיי: איך בין געבונדן; מיר ווילט זיך באַפרייען די הענט, און איך קאָן עס נישט טאָן, און איך שריי און וויין. און מיר אַליין איז מיין שרייען נישט אָנגענעם, אָבער איך קאָן מיך נישט אָפּשטעלן. איבער מיר שטייט מען עפּעס אָנגעבויגן, איך געדענק נישט ווער. און דאָס אַלץ איז אין האַלבפינצטערניש. אָבער איך געדענק, אַז צוויי, מיין געשריי ווירקט אויף זיי; זיי באַאומרויקן זיך פון מיין געשריי, אָבער זיי בינדן מיך נישט פונאַנדער, ווי איך וויל, און איך שריי נאָך העכער. זיי דאַכט זיך, אַז מען דאַרף עס (ד. ה. איך זאָל זיין געבונדן), בשעת איך ווייס, אַז דאָס דאַרף מען נישט, און איך וויל זיי עס דערווייזן און פאַרגיי מיך אין שרייען, עקלהאַפטן פאַר מיר אַליין, נאָר אומגעצוימטן. איך פיל די אומגערעכטיקייט און די אכזריות נישט פון די מענטשן, מחמת זיי איז אויף מיר אַ רחמנות, נאָר פונם גורל און דעם רחמנות צו זיך אַליין. איך ווייס נישט און וועל קיינמאָל נישט וויסן, וואָס עס איז אַזוינס געווען: צי האָט מען מיך געוויקלט, ווען איך בין געווען אַ זויג-קינד, און איך האָב אַרויסגעריסן די הענט, אָדער דאָס האָט מען מיך געוויקלט, ווען מיר איז שוין געווען מער ווי אַ יאָר, כדי איך זאָל נישט צעקראַצן די לישייעס; צי האָב איך אין דער איין דערינערונג צונויפגענומען, ווי דאָס טרעפט

אין חלום, אפילו איינדרוקן; נאָר זיכער איז, אַז דאָס איז געווען דער ערשטער און סאַמע שטאַרקער איינדרוק פונם לעבן. און געדענקען גע־דענקט זיך מיר נישט מיין געשריי, נישט די ליידן, נאָר די קאָמפּליצירט־קייט, די ווידערשפּרעכלעכקייט פון דעם איינדרוק. מיר ווילט זיך פריי־הייט, זי שטערט קיינעם נישט, און איך, וואָס איך דאַרף כּוח, בין שוואַך, און זיי זענען שטאַרק.

דער אַנדערער איינדרוק איז אַ פריידיקער. איך זיץ אין מולטער, און מיך רינגלט אַרום אַ נייער נישט אומאָנגענעמער ריח פון עפּעס אַ שטאָף, מיט וועלכן מען רייבט מיין קליין קערפּערל. מסתּמא איז דאָס געווען קלייען און מסתּמא אין וואַסער און אין מולטער. נאָר די נייקייט פון דעם איינדרוק פונם קלייען האָט מיך אויפגעוועקט, און איך האָב דאָס ערשטע מאָל באַמערקט און ליב געקריגן מיין קערפּערל, מיט די ריפּן, וועלכע האָבן זיך מיר געזען אויף דער ברוסט, און די גלאַטע טונקעלע קאָריטע, דער ניאַניעס פאַרקאַשערטע אָרבל, און דאָס וואַרעמע, דעמ־פּיקע וואַסער, אין זיין קלאַנג, און דער עיקר — דאָס שפּירן די גלאַטקייט פון די פייכטע ברעגעס פון דער מולטער, בשעת איך האָב איבער זיי געפירט מיט די הענטלעך.

ס׳איז משונה און שרעקלעך אַ טראַכט צו טון, אַז פון מיין געבורט און ביז דריי יאָר, אין דער צייט ווען איך האָב געזויגן די ברוסט, ווען מען האָט מיך אַנטוויינט, ווען איך האָב גענומען קריכן, גיין, רעדן, קאָן איך נישט געפינען, וויפיל איך זאָל זוכן אין מיין זכרון, קיין שום איינ־דרוקן, אויסער די דאָזיקע צוויי. ווען־זשע האָב איך מיך אָנגעהויבן? ווען האָב איך אָנגעהויבן לעבן? און פאַרוואָס איז מיר אַ פרייד פאָרצושטעלן זיך דעמאָלט, און ס׳איז מיר געווען שרעקלעך, ווי עס איז נאָך איצט פאַר פיל שרעקלעך, פאָרצושטעלן זיך דעמאָלט, ווען איך וועל ווידעראַמאָל אַריינטרעטן אין יענעם צושטאַנד פון טויט, פון וועלכן עס וועט נישט זיין קיין געדעכעניש, וואָס מען קאָן אויסדריקן מיט ווערטער? צי דען האָב איך דעמאָלט נישט געלעבט, בשעת איך האָב מיך געלערנט קוקן, הערן, פאַרשטיין, רעדן, בשעת איך בין געשלאָפן, געזויגן און געקושט די ברוסט, און געלאַכט און געפרייט מיין מוטער? ,איך האָב געלעבט און גליקלעך געלעבט! צי דען נישט דעמאָלט האָב איך געקריגן דאָס אַלץ, מיט וואָס איך לעב איצט, און האָב געקריגן אַזוי פיל, אַזוי שנעל, אַז פאַר דעם גאַנצן ווייטערדיקן לעבן האָב איך נישט געקריגן קיין הונדערט חלק דערפון? פון דעם פינפיעריקן יינגל ביז מיר — איז נאָר

א טריט. פון א נייגעבוירענעם ביז א פינפיעריקן איז א שרעקלעכער מהלך. פון אן עמבריאָן ביז א נייגעבוירענעם איז א תהום. און פון נישט זיין ביז אן עמבריאָן טיילט שוין אָפּ נישט קיין תהום, נאָר אן אומבאַגרייפלעכקייט. קנאַפּ וואָס שטח און צייט און סיבה זענען פאָרמעס פון דענקען, און וואָס דער מהות פונם לעבן איז אויסער דידאָזיקע פאָרמעס, נאָר דאָס גאַנצע לעבן אונזערס איז אַלץ מער און מער אונטערטעניקן זיך אונטער דידאָזיקע פאָרמעס און נאָכדעם ווידער באַפרייען זיך פון זיי.

די ווייטערדיקע זכרונות מיינע געהערן שוין צו פיר, פינף יאָר, אָבער די זענען אויך זייער קנאַפּ, און קיינער פון זיי געהערט נישט צו דעם לעבן אויסער די ווענט פונדערהיים. די נאַטור עקזיסטירט פאַר מיר נישט ביז פינף יאָר. אַלץ, וואָס איך געדענק, קומט פאָר אין בעטל, אין צימער. נישט קיין גראָז, נישט קיין בלעטער, נישט קיין הימל, נישט קיין זון עקזיסטירן פאַר מיר נישט. ס'איז אוממעגלעך, אַז מען זאָל מיך נישט געהאַט לאָזן שפּילן זיך מיט בלומען, אַז איך זאָל נישט האָבן געזען קיין גראָז, אַז מען זאָל מיך נישט שיצן פון זון, אָבער ביז א יאָר פינף, זעקס איז נישטאָ קיין זכר דערפון. וואָס מיר רופן נאַטור. מסתמא דאַרף מען פון איר אַוועק, כּדי מען זאָל זי זעען, און איך בין געווען נאַטור.

די צווייטע נאָך דער מולטער־דערינערונג איז וועגן יערעמעיעווען. „יערעמעיעווען" איז געווען א וואָרט, מיט וועלכן מען פלעגט אונז קינדער שרעקן, און מסתמא האָט מען שוין דערמיט לאַנג געשראָקן; אָבער מיין דערינערונג וועגן איר איז אַזאַ: איך בין אין בעטל, און מיר איז פריילעך און גוט, ווי אַלע מאָל, און איך וואָלט עס נישט געדענקט, נאָר פּלוצלינג זאָגט מיר די ניאַניע, צי עמעצער אַנדערש פון דעם, וואָס איז דער תּוכן פון מיין לעבן, עפּעס וואָס מיט א נייער פאַר מיר שטים, און גייט אַוועק, און מיר איז חוץ דעם וואָס פריילעך, נאָר שרעקלעך אויך, און איך דערמאָן מיך, אַז איך בין נישט אייגער אַליין, נאָר עס איז פאַראַן נאָך עמעצער פּונקט אַזאַ ווי איך. (דאָס איז מסתמא מיין יינגערע מיט א יאָר שוועסטער מאַשענקע, וואָס אונזערע בעטלעך שטייען אין איין צימער.) און איך דערמאַן מיך, אַז מיין בעטל האָט א פאָרהאַנגל און צוזאַמען מיט דער שוועסטער פרייען מיר זיך און שרעקן זיך פאַר יענץ אומגעווויינלעכס, וואָס מיט אונז איז געשעען, און איך באַהאַלט מיך אין קישן, און באַהאַלט מיך און קוק אַרויס צו דער טיר, פון וועלכער איך וואַרט אויף עפּעס נייעס און

פריילעכס. און מיר לאַכן, און מיר באַהאַלטן זיך, און מיר וואַרטן. און אַט באַווייזט זיך עמעץ אין אַ קלייד און אין אַ טשעפּיק, אַלץ אַזוי, ווי איך האָב קיינמאָל נישט געזעען, אָבער איך דערקען, אַז דאָס איז טאַקע דיזעלביקע, וואָס איז אַלע מאָל מיט מיר (די ניאַניע, אָדער די מומע, איך ווייס נישט), און דידאָזיקע רעדט מיט אַ גראָב קול, וועלכעס איך קען, עפּעס אַזוינס שרעקלעכס וועגן שלעכטע קינדער און וועגן יערעמיעווען. איך פּישטשע פון מורא און פון פרייד און מיר איז באמת שרעקלעך און צוזאַמען דערמיט פריי איך מיך, וואָס מיר איז שרעקלעך, און איך וויל, אַז דער, וועלכער עס שרעקט מיך, זאָל נישט וויסן, אַז איך האָב אים דערקענט. מיר ווערן שטיל, אָבער נאָכדעם הייבן מיר ווידער אָן צו שעפּטשען זיך, כּדי ווידעראַמאָל אַרויסצורופן יערעמיעווען.

איך האָב נאָך אַן ענלעכע צו יערעמיעווען דערינערונג, מסתּמא אַ שפּעטערע לויט דער צייט, ווייל אַ קלערערע, אָבער אויף שטענדיק אַן אומפאַרשטענדלעך געבליבענע פאַר מיר. אין דערדאָזיקער דערינערונג שפּילט די הויפּטראָלע דער דייטש פעאָדאָר איוואַנאָוויטש, אונזער לערער, נאָר איך ווייס אויף זיכער, אַז איך געפין מיך נאָך נישט אונטער זיין השגחה, בכן קומט עס פאַר איידער מיר איז געווען פינף יאָר. און דאָס איז מיין ערשטער איינדרוק פון פעאָדאָר איוואַנאָוויטשן. און עס קומט פאַר אַזוי פרי, אַז איך געדענק נאָך נישט דעם ברודער, נישט דעם פאָטער, קיינעם ני׳ט. אויב איך האָב עפּעס אַ פאָרשטעלונג וועגן אַ וועלכער נישט איז באַזונדערער פּערזאָן, איז עס נאָר וועגן דער שוועסטער, אי דאָס אויך נאָר דערפאַר, ווייל זי האָט גלייך מיט מיר מורא געהאַט פאַר יערעמיעווען. מיט דערדאָזיקער דערינערונג פאַרייניקט זיך באַ מיר אויך די ערשטע פאָרשטעלונג וועגן דעם, וואָס אין הויז האָבן מיר באַ אונז אַן אייבערשטן גאָרן. וויאַזוי בין איך אַהינצו געקומען, צי בין איך אַליין אַרויף, צי עמעצער האָט מיך אַרויפגעטראָגן, געדענק איך גאָרנישט, איך געדענק נאָר, אַז מיר זענען אַ סך, מיר האַלטן זיך אַלע אין אַ קאַראַהאָד פאַר די הענט, צווישן די, וואָס האַלטן זיך, זענען פאַראַן אויך פרעמדע פרויען (עפּעס געדענק איך, אַז דאָס זענען די וועשערינס) און מיר אַלע הייבן זיך אָן דרייען און שפּרינגען, און פעדאָר איוואַנאָוויטש שפּרינגט, צו הויך הייבנדיק די פיס און צו רוישיק און הויך, און איך פיל אין איינעם און דעם זעלביקן אויגנבליק, אַז דאָס איז נישט גוט, אויסגעלאַסן, און כ׳באַמערק די אויסגעלאַסנקייט, און, דאַכט זיך, איך הייב אָן צו וויינען און אַלץ ענדיקט זיך.

דאָס איז אַלץ, וואָס איך געדענק ביז דער פינפיעריקער עלטער. נישט מיינע ניאַניעס, מומעס, ברידער, שוועסטער, נישט דעם פאָטער, נישט די צימערן, נישט די שפּילצייגן — איך געדענק גאָרנישט. דערי־נערונגען מער באַשטימטע הייבן זיך בא מיר אָן פון דער צייט, ווען מען האָט מיך אַריבערגעפירט אונטן צו פעדאָר איוואַנאָוויטשן און צו די עלטערע יינגלעך.

בשעת מען האָט מיך אַריבערגעפירט אונטן צו פעדאָר איוואַנאָ־וויטשן און צו די יינגלעך האָב איך געשפּירט דאָס ערשטע מאָל און דעריבער שטאַרקער, איידער ווען עס איז נאָכדעם, דאָס געפיל, וואָס מען רופט געפיל פון חוב, וואָס מען רופט געפיל פון קרייץ, וועלכן יעדער מענטש איז באַרופן צו טראָגן. מיר איז געווען א שאָדן צו פאַרלאָזן דאָס געוווינטע (געוווינטע פון דער אייביקייט אָן), ס'איז געווען אומעטיק, פּאָעטיש אומעטיק צו שיידן זיך, נישט אַזוי מיט די מענטשן, מיט דער ניאַניע, מיט דער שוועסטער, מיט דער מומען, ווי מיט דעם בעטל, מיט דעם פאָרהאַנגל, מיט דעם קישן. און שרעקלעך איז געווען יענץ לעבן, אין וועלכן איך בין אריין. איך האָב מיך געמיט צו געפינען דאָס פריילעכע אין יענעם נייעם לעבן, וואָס מיר איז פאָרגעשטאַנען; איך האָב מיך געמיט צו גלייבן אין די גוטע רייד, מיט וועלכע פעדאָר איוואַנאָוויטש האָט מיך פאַרנאַרט צו זיך; האָב מיך געמיט נישט צו זעען די פאַראַכ־טונג, מיט וועלכער די יינגלעך האָבן מיך, דעם קלענערן, אויפגענומען צו זיך; האָב מיך געמיט צו טראַכטן, אז עס איז מיאוס פאַר א גרויס יינגל זיין צוזאַמען מיט די מיידעלעך, און אז קיין גוטס איז נישט געווען אין דעמדאָזיקן לעבן אויבן מיט דער ניאַניע; נאָר אויפן האַרץ איז געווען שרעקלעך אומעטיק, און איך האָב געוווסט, אז איך האָב אויף אייביק פאַרלוירן די אומשולדיקייט און דאָס גליק, און בלויז דאָס געפיל פון דער אייגענער ווירדע, דאָס באַוווסטזיין, אז איך דערפיל מיין חוב, האָט מיך אונטערגעהאַלטן. נאָכדעם איז מיר פיל מאָל אויסגעקומען אין לעבן איבערצולעבן אַזעלכע רגעס אויף די שיידוועגן פון לעבן, אַרויס־גייענדיק אויף נייע וועגן. איך האָב געפילט א שטילן צער צוליב דעם פאַרלוירענעם אויף אייביק, איך האָב אַלץ נישט געגלייבט, אז דאָס וועט זיין. הגם מען האָט מיר געזאָגט וועגן דעם, אז מען וועט מיך אַריבערפירן צו די יינגלעך, נאָר איך געדענק, דאָס פאַרטוך מיט דעם אַקסלהאַלטער, וואָס איז געווען צוגענייט צום רוקן, האָט מיך גלייך ווי אויף אייביק אָפּגעשניטן פון דעם אייבערשטן גאָרן, און דאָ האָב איך דאָס ערשטע

מאָל באַגעגנט נישט אַלע יענע, מיט וועלכע איך האָב געלעבט אויבן, נאָר די הויפּטפּערזאָן, מיט וועלכער איך האָב געלעבט און וועלכע איך האָב פריער נישט פאַרשטאַנען. דאָס איז געווען די מומעשי טאַטיאַנע אַלעק־סאַנדראָוונע. איך געדענק זי — נישט קיין הויכע, אַ פולע, אַ שוואַרצ־האָריקע, אַ גוטע, אַ צאַרטע, אַ רחמנותפולע. זי האָט מיר אָנגעטון דאָס פאַרטוך, אַרומנעמענדיק פאַרגאַרטלט און געקושט, און איך האָב געזען, אַז זי האָט געפילט פונקט דאָסזעלביקע וואָס איך: אַז עס איז אַ שאָדן, שרעקלעך אַ שאָדן, נאָר מען מוז. דאָס ערשטע מאָל האָב איך דערפילט, אַז דאָס לעבן איז נישט קיין שפּילצייג, נאָר אַ שווערער ענין. צי וועל איך אָפּטמאָל דאָסזעלביקע נישט דערפילן, ווען איך וועל שטאַרבן, — איך וועל פאַרשטיין, אַז דער טויט, אָדער דאָס צוקונפטיקע לעבן, איז נישט קיין שפּילצייג, נאָר אַ שווערער ענין.

5 מאַי 1878 י.

זכרונות פון דער קינדהייט

מיין פריינד פ. ב., וועלכער האָט זיך אָנגענומען שרייבן מיין ביאָגראַפיע פאַר דער פראַנצויזישער אויסגאַבע פון דער פולער זאַמלונג פון די ווערק, האָט מיך געבעטן מיטטיילן אים אייניקע ביאָגראַפישע ידיעות.

מיר האָט זיך זייער געוואָלט דערפילן זיין פאַרלאַנג, און איך האָב אין דמיון גענומען צונויפשטעלן מיין ביאָגראַפיע. לכתחילה האָב איך אומבאַמערקט פאַר זיך אַליין, אויפן נאַטירלעכסטן אופן אָנגעהויבן דערמאַנען זיך בלויז דאָס גוטע פון מיין לעבן, בלויז ווי שאָטנס אויף אַ בילד צוגעבנדיק צום דאָזיקן גוטן די טונקעלע, שלעכטע זייטן, די מעשים פון מיין לעבן. אָבער אַריינטראַכטנדיק זיך ערנסטער אין די געשעענישן פון מיין לעבן, האָב איך דערזעען, אַז אַזאַ ביאָגראַפיע וואָלט געווען — אמת נישט קיין דירעקטע ליגנט, נאָר אַ ליגנט מחמת דער נישט ריכטיקער באַלויכטונג אין דעם אַרויסשטעלן דאָס גוטע און פאַרשוויגן אַלדאָס שלעכטע. ווען איך האָב אָבער אַ טראַכט געטון, אַז מען דאַרף אָנשרייבן דעם גאַנצן עכטן אמת, נישט פאַרהוילנדיק קיין שלעכטס פון מיין לעבן, איז אויף מיר אָנגעפאַלן אַ מורא פאַר דעם איינדרוק, וואָס אַזאַ ביאָגראַפיע וואָלט געדאַרפט מאַכן.

אין דער צייט בין איך קראַנק געוואָרן, און בשעת דעם געצוווּנגענעם לײדיק זיצן צוליב דער קראַנקייט, האָט זיך מיין געדאַנק די גאַנצע צייט געקערט צו די זכרונות, און די דאָזיקע זכרונות זענען געווען שרעקלעכע.

איך האָב מיט דער גרעסטער קראַפט געשפירט דאָס, וואָס פושקין זאָגט אין זיין ליד „זכרונות".

„בשעת פאַר דעם שטערבלעכן ווערט אַנטשוויגן דער רוישיקער

טאָג, און אויף די שטומע הייכן פון דער שטאָט לייגט זיך דער האַלבּדורכזיכטיקער שאָטן פון דער נאַכט און דער שלאָף — דער פּרייז פאַר דער מי פונם טאָג, — דעמאָלט קריכן פאַר מיר אין דער שטילקייט די שעהן פון מאַטערנדיקן וואַכן: אין דער טאַטלאָזיקייט פון דער נאַכט ברענען אין מיר לעבעדיקער די הריזשעניש פון דעם שלאַנג פון הארץ; די טרוימערייען זידן, אין דעם גייסט, דעם דערדריקטן פון בענקשאַפט, קלייבט זיך צוזאַמען די שפע פון שווערע רעיונות; די דערינערונג וויקלט שטילשווייגנדיק פאַר מיר פונאַנדער אַ מגילה: און, לייענענדיק מיין לעבן מיט עקל, צאַפּל איך מיך און שעלט און באַקלאָג מיך ביטער, און ביטער גיס איך טרערן, נאָר די טרויעריקע שורות וואַש איך נישט אָפּ".

אין דער לעצטער שורה וואָלט איך נאָר אַזוי געענדערט, — אַנשטאָט „טרויעריקע שורות" וואָלט איך געשטעלט: „די שענדלעכע שורות וואַש איך נישט אָפּ".

אונטער דעמדאָזיקן איינדרוק האָב איך אָנגעשריבן בײַ זיך אין טאָגבוך פאָלגנדיקס:

6 יאַנואַר 1903 י.

איך שפּיר איצט עינויים פון גהינום: איך דערמאָן מיך די גאַנצע שענדלעכקייט פון מיין פריערדיק לעבן, און דידאָזיקע זכרונות לאָזן מיך נישט אָפּ און פאַרסמען מיר דאָס לעבן. געוויינלעך באַדויערט מען, וואָס די פּערזענלעכקייט פאַרהיט נישט קיין זכרונות נאָכן טויט. סאַר אַ גליק, וואָס דאָס איז נישטאָ! סאַר אַ פּיין דאָס וואָלט געווען, ווען איך וואָלט אין דעמדאָזיקן לעבן געדענקט אַלע פּיינלעכע פאַרן געוויסן שלעכטע זאַכן, וואָס איך האָב אָפּגעטון אין דעם פריערדיקן לעבן! און אויב געדענקען דאָס גוטע, דאַרף מען דאָך געדענקען דאָס שלעכטע אויך. סאַר אַ גליק, וואָס די דערינערונג פאַרשווינדט מיטן אָנקומען פונם טויט, און עס פאַרבלייבט מער נישט ווי דאָס באַוווסטזיין, — דאָס באַוווסטזיין, וועלכעס שטעלט פאַר אַ מין אַלגעמיינעם אויספיר פונם גוטן און שלעכטן, ווי אַ מין קאָמפּליצירטע גלייכונג, וועלכע איז געבראַכט צום סאַמע איינפאַכן אויסדרוק זיינעם: X = צו אַ פּאָזיטיווער, אָדער אַ נעגאַטיווער, צו אַ גרויסער, אָדער אַ קליינער גרייס! יאָ, ס'איז אַ גרויס גליק — די פאַרניכטונג פון דער דערינערונג; מיט איר וואָלט מען פריידיק נישט געקאָנט לעבן. איצט אָבער, ווען די דערינערונג ווערט פאַר-

ניכטעט, טרעטן מיר אריין אין לעבן מיט א ריינעם, ווייסן בויגן, אויף וועלכן מען קאָן פונסניי שרייבן גוטס און שלעכטס.

אמת, אז נישט נאָר מיין לעבן איז געווען אזוי שרעקלעך שלעכט, — אזא איז געווען נאָר א צוואַנציק־יעריקער פעריאָד זיינער; ס'איז אויך דאָס אמת, אז אפילו אין דעם פעריאָד איז מיין לעבן נישט דורכויס באַשטאַנען פון שלעכטס, ווי עס האָט זיך מיר פאַרגעשטעלט אין דער צייט פון מיין קראַנקייט, און אז אויך אין דעם פעריאָד האָבן אין מיר דער־וואַכט שטרעבונגען צו גוטס, הגם אזוינע, וועלכע האָבן נישט לאַנג גע־דויערט, און וואָס די אומבאַצוימטע ליידנשאַפטן פלעגן זיי גיך דער־דריקן. נאָר פונדעסטוועגן האָט דידאָזיקע אַרבעט פון מיין געדאַנק, דער־הויפּט אין דער צייט פון מיין קראַנקייט, קלאָר מיר באַוויזן, אז מיין ביאָגראַפיע, ווי מען שרייבט געוויינלעך ביאָגראַפיעס, פאַרשווייגנדיק מיינע חרפּות און די פאַרברעכערישקייט פון מיין לעבן, וואָלט געווען א ליגנט, און אז אויב שוין שרייבן א ביאָגראַפיע, דאַרף מען שרייבן דעם גאַנצן ריינעם אמת. נאָר אזא ביאָגראַפיע, ווי מיאוס עס זאָל מיר נישט זיין זי צו שרייבן, קאָן האָבן אַן אמתן און א פרוכטבאַרן אינטע־רעס פאַר די לייענער. דערמאָנענדיק זיך אזוי מיין לעבן, ד. ה. באַ־טראַכטנדיק עס פון דעם שטאַנדפּונקט פון דעם גוטס און שלעכטס, וואָס איך האָב געטון, האָב איך דערזעען, אז דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן מיינס צעפאַלט אויף פיר פעריאָדן: יענער וווּנדערלעכער, דערהויפּט אין פאַר־גלייך מיט די שפּעטערדיקע, אומשולדיקער, פריידיקער, פּאָעטישער פּער־יאָד פון דער קינדהייט ביז 14 יאָר, נאָכדעם דער צווייטער — די שרעקלעכע 20 יאָר, אָדער דער פעריאָד פון ברוטאַלער צעלאָזנקייט, פון דינען דעם ערגייץ, צו פּוסטער גאווה, און דער עיקר צו נידעריקער תאווה, נאָכדעם דער דריטער 18־יעריקער פעריאָד פון דער חתונה ביז מיין גייסטיקן געבורט, וועלכן מען וואָלט פונם וועלטלעכן שטאַנדפּונקט געקאָנט אָנרופן מאָראַלישער, — ד. ה., אז פאַר די 18 יאָר האָב איך געלעבט מיט א רעגלמעסיק ערלעך משפּחה־לעבן, נישט איבערגעבנדיק זיך צו קיין זינדיקע מעשים, וועלכע ווערן פאַראורטיילט דורך דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג, — נאָר אַלע אינטערעסן פון דעמדאָזיקן לעבן זענען געווען באַגרענעצט מיט עגאָיסטישע דאגות וועגן דער משפּחה, וועגן פאַרגרעסערן דאָס פאַרמעגן, וועגן דערווערבן ליטעראַרישן

דערפאָלג און אַלערליי פאַרגעניגנס. און לסוף דער פערטער, 20־יעריקער פעריאָד, אין וועלכן איך לעב איצט און אין וועלכן איך האָף צו שטאַרבן און וואָס פון זיין שטאַנדפונקט זע איך די גאַנצע באַדייטונג פון דעם פאַרגאַנגענעם לעבן, און וואָס איך וואָלט עס אין קיין הינזיכט נישט וועלן ענדערן, אויסער אין יענע געוווינהייטן פון שלעכטס, וועלכע איך האָב איבערגענומען אין די פריעדיקע פעריאָדן.

אַזאַ לעבנסגעשיכטע וועגן די אַלע פיר פעריאָדן, אינגאַנצן אַן אמתע, וואָלט איך וועלן אָנשרייבן, אויב גאָט וועט מיר שענקען כוח און לעבן. איך מיין, אַז אַזאַ דורך מיר אָנגעשריבענע ביאָגראַפיע, אפילו מיט גרויסע פעלערן, וועט זיין נוצלעכער פאַר מענטשן, איידער יענע קינסט־לערישע פלוידעריי, מיט וועלכער עס זענען אָנגעפילט די 12 בענדער פון מיינע ווערק, און וואָס די מענטשן פון אונזער צייט שרייבן זיי צו אַ באַדייטונג, וועלכע זיי פאַרדינען נישט. איצט וויל איך עס טאַקע טון. איך וועל פריער דערציילן וועגן דעם פריידיקן פעריאָד פון דער קינדהייט, וועלכער לאָקט מיך באַזונדער שטאַרק; נאָכדעם, ווי מיאוס עס זאָל מיר נישט זיין, וועל איך דערציילן גאָרנישט פאַרהוילנדיק אויך וועגן די שרעקלעכע 20 יאָר פון דעם פעריאָד, וואָס נאָכדעם. שפּעטער אויך וועגן דעם דריטן פעריאָד, וועלכער קאָן ווייניקער פאַר אַלע זיין אינטערע־סאַנט. און לסוף וועגן דעם לעצטן פעריאָד פון מיין דערוואַכונג צום אמת, וועלכע האָט מיר געגעבן דאָס העכסטע גוטס אין לעבן און די פריידיקע רויקייט פאַר דעם טויט, וואָס דערנעענטערט זיך.

כדי נישט איבערצוחזרן זיך אין דער באַשרייבונג פון דער קינדהייט, האָב איך איבערגעלייענט מיין געשריפטס מיט דעמדאָזיקן טיטל און האָב באַדויערט, וואָס איך האָב עס אָנגעשריבן: אַזוי נישט גוט, ליטעראַריש, נישט אויפריכטיק איז עס אָנגעשריבן. אַנדערש האָט עס טאַקע נישט געקאָנט זיין, ערשטנס, דערפאַר וואָס מיין פאַרטראַכטער פּלאַן איז געווען צו באַשרייבן נישט מיין געשיכטע, נאָר די געשיכטע פון מיינע פריינט פון דער קינדהייט, און דעריבער איז עס אַרויסגעקומען דאָס נישט גלאַטע פאַרפלאָנטערניש פון געשעענישן פון זייער און פון מיין קינדהייט. און צווייטנס, דערפאַר, וואָס בשעת דעמדאָזיקן שרייבן בין איך געווען וייט נישט זעלבשטענדיק אין די אויסדרוק־פאָרמעס, און האָב מיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון צוויי שריפטשטעלער, וועלכע האָבן אויף מיר דעמאָלט שטאַרק געווירקט: פון Stern (זיין Sentimental journey) און פון Töpfer (Bibliothèque de mon oncle).

דער עיקר אָבער זענען מיר איצט נישט געפעלן געוואָרן די לעצטע צוויי טיילן: יינגלשאַפט און בחורשאַפט, וואָס אויסער דער צונויפמישונג פון אמת מיט אויסגעטראַכטס איז אין זיי פאַראַן אויך נישט אויפריכטיקייט, דער פאַרלאַנג אַרויסצושטעלן אַלס גוטס דאָס, וואָס איך האָב דעמאָלט נישט געהאַלטן פאַר גוטס און וויכטיקס — מיין דעמאָקראַטישע ריכטונג. איך האָף, אַז דאָס, וואָס איך וועל איצט אָנשרייבן וועט זיין בעסער, און דער עיקר נוצלעכער פאַר לייטן.

I.

איך בין געבוירן געוואָרן און האָב מיין ערשטע קינדהייט פאַרבראַכט אין דעם דאָרף יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ. מיין מוטער געדענק איך גאָרנישט. מיר איז געווען אַנדערהאַלבן יאָר, ווען זי איז געשטאָרבן. צוליב אַ משונהדיקער צופעליקייט איז קיין פּאָרטרעט פון איר נישט געבליבן. אַזוי אַז אַלס אַ רעאַל פיזיש וועזן, קאָן איך זי מיר נישט פאָרשטעלן. איך בין טיילוויז דערמיט צופרידן, מחמת אין מיין פאָרשטעלונג וועגן איר איז פאַראַן בלויז איר גייסטיק געשטאַלט, און אַלץ, וואָס איך ווייס וועגן איר, איז פּראַכטפול. און איך מיין — נישט דערפאַר נאָר, וואָס אַלע, ווער עס האָט מיט מיר גערעדט וועגן מיין מוטער, האָבן זיך באַמיט צו רעדן וועגן איר בלויז גוטס, נאָר דערפאַר וואָס זי האָט אין זיך ווירקלעך געהאַט זייער פיל פון דעמדאָזיקן גוטס. איבעריקנס, נישט נאָר מיין מוטער, נאָר אַלע מענטשן, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט מיין קינדהייט, פון דעם פאָטער ביז די קוטשערס — שטעלן זיך מיר פאָר אַלס אויסשליסלעך גוטע מענטשן. אַפּנים, אַז מיין ריין ליבשאַפט-געפיל האָט, ווי אַ העלער שטראַל, פאַר מיר אַפּגעעפנט אין די מענטשן (זיי זענען באַ זיי אַלעמאָל פאַראַן) די בעסטע אייגנשאַפטן זייערע, און דאָס וואָס די אַלע מענטשן האָבן מיר אויסגעוויזן פאַר אויסשליסלעך גוטע, איז געווען פיל מער אמת, איידער דאָס ווען איך האָב געזעען בלויז זייערע חסרונות. מיין מוטער איז געווען נישט קיין שיינע, זייער גוט געבילדעט פאַר איר צייט. אויסער דער רוסישער שפּראַך, — אויף וועלכער, זי האָט אין קעגנזאַץ צו דער דעמאָלט אָנגענומענער רוסישער עם-הארצות, געשריבן רעגלמעסיק, — האָט זי גע

קענט פיר שפּראַכן: פראַנצויזיש, דייטש, ענגליש און איטאַליעניש, — און האָט אַפּנים געהאַט אַ געפיל פאַר קונסט. זי האָט גוט געשפּילט פּאַרטעפּיאַן, און אירע חברטעס האָבן מיר דערציילט, אַז זי איז געווען אַ גרויסע קענערין צו דערציילן שפּאַנענדיקע מעשהלעך, אויסטראַכטנדיק זיי בשעתן דערציילן גופא. נאָר די טייערסטע אייגנשאַפט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס, הגם זי איז, לויט די דערציילונגען פון דער דינערשאַפט, געווען אַ כעסנטע, אָבער זי האָט זיך געקאָנט איינהאַלטן. „פלעגט ווערן איינגאַנצן רויט, אפילו אָנהייבן וויינען, — האָט מיר דערציילט איר קאַמער־מיידל, — האָט אָבער קיינמאָל נישט געזאָגט קיין גראָב וואָרט". זי האָט זיי אפילו נישט געוווסט.

באַ מיר זענען פאַרבליבן עטלעכע בריוו אירע צו מיין פאָטער און צו אַנדערע מומעס, און דאָס טאָגבוך פון ניקאָלינקעס אויפפירונג (דעם עלטערן ברודערס), ער איז אַלט געווען זעקס יאָר, בעת זי איז געשטאָרבן, און איך מיין, אַז ער איז געווען מער פאַר אַנדערע ענלעך צו איר. זיי ביידע האָבן געהאַט זייער אַ ליבע פאַר מיר אייגנשאַפט פונם כאַראַקטער, וועלכע איך בין משער, אַז די מאַמע האָט זי געהאַט, לויט אירע בריוו, נאָר וועלכע איך האָב געקענט באַם ברודער, — גלייכגילטיקייט צו די אורטיילונגען פון לייטן און באַשיידנקייט, וועלכע איז דערגאַנגען אַזוי וויט, אַז זיי האָבן זיך געמיט צו פאַרהוילן די מעלות פון גייסט, די בילדונג און די מאָראַל, מיט וועלכע זיי האָבן אַריבערגעשטייגט אַנדערע מענטשן, גלייך ווי זיי האָבן זיך געשעמט דערמיט, וואָס זיי זענען העכער פאַר אַנדערע.

אינם ברודער, וועגן וועלכן טורגעניעוו האָט זייער ריכטיק געזאָגט, אַז „באַ אים האָבן געפעלט יענע חסרונות, וועלכע זענען נייטיק, כדי צו ווערן אַ גרויסער שריפטשטעלער", האָב איך עס גוט געקענט.

איך געדענק איינמאָל, ווי אַזוי אַ זייער נאַרישער און נישט קיין גוטער מענטש, אַן אַדיוטאַנט פון אַ גובערנאַטאָר, וועלכער איז געגאַנגען אויף יאַגד מיט אים צוזאַמען, האָט אין מיין קעגנוואַרט פון אים אָפּגעלאַכט, און ווי דער ברודער האָט, קוקנדיק אויף מיר, גוטמוטיק געשמייכלט, געפינענדיק אין דעם באַשיינפערלעך גרויס פאַרגעניגן.

דעמזעלביקן שטריך האָב איך באַמערקט אין דער מוטערס בריוו. זי איז אַפּנים גייסטיק געווען העכער פאַר דעם טאַטן און פאַר זיין משפחה, אַ חוץ אפשר טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָווגע יערגאָלסקי, מיט וועל-

כער איך האָב פאַרבראַכט אַ העלפט פון מיין לעבן, און וועלכע איז געווען אַ מערקווירדיקע פרוי לויט אירע מאָראַלישע אייגנשאַפטן.

חוץ דעם האָבן זיי ביידע געהאַט נאָך אַ שטריך, וועלכער באַדענקט, מיין איך, אויך זייער גלייכגילטיקייט צו דעם, וואָס לייטן זאָגן, דאָס איז דאָס, וואָס זיי האָבן קיינמאָל, קיינעם נישט — וועגן דעם ברודער, מיט וועלכן איך האָב פאַרבראַכט אַ העלפט פונם לעבן, ווייס איך עס אויף זיכער — קיינמאָל קיינעם נישט באַרעדט. דער שאַרפסטער אויסדרוק פון נעגאַטיווער באַציונג צו אַ מענטש האָט זיך בײַ דעם ברודער אויס-געדריקט אין דינעם גוטמוטיקן הומאָר און פונקט אין אַזאַ שמייכל. דאָס זעלביקע זע איך לויט די בריוו פון מיין מוטער און האָב געהערט פון די, וועלכע האָבן זי געקענט.

אין די באַשרייבונגען וועגן לעבנס פון הייליקע פון דמיטרי דעם ראָסטאָווער איז פאַראַן איינע, וועלכע האָט מיך שטענדיק אָנגענומען באַם האַרץ — דאָס איז דאָס לעבן פון איינעם אַ מאָנאַך, וועלכער האָט געהאַט, אָפן פאַר דער גאַנצער געמיינדע פון די ברידער, פיל חסרונות און, נישט געקוקט דערויף, האָט ער זיך צו דעם זקן באַוויזן אין חלום צווישן די הייליקע אין דעם בעסטן אָרט פון גן-עדן. דער פאַרוווּנדער-טער זקן האָט געפרעגט, מיט וואָס האָט דערדאָזיקער אין פיל זאַכן נישט איינגעהאַלטענער מאָנאַך פאַרדינט אַזאַ שכר? מען האָט אים געענטפערט: „ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט באַרעדט".

ווען עס וואָלט געווען אַזאַ שכר, מיין איך, אַז מיין ברודער און מיין מוטער וואָלטן אים באַקומען.

נאָך אַ דריטער שטריך, וועלכער טיילט אויס מיין מוטער פון איר סביבה — דאָס איז געווען די אמתדיקייט און די פשטות פון איר טאָן אין בריוו. אין יענער צייט זענען באַזונדער געווען אָנגענומען אין בריוו אויסדרוקן פון מגוזמדיקע געפילן: „אומפאַרגלייכלעכע, פאַרגעטערטע, פרייד פון מיין לעבן, אומאָפּצושאַצנדיקע" א. אַז. וו. — זענען געווען די סאַמע פאַרשפּרייטסטע עפּיטעטן צווישן נאָענטע, און וואָס מליצהדיקער, אַלץ מער זענען זיי געווען נישט-אויפריכטיק.

דער שטריך זעט זיך, הגם נישט אין אַ גרויסער מאָס, אין דעם פאָטערס בריוו. ער שרייבט ma bien donce amie, je ne pense qu'au bonheur d'être auprès de

toi*) און אַזוי ווייטער. ווער ווייסט, צי עס איז געווען אינגאַנצן אויפריכטיק.

זי אָבער שרייבט אין דער ווענדונג אַלע מאָל דאָס זעלביקע mon bon ami, און אין איין בריוו זאָגט זי גלייך: „le temps me parait long sans toi quoiqu'à dire vrai, nous ne jouissone pas beaucoup de ta société quaud tu es ici"**), און אַלע מאָל שרייבט זי זיך אונטער גלייך: „ta devonée Marie"***).

די קינדהייט אירע האָט די מוטער פאַרבראַכט טיילווייז אין מאָסקווע, טיילווייז אין דאָרף מיט אַ קלוגן, שטאָלצן און באַגאַבטן מענטש, מיט מיין זיידן וואָלקאָנסקי.

II.

וועגן דעם זיידן ווייס איך, אַז בעת ער האָט דערגרייכט צו דעם הויכן ראַנג פון גענעראַל-אַנשעף פאַר קאַטערינען, האָט ער פּלוצלינג פאַרלוירן די גדולה, מחמת ער האָט זיך אָפּגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט פּאָטיאָמ-קינס פּלימעניצע און געליבטער וואַרענקע ענגעלגאַרדט. אויף פּאָטיאָמ-קינס פאָרשלאָג האָט ער געענטפערט: „פּוגוואַנען האָט ער זיך גענומען, אַז איך וועל חתונה האָבן מיט זיין ק..."

פאַר דעם ענטפער האָט ער לא די וואָס אָפּגעשטעלט זיך אין זיין דינסט-קאַריערע, נאָר ער איז אפילו באַשטימט געוואָרן פאַר וואָיעוואָדע קיין אַרכאַנגעלסק, ווי ער איז פאַרבליבן, דאַכט זיך, ביז פּאַוועל איז געוואָרן צאַר. ווען ער איז אַרויס אין דימיסיע; חתונה געהאַט מיט דער פירשטין קאַטערינע דמיטריעוונע טרובעצקאַי, האָט ער זיך באַזעצט

*) מיין גוטער זיסער פריינט, איך טראַכט נאָר וועגן דעם גליק צו זיין מיט דיר צוזאַמען.

**) די צייט איז מיר אויסגעקומען לאַנג אָן דיר, כאָטש, דעם אמת זאָגנדיק, האָבן מיר זיך נישט פיל געווילט אין דיין געזעלשאַפט, ווען דו ביסט געווע, דאָ.

***) דיין געטרייע מאַריע.

אין דעם גוט יאסנאיא פאליאנא, וואס ער האט באקומען פון זיין פאטער סערגעי פעדאראוויטש.

די פירשטין קאטערינע דמיטריעוונע איז פרי געשטארבן און איבערגעלאזט מיין זיידן די איינציקע טאכטער מאריע. מיט דער שטארק געליבטער טאכטער און מיט איר געזעלשאפטערין א פראנצויזין האט מיין זיידע פארברענגט ביז זיין טויט אין 1816 י. מיין זיידן האט מען געהאלטן פאר זייער א שטרענגן ווירט, נאר איך האב קיינמאל נישט געהערט קיין דערציילונגען וועגן זיינע אכזריותן און באשטראפונגען, וועלכע זענען געווען אזא געוויינלעכע זאך אין יענער צייט. איך מיין, אז זיי זענען געווען, נאר דער יראת־הכבוד פאר זיין חשיבות און חכמה איז געווען אזוי גרויס, בא די הויפישע און בא די פויערים פון זיין צייט, וועלכע איך פלעג אפט וועגן אים אויספרעגן, אז, כאטש איך האב געהערט שלעכטס וועגן מיין פאטער, האב איך וועגן מיין זיידן געהערט בלויז לויב צו זיין שכל, ווירטשאפטלעכקייט און זארג פאר די פויערים און דערהויפט פאר דער גרויסער הויפדינערשאפט. ער האט אויסגעבויט גרויסארטיקע דירות פאר די הויפמשרתים און האט געזארגט נישט נאר, זיי זאלן שטענדיק זיין זאט, נאר אויך גוט אנגעטון, און עס זאל זיי זיין פריילעך. אויף חגאות פלעגט ער פאר זיי איינארדנען פארוויילונגען, הוידעס, טענץ. נאך מער האט ער געזארגט, ווי יעדער קלוגער גוטבאזיצער פון זיין צייט, פאר דעם וווילשטאנד פון די פויערים און זיי איז געווען גוט, ובפרט אז דעם זיידנס געהויבענע לאגע האט געמאכט, אז די פריסטאווס, איספראווניקעס און די באאמטע פון דער השגחה אויף די פויערים זאלן האבן אפשיי און נישט דריקן דעם זיידנס פויערים.

ער האט אפנים געהאט זייער א דינעם עסטעטישן חוש, אלע זיינע בנינים זענען געווען נישט נאר פעסטע און באקוועמע, נאר אויסערגעוויינלעך פיינע. אזא איז אויך געווען דער פארק, וואס ער האט פארפלאנצט פארן הויז.

ער האט אפנים אויך ליב געהאט מוזיק, מחמת נאר פאר זיך און פאר דער טאכטער האט ער געהאלטן אן אייגענעם נישט קיין גרויסן ארקעסטער. איך האב נאך דערווישט א קאלאסאלן בוים, וואס ערשט דריי מענטשן האבן געקאנט ארומנעמען, און איז געוואקסן אין ווינקל פון דער ליפאווער אלעע, מיט בענקלעך ארום און מיט שטענדערס פאר די מוזיקאנטן. אינדערפרי פלעגט ער ארומשפאצירן איבער דער אלעע און

הערן מוזיק. יאַגד האָט ער נישט געקאָנט ליידן, אָבער ער האָט ליב געהאַט בלומען און געוויקסן פון אָראַנזשעריעס.

דער משונהדיקער גורל און אויך א ביז גאָר משונהדיקן אופן האָט אים צוזאַמענגעפירט מיט דער זעלביקער וואָרענקע ענגעלגאַרדט, וואָס פאַר זיין אָפּזאָגן זיך פון איר האָט ער געליטן, בשעת ער האָט געדינט. דידאָזיקע וואָרענקע האָט חתונה געהאַט מיט דעם פירשט סערגיי פעדעראָוויטש גאָליצין, וועלכער האָט דערפאַר באַקומען אַלערליי טיטלען, אָרדנס און מתנות. מיט דעמדאָזיקן סערגיי פעדעראָוויטש און מיט זיין משפחה, בכן אויך מיט וואַרוואַרע וואַסיליעווגען, האָט זיך מיין זיידע אַזוי באַפריינדעט, אַז מיין מוטער איז פון קינדווייז געווען פאַרקנסט מיט איינעם פון גאָליצינס צען זין, און ביידע אַלטע פירשטין האָבן זיך געביטן מיט די בילדער-גאַלעריעס (וואָס עס האָבן געמאָלט, פאַרשטייט זיך, מאָלערס לייבקנעכט). די אַלע פאָרטרעטן פון די גאָליצינס זענען נאָך איצט אויך פאַראַן בא אונז אין הויז צוזאַמען מיט דעם פירשט סערגיי פעדעראָוויטש אין דער אַנדרעי-סטענגע און מיט דער געלער דיקער וואַרוואַרע וואַסיליעווגע, א מענלעכע דאַמע. נאָר דערדאָזיקער דערנענטערונג איז נישט באַשערט געווען צו פאַרווירקלעכן זיך: מיין מוטערס חתן, ליעוו גאָליצין, איז געשטאָרבן פון אַן אַנטצינדונג פאַר דער חתונה, און זיין נאָמען האָט מען מיר, דעם 4-טן זון, געגעבן צום אָנדענקען פון דעמדאָזיקן ליעוו. מען האָט מיר דערציילט, אַז די מאַמע האָט מיך זייער ליב געהאַט און האָט מיך גערופן „mon petit Benjamin“.

איך מיין, אַז די ליבע צו דעם געשטאָרבענעם חתן איז טאַקע דערפאַר, וואָס זי האָט זיך געענדיקט מיטן טויט, געווען א פּאָעטישע ליבע, וועלכע מיידלעך לעבן איבער בלויז איינמאָל אין לעבן. אין דעם שידוך אירן מיט מיין פאָטער האָבן זיך אריינגעלייגט אירע און מיין פאָטערס קרובים. זי איז געווען א רייכע, שוין נישט גאָר קיין יונגע, א יתומה, און דער פאָטער איז געווען א פריילעכער, א גלענצנדער יונגער-מאַן מיט א נאָמען, מיט באַקאַנטשאַפט, נאָר מיט זייער א רוינירטן (אין אַזא מאָס רוינירטן, אַז דער פאָטער האָט זיך אפילו אָפּגעזאָגט פון ירושה) דורך מיין זיידן טאָלסטאָיס פאַרמעגן. איך מיין, אַז די מוטער האָט ליב געהאַט מיין פאָטער, אָבער דערהויפּט ווי א מאַן, און דער עיקר ווי דעם פאָטער פון אירע קינדער, נאָר זי איז נישט געווען פאַר-ליבט אין אים. עכטע ליבשאַפטן, ווי איך פאַרשטיי, האָט זי געהאַט דריי, אָדער פיר: די ליבשאַפט צום געשטאָרבענעם חתן, נאָכדעם די ליידנ-

שאפטלעכע פריינדשאפט צו דער פראנצויזין m·elle Hènissienne, וועגן וועלכער איך האב געהערט פון די מומעס, און וועלכע האט זיך געענ־דיקט, ווי ס'ווייזט אויס, מיט אנטוישונג.

M·elle Hènissienne האט התונה געהאט מיט דער מוטערס שוועסטערקינד, מיט דעם פירשט מיכאיל וואלקאנסקי, דעם זיידן פון דעם היינטיקן שריפטשטעלער וואלקאנסקי. אט וואס מיין מוטער שרייבט וועגן איר פריינדשאפט מיט דערדאזיקער m-elle Hènissienne. זי שרייבט וועגן איר פריינדשאפט צוליב צוויי מיידלעך, וועלכע האבן געוווינט בא איר אין שטוב.

„Je m'arrange très bien avec toutes les deux, je fais de la musique, je ris et je folâtre avec l'une et je parle sentiment, je médis du monde, frivole avec l'autre, je suis aimée à la folie par toutes les deux, je suis la confidente de chaqune, je les concilie, quaud elles sont broullées, ear il n'y eut jamais d'amitié plus querelleuse et plus drôle à voir que la leur : ce sont des bouderies, des pleurs, des reconcilitatious, des injures et puis des transports d'ámitié exaltée et romanesque. Enfin j'y vois comme dans un miroir lamitié qui a animé et troublé ma vie pendant puelques annèes. Je les regarde avec un sentiment indèfinissable, quelquefois j'envie leur illusions, que je n'ai plus, mais donc je connais la douceur ; disons le franchement, le bonheur solide et rèel de l'âge mûr vaut il les charmantes illusions de la jeunesse, oú tout est embelli par la toute puissance de l'imagination ? Et quelquefois je souris de leur enfan-tillage"*).

*) „איך קום דורך זייער גוט מיט ביידן, כ'שפיל, לאך און שטיף מיט איינער, און רעד סענטימענטאל, בארעד לייטן, און מאך מיך נאריש מיט דער צווייטער; ביידע האבן מיך משוגענערהייט ליב, איך בין די פארטרויטע פון יעדער באזונדער. איך מאך צווישן זיי שלום, ווען זיי קריגן זיך, ווייל עס איז מיר נאך נישט אויסגעקומען צו זעען א פ ײנטשאפט א מער פוסטע, א לעכערלעכערע, ווי זייערע: אט זענען ברוגז און געוויינען, אט ווידער גוטפריינטשאפט=באליידיקונגע — און באלד אויס-רוכן פון

דאָס דריטע שטאַרקע, שיער נישט דאָס לײדנשאַפטלעכסטע געפיל, איז געװען איר ליבע צו מײן עלטערן ברודער קאָקאָ, װאָס װעגן זײן אויפפירונג האָט זי געפירט אַ טאָגבוך אויף רוסיש, און האָט אין אים פאַרשריבן אַלע זײנע שלעכטע מעשים און האָט עס פאַר אים פאָרגע־לײענט. פון דעמדאָזיקן טאָגבוך זעט מען דעם לײדנשאַפטלעכן פאַרלאַנג צו טון אַלץ װאָס עס איז מעגלעך, כדי װאָס בעסער צו דערציִען קאָקאָן, און צוזאַמען דערמיט זײער נישט קײן קלאָרע פאָרשטעלונג װעגן דעם, װאָס דאַרף מען דערציִ טון. אַזוי למשל װאַרפט זי אים אויף, װאָס ער איז צו סענטימענטאַל און װײנט, װען ער זעט, װי חיות לײדן. אַ מאַנס־ביל דאַרף, לויט אירע באַגריפן, זײן אַ פעסטער. דער צװײטער חסרון, װעלכן זי װיל אין אים פאַרריכטן, איז דאָס, װאָס ער „פאַרטראַכט זיך”, און אַנשטאָט ”bonsoir„ אָדער ”bonjour„ זאָגט ער דער באָבעשי: „je vous remercie„.

דאָס פערטע שטאַרקע געפיל, װאָס איז אפשר געװען, לויט די מומעשיס האָבן מיר דערצײלט, און װאָס איך װאָלט אַזוי װעלן, אַז עס זאָל זײן, — דאָס איז די ליבע צו מיר, װעלכע האָט פאַרביטן די ליבע צו קאָקאָ, װאָס האָט זיך בשעת מײן געבורט שוין אָפגעקלעפט פון דער מוטער און איז אַריבער אין מאַנסבילשע הענט.

זי האָט געמוזט ליב האָבן נישט זיך, און אײן ליבע איז געקומען נאָך דער אַנדערער. אַזאַ איז געװען דאָס גײסטיקע געשטאַלט פון מײן מוטער אין מײן פאָרשטעלונג.

זי האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט אַלס אַזאַ הויך רײן גײסטיק װעזן, אַז אין דעם מיטעלן פעריאָד פון מײן לעבן, בעתן קאַמף מיט די נסיונות, װעלכע האָבן מיך פאַרכאַפט, פלעג איך אָפט מתפלל זײן צו איר נשמה,

---

דזײסער און ראָמאַנטישער חברשאַפט. חוץ דעם זע איך אין זײ, װי אין אַ שפּיגל די פרײנטשאַפט, װאָס האָט אין משך פון יאָרן באַגײסטערט און צערודערט מײן לעבן. איך קוק אויף זײ מיט אומענדלעכן געפיל, אָפטמאָל בין איך מקנא זײערע פאַנטאַזיעס, װעלכע זענען שוין בײ מיר נישטאָ, נאָר זײער זיסקײט פיל איך נאָך. מ׳דאַרף זאָגן אָפנהאַר־ציק: װאָס פאַר אַ װערט האָט דאָס סאָלידע און רעאַלע גליק פון צײטיקן עלטער לגבי די טרוימען פון דער יוגנט, װען אַלץ איז באַשײנט מיט דער נאַגצער קראַפט פון פאַנ־טאַזיע? און אָפטמאָל לאַך איך פון זײער קינדישקײט”.

בעטנדיק, זי זאָל מיר העלפן, און די תּפילה האָט אַלע מאָל פיל געהאָלפן.

מיין מוטערס לעבן און דעם פאָטערס משפחה איז, לויט איך קאָן מאַכן דעם אויספיר אויפן סמך פון אירע בריוו און דערציילונגען, געווען גליקלעך און גוט.

דעם פאָטערס משפחה איז באַשטאַנען פון דער באָבעשי, אַ זקנה — זיין מוטער, פון איר טאָכטער — מיין מומעשי, דער גרעפין אַלעקסאַנדרע איליניִשנע אַסטען-סאַקען און פון איר האָדעוואַנקע פּאַשינקע; פון דער צווייטער מאַמעשי, ווי מיר פלעגן זי רופן, הגם זי איז אונז געווען זייער אַ ווייטע קרובה, טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָוונע יערגאָלסקי, וועלכע איז דערצויגן געוואָרן באַם זיידן אין הויז און האָט דאָס גאַנצע לעבן אָפּ-געלעבט אין אונזער הויז; פון מיין פאָטער, פון דעם לערער פעדאָר איוואַנאָוויטש רעסעל, וועלכן איך האָב גאַנץ ריכטיק באַשריבן אין „קינדהייט״.

מיר קינדער זענען געווען פינף: ניקאָלאַי, סערגיי, דמיטרי, איך, דער קלענערער ברודער און די קלענערע שוועסטער מאַשינקע, וואָס פון דער קינפּעט מיט איר איז עס מיין מוטער געשטאָרבן. דאָס זייער קורצע לעבן פון מיין מוטער נאָך דער חתונה — דאַכט זיך נישט מער ווי ניין יאָר — איז געווען גליקלעך און גוט. ס׳דאַזיקע לעבן איז געווען זייער פול און באַשיינט מיט דער ליבע פון אַלעמען צו איר און פון איר צו אַלעמען, וועך עס האָט געלעבט מיט איר צוזאַמען. — פון אירע בריוו זע איך אַרויס, אַז זי האָט דעמאָלט געלעבט זייער איינזאַם. אויסער די נאָענטע שכנים, די אָגאַריאָווס און די קרובים, וועלכע זענען צופעליק פאַרבייגעפאָרן איבערן גרויסן שליאַך און זענען פאַרפאָרן צו אונז, פלעגט כמעט קיינער נישט באַזוכן יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

דאָס גאַנצע לעבן פון מיין מוטער איז אַוועק אין דער אַרבעט אַרום די קינדער, אין פאַרלייענען הויך פאַר דער באָבעשי ראָמאַנען און אין ערנסטן לייענען אַזעלכע זאַכן ווי רוסאָס „עמיל״ פאַר זיך און אין שמועסן וועגן געלייענטן; אין שפּילן פאָרטעפּיאַן, אין לערנען אי-טאַליעניש איינער פון מיינע מומעס, אין שפּאַצירן און אין דער שטובי-קער ווירטשאַפט.

אין אַלע משפּחות טרעפן פעריאָדן, ווען מחלות און טויטן זענען נאָך נישטאָ, און די מיטגלידער פון דער משפחה לעבן רויק. אַזאַ פעריאָד, מיין איך, האָט די מוטער איבערגעלעבט אין דעם מאַנס משפּחה ביז

איר טויט. קיינער איז נישט געשטאָרבן, קיינער איז ערנסט נישט קראַנק געווען, דעם פאָטערס שלעכטע געשעפטן האָבן זיך פאַרבעסערט. אַלע זענען געווען געזונט, פריילעך און פריינטלעך. דער פאָטער האָט אַלעמען פריילעך געמאַכט מיט זיינע דערציילונגען און שפּאַסן. איך האָב נישט דערווישט דידאַזיקע צייט. בעת איך האָב זיך אָנגעהויבן געדענקען, האָט שוין דער מוטערס טויט אַוועקגעלייגט איר שטעמפּל אויפן לעבן פון אונזער משפחה.

III.

דאָס אַלץ באַשרייב איך לויט די דערציילונגען אין די בריוו. איצט אָבער הייב איך אָן וועגן דעם, וואָס איך האָב איבערגעלעבט און איך געדענק.

איך וועל נישט רעדן וועגן די נישט־קלאָרע קינדערישע זכרונות, אין וועלכע מען קאָן נאָך נישט אָפּשיידן דיווירקלעכקייט פון די חלומות. כ׳וועל אָנהייבן דערפון, וואָס איך געדענק קלאָר: פון יענעם אָרט און פון יענע פּערזאָנען, וועלכע האָבן מיך אַרומגערינגלט פון די ערשטע יאָרן אָן.

דאָס ערשטע אָרט צווישן די אַלע פּערזאָנען פאַרנעמט, פאַרשטייט זיך, מיין פאָטער, הגם נישט לויט דער השפּעה אויף מיר, נאָר לויט מיין געפיל צו אים.

מיין פאָטער איז פון די יונגע יאָרן אָן געבליבן דער איינציקער זון בא זיינע עלטערן. דער יינגערער ברודער זיינער אילינקע האָט זיך קינדווייז נאָך אָפּגעשלאָגן, איז געוואָרן אַ הויקער און געשטאָרבן אַ קינד נאָך, אין 12־טן יאָר איז ער אַלט געווען 17, און נישט געקוקט אויף דעם פּחד און דער אימה, און וואָס די עלטערן האָבן אים אָפּגערעדט, איז ער אַריינגעטרעטן אין מיליטער. דעמאָלט איז פירשט ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש גאָרטשאַקאָוו, אַ נאָענטער קרוב פון מיין באָבעשי, דער פירשטין גאָרטשאַקאָוו, געווען קריגס־מיניסטער, און דער צווייטער ברודער, אַנדרעי איוואַנאָוויטש איז געווען אַ גענעראַל, קאָמאַנדיר פון עפּעס וואָס אין דער אַרמיי. און מיין פאָטער האָט מען צוגעשטעלט צו אים אַלס אַדיוטאַנט. ער האָט דורכגעמאַכט די מלחמות פון די 13—14 יאָרן און אין 14־טן יאָר, אין דייטש־

לאַנד, אַרויסגעשיקט ערגעץ-ווו אַלס קוריער, איז ער אַריינגעפאַלן צו די פראַנצויזן אין געפאַנגענשאַפט, פון וועלכער ער האָט זיך באַפרייט ערשט אין 15-טן יאָר, ווען אונזער היל איז אַריין קיין פאַריז. דער פאָטער איז צו צוואַנציק יאָר שוין נישט געווען קיין אומשולדיקער בחור, און נאָך איידער ער איז אָנגעקומען אין מיליטער, הייסט עס, אין עלטער פון 16 יאָר, האָבן אים די עלטערן צוליב זיין געזונט, ווי מען האָט דעמאָלט געמיינט, פאַרייניקט מיט א הויף-מיידל. פון דערדאָזיקער פאַרייניקונג איז אַרויסגעקומען א זון, וועלכן מען האָט געמאַכט פאַר א בריוטרעגער, און ער האָט געלעבט גוט, כל זמן דער פאָטער האָט געלעבט, באַר בײַכדעם איז ער אַראָפּ פון וועג און האָט זיך אָפּט שוין צו אונז, די דערוואַקסענע ברידער, זיך געווענדט נאָך הילף. איך געדענק דאָס משונהדיקע געפיל פון פאַרווונדערונג, וואָס איך האָב געפילט, ווען דער פאַראיַמטער ברודער, זייער געראָטן אין דעם פאָטער (מער איידער מיר אַלע), האָט געבעטן, מיר זאָלן אים העלפן, און פלעגט דאַנקבאַר זיין פאַר 10, צי 15 רובל, וואָס מען האָט אים געגעבן.

נאָך דער מלחמה איז דער פאָטער, אַנטוישט אין דער מיליטערדינסט (דאָס זעט מען פון זיינע בריוו). אַרויס אין דימיסיע און איז געקומען קיין קאַזאַן, ווו, שוין אינגאַנצן רויִנירט, איז מיין זיידע געווען גובערנאַטאָר, און ווו דעם פאָטערס שוועסטער פעלאַגעיע איליניִשנע האָט געלעבט מיט איר מאַן יושקאָוו. דער זיידע איז אינגיכן געשטאָרבן, טאַקע אין קאַזאַן, און דער פאָטער איז געבליבן מיט דער ירושה, וועלכע איז נישט ווערט געווען אַלע חובות, און מיט דער אַלטער צו לוקסוס צוגעוווינטער מוטער, מיט דער שוועסטער און מיט דער קוזינע אויף די הענט. דעמאָלט האָט מען אים איינגעאָרדנט דעם שידוך מיט מיין מוטער און ער איז אַריבערגעפאָרן אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ, ווו ער האָט אָפּגעלעבט 9 יאָר מיט מיין מוטער און איז געבליבן אַן אַלמן, און ווו ער האָט שוין פאַר מיין געדענקען געלעבט מיט אונז.

דער פאָטער איז געווען פון מיטעלן וווּקס, גוט געבויט, א לעבעדיקער סאַנגוויניקער, מיט אַן אָנגענעם פנים און מיט אַלע מאָל טרויעריקע אויגן. זיין לעבן איז אַדורך אין פאַרנעמען זיך מיט דער ווירטשאַפט, אין וועלכער ער איז, דאַכט מיר, געווען נישט קיין גרויסער מומחה, נאָר בנוגע צו וועלכער ער האָט פאַר יענער צייט געהאַט א גרויסע מעלה: חוץ וואָס ער איז נישט געווען קיין אכזר, איז ער גיכער געווען אפילו א שוואַכער. אַזוי אַז אויך פאַר זיין צייט האָב איך קיינמאָל

נישט געהערט וועגן לייבשטראָפן. מסתמא פלעגן דידאָזיקע שטראָפן פאָרקומען. אין יענער צייט איז שווער געווען פאָרצושטעלן זיך פירן די ווירטשאַפט, באַגייענדיק זיך אָן דידאָזיקע שטראָפן. נאָר אַפנים אַז זיי זענען געווען אַזוי זעלטן, און דער פאָטער האָט אין זיי גענומען אַזאַ קליינעם אָנטייל, אַז אונז, קינדער, איז קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו הערן וועגן דעם. שוין נאָך דעם פאָטערס טויט האָב איך מיך דאָס ערשטע מאָל דערוווסט, אַז אַזעלכע שטראָפן פלעגן בײַ אונז פאָרקומען. מיר, קינדער, האָבן זיך מיטן לערער אומגעקערט אַהיים פונם שפּאַציר און האָבן לעבן שייער באַגעגנט דעם דיקן פאַרוואַלטער אַנדרעי איליין און דעם געהילף פונם קוטשער, קוזמאַ קריוואָי, אַ מאַן פון אַ ווייב און שוין נישט קיין יונגער, וועלכער איז נאָכגעגאַנגען נאָכן פאַרוואַלטער מיט אַ טרויעריקן אויסזעען. וואָס האָט אונז פאַרווונדערט. עמעץ פון אונז האָט געפרעגט בײַ אַנדרעי אילינען, ווּהין גייט ער, און ער האָט רויק געענטפערט, אַז ער גייט אין שייער, וווּ מען דאַרף קוזמען באַשטראָפן. איך קאָן נישט באַשרייבן דאָס שרעקלעכע געפיל, וועלכעס איך האָב באַקומען פון דידאָזיקע ווערטער און פון דעם אויסזעען פון דעם גוטן און טרויעריקן קוזמע. אינאָוונט האָב איך עס דערציילט פאַר דער מומעשי טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָווגע, וועלכע האָט אונז דערצויגן, און האָט פיינט געהאַט לייבשטראָף, קיינמאָל זיי נישט דערלאָזט בנוגע אונז און אויך בנוגע די פויערים דאָרט, ווו זי האָט געקאָנט האָבן אַ ווירקונג. זי איז זייער אין כעס געוואָרן דערפון, וואָס איך האָב איר דערציילט, און האָט מיט פאָרוווּרף צו מיר געזאָגט: „ווי זשע האָט איר אים נישט אָפּגעשטעלט?” אירע ווערטער האָבן מיר נאָך מער עגמת נפש פאַרשאַפט. איך האָב בשום אופן נישט געטראַכט, אַז מיר זאָלן זיך קאָנען אַרײַנמישן אין אַזאַ זאַך, און דאָ האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מיר האָבן יאָ געקאָנט. אָבער ס'איז שוין געווען שפּעט, און די שרעקלעכע זאַך איז שוין געווען אָפּגעטון.

איך קער מיך אום דערצו, וואָס איך האָב געוווּסט וועגן פאָטער, און ווי שטעל איך מיר פאָר זיין לעבן. זיין באַשעפטיקונג איז געווען די ווירטשאַפט און דער עיקר די פּראָצעסן, וועלכע זענען דעמאָלט געווען בײַ אַלעמען זייער פיל, און דאַכט זיך באַזונדער פיל בײַם פאָטער, וועלכער האָט געמוזט פונאַנדערפּלאָנטערן דעם זיידעס עסקים. דידאָזיקע עסקים האָבן געצייט דעם פאָטער אָפט אַוועקצופאָרן פונדערהיים; חוץ דעם פלעגט ער אָפט אַוועקפאָרן אויך צוליב יאַגד, סיי מיט

דער ביקס, סיי מיט די הינט. די וויכטיקסטע חברים זיינע צו דער יאַגד זענען געווען זיין גוטער פריינט, דער אַלטער בחור און עשיר קירעיעווסקי און יאַזיקאָוו, גליעבאָוו, איסליעניעוו. דער פאָטער האָט געהאַט די אַלגעמיינע אייגנשאַפט פאַר אַלע גוטבאַזיצער דעמאָלט: באַזונדערע ליבשאַפט צו אייניקע ליבלינגען פון דער הויפישער דינערשאַפט. אַזוינע ליבלינגען זענען בא אים געווען די צוויי ברידער, — פעטרושע און מאַטיושע, ביידע שיינע, געשיקטע יונגען און יעגער אויך.

אינדערהיים, פלעגט דער פאָטער, חוץ די באַשעפטיקונגען מיט אונז, די קינדער, נאָך פיל לייענען. ער האָט געזאַמלט אַ ביבליאָטעק, וועלכע איז לויט דער דעמאָלטיקער צייט באַשטאַנען פון פראַנצויזישע קלאַסיקער, היסטאָרישע ווערק און נאַטורגעשיכטלעכע ווערק — פון ביופאָן און קיוויע. די מומעשי האָט מיר געזאָגט, אַז דער פאָטער האָט זיך געשטעלט פאַר אַ כּלל: נישט צו קויפן קיין נייע ביכער, ביז ער וועט נישט איבערלייענען די פריערדיקע. נאָר הגם ער האָט פיל געלייענט, איז שווער צו גלייבן, אַז ער זאָל האָבן גובר געווען די אַלע „Histoires des Croisades" און „Des Papes", וועלכע ער האָט איינגעשאַפט פאַר זיין ביבליאָטעק. אויף וויפיל איך קאָן אורטיילן, האָט ער נישט געהאַט קיין נטיה צו וויסנשאַפטן, נאָר ער איז געשטאַנען אויפן ניוואָ פון די געבילדעטע מענטשן פון זיין צייט. ווי די גרעסטע טייל מענטשן פון דעם ערשטן אַלעקסאַנדרישן פעריאָד און פון די מאַרשן פון די 13-טע, 14-טע, 15-טע יאָרן, איז ער געווען נישט דאָס, וואָס מען רופט איצט ליבעראַל, נאָר פשוט צוליב דעם געפיל פון דער אייגענער ווירדע האָט ער געהאַלטן אַלס אוממעגלעך פאַר זיך צו דינען נישט אין סוף פון אַלעקסאַנדער דעם I-נס ממשלה, נישט פאַר ניקאָלאַיען. אין איין בריוו צו דער מוטער פון מאָסקווע שרייבט ער אין זיין הומאָריסטישן טאָן וועגן יושקאָוו אָ. אי., דעם ברודער פון זיין שוואָגער „אָ. זוי. מיינט, אַז ער איז זייער אַ וויכטיקער מענטש, דערפאַר, וואָס ער איז אַ שטאַלמייסטער. אָבער איך האָב קיין ברעקעלע נישט מורא פאַר אים. איך האָב אַליין מיין שטאַלמייסטער".

ער האָט נישט נאָר ערגעץ נישט געדינט, נאָר אפילו אַלע זיינע פריינט זענען געווען פונקט אַזעלכע פרייע מענטשן, וואָס דינען נישט און שפּילן אַ ביסל אין ברוגז מיט דער רעגירונג פון ניקאָלאַי פּאַוולאָוויטש. פאַר מיין גאַנצער קינדהייט און אפילו פאַר מיינע בחורשע יאָרן

האָט אונזער משפחה נישט געהאַט קיין נאָענטע באַציונגען מיט קיין שום באַאַמטן. פאַרשטייט זיך, איך האָבן דאָס אַלץ נישט פאַרשטאַנען אין דער קינדהייט, אָבער איך האָב פאַרשטאַנען דאָס, אַז מיין פאָטער האָט זיך קיינמאָל פאַר קיינעם נישט דערנידעריקט, האָט נישט געענדערט זיין לעבעדיקן, פריילעכן און אָפט שפּאָטישן טאָן. און דאָסדאָזיקע געפיל פון דער אייגענער ווירדע, וועלכעס איך האָב געזעען אין אים, האָט פאַרגרעסערט מיין ליבשאַפט, מיין התפעלות פאַר אים.

איך געדענק אים אין זיין קאַבינעט, וווהין מיר פלעגן קומען צו אים זעגענען זיך, און אַמאָל פּשוט אַ ביסל שפּילן, ווו ער פלעגט מיט דער ליולקע זיצן אויפן רימענעם דיוואַן און גלעטן אונז און אַמאָל, צו דער גרויסער פרייד אונזערער, לאָזן אונז צו זיך הינטערן רוקן אויף דעם רימענעם דיוואַן און ווייטער לייענען אָדער שמועסן מיטן אויפזעער, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דער טיר, אָדער מיט ס. אי. יאַזיקאָוו, מיין טויף-פאָטער, וועלכער פלעגט בײַ אונז אָפט זיין צו גאַסט.

איך געדענק, ווי ער פלעגט קומען צו אונז און מאָלן אונז בילדלעך, וועלכע האָבן אונז אויסגעוויזן די שענסטע אויף דער וועלט.

איך געדענק, ווי ער האָט מיך איינמאָל געלאָזט פאָרלייענען פאַר אים פושקינס פערזן, וועלכע איך האָב ליב באַקומען און אויסגעלערנט אויף אויסנווייניק: „צום ים”; „אַדיע, סטיכיע פרייע...” און „צו נאַפּאָלעאָנען” : „דאָס וווּנדערלעך באַשערטע איז געשעען, פאַרלאָשן איז דער גרויסער מענטש...” א. אַז. וו., אים האָט אפנים פאַרוווּנדערט דער פּאַטאָס, מיט וועלכן איך האָב געזאָגט די דאָזיקע פערזן, און, אויסגעהערט מיך, האָט ער באַדייטנד אַ קוק געטון אויף יאַזיקאָוון, וועלכער איז דערביי געווען. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זעען עפּעס גוטס אין דעם פאָרלייענען מיינעם, איך בין געווען דערפון זייער גליקלעך. איך געדענק זיינע פריילעכע וויצן און מעשיות צו מיטאָג און צו וואָנטברויט, ווי די באָבעשי, און די מומעשי, און מיר, די קינדער, האָבן געלאַכט, הערנדיק אים.

איך געדענק נאָך זיינע נסיעות אין שטאָט און דעם וווּנדערלעך שיינעם אויסזעען, וואָס ער האָט געהאַט, בשעת ער פלעגט אָנטון דעם סורדוט און די שמאָלע הויזן.

נאָר מער פאַר אַלץ געדענק איך אים אין צוזאַמענהאַנג מיט דער יאַגד מיט הינט איך געדענק זיינע אַרויספאָרן אויף דער יאַגד. מיר האָט

זיך נאָכדעם אַלע מאָל געדאַכט, אַז פּושקין האָט פון זיי קאָפּירט דעם באַנס אַרויספאָר אויף יאַגד אין „גראַף נולין“.

איך געדענק, ווי מיר פלעגן צוזאַמען גיין שפּאַצירן, און ווי, נאָכלויפנדיק נאָך אים, פלעגן די יונגע כאַרטן, צעשפּילנדיק זיך אויף דער נישט געשניטענער לאָנקע, אויף וועלכער דאָס הויכע גראָז האָט זיי אונטערגעשמיסן און געקיצלט אונטערן בויך, פליען אַרום מיט פאַרבויגענע אויף אַ זייט עקן, און ווי ער האָט אויף זיי געקוקט מיט פאַרגעניגן. איך געדענק, ווי אין דעם טאָג פון דעם יעגערישן יום-טוב, דעם 1-טן סעפּטעמבער, זענען מיר אַלע אַרויסגעפאָרן אין אַ באַנק-קאַטש צום וואַלד אינמיטן פעלד, אין וועלכן מען האָט אַריינגעלאָזט אַ פוקס, און ווי די יאַג-הינט האָבן זיי געטריבן, און ערגעץ, — מיר האָבן נישט געזען ווו — האָבן אים די כאַרטן געכאַפּט. איך געדענק באַזונדער קלאָר, ווי מען האָט אַרויסגעלאָזט אַ וואָלף פאַר די הינט. דאָס איז פאַרגעקומען סאַמע לעבן הויז. מיר זענען אַלע צופוס אַרויסגעגאַנגען קוקן. אויף אַ וואָגן האָט מען אַרויסגעפירט אַ גרויסן געצוימטן, מיט געבונדענע פיס גרויען וואָלף. ער איז געלעגן שטיל און האָט נאָר קרום געקוקט אויף די, וואָס זענען צו אים צוגעגאַנגען. ווען מען איז געקומען אויפן אָרט הינטער דעם סאַד, האָט מען דעם וואָלף אַרויסגענומען, צוגעדריקט מיט היי-גאָפּלען צו דער ערד און אָפּגעבונדן אים די פיס. ער האָט זיך גענומען רייסן און וואַרפן און האָט בייז געגריזשעט דעם צוים. לסוף האָט מען אים אָפּגעבונדן אויך דעם צוים אויף דער פּאַטיליצע, און עמעץ האָט אַ געשריי געטון: „לאָז!“ די היי-גאָפּלען האָבן זיך אויפגעהויבן, דער וואָלף האָט זיך אויפגעהויבן, איז אַ צען סעקונדעס געשטאַנען, נאָר מען האָט אויף אים גענומען שרייען און אָנגערייצט די הינט. דער וואָלף, די הינט, די רייטער, זענען אַוועקגעפלויגן אַראָפּ פון פעלד. און דער וואָלף איז אַנטלאָפן. איך געדענק, דער פאָטער האָט עפּעס פאַרגעוואָרפן, און מאַכנדיק אין כעס מיט די הענט, האָט ער זיך אומגעקערט אַהיים.

אָבער די סאַמע אָנגענעמע זכרונות מיינע וועגן אים — דאָס איז זיין זיצן מיט דער באָבעשי אויפן דיוואַן און דאָס העלפן איר אויסלייגן אַ פּאַסיאַנס. דער פאָטער איז מיט אַלעמען געווען איידל און פריינטלעך, נאָר פון דער באָבעשי האָט ער זיך אַלע מאָל באַצויגן עפּעס באַזונדער פריינדלעך און מיט יראת-הכבוד. די באָבעשי פלעגט זיצן מיט איר לאַנגער גאָמבע, אין אַ טשיפּיק מיט רוש און מיט אַ שלייף, אויפן דיוואַן, און האָט צעלייגט די קאָרטן, שמעקנדיק ווען-נישט-ווען פון דער

גילדענער טאַבאַק-פּושקע. לעבן דיוואַן זיצט אין פאָטעל דאָס טולער ווײבל פון געווער-פאַבריק פּעטראָװנע, אין איר קאָפּטל מיט פּאַטראָנעס, שפּינט און קלאַפּט צײטנווײז מיטן שפּענדל אָן דער וואַנט, אין וועלכער זי האָט שוין מיט דידאָזיקע שפּינדלעך אויסגעקלאַפּט אַ גריבל.

דידאָזיקע פּעטראָװנע — אַ הענדלערקע איז עפּעס באַליבט געװאָרן בײַ דער באָבעשי, און זי איז בײַ אונז געװען אָפט צו גאַסט און אַלע מאָל פּלעגט זי זיצן לעבן דער באָבעשי אין גאַסט-זאַל אויפן דיוואַן. אין פאָטעלן זיצן די מומעשיס, און אײנע פון זײ לײענט אויפן קול. אויף אײן פאָטעל האָט זיך אויסגעדריקט אַ גריבעלע און ליגט די שוואַרץ-געפּלעקטע מילקע, דעם טאַטנס געליבטע און פרײלעכע צויג, מיט פײנע שוואַרצע אויגן. מיר קומען זעגענען זיך, און אַמאָל זיצן מיר אויך דאָ. מיר זעגענען זיך אַלע מאָל קושנדיק זיך מיט דער באָבעשי און מיט די מומעשיס, — קושנדיק זיך האַנט אין האַנט. איך געדענק, אײנמאָל אינמיטן פּאַסיאַנס און לײענען, שטעלט דער פאָטער אָפּ די לײענענדיקע מומעשי, באַווײזט אין שפּיגל און שעפּטשעט עפּעס שטיל. מיר אַלע קוקן אויך אַהין. דאָס גײט טיכאָן, דער הויזפאַרוואַלטער, וויסנדיק, אַז דער פאָטער איז אין גאַסט-זאַל, צו אים אין קאַבינעט נעמען בײַ אים טאַבאַק פון דעם גרויסן רימענעם טאַבאַק-זעקל, וואָס לײגט זיך צונויף ווי אַ רויז. דער פאָטער זעט אים אין שפּיגל און קוקט אויף זײן פאַרזיכטיק אויף די שפּיץ פינגער טרעטנדיקער פיגור. די מומעשיס לאַכן. די באָבעשי פאַרשטײט לאַנג נישט, און ווען זי פאַרשטײט, שמײכלט זי פרײדיק. איך בין נתפּעל פון דעם פאָטערס גוטסקײט, און זעגענענדיק זיך מיט אים, קוש איך אים מיט באַזונדערער צערטלעכקײט זײן ווײסע אָדערדיקע האַנט... איך האָב זײער ליב געהאַט דעם פאָטער, נאָר איך האָב נאָך נישט געוווּסט, ווי שטאַרק עס איז געווען דידאָזיקע ליבע מײנע צו אים, ביז דער צײט, ווען ער איז געשטאָרבן. אָבער וועגן דעם שפּעטער. איצט וועגן די ווײטערדיקע מיטגלידער פון אונזער משפּחה, צווישן וועלכע עס איז פאַרבײ מײן קינדהײט.

IV.

די באָבעשי פעלאַגעיע ניקאָלאַיעוונאַ איז געווען די טאָכטער פון דעם בלינדן פירשט ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש גאָרטשאַקאָוו, וועלכער האָט אָנגעקליבן אַ גרויס פאַרמעגן. אויף וויפיל איך קאָן זיך מאַכן אַ באַגריף וועגן איר כאַראַקטער, איז זי געווען נישט קיין חכמה, אַ ווייניק געבילדעטע, זי האָט, ווי אַלע דעמאָלט, געקענט פראַנצויזיש בעסער איידער רוסיש (און דאָס איז געווען איר גאַנצע בילדונג), און איז געווען אַ פרוי זייער אַ צעפּיעשטשעטע, לכתחילה דורכן פאָטער, נאָכדעם דורך דעם מאַן און שפּעטער שוין, פאַר מיר, דורכן זון. חוץ דעם, איז זי אַלס טאָכטער פון דעם עלטסטן אין דער משפחה, געווען זייער געאַכט פון אַלע גאָרטשאַקאָווס: פונם געוועזענעם מיליטער-מיניסטער ניקאָלאַי איוואַנאָוויטש, און פון אַנדרעי איוואַנאָוויטשן מיט די זין — פון דעם פריידנקער דמיטרי פּעטראָוויטש, פון פּיאָטר, סערגיי און מיכאיל דעם סעוואַסטאָפּאָלער.

מיין זיידע איליאַ אַנדרעיעוויטש איז אויך געווען, לויט איך האָב אים פאַרשטאַנען, אַ מענטש אַ באַגרענעצטער, זייער אַ ווייכער, אַ פריילעכער און נישט בלויז אַ ברייטע האַנט, נאָר אַן אומגעלומפּערטער אויסברענגער, און דער עיקר — ער האָט אַלעמען געגלויבט. אין זיין גוט פון בעליעווער קרייז פּאָליאַני — נישט יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, נאָר פּאָליאַני — זענען פאָרגעקומען לאַנג נישט אויפהערנדיקע הוליאַנקעס, טעאַטערס, בעלער, מיטאָגן, שפּאַצירן אויף פערד, וואָס האָבן זיך, באַזונדער באַ דעם זיידנס נטיה צו שפּילן גרויס אין לאָמבער און וויסט, נישט קענענדיק שפּילן און באַ זיין גרייטקייט צו געבן אַלעמען, ווער עס האָט געבעטן סיי אויף באָרג, סיי אויף נישט אומצוקערן, און דער עיקר דורך די אונטערגענומענע געשעפטן, מלוכה-אַרענדעס, — געענדיקט דערמיט, וואָס זיין פרויס גרויס גוט איז אַזוי איינגעדעקט געווען אין חובות, אַז עס איז נישט געווען פון וואָס צו לעבן, און דער זיידע האָט זיך געמוזט אויספּועלן און נעמען — וואָס אים איז באַ זיינע באַקאַנטשאַפטן געווען לייכט — די שטעלע פון גובערנאַטאָר אין קאַזאַן.

לויט ווי מען האָט מיר דערציילט, האָט דער זיידע קיין שוחד נישט גענומען, סיידן פון דעם בראָנפן-ארענדאַטאָר, וואָס עס איז דעמאָלט געווען אַן אַלגעמיין-אָנגענומענער מנהג. און ער פלעגט זיין אין כעס, אַז מען פלעגט אים פאָרלייגן שוחד. נאָר די באָבעשי, ווי מען האָט מיר דערציילט, האָט בסוד פון דעם מאַן גענומען מתנות.

אין קאַזאַן האָט די באָבעשי חתונה געמאַכט די יינגערע טאָכטער פעלאַגעיע מיט יושקאָוון. און די עלטערע אַלעקסאַנדרע האָט נאָך אין פעטערבורג חתונה געהאַט מיט דעם גראַף אָסטען-סאַקען.

נאָך דעם טויט פון דעם מאַן אין קאַזאַן און נאָך דעם פאָטערס חתונה, האָט זיך מיין באָבעשי באַזעצט מיט מיין פאָטער אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ, און דאָ האָב איך זי שוין דערווישט אַ זקנה און כ׳געדענק זי גוט.

דעם פאָטער האָט די באָבעשי ליידנשאַפטלעך ליב געהאַט, האָט ליב געהאַט אויך אונז, די אייניקלעך, ווייל נדיק זיך מיט אונז; האָט ליב געהאַט די מומעשיס, נאָר מיר דאַכט, האָט נישט גאָר ליב געהאַט מיין מוטער, האַלטנדיק, אַז זי איז נישט ווערט געווען מיין פאָטער, און זי האָט געפילט אייפערזוכט צו איר.

מיט די מענטשן, מיט דער דינערשאַפט האָט זי נישט געקאָנט קאַפריזען, ווייל אַלע האָבן געוווסט, אַז זי איז די וויכטיקסטע פערזאָן אין שטוב, און מען האָט זיך געמיט זי צופרידנצושטעלן, נאָר בנוגע צו איר קאַמערמיידל גאַשען האָט זי געברויכט קאַפריזן און האָט זי געפייניקט, אָנרופנדיק זי: איר, מיין ליבע, און פאָדערנדיק פון איר דאָס, וואָס זי האָט נישט געבעטן, און כסדר מאַטערנדיק זי. און אַ מאָדנע זאַך, — גאַשע, אַגאַפיע מיכאַילאָווגע, וועלכע איך האָב גוט געקענט, האָט זיך אָנגעשטעקט מיט דער באָבעס מאַנירן צו קאַפריזן; סיי מיט איר מיידל, סיי מיט איר קאַץ, סיי בכלל מיט די ברואים, פון וועלכע זי האָט געקאָנט פאָדערן, האָט זי אַזוי קאַפריזעוועט, ווי די באָבעשי מיט איר.

די סאַמע פריסטע זכרונות מיינע וועגן דער באָבעשי ביז אונזער נסיעה קיין מאָסקווע און דאָס לעבן דאָרט, באַשטייען פון דריי שטאַרקע, מיט איר פאַרבינדענע איינדרוקן.

דער ערשטער — דאָס איז דאָס, ווי די באָבעשי פלעגט זיך וואַשן און מיט אַ באַזונדערן מין זייף לאָזן אויף די הענט וווּנדערלעכע זייפנ-בלאָזן. וואָס מיר האָט זיך געדאַכט, אַז נאָר זי אַליין קאָן אַזעלכע מאַכן. מען פלעגט אונז בכיוון פירן צו איר, — אפנים אונזער התפעלות און

די פאַרווונדערונג פון אירע זייפנבלאָזן האָט זי פאַרוויילט, — כדי צו זעען, ווי זי וואַשט זיך. כ׳געדענק — אַ ווייס קאָפּטעלע, אַן אונטער קליידל, ווייסע זקנישע הענט, און גרויסע, איבער זיי אויפשטייענדיקע בלאָזן, און איר צופרידן שמייכלענדיק ווייס פּנים.

די צווייטע דערינערונג — דאָס איז דאָס, ווי דעם פאָטערס קאָ־מערדינערס האָבן זי אָן פערד, אויף די הענט אַרויסגעפירט אין דעם געלן קאַבריאָלעט אויף רעסאָרן, אויף וועלכן מיר פלעגן פאָרן שפּאַצירן מיט פעדאָר איוואַנאָוויטשן, — אין נידעריקן וועלדל קלויבן ניס, וועל־כע זענען אין יענעם יאָר געווען באַזונדערס פיל. איך געדענק די גע־דיכטעניש פון ניס־ביימער, אין וועלכע פעטרושע און מאַטיושע האָבן טיף אַריינגעפירט דעם קאַבריאָלעט מיט דער באָבעשי, און ווי זיי האָבן צו איר צנגעבויגן צווייגן מיט הענגלעך צייטיקע אָפּטמאָל שוין זיך שיטנדיקע ניס, און ווי די באָבעשי האָט זיי אַליין געריסן און געלייגט אין זעקל, און ווי מיר האָבן אמאָל אַליין געבויגן די צווייגן, אַמאָל פעדאָר איוואַנאָוויטש. און ער האָט אונז פאַרוווּנדערט מיט זיין כּוח, צובייגנדיק צו אונז דיקע ניס־ביימער, און מיר האָבן זיי אַרומגענומען פון אַלע זייטן און האָבן פונדעסטוועגן געזעען, ווען פעדאָר איוואַנאָ־וויטש האָט די ביימער אָפּגעלאָזט און זיי האָבן לאַנגזאַם טשעפּנדיק זיך אויסגעגלייכט, אַז מיר האָבן אויף זיי איבערגעלאָזט אומבאַמערקטע ניס.

איך געדענק, ווי הייס עס איז געווען אויף די פרייע פון ביימער פליינען, ווי אַנגענעם קיל — אין שאָטן, ווי עס האָט זיך געאָטעמט מיט דעם טערפּקן ריח פון די ניס־בלעטער, ווי עס האָבן פון אַלע זייטן געקנאַקט ניס, וואָס די מיידלעך, וועלכע זענען געווען מיט אונז האָבן געגריזשעט און ווי מיר האָבן אָן אויפהער געקייט די פרישע פולע ווייסע יאָדרעס. מיר האָבן געקליבן אין די קעשענעס, אין די פּאָלעס אין אונזער קאַבריאָלעט. און די באָבעשי האָט צוגענומען און אונז געלויבט. ווי זענען מיר געקומען אַהיים, וואָס איז געווען נאָכדעם, געדענק איך גאָרנישט. איך געדענק נאָר, אַז די באָבעשי, דער ניס־וואַלד, דער שאַרפער ריח פון די ניס־בלעטער, די קאָמערדינערס, דער געלער קאַבריאָלעט, די זון — האָבן זיך פאַרייניקט אין איין פריידיקן איינדרוק.

מיר האָט זיך געדאַכט, אַז פּונקט ווי די זייפנבלאָזן האָבן געקאָנט זיין נאָר בײַ דער באָבעשי, אַזוי אויך דער וואַלד, און די זון האָבן געקאָנט

זיין נאָר מיט דער באָבען אין דעם געלן קאַבריאָלעט, וועלכן עס פירן פעטרושע מיט מאַטיושען.

אָבער די שטאַרקסטע מיט דער באָבעשי פאַרבונדענע דערינערונג — דאָס איז די נאַכט, וועלכע איך האָב פאַרבראַכט אין דער באָבעשיס שלאָפצימער, און ליעוו סטעפּאַניטש.

ליעוו סטעפּאַניטש איז געווען אַ בלינדער דערציילער (ער איז שוין געווען אַ זקן, ווען איך האָב אים דערקענט), — אַ רעשט פון דער אַלטער פריצעשאַפט, דעם זיידנס פריצעשאַפט.

מען האָט אים געקויפט נאָר אויף דערציילן מעשהלעך, וועלכע ער האָט, צוליב דעם פאַר בלינדע אייגנשאַפטלעכן אומגעוויינלעכן זכרון, געקאָנט וואָרט און וואָרט איבערדערציילן נאָכדעם ווי מען האָט זיי פאַר אים אַ פּאָר מאָל איבערגעלייענט. ער האָט געוווינט ערגעץ אין הויז, און אַ גאַנצן טאָג האָט מען אים נישט געזעען. נאָר אין אָוונט פלעגט ער קומען אויבן אין דער באָבעשיס שלאָפצימער (דאָס איז געווען אַ נידעריק צימערל, אין וועלכן מען פלעגט דאַרפן אַריין איבער צוויי טרעפּ) און זעצן זיך אויף דעם נידעריקן פענצטער, וווהין מען פלעגט אים ברענגען אָוונטברויט פון דעם באַלעבאָס טיש. דאָ פלעגט ער וואַרטן אויף דער באָבעשי, וועלכע האָט, נישט שעמענדיק זיך, געקאָנט צוגרייטן איר נאַכט-טואַלעט אין דער אָנוועזנהייט פון דעם בלינדן מענטש. אין דעם טאָג ווען עס איז אויסגעפאַלן מיין ריי צו נעכטיקן באַ דער באָבעשי, איז ליעוו סטעפּאַניטש מיט זיינע ווייסע אויגן, אין אַ בלויען לאַנגן סורדוט מיט בופעס אויף די אַקסלען שוין געזעסן אויפן פענצטער און האָט געגעסן. איך געדענק נישט, ווי די באָבעשי האָט זיך אויסגעטון, צי אין דעם צימער, צי אין אַן אַנדערן, און ווי מען האָט מיך אַריינגעלייגט אין בעט. איך געדענק נאָר די רגע, ווען מען האָט די ליכט פאַרלאָשן, עס איז געבליבן נאָר דאָס לעמפּעלע באַ דעם באַגעלטן הייליקן בילד, די באָבעשי, דיזעלביקע וווּנדערלעכע באָבעשי, וועלכע האָט געלאָזט אומגעוויינלעכע, וווּנדערלעכע זייפנבלאָזן, איינגאַנצן אַ ווייסע, אין ווייסן, אויף ווייסן און אַ צוגעדעקטע מיט ווייסן, אין איר ווייסן טשיפּיק, איז הויך געלעגן אויף די קישנס, און פון פענצטער האָט זיך דערהערט ליעוו סטעפּאַנאָוויטשס גלייכע רויקע שטים:

— איר באַפעלט ווייטער צו דערציילן?

— יאָ, ווייטער.

— „געליבטע שוועסטער, האָט זי געזאָגט, — האָט ליעוו סטעפּאַ-

באָוויטש אָנגעהויבן רעדן מיט אַ שטיל גלייך זקניש קול, — דערציילט אינז איינס פון יענע טשיקאַווסטע מעשהלעך, וואָס איר קאָנט אַזוי פיין דערציילן.

— „גערן, — האָט געענטפערט שעכערעזאַדע, — איך וואָלט דערציילט די מערקווירדיקע געשיכטע פון דעם פרינץ קאַמאַראַלזאַמאַן, אויב דער הערשער וועט דערצו אויסדרוקן זיין הסכמה. — באַקומען די הסכמה פון דעם סולטאַן, האָט שעכערעזאַדע אָנגעהויבן אַזוי : בײַ איינעם אַ הערשנדיקן קיניג איז געווען אַ בן־יחיד...״

און באַשיינפערלעך וואָרט אין וואָרט פון בוך האָט ליעוו סטעפּאַ־נאָוויטש אָנגעהויבן דערציילן די געשיכטע, פון קאַמאַראַלזאַמאַן. איך האָב נישט געהערט, נישט פאַרשטאַנען דאָס, וואָס ער האָט גערעדט, אַזוי פיל בין איך געווען פאַרנומען מיט דעם סודותפולן אויסזעען פון דער ווייסער באָבעשי, מיט איר הוידעוודיקן שאָטן אויף דער וואַנט און מיט דעם אויסזעען פון דעם אַלטן מיט ווייסע אויגן, וועלכן איך האָב איצט נישט געזעען, נאָר איך האָב געדענקט אַ זיצנדיקן אומבאַוועגלעך אויפן פענצטער און מיט אַ לאַנגזאַם קול רעדנדיק עפּעס מאָדנע ווער־טער, וועלכע האָבן מיר אויסגעוויזן פייערלעכע, וואָס האָבן איינזאַם געקלונגען אין דער האַלב־פינצטערניש פונם צימערל, דעם באַלויכטענעם מיט ציטערדיקן שיין פון דעם לעמפּעלע.

איך בין מסתמא גלייך איינגעשלאָפן, מחמת וואָס עס איז ווייטער געווען, געדענק איך נישט, און ערשט אינדערפרי האָב איך מיך ווידער געוווּנדערט און בין נתפעל געוואָרן פון די ווייסבלאַזן, וואָס די באָבעשי האָט וואַשנדיק זיך געמאַכט אויף אירע הענט.

איך וועל נאָכדעם דערציילן וועגן מיינע ווייטערדיקע איינדרוקן וועגן דער באָבעשי בשעת דעם אַריבערפאָרן קיין מאָסקווע און דעם לעבן דאָרט ; איצט אָבער וויל איך דערציילן, וואָס איך ווייס און גע־דענק וועגן צוויי אַנדערע וויכטיקערע פאַר מיין קינדהייט פּערזאָן, וועגן מיין לייבלעכער מומע אַלעקסאַנדרע איליניטשנע, גרעפין אָסטען־סאַקען, וועלכע האָט געוווינט בײַ אונז.

V.

די מומעשי אַלעקסאַנדרע איליגישנע האָט זייער פרי חתונה געהאַט אין פעטערבורג מיט דעם אַסטזעישן גראַף אַסטען-סאַקען. דער שידוך האָט אויסגעוויזן צו זיין זייער אַ גלענצנדער. נאָר דער סוף אין דער הינזיכט פון לעבן צווישן מאַן און ווייב איז געווען פאַר דער מומעשי זייער אַ טרויעריקער, הגם ס'קאָן זיין, אַז די רעזולטאַטן פון דערדאָזיקער חתונה זענען פאַר איר נשמה געווען זייער גוט.

די מומעשי אַליין, ווי מען האָט זי גערופן אין דער משפחה, איז מסתמא געווען זייער אַ סימפּאַטישע מיט אירע גרויסע בלויע אויגן און מיט דעם עניוותדיקן אויסדרוק פון דעם ווייסן פנים, ווי זי איז אַלס 16-יעריק מיידל אויסגעמאָלט אויף זייער אַ גוטן פּאָרטרעט.

באַלד נאָך דער חתונה איז אַסטען-סאַקען אַוועקגעפאָרן מיט דעם יונגן ווייב אין זיין גרויסן אַסטזעישן גוט, און דאָרט האָט זיך אַלץ מער און מער אָנגעהויבן אַרויסווייזן די גייסטיקע קראַנקייט, וועלכע האָט זיך אויסגעדריקט לכתחילה נאָר אין זייער קענטיקער אייפערזוכט סתם אָן אַ סיבה. אין דעם ערשטן יאָר נאָך דער חתונה, ווען די מומעשי איז געווען מעוברת און האָט שוין באַלד געדאַרפט געלעגן ווערן, האָט זיך דידאָזיקע קראַנקייט אַזוי פאַרשטאַרקט, אַז אויף אים פלעגן אָנפאַלן מאָמענטן פון אמתער משוגעת, בשעת וועלכער אים האָט זיך געדאַכט, אַז זיינע שונאים, וועלכע ווילן בײַ אים אַוועקנעמען זיין ווייב, האָבן אים אַרומגערינגלט, און די איינציקע רעטונג פאַר אים באַשטייט אין דעם, מען זאָל אַנטלויפן פון זיי. דאָס איז געווען זומער. אויפגעשטאַנען גאַנץ פרי, האָט ער געמאָלדן דעם ווייב, אַז דאָס איינציקע מיטל צו רעטן זיך — איז אַנטלויפן, אַז ער האָט געהייסן שפּאַנען דעם וואָגן, און זיי פאָרן באַלד, זאָל זי זיך צוגרייטן. באמת, מען האָט צוגעפירט דעם וואָגן, ער האָט אַריינגעזעצט די מומעשי און געהייסן פאָרן וואָס גיכער.

אין וועג האָט ער אַרויסגענומען פון אַ קעסטל צוויי פּיסטוילן, אָנגעלאָדן זיי און אָפּגעבנדיק איינעם דער מומעשי, האָט ער איר געזאָגט, אַז אויב נאָר די שונאים וועלן זיך דערוויסן וועגן זיין פליטה,

װעלן זיי אים דעריאָגן, און דעמאָלט זענען זיי פאַרלוירענע, און דאָס איינציקע װאָס זיי בלייבט צו טון איז — זיי זאָלן זיך איינער דעם אַנידערן טייטן. אַ דערשראָקענע און אַ צעמישטע האָט די מומעשי גענומען דעם פּיסטויל און געװאָלט איבעררעדן דעם מאַן, אָבער ער האָט זי נישט געהערט און כּסדר אומגעקערט זיך מיטן פּנים אויף הינטער, װאַרטנדיק אויף די נאָכיאָגער, און האָט געטריבן דעם קוטשער. צום אומגליק איז איבער דעם דאָרפישן װעגל, װאָס גייט אַרויס צום שליאַך, אָנגעפאָרן אַ קאָטש, ער האָט אַ געשריי געטון, אַז אַלץ איז פאַרלוירן, און געהייסן זי שיסן אין אים. ער אַליין האָט גלייך אויסגעשאָסן דער מומעשי אין ברוסט. מסתּמא דערזעענדיק, װאָס ער האָט אָפּגעטון, און אַז די קאָטש, װעלכע האָט אים דערשראָקן, איז אַװעקגעפאָרן אין אַן אַנידערער זייט, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען די פאַרװונדעטע, פאַרבלוטיקטע מומעשי פון װאָגן, אַװעקגעלייגט זי אויפן װעג און איז האַסטיק אַװעקגעפאָרן. צו דער מומעס גליק זענען באַלד אָנגעפאָרן פויערים, האָבן זי אויפגעהויבן און אַריינגעפירט צום פּאַסטאָר, װעלכער האָט איר װי נישט איז איבערגעבונדן די װונד און געשיקט נאָך אַ דאָקטאָר. די װונד איז געװען אין דער רעכטער זייט ברוסט אויף דורך (די מומעשי האָט מיר באַװיזן דעם פאַרבליבענעם שפּור) און נישט קיין שװערע. אין דער צייט װען זי איז, פאַרבעסערנדיק זיך, נאָך אַלץ אַ מעוברתטע, געלעגן באַ דעם פּאַסטאָר, איז איר מאַן געקומען צו לויפן און, דערציילט דעם פּאַסטאָר די געשיכטע, װי אַזוי זי איז אויף אַן אומגליקלעכן אופן פאַרװונדערט געװאָרן, האָט ער געבעטן, מען זאָל אים אַריינלאָזן צו איר זעען זיך. דאָס זעען זיך איז געװען שרעקלעך. אַ כיטרער, װי אַלע גייסטיק-קראַנקע, האָט ער זיך געמאַכט, כּלומרשט ער האָט חרטה אויף זיין טאַט, און ער דאגהט נאָר װעגן איר געזונט. אָפּגעזעסן מיט איר אַ היפּשע צייט, און רעדנדיק גאַנץ פאַרשטאַנדיק װעגן אַלץ, האָט ער אויסגענוצט די רגע, װען זיי זענען פאַרבליבן אַליין, כּדי פּרוּװן אויסצופירן זיין פּלאַן. כּלומרשט זאָרגנדיק פאַר איר געזונט, האָט ער געבעטן, זי זאָל אים װייזן איר צונג, און אַז זי האָט זי אַרויסגעשטעלט, האָט ער מיט איין האַנט געכאַפּט די צונג און מיט דער צװייטער אַרויסגעכאַפּט אַ גאָלמעסער מיט דער כּװנה אָפּצושניידן זי. עס איז פאַרגעקומען אַ קאַמף, זי האָט זיך פון אים אַרויסגעריסן, גענומען שרייען, מענטשן זענען אָנגעלאָפן, מען האָט אים אָפּגעהאַלטן און אַװעקגעפירט.

פון דעמאָלט אָן איז זיין משוגעת באַשטימט געוואָרן, און ער האָט לאַנג געלעבט אין עפּעס אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק-קראַנקע, בישט האָבנדיק קיין מגע ומשא מיט דער מומעשי.

אינגיכן נאָך דעם האָט מען די מומעשי געבראַכט צו די עלטערן קיין פּעטערבורג, און דאָרט האָט זי געבוירן שוין אַ טויט קינד.

מורא האָבנדיק פאַר די רעזולטאַטן פון דעם עגמת-נפש צוליבן טויט פונם קינד, האָט מען איר געזאָגט, אַז איר קינד לעבט, און מען האָט גענומען אַ מיידעלע, וואָס איז דעמאָלט געבוירן געוואָרן באַ אַ באַקאַנטער דינסט, באַ דעם ווייב פון דעם קעניגלעכן הויף-קוכער. דאָס דאָזיקע מיידעלע איז פּאַשענקע, וועלכע האָט געלעבט באַ אונז, און איז שוין געווען אַ דערוואַקסן מיידל, בעת איך האָב זי אָנגעהויבן צו געדענקען. איך ווייס נישט, ווען האָט מען פאַר פּאַשענקען אַנטדעקט די געשיכטע פון איר געבורט, נאָר ווען איך האָב זי געקענט, האָט זי שוין געוווסט, אַז זי איז בישט דער מומעשיס טאָכטער. נאָכדעם, וואָס עס איז מיט איר געשען, האָט די מומע אַלעקסאַנדרע איליגישנע געלעבט באַ אירע עלטערן, נאָכדעם באַ מיין פאָטער, און נאָכדעם, נאָך דעם פאָטערס טויט, איז זי געווען אונזער אַפּוטרופּוסטע, און ווען איך בין אַלט געווען 12 יאָר, איז זי געשטאָרבן אין דעם אָפּטינער קלויסטער.

דידאָזיקע מומע איז געווען אַן עכט רעליגיעזע פרוי. איר געליבטע באַשעפטיקונג איז געווען לייענען די לעבנסבאַשרייבונגען וועגן די הייליקע, שמועסן מיט דורכגייער, מיט יוראָדיווע*), מאָנאַכן, מאָנאַשקעס, וואָס אייניקע פון זיי האָבן שטענדיק געלעבט אין אונזער הויז, און אייניקע פלעגן נאָר באַזוכן די מומעשי. צווישן די, וואָס האָבן כמעט שטענדיק געלעבט באַ אונז, איז געווען די מאָנאַשקע מאַריע געראַסימאָוונע, די טויף-מוטער פון מיין שוועסטער, וועלכע איז אין דער יוגנט געגאַנגען וואַנדערן אַלס יוראָדיווער איוואַנושקע. די טויף-מוטער פון דער שוועסטער איז מאַריע געראַסימאָוונע געווען דערפאַר, וואָס די מוטער האָט איר צוגעזאָגט נעמען פאַר אַ קוואַטערין, אויב זי וועט אויסבעטן באַ גאָט אַ טאָכטער, וועלכע דער מאַמען האָט זיך זייער געוואָלט האָבן נאָך פיר זין. די טאָכטער איז געבוירן געוואָרן, און מאַריע געראַסימאָוונע איז

---

*) מענטשן, וואָס מאַכן זיך פאַר נאַרן אין קריסטוסעס נאָמען; גילטן פאַר הייליקע.

געווען איר טויף-מוטער און האָט געלעבט טיילווייז אין דעם טולער פרויענקלויסטער, טיילווייז בּאַ אונז אין הויז.

די מומעשי אַלעקסאַנדרע איליניִשנע איז געווען נישט נאָר אויסער־לעך רעליגיעז, אָפּגעהיט תעניתים, פיל מתפלל געווען, זיך געחברט מיט מענטשן פון הייליקן לעבן, אַזוינע ווי עס איז אין איר צייט געווען דער הייליקער לעאָניד אין דעם אָפּטינער קלויסטער, נאָר זי האָט אויך אַליין געלעבט אַן עכט־קריסטלעך לעבן, סטאַרענדיק זיך, נישט נאָר אויסצומיידן יעדן לוקסוס און באַדינונג, נאָר אויף וויפיל מעגלעך צו דינען לייטן. קיין געלט האָט זי קיינמאָל נישט געהאַט, ווייל זי פלעגט אַוועקגעבן די, וואָס האָבן געבעטן, אַלץ, וואָס זי האָט געהאַט.

דאָס קאַמער־מיידל גאַשע, וועלכע איז נאָך דער באָבעשיס טויט אַריבערגעגאַנגען צו איר, האָט מיר דערציילט, ווי זי פלעגט, בשעת מיר האָבן געוווינט אין מאָסקווע, גייענדיק צו דער אינדערפריערדיקער מעסע, פאַרזיכטיק אויף די טשיפּקעס דורכגיין פאַרביי דעם שלאָפעדיקן קאַמער־מיידל און אַליין טון אַלץ, וואָס לויט דעם אָנגענומענעם מנהג פלעגן דאַרפן טון די דינסטמיידלעך. אין שפּייז, אין קליידונג איז זי געווען אַזוי איינפאַך און האָט אַזוי ווייניק געפאָדערט, ווי נאָר מען קאָן זיך עס פאָרשטעלן. ווי אומאָנגענעם דאָס זאָל מיר נישט זיין צו זאָגן, אָבער איך געדענק פון קינדווייז אָן דעם באַזונדערן זויערן ריח פון דער מומעשי אַלעקסאַנדרע איליניִשנע, וועלכער האָט געשטאַמט מסתּמא פון איר אומציכטיקייט אין טואַלעט. און דאָס איז געווען יענע גראַציעזע, מיט פיינע בלויע אויגן, פאַטישע Aline, וועלכע האָט ליב געהאַט צו לייענען און איבערצושרייבן פראַנצויזישע פערזן, געשפּילט האַרפע און געהאַט גרויס דערפאָלג אויף די גרעסטע בעלער.

איך געדענק, ווי זי איז אַלעמאָל געווען גלייך פריינדלעך און גוט, פונקט אַזוי מיט אַלע חשובע מענער און דאַמען, ווי מיט מאָנאַש־קעס, דורכגייער און דורכגייערינס.

איך געדענק, ווי דער שוואָגער יושקאָוו האָט ליב געהאַט צו שפּאַסן פון איר, און ווי איינמאָל האָט ער איר פון קאַזאַן צוגעשיקט אַ גרויסן קאַסטן אויף איר נאָמען. אין דעם קאַסטן האָט זיך אַרויסגע־וויזן נאָך אַ קאַסטן, אין יענעם — נאָך אַ דריטער און אַז. וו. ביז אַ קליין קעסטעלע, אין וועלכן עס איז געווען אַ פאַרוויקלטער אין וואַטע מאָנאַך. איך געדענק, ווי דער פאָטער האָט גוטמוטיק געלאַכט, באַווייזנ־דיק דער מומעשי דעם פאַקעט. איך געדענק נאָך, ווי צו מיטאָג האָט

דער פֿאָטער דערציילט, ווי אַזוי זי האָט זיך כּלומרשט צוזאַמען מיט איר קוזינע מאַלטשאַנאָוו אין צערקווע געיאָגט נאָך דעם גלח, וועלכן זיי האָבן זייער געאַכט, כּדי צו באַקומען פֿון אים אַ ברכה.

דער פֿאָטער האָט עס פֿאַרגעשטעלט ווי אַ געיעג; כּלומרשט מאַלטשאַנאָוו האָט געוואָלט כאַפּן דעם גלח בײַ די צאַרישע טירן ער האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער צפֿון-טיר. מאַלטשאַנאָוו האָט זיך צו שטאַרק צעיאָגט און איז אַריבערגעלאָפֿן צו ווייט, און דאָ האָט עס אים געכאַפּט. Aline איך געדענק איר ליב גוטמוטיק געלעכטער און איר מיט פֿאַרגעניגן שײַנענדיק פּנים. דאָס רעליגיעזע געפֿיל, וואָס האָט אָנגעפֿילט איר נשמה, איז פֿאַר איר געווען באַשײַנפּערלעך אַזוי וויכטיק, איז געווען אין אַזאַ מאָס העכער פֿאַר אַלץ מיט אַנאַנד, אַז זי האָט נישט געקאָנט זײַן אין כּעס, נעמען זיך צום האַרץ פֿון עפּעס, נישט געקאָנט האַלטן די וועלטלעכע ענינים פֿאַר אַזוי וויכטיק, ווי מען האָט זיי געוויינלעך געהאַלטן. זי האָט געזאָרגט פֿאַר אונז, ווען זי איז געווען אונזער אַפּאָטראָפּוסטע, נאָר אַלץ, וואָס זי האָט געטון, האָט נישט אײַנגעשלונגען איר נשמה. אַלץ איז געווען אונטערגעוואָרפֿן צום דינען גאָט, אַזוי ווי זי האָט ס'דאָזיקע דינען פֿאַרשטאַנען.

VI

די דריטע סאַמע וויכטיקע נאָך דעם פֿאָטער און דער מוטער פּערזאָן אין דער הינזיכט פֿון השפּעה אויף מײַן לעבן איז געווען די מומעשי, ווי מיר האָבן זי גערופֿן, טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָוונע יערגאָלסקי. זי איז געווען מצד די גאָרטשאַקאָוס זייער אַ ווייטע קרובה דער באָבעשיס. זי און איר שוועסטער ליזע, וועלכע האָט נאָכדעם חתונה געהאַט מיט דעם גראַף פּיאָטר איוואַנאָוויטש טאָלסטאָי, זענען געבליבן קליינע מיידעלעך, אָרימע יתומות נאָך די געשטאָרבענע עלטערן. עס זענען געווען נאָך עטלעכע ברידער, וועלכע די קרובים האָבן ווי עס איז אײַנגעאָרדנט. די מיידלעך אָבער האָבן באַשלאָסן נעמען צו זיך דערציִען די באַרימטע אין איר קרייז, אין טשערנער קרייז, און אין איר צײַט מאַכטפֿולע און חשובֿע טאַטיאַנע סעמיאָנאָוונע סקוראַטאָוו און מײַן באָבעשי. מען האָט צונויפֿ-

געוויקלט צעטעלעך, אוועקגעלייגט הינטער דעם הייליקן בילד, געזאָגט אַ תּפילה און אַרויסגענומען, און ליזעלע איז אָנגעקומען צו טאַטיאַנע סעמיאָנאָוונען, און די שוואַרצינקע צו דער באַבעשי, טאַניעלע, אַזוי האָט מען זי גערופן בײַ אונז, איז געווען פון איין עלטער מיט מיין פאָטער, איז געבוירן געוואָרן אין 1795 יאָר און האָט זיך דערצויגן פולקאָם גלייך מיט מיינע מומעס, און אַלע האָבן זי צערטלעך ליב געהאַט. ווי עס איז אוממעגלעך געווען נישט ליב צו האָבן זי פאַר איר פעסטן, אַנטשלאָסע־נעם, ענערגישן און צוזאַמען דערמיט גרייטן אויף קרבנות כאַראַקטער. עס מאָלט זייער גוט איר כאַראַקטער די מעשה מיט אַ ווירע, וואָס זי האָט מיר דערציילט, באַוויינדיק אַ גרויסן, כמעט ווי די דלאָניע גרויס, שפּור פון אַ ברען אויף דער האַנט צווישן דעם עלנבויגן און דער דלאָ־ניע. אַלס קינדער האָבן זיי געלייענט די געשיכטע וועגן מוציוס סצע־וואָלאַ און זיי האָבן אָנגעהויבן אַמפּערן זיך וועגן דעם, וואָס קיינער פון זיי וואָלט זיך נישט אַנטשלאָסן צו טון דאָסזעלביקע. „איך וועל טון“, — האָט זי געזאָגט. — „דו וועסט נישט טון“, — האָט געזאָגט יאַזיקאָף, מיין טויף־פאָטער און — דאָס איז אויך פאַר אים כאַראַקטעריסטיש — ער האָט אָנגעברענט איבערן ליכט די ווירע, אַזוי אַז זי האָט זיך פאַרדעקט מיט קויל און געראויכערט. — „אַט לייג דאָס צו צו דער האַנט“ — האָט ער געזאָגט. זי האָט אויסגעצויגן די ווייסע האַנט — דעמאָלט זענען מיידעלעך אַלע מאָל געגאַנגען דעקאָלטע, — און יאַזי־קאָוו האָט די פאַרקוילטע ווירע צו איר צוגעלייגט. זי האָט זיך פאַרקרימט, האָט אָבער די האַנט נישט אַוועקגענומען, זי האָט נאָר דעמאָלט גענומען קרעכצן, ווען די ווירע האָט זיך צוזאַמען מיט דער הויט אָפּגעריסן פון דער האַנט. ווען די גרויסע האָבן דערזעען איר וווּנד און גענומען פרעגן, ווי אַזוי איז דאָס געוואָרן, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט עס אַליין געטון, געוואָלט פּרוּוון איבערלעבן דאָס, וואָס עס האָט איבערגעלעבט מוציוס סצעוואָלאַ.

אַזאַ איז זי געווען אין אַלץ, אַן אַנטשלאָסענע און אַן אָפּפער־גרייטע, זי איז אויסנים געווען זייער אַ סימפּאַטישע מיט איר האַרטן שוואַרצן, געקרייזלטן צאָפּ און מיט די אַגאַט־שוואַרצע אויגן און מיט דעם באַליבטן ענערגישן אויסדרוק. וו. אי. יושקאָוו, דער מומע פּעלאַגעיע איליניטשנעס מאַן, אַ גרויסער ווייבערניק, פלעגט אָפט, שוין אַלטערהייט, מיט יענעם געפיל, מיט וועלכן עס רעדן פאַרליבטע וועגן זייערע

אַמאָליקע געליבטע, — דערמאָנען וועגן איר: Toinette, oh, elle était charmante!(*

בשעת איך האָב זי אָנגעהויבן צו געדענקען, איז זי שוין געווען אַריבער 40. און איך האָב קיינמאָל נישט געטראַכט וועגן דעם, צי זי איז אַ שיינע, צי נישט קיין שיינע. איך האָב זי פּשוט ליב געהאַט, ליב געהאַט אירע אויגן, שמייכל, די טונקעלע ברייטע קליינע האַנט מיט דעם ענערגישן קווערן אָדערל.

אפּנים אַז זי האָט געליבט דעם פאָטער און דער פאָטער האָט זי געליבט, אָבער זי האָט מיט אים נישט חתונה געהאַט — אין דער יוגנט, כדי ער זאָל קאָנען חתונה האָבן מיט מיין רייכער מאַמען. און שפּעטער האָט זי מיט אים נישט חתונה געהאַט דערפאַר, וואָס זי האָט נישט געוואָלט קאַליע מאַכן אירע ריינע פּאָעטישע באַציִונגען מיט אים און מיט אונז. אין אירע פּאַפּירן ליגט אין אַ פּאַטשערקענעם פּאָרטפעל פאַלגנדיק צעטעלע, וואָס איז געווען אָנגעשריבן אין 1836-סטן יאָר, 6 יאָר נאָך מיין מוטערס טויט: „16 août 1836. Nicolas m'a fait aujourd'hui une étrange proposition, — celle de l'éponser, de servir de mère à ses enfants et de ne jamais les quitter J'ai refusé la première proposition, j'ai promis de remplir l'autre tant que je vivrai(**.

אַזוי האָט זי פאַרשריבן, זי האָט אָבער קיינמאָל אונז, קיינעם נישט געזאָגט וועגן דעם.

נאָך דעם פאָטערס טויט האָט זי דערפילט זיין צווייטן פאַרלאַנג. מיר האָבן געהאַט צוויי לייבלעכע מומעס און אַ באָבעשי. אַלע האָבן זיי אויף אונז געהאַט מער רעכט, איידער טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָוונע, וועלכע מיר האָבן גערופן מומעשי בלויז פון רגילות, וואָרים אונזער קרובהשאַפט איז געווען אַזאַ הייטע, אַז איך האָב זי קיינמאָל נישט געקאָנט געדענקען, נאָר לויט דעם געזעץ פון דער ליבשאַפט צו אונז, ווי בודאַ מיט

---

*) טואַנעט, אָ, זי איז געווען פּראַכטפול!

**) 16 אויגוסט, 1836 י. ניקאָלאַי האָט מיר היינט געמאַכט אַ מין מאָדנעם פאָרשלאַג. חתונה האָבן מיט אים און זיין אַ מוטער צו זיינע קינדער און קיינמאָל זיי נישט פאַרלאָזן. איך האָב מיך אָפּגעזאָגט פון דעם ערשטן פאָרשלאַג, און צוגעזאָגט דערפילן דעם צווייטן ווי לאַנג איך וועל לעבן.

דעם פאַרוואונדערטן שוואַן. האָט זי פאַרנומען אין אונזער דערציִונג דאָס ערשטע אָרט. און מיר האָבן עס געפילט.

באַ מיר פלעגן זיין אויפבראָזן פון אַנטציקטער תּפילהדיקער ליבע צו איר. איך געדענק ווי איינמאָל אויפן דיוואַן אין גאַסטצימער (מיר איז געווען 5 יאָר) האָב איך מיך אַוועקגעלייגט הינטער איר; לאַשטשענדיק האָט זי מיך אָנגערירט מיט איר האַנט. איך האָב געכאַפּט דידאָזיקע האַנט און גענומען קושן זי און וויינען פון תּפילהדיקער ליבע צו איר.

זי איז דערצויגן געוואָרן ווי אַ פרייליין פון אַ רייך הויז — האָט גערעדט און געשריבן פראַנצויזיש בעסער איידער רוסיש. האָט פיין געשפילט פאָרטעפּיאַן, נאָר אַ יאָר 30 האָט זי זיך צו איר נישט צוגערירט. זי האָט גענומען שפּילן ערשט דעמאָלט, ווען איך האָב, שוין אַ דערוואַקסענער, זיך געלערנט שפּילן און אָפּטמאָל, שפּילנדיק אין פיר הענט, פלעגט זי מיך פאַרוואונדערן מיט דער רעגלמעסיקייט און מיט דער פיינקייט פון איר שפּילן. צו דער דינערשאַפט איז זי געווען גוט, האָט קיינמאָל בייז מיט איר נישט גערעדט, האָט נישט געקאָנט אַריבערטראָגן דעם געדאַנק וועגן קלעפּ, אָדער ריטער, נאָר זי האָט געהאַלטן, אַז לייבקנעכט — זענען לייבקנעכט און איז זיך מיט זיי באַגאַנגען ווי אַ פּריצהטע. אָבער נישט געקוקט דערויף האָבן אַלע באַדינער זי אויסגעצייכנט פון אַלעמען, האָבן זי ליב געהאַט. ווען זי איז געשטאָרבן און מען האָט זי געטראָגן איבערן דאָרף, זענען פון אַלע הייזער אַרויס די פּויערים און באַשטעלט הזכרות. דער הויפּט-שטריך איבער איז געווען ליבע, נאָר כאָטש איך וואָלט שטאַרק נישט געוואָלט, אַז דאָס זאָל זיין אַזוי, — ליבע צו איין מענטש — צו מיין פאָטער. ערשט שוין אַרויסגעגאַנגען פון דעם צענטער, האָט זיך איר ליבשאַפט פאַרשפּרייט אויף אַלע מענטשן. עס האָט זיך געפילט, אַז זי האָט אונז אויך ליב געהאַט צוליב אים, דורך אים האָט זי אויך אַלעמען ליב געהאַט, ווייל דאָס גאַנצע לעבן אירס איז געווען ליבע.

צוליב איר ליבע צו אונז האָט זי געהאַט די גרעסטע רעכט אויף אונז. אָבער די לייבלעכע מומעס, דערהויפּט פעלאַגעיע איליינישנע, האָט צוועקפירנדיק אונז קיין קאַזאַן געהאַט די אויסערלעכע רעכט, און זי האָט זיך זיי אונטערגעגעבן, אָבער איר ליבע איז מחמת דעם נישט שוואַכער געוואָרן. זי האָט געלעבט באַ דער שוועסטער דער גרעפין יע.

אַ. טאָלסטאָי, נאָר מיט דער נשמה האָט זי געלעבט באַ אונז, און ווי נאָר עס איז געוואָרן מעגלעך, האָט זי זיך אומגעקערט צו אונז. דאָס, וואָס זי האָט די לעצטע יאָרן פון איר לעבן — אַרום 20 יאָר — פאַרבראַכט מיט מיר אין יאַסנאַיאַ פאָליאַנאַ — איז פאַר מיר געווען אַ גרויס גליק. נאָר ווי האָבן מיר געקאָנט מער שעצן אונזער גליק, ובפרט אַז דאָס עכטע גליק איז אַלע מאָל נישט שרייענדיק און אומבאַמערקלעך! איך האָב געשעצט, אָבער ווייט נישט גענוג. זי האָט ליב געהאַט צו האַלטן באַ זיך אין צימער אין פאַרשידענע כלים זיסינקע זאַכן: פייגן, לעקעך, טייטלען, און זי האָט ליב געהאַט צו קויפן און מכבד צו זיין מיך דעם ערשטן. איך קאָן נישט פאַרגעסן און אָן ביטערן פאַרדערמיט נישט דערמאַנען זיך, ווי איך האָב איר עטלעכע מאָל פונם געוויסן וורף אָפגעזאָגט צו געבן געלט אויף דידאָזיקע נאַשערייען און ווי זי פלעגט טרויעריק זיפצנדיק אַנטשוויגן ווערן. אמת, איך בין געווען געענגט אין געלט, אָבער איצט קאָן איך מיך אָן שרעק נישט דערמאַנען, ווי אַזוי איך האָב איר אָפגעזאָגט.

ווען איך האָב שוין חתונה געהאַט, און זי האָט אָנגעהויבן שוואַך ווערן, האָט זי איינמאָל אויסגעקליבן אַ צייט, ווען איך בין געווען באַ איר אין צימער און, אָפקערנדיק זיך מיטן פנים (איך האָב געזען, אַז זי איז גרייט זיך פונאַנדערצווייבען), געזאָגט צו מיר: „אָט וואָס mes chers amis, מיין צימער איז זייער אַ גוטס און ווערט אייך נייטיק זיין. און אויב איך וועל אין אים שטאַרבן, — האָט זי געזאָגט מיט אַ ציטעריק קול, — וועט אייך אומאָנגענעם זיין די דערינערונג, טאַ פירט מיך אַריבער אין אַן אַנדער צימער, איך זאָל שטאַרבן נישט דאָ". אַזאַ איז זי געווען אינגאַנצן פון די ערשטע צייטן פון מיין קינדהייט אָן, ווען איך האָב נאָך נישט געקאָנט פאַרשטיין...

איר צימער איז געווען אַזאַ: אין דעם לינקן ווינקל איז געשטאַנען אַ קעסטעלע מיט אַן אַ שיעור קלייניקייטן, וועלכע האָבן געהאַט אַ ווערט נאָר פאַר איר, אין דעם רעכטן — אַן ארון מיט הייליקע בילדער און מיט אַ גרויסן דערלייזער אין זילבערנע קליידער. אינמיטן — אַ דיוואַן, אויף וועלכן זי פלעגט שלאָפן, פאַר אים — אַ טיש. רעכטס אַ טיר צו איר קאַמער-מיידל.

איך האָב געזאָגט, אַז די מומעשי טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָוונע האָט געהאַט די גרעסטע השפעה אויף מיין לעבן. דידאָזיקע השפעה איז באַשטאַנען ערשטנס אין דעם, וואָס נאָך אין דער קינדהייט האָט זי מיך

אויסגעלערנט דעם גייסטיקן תענוג פון ליבע. זי האָט עס מיך געלערנט נישט מיט ווערטער, נאָר מיט דעם גאַנצן וועזן אירן האָט זי מיך אָנגע־שטעקט מיט ליבשאַפט. איך האָב געזעען, געפילט, ווי גוט עס איז איר געווען צו ליבן. און איך האָב פאַרשטאַנען דאָס גליק פון ליבע. דאָס איז דאָס ערשטע; דאָס צווייטע איז דאָס, וואָס זי האָט מיך אויסגעלערנט די פּראַכט פון נישט איילנדיקן איינזאַמען לעבן.

הגם דאָס איז אַ דעריבערונג שוין נישט פון דער קינדהייט, נאָר פון דערוואַקסענעם לעבן, קאָן איך דאָך נישט נישט דערמאַנען מיין בחוריש לעבן מיט איר אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

איך געדענק די האַרבסטיקע און די ווינטערדיקע אָוונטן, און די־דאָזיקע אָוונטן זענען פאַר מיר פאַרבליבן וואונדערבאַרע דעריבערונגען. דידאָזיקע אָוונטן האָב איך צו פאַרדאַנקען פאַר די בעסטע מיינע געדאַנ־קען, פאַר די בעסטע באַוועגונגען פון מיין נשמה. זיצסט זיך אויפן פּאָ־טעל, לייענסט, טראַכסט, הערסט ווען־נישט־ווען אירע שמועסן מיט נאַטאַ־ליאַ פּעטראָוונען, אָדער מיט דוניעלען, דעם קאַמערמיידל, זי איז אַלע מאָל אַ גוטע, אַ פריינטלעכע. ווארפסט זיך מיט איר דורך מיט אַ וואָרט, און ווידער זיצסטו, לייענסט, טראַכסט. דער וואונדערלעכער פּאָטעל שטייט נאָך איצט אויך בא מיר, אָבער ס'איז שוין נישט דאָס. און אַ צווייטער דיוואַן, אויף וועלכן עס איז געשלאָפן די גוטע אַלטיטשקע נאַטאַליע פּעטראָוונע, וועלכע האָט געוווינט בא איר, נישט צוליב איר, נאָר דער־פאַר, וואָס זי האָט נישט געהאַט ווו צו זיין. צווישן דעם פענצטער און־טערן שפּיגל איז געווען איר שרייבטישל מיט סלאָיטשיקלעך און מיט אַ וואַזעלע, אין וועלכן עס זענען געווען זיסע זאַכן: לעקעך, טייטלען, מיט וועלכע זי פלעגט מיך מכבד זיין. לעבן פענצער — צוויי פּאָטעלן און רעכטס פון דער טיר אַן אויסגענייטער רויקער פּאָטעל, אויף וועלכן זי האָט ליב געהאַט, איך זאָל זיצן אין די אָוונטן.

די הויפּט־פּראַכט איז געלעגן אין דעם, וואָס עס איז נישט געווען קיין שום מאַטעריעלע זאָרג, אין די גוטע באַציונגען צו אַלעמען, אין די פעסטע, בלי ספק גוטע באַציונגען צו די נאָענטסטע מענטשן, וועל־כע האָבן דורך קיינעם נישט געקאָנט געשטערט ווערן, אין דער נישט־איילעוודיקייט, אין דעם נישט־באַוווסטזיין פון דער לויפנדיקער צייט. דעמאָלט האָט מען געקאָנט זאָגן: Wer darauf sitzt, der ist glück-lich, und der Glückliche bin ich.

און באמת, איך בין געווען עכט-גליקלעך, ווען איך בין געזעסן אין דעם פאָטעל. נאָך דעם שלעכטן לעבן אין טולע באַ די שכנים, מיט קאָרטן, ציגיינער, געיעג, נארישער גאווה, קערסטו זיך צוריק אהיים, קומסט צו איר, צעקושסט זיך מיט איר לויט דער געוווינהייט האַנט אין האַנט, איך — איר ליבע, ענערגישע, זי — מיין שמוציקע, זינדיקע האַנט, גריסנדיק זיך מיט איר אויך לויט דער אַלטער רגילות אויף פראַנצויזיש, שפּאַסט אַ ביסל מיט נאַטאַליע פּעטראָוונען און זעצסט זיך אַריין אין דעם רויקן פאָטעל.

זי ווייסט אַלץ, וואָס איך האָב געטון, באַדויערט עס, נאָר זי מאַכט קיינמאָל נישט קיין פאָרוואורף, אַלע מאָל מיט דער זעלביקער פריינדשאַפט, ליבשאַפט. איך זיץ אין פאָטעל, לייען, טראַכט, הער מיך צו צו דעם שמועס אירן מיט נאַטאַליע פּעטראָוונען. אַמאָל דערמאַנען זיי דאָס פּאַרצייטיקע, אַמאָל לייגן זיי אויס אַ פּאַסיאַנס, אַמאָל טייטשן זיי אויס סימנים, אַמאָל וויצלען זיי זיך וועגן עפּעס, און ביידע אַלטיטשקע לאַכן, דערהויפּט די מומעשי, מיט אַ ליבן געלעכטער, וועלכן איך הער אפילו איצט. איך דערצייל וועגן דעם, וואָס די פּרוי פון אַ באַקאַנטן האָט גע-פעלשט קעגן דעם מאַן, און איך זאָג, אַז דער מאַן איז מסתמא צופרידן, וואָס ער האָט זיך באַפרייט פון איר. און די מומעשי, וועלכע האָט נאָר-וואָס גערעדט מיט נאַטאַליע פּעטראָוונען וועגן דעם, אַז אַן אָנוואוקס אויף דער ליכט באַטייט אַ גאַסט, הייבט פּלוצלינג אויף די ברעמען און זאָגט, ווי אַ זאַך, וועלכע איז שוין לאַנג באַ איר אין דער נשמה באַשלאָסן, אַז אַ מאַן טאָר עס נישט טון, ווייל ער וועט דערמיט אינגאַנצן אָוועק-פירן די פרוי. נאָכדעם דערציילט זי מיר וועגן אַ דראַמע באַ דער הויפּישער דינערשאַפט, וועגן וועלכער דוניעלע האָט איר דערציילט. נאָכ-דעם לייענט זי נאָכאַמאָל איבער דעם בריוו פון דער שוועסטער מאַ-שענקע, וועלכע זי האָט ליב, אויב נישט מער, איז פּונקט אַזוי ווי מיך, און רעדט וועגן איר מאַן, איר לייבלעכן פּלימעניק, נישט פאַראורטיילנ-דיק, נאָר טרויערנדיק אויף דעם עגמת-נפש, וואָס ער האָט פאַרשאַפט מאַשענקען. נאָכדעם לייען איך ווייטער, זי קלויבט איבער אירע קליינ-קייטן — אַלץ זכרונות.

די הויפּטאייגנשאַפט פון איר לעבן, וועלכע האָט מיך נישט ווילנ-דיק אָנגעשטעקט, איז געווען איר וואונדערלעכע אַלגעמיינע גוטסקייט צו אַלעמען אָן אויסנאַם. איך טאַרע מיך דערמאַנען און קען נישט קיין

איין פאַל, ווען זי זאָל ווערן אין כעס, זאָגן אַ שאַרף וואָרט. באַרעדן, און כ'קאָן מיך נישט דערמאַנען קיין איין פאַל אַזאַ פאַר דרייסיק יאָר לעבן. זי האָט גערעדט גוטס וועגן דער אַנדערער מומעשי, דער לייבלעכער, וועלכע האָט מיר אָן רחמנות בייז געטון דערמיט, וואָס זי האָט אונז אָפּגענומען פון איר; האָט אויך נישט גערעדט קיין שלעכטס וועגן דער שוועסטערס מאַן, וועלכער איז זיך מיט איר זייער שלעכט באַגאַנגען. וועגן דער דיבערשאַפט איז דאָך שוין נישטאָ וואָס צו רעדן. זי איז אויסגעוואַקסן אין די באַגריפן, אַז עס זענען פאַראַן האַרן און מענטשן, אָבער זי האָט זיך באַנוצט מיט איר הערשאַפט, נאָר כדי צו דינען די מענטשן. זי האָט מיר קיינמאָל דירעקט נישט אויסגערעדט פאַר מיין שלעכט לעבן, הגם זי האָט געליטן פאַר מיר. דעם ברודער סערגיי, וועלכן זי האָט אויך הייס געליבט, האָט זי אויך נישט אויסגערעדט אפילו דעמאָלט, ווען ער האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ ציגיינערין. די איינציקע שאַטירונג פון אומרויקייט פאַר אים איז געווען דאָס, וואָס אַז ער פלעגט לאַנג נישט קומען, פלעגט זי זאָגן: וואָס איז דאָס מיט אונזער סערגעיוסן. בלויז אַנשטאָט סעריאָזשע — סערגיוס. זי האָט קיינמאָל נישט געלערנט, ווי דאַרף מען לעבן, מיט ווערטער, האָט קיינמאָל נישט געזאָגט קיין מוסר. די גאַנצע מאָראַלישע אַרבעט איז געווען אַן איבעראַרבעטונג אין איר אינעווייניק, און אינדרויסן זענען אַרויס נאָר אירע מעשים — און נישט מעשים — קיין מעשים — זענען נישט געווען, נאָר איר גאַנץ לעבן, אַ רויקע אַ שטילע, אַן אונטערגעגעבענע און אַ ליבנדיקע נישט מיט אומרויקער, אין זיך זעלבסט זיך שפּיגלענדיקער, נאָר מיט שטילער אומבאַמערקטער ליבע.

זי האָט געטון די אינערלעכע אַרבעט פון ליבע, און דעריבער האָט זי זיך ערגעץ נישט געדאַרפט איילן. און די דאָזיקע צוויי אייגנשאַפטן, — ליבעוודיקייט און נישט איילעוודיקייט — האָבן אומבאַמערקט געצויגן צו איר אין געזעלשאַפט און האָבן געשאַפן אַ באַזונדערע פּראַכט אין דער דאָזיקער נאָענטקייט.

דערפאַר איז פּונקט ווי איך ווייס נישט קיין פאַל, אַז זי זאָל עמעצן באַליידיקן, אַזוי קען איך קיינעם נישט, ווער עס זאָל זי נישט ליבן. קיינמאָל האָט זי נישט גערעדט וועגן זיך, קיינמאָל נישט וועגן רעליגיע, וועגן דעם, ווי דאַרף מען גלויבן, וועגן דעם, ווי זי גלויבט און איז מתפלל. זי האָט געגלויבט אין אַלץ, האָט אָבער נישט אָנער-

קענט נאָר איין דאָגמע — די אייביקע ענויים. Dieu, qui est la bonté même, ne peut pas vouloir nos souffrauces (*.

און חוץ אויף תּפילות און הזכּרות האָב איך קיינמאָל נישט געזעען ווי זי מאָליעט זיך. נאָר לויט דער באַזונדערער פריינטלעכקייט, מיט וועלכער זי האָט זיך באַגעגנט, ווען איך פלעג צו איר אַמאָל אַריינגיין שפּעט אינאָוונט נאָכן זעגענען זיך אויף דער נאַכט, פלעג איך מיך שטויסן, אַז איך האָב איבערגעריסן איר תּפילה. — „קום אַריין, קום אַריין, — פלעגט זי זאָגן, — און איך רעד דאָ ערשט מיט נאַטאַליע פּעטראָוונען, אַז Nicolas וועט נאָך צו אונז אַריינגיין. זי פלעגט מיך אָפט רופן מיט דעם פאָטערס נאָמען, און דאָס איז מיר געווען באַזונדער אָנגענעם דערפאַר, ווייל דאָס האָט באַוויזן, אַז די פאָרשטעלונג וועגן מיר און דעם פאָטער פאַרייניקט זיך אין איר ליבע צו ביידן. אין דידאָזיקע שפּעטע אָוונטן פלעגט זי שוין זיין אויסגעטון, אין אַ נאַכט-העמד מיט אַ טיכל אויף די אַקסלען, מיט פּיסלעך פון אַ הינדעלע אין די פאַנטאָפל, און פונקט אין אַזאַ נעגליזשע פלעגט זיין נאַטאַליע פּעטראָוונע. „זעץ זיך, זעץ זיך, — פלעגט זי זאָגן, זעענדיק, אַז מיר ווילט זיך נישט שלאָפן, אָדער ס'איז מיר שווער די איינזאַמקייט. און וועגן דעמדאָזיקן אומגעזעצלעכן שפּעטן זיצן איז מיר באַזונדער אָנגענעם צו געדענקען. אַמאָל פלעגט עפּעס קאָמישעס זאָגן נאַטאַליע פּעטראָוונע, אָדער איך, און זי פלעגט זיך גוטמוטיק פונאַנדערלאַכן, און תּיכּף פלעגט זיך פונאַנדערלאַכן נאַטאַליע פּעטראָוונע אויך, אוןביידע אַלטיטשקע פלעגן לאַנג לאַכן, אַליין נישט וויסנדיק פון וואָס, נאָר ווי קינדער, בלויז דערפאַר, וואָס זיי האָבן אַלעמען ליב, און זיי איז גוט.

נישט בלויז די ליבע צו מיר איז געווען פריידיק. פריידיק איז געווען דידאָזיקע אַטמאָספער פון ליבע צו אַלע אָנוועזנדיקע, אָפּוועזנדיקע, לעבעדיקע און געשטאָרבענע מענטשן און אפילו צו חיות.

איך וועל נאָך פיל רעדן וועגן איר, אויב איך וועל פונאַנדערגראָבן מיין לעבן. איצט וועל איך נאָר זאָגן וועגן דער באַציונג פונם פאָלק, די יאַסנאָפּאָליאַנער פויערים, צו איר, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט בשעת איר לוויה: ווען מיר האָבן זי געטראָגן איבערן דאָרף, איז נישט

---

*) גאָט, וועלכער עס איז די גוטסקייט אַליין, קאָן נישט וועלן מיר זאָלן ליידן.

נישט געווען קיין איין הויף פון די 60, און וועלכן עס זאָלן נישט אַרויס־ גיין מענטשן און פאָדערן מען זאָל זיך אָפּשטעלן און מאַכן אַ הזכרה. „געווען אַ גוטע פּריצהטע, קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון“, — האָבן אַלע געזאָגט. און מען האָט זי געליבט און שטאַרק געליבט דערפאַר.

לאַאָדזע זאָגט, אַז זאַכן זענען ווערטפול דערמיט, וואָס אין זיי איז נישטאָ. אַזוי אויך דאָס לעבן: דער הויפּט־ווערט זיינער איז אין דעם, עס זאָל אין אים נישט זיין קיין שלעכטס. און אין דעם לעבן פון דער מומעשי טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָוונע איז נישט געווען קיין שלעכטס, דאָס איז לייכט צו זאָגן, נאָר שווער צו מאַכן. און איך האָב געקענט נאָר איין מענטש אַזוינעם.

געשטאָרבן איז זי שטיל, פּאַמעלעך איינשלאָפנדיק, און איז גע־ שטאָרבן, ווי זי האָט געוואָלט, נישט אין דעם צימער, אין וועלכן זי האָט געוווינט, כדי נישט קאַליע צו מאַכן עס פאַר אונז.

זי איז געשטאָרבן כמעט קיינעם נישט דערקענענדיק. מיך האָט זי אַלע מאָל דערקענט, שמייכלענדיק פלעגט זי אויפלייכטן, ווי אַן עלעקטריש לעמפּעלע, ווען מען דריקט אָן דאָס קנעפּעלע, און אַמאָל פלעגט זי באַוועגן מיט די ליפּן, און סטאַרענדיק זיך אַרויסרעדן Nicolas האָט זי פאַרן טויט שוין אינגאַנצן מיך פאַרייניקט מיט דעם, וועמען זי האָט אַ גאַנץ לעבן ליב געהאַט.

און איר, איר האָב איך עס אָפּגעזאָגט אין יענער קליינינקער פרייד, וואָס עס פלעגן איר פאַרשאַפן טייטלען, שאָקאָלאַד, און נישט אַזוי פאַר זיך, נאָר כדי מכבד צו זיין מיך גופא. און די מעגלעכקייט צו געבן אַ ביסל געלט די, וועלכע עס האָבן באַ איר געבעטן. דאָס קאָן איך נישט דערמאַנען אָן פיינלעכן פאַרוווּרף פונם געוויסן. ליבע, ליבע מומעלע, זייט מיר מוחל. Si jeunesse savait, si vieilesse pouvait*) — נישט אין דער הינזיכט פון דעם גוטס, וואָס אין דער יוגנט פאַר זיך נישט גענומען, נאָר אין דער הינזיכט פון דעם גוטס, וואָס איך האָב נישט געגעבן און פון דעם שלעכטס, וואָס איך האָב געטון יענע, וועלכע זענען שוין נישטאָ.

---

*) ווען די יוגנט וואָלט געוווּסט, ווען די עלטקייט וואָלט געקאָנט.

VII.

דעם דייטש, אונזער לערער פעדאָר איוואַנאָוויטש רעסעלן, האָב איך שוין באַשריבן, ווי איך האָב געקאָנט, געטרוי אין „קינדהייט“ אונטערן נאָמען קאַרל איוואַנאָוויטש. סיי זיין געשיכטע, סיי זיין פיגור, סיי זיינע חשבונות — דאָס איז אַלץ ווירקלעך אַזוי געווען. וועגן די ברידער און דער שוועסטער וועל איך דערציילן, אויב ס'וועט זיך מיר איינגעבן, באַשרייבנדיק די געשעענישן פון מיין קינדהייט. נאָר חוץ די ברידער און דער שוועסטער איז פון פינפיעריקן עלטער אָן מיט אונז צוזאַמען געוואַקסן מיינס אַ ראָוועסניצע דוניעלע טיעמיאַשעוו, און איך דאַרף דערציילן, ווער זי איז געווען, און ווי זי קומט צו אונז. צווישן אונזערע באַזוכער, וועלכע איך געדענק אין דער קינדהייט: דער מומעס מאַן יושקאָוו, פון אַ משונהדיקן פאַר קינדער אויסזעען, מיט שוואַרצע וואָנסעס, מיט באַקנבערד און אין ברילן (וועגן אים וועט נאָך אויסקומען פיל צו רעדן), און מיין טויף-פאָטער פ. אי. יאַזיקאָוו — אַ וווּנדערלעך-מיאוסן, אַ דורכגענומענעם מיטן ריח פון טאַבאַק, מיט איבעריקע הויט אויפן גרויסן געזיכט, וועלכע ער פלעגט קנייטשן אין סאַמע משונהדיקע און אומאויפהערלעכע גרימאַסן, — חוץ דידאַזיקע און די צוויי שכנים אָגאַריאָוון און איסליעניעוו, פלעגט נאָך צו אונז קומען אַ ווייטער קרוב פון גאָרטשאַקאָווס צד, אַ רייכער בחור טיעמיאַשעוו, וועלכער האָט גערופן דעם פאָטער ברודער און האָט געשפּירט צו אים עפּעס אַן אַנטציקטע ליבשאַפט. ער האָט געוווינט פערציק ווערסט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ אין דעם דאָרף פּיראָגאָוואָ און ער האָט איינמאָל געבראַכט פון דאָרט חזירימלעך מיט פאַרדרייטע אין רינגלעך עקן, וועלכע מען האָט אויף אַ גרויסער טאַץ אויסגעלייגט אויפן טיש אין בופעטצימער. טיעמיאַשעוו, פּיראָגאָוואָ און די חזירימלעך האָבן זיך בא מיר אין דמיון פאַרייניקט צוזאַמען.

חוץ דעם איז טיעמיאַשעוו בא אונז, קינדער, געבליבן אין זכרון נאָך דערמיט, וואָס ער האָט אין זאַל אויף דער פאָרטעפּיאַנע געשפּילט עפּעס איין טאַנץ-מאָטיוו (מ'ער ווי דאָס האָט ער נישט געקאָנט שפּילן)

און האָט אונז געלאָזט טאַנצן אונטער דערדאָזיקער מוזיק; און אַז מיר האָבן אים געפרעגט, וואָס פאַר אַ טאַנץ דאַרף מען טאַנצן, האָט ער געזאָגט, אַז אונטער דער מוזיק קאָן מען טאַנצן אַלע טענץ. און מיר האָבן ליב געהאַט דאָס אויסצונוצן.

עס איז געווען אַ ווינטערדיקער אָוונט, טיי האָט מען שוין אָפּגעטרונקען, און באַלד האָט מען אונז געדאַרפט פירן שלאָפן לייגן זיך, און באַ מיר האָבן זיך שוין די אויגן געקלעפּט, ווען אין גאַסטצימער, ווו מיר זענען געזעסן, און עס האָבן געברענט נאָר צוויי ליכט, און עס איז געווען האַלב פינצטער, איז פון דעם בופעט־צימער דורך דער אָפענער גרויסער טיר מיט גיכע טריט פון די ווייכע שטיוול אַריין אַ מענטש און, אַרויסגעגאַנגען אויפן מיטן צימער, האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויף די קני. די אָנגעצונדענע ליולקע אויפן לאַנגן ציבעק, וועלכע ער האָט געהאַלטן אין האַנט, האָט זיך אַ קלאַפּ געטון אָן דער פּאָדלאָגע, און פונקען האָבן זיך פונאַנדערגעשאָטן, באַלייכטנדיק דאָס געזיכט פון דעם מענטש, וועלכער איז געשטאַנען אויף די קני. דאָס איז געווען טעמיאַשעוו. וואָס האָט טעמיאַשעוו געזאָגט דעם פאָטער, פאַלנדיק פאַר אים אויף די קני, געדענק איך נישט, און כ'האָב אפילו נישט געהערט, איך האָב ערשט שפּעטער מיך דערוווּסט, אַז דאָס איז ער געפאַלן אויף די קני פאַרן פאָטער דערפאַר, וואָס ער האָט געבראַכט מיט זיך זיין נישט געזעצלעכע טאָכטער דוניעלע, וועגן וועלכער ער האָט שוין פריער גערעדט מיטן פאָטער, אַז ער זאָל זי צונעמען דערציען צוזאַמען מיט זיינע קינדער. פון דעמאָלט אָן האָט זיך באַ אונז באַוויזן אַ מיידעלע מיט אַ ברייטן, אין זומערשפּרענקלעך פנים, מיין ראָוועסניצע דוניעלע מיט איר ניאַניע יעווּפּראַקסיע, אַ הויכע, צעקנייטשטע זקנה מיט אַ הענגענדיקן באַ דער גאָמבע, ווי באַ אַן אינדיק, גאָרגל, אין וועלכן עס איז געווען אַ קייקעלע, וואָס זי פלעגט אונז געבן אַ טאַפּ טון.

דוניעלעס דערשיינונג באַ אונז אין הויז האָט זיך פאַרבונדן מיט אַ קאָמפּליצירטער פאַרמעגנס־קאָמבינאַציע צווישן דעם פאָטער מיט טעמיאַשעוון. די קאָמבינאַציע איז געווען אַזאַ:

טעמיאַשעוו איז געווען זייער רייך. קיין געזעצלעכע קינדער האָט ער נישט געהאַט. עס זענען נאָר געווען צוויי מיידעלעך:. דוניעלע און וועראָשקע, אַ האָרבאַטע מיידעלע פון אַ געוועזענער לייב־דינסט מאַרפושע, וועלכע איז באַפרייט געוואָרן. טעמיאַשעווס יורשטעס זענען געווען זיינע שוועסטער. ער האָט זיי איבערגעלאָזט אַלע אַנדערע זיינע

גיטער, און פּיראָגאָוואָ, אין וועלכן ער האָט געוווינט, האָט ער געוואָלט איבערגעבן דעם פֿאָטער מיט דעם תּנאַי, אַז די ווערט פֿון דעם גוט, 300.000 (ווענן פּיראָגאָוואָ האָט מען געזאָגט, אַז עס איז געווען אַ שמאָלץ־גרוב און איז ווערט געווען פֿיל מער), זאָל דער פֿאָטער איבערגעבן די צוויי מיידלעך. כּדי איינצוּאָרדנען די זאַך, האָט מען צוגעטראַכט פֿאָלגנ־דיקס: טעמיאַשעוו האָט געמאַכט אַן אַקט, לויט וועלכן ער האָט דעם פֿאָטער פֿאַרקויפֿט פּיראָגאָוואָ פֿאַר 300.000, און דער פֿאָטער האָט אַרויס־געגעבן וועקסלען דריי זייטיקע פּערזאָנען: איסליעניעוון, גליעבאָוון און יאַזיקאָוון, צו 100.000 יעדעס וועקסל. אין פֿאַל פֿון טעמיאַשעווס טויט, האָט דער פֿאָטער געדאַרפֿט באַקומען דאָס גוט, און דערקלערנדיק גליע־באָוון, איסליעניעוון און יאַזיקאָוון, מיט וואָס פֿאַר אַ ציל עס ווערן אויף זייער נאָמען געגעבן די וועקסלען, האָט ער געזאָלט אויסצאָלן 300.000, וועלכע האָבן געדאַרפֿט געהערן צו די מיידלעך.

ס׳קאָן זיין, אַז איך האָב אַ טעות אין דער באַשרייבונג פֿון דעם גאַנצן פּלאַן, נאָר איך ווייס אויף זיכער, אַז דאָס גוט פּיראָגאָוואָ איז נאָכן פֿאָטערס טויט אַריבער צו אונז, און אַז עס זענען געווען דריי וועקסלען אויף די נעמען פֿון גליעבאָוו, איסליעניעוו און יאַזיקאָוו, און די אַפּוטרופּסות האָט די וועקסלען געצאָלט, און די ערשטע צוויי האָבן די מיידלעך אָפּגעגעבן צו 100.000. יאַזיקאָוו אָבער האָט זיך צוגענומען דאָס געלט, וואָס האָט נישט צו אים געהערט. נאָר וועגן דעם שפּעטער.

דוניעלע האָט געלעבט באַ אונז און איז געווען אַ ליב, פּשוט, רויק, נאָר נישט קלוג מיידעלע, און אַ גרויסע קלאָג־מוטער. איך גע־דענק, ווי מען האָט מיך, וואָס כ׳האָב שוין געקאָנט לייענען און שרייבן פֿראַנצויזיש, געהייסן אויסלערנען זי די אותיות. לכתּחילה איז די אַרבעט אַוועק גוט. (מיר זענען אַלט געווען צו פֿינף יאָר) אָבער נאָכדעם איז זי מסתּמא מיד געוואָרן און האָט אויפֿגעהערט אָנצורופֿן ריכטיק דאָס אות, וואָס איך האָב איר באַוויזן. איך האָב געפּאָדערט. זי האָט זיך פֿונאַנדערגעוויינט, איך אויך. און אַז מען איז צו אונז געקומען, האָב איך גאָרנישט געקאָנט אַרויסרעדן צוליב די ביטערע טרערן. איך גע־דענק נאָך וועגן איר, אַז ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען האָט צוגעגנבעט אַ פֿלוים פֿון טעלער, און מען האָט נישט געקאָנט געפֿינען דעם שולדיקן, האָט פֿעדאָר איוואַנאָוויטש מיט אַן ערנסט פּנים, נישט קוקנדיק אויף אונז, געזאָגט: דאָס, וואָס מען האָט אויפֿגעגעסן — דאָס איז גאָרנישט, נאָר אויב מען האָט דאָס ביינדעלע דערשלונגען, קאָן מען

נאָך שטאַרבן. דוניעלע האָט נישט געקאָנט פאַרטראָגן די מורא, און האָט געזאָגט, אַז זי האָט דאָס ביינדעלע אויסגעשפּיגן.

איך געדענק נאָך אירע ביטערע טרערן, ווען זי האָט מיטן ברו־דער מיטיענקע געמאַכט אַ שפּיל, וועלכער איז באַשטאַנען אין אַריינשפּייען איינער דעם צווייטן אין מויל אַריין אַ קליין מעשן קייטעלע, און זי האָט אַזוי שטאַרק אַ שפּיי געטון, און מיטיע האָט אַזוי ברייט אויפגעעפנט דאָס מויל, אַז ער האָט דערשלונגען דאָס קייטעלע. זי האָט געוויינט אַזוי, אַז מען האָט זי נישט געקאָנט באַרויקן, ביז עס איז געקומען דער דאָקטאָר און האָט נישט באַרויקט אַלעמען.

זי איז נישט געווען קיין קלוג, נאָר אַ גוט פּשוט מיידעלע, און דער עיקר אַזאַ ריינע נשמה, אַז צווישן אונז די יינגלעך און איר זענען קיינמאָל נישט געווען קיינע, אויסער ברודערלעכע באַציִונגען.

VIII.

וואָס ווייטער איך גיי פאָרויס אין מיינע זכרונות, אַלץ אומאָנט־שלאָסענער ווער איך אין דער פראַגע, ווי זאָל איך זיי שרייבן. געבונדן באַשרייבן די געשעעענישן און די נשמה־צושטאַנדן קאָן איך נישט, ווייל איך געדענק נישט די פאַרבינדונג און דעם סדר פון די צושטאַנדן פון מיין נשמה. באַשרייבנדיק אָבער אַזוי, ווי איך האָב געטון ביז איצט, די באַזונדערע פּערזאָנען, צווישן וועלכע עס איז פאַרביי מיין קינדהייט, ווייס איך נישט, ווו אָפּצושטעלן זיך אין דער באַשרייבונג פון זייער לעבן: זאָל איך מיך אָפּשטעלן דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך מיין קינדהייט, ווילט זיך מיר נישט, ווייל עס וועט מיר אפשר שוין נישט אויסקומען אומצוקערן זיך צו דידאָזיקע פּערזאָנען, און זיי זענען אינטערעסאַנטע. זאָל איך ווידער באַשרייבן דאָס לעבן פון דידאָזיקע פּערזאָנען ווייטער פאַר מיין קינדהייט, — וועט עס נישט קלאָר זיין פאַר דעם לייענער, ס׳וועט פאַרפאַלן ווערן דער פאָדעם פון דער דערציילונג...

איך וועל פּאָרזעצן, ווי עס וועט זיך מאַכן. מ׳קאָן נישט וויסן, צי איך וועל באַוויזן אָנצושרייבן מיין גאַנץ לעבן, איך וועל אפילו זיכער נישט באַוויזן, און דעריבער וועל איך שרייבן, ווי עס וועט זיך מאַכן אָן אויסבעסערונגען. אַלץ בעסער, איידער גאָרנישט פאַר די, וואָס פאַר זיי

איז מיין לעבן אינטערעסאַנט, און פאַר מיר, וואָס איך לעב איבער און שפּיר פיל גוטס אין דערדאָזיקער איבערלעבונג.

בכן זעץ איך פאָר, ווי איך האָב געוואָלט, באַשרייבנדיק לכתּחילה די נאָענטסטע מענטשן, די דינערשאַפט, וועלכע האָבן אין מיר אַלע איבערגעלאָזט אַ גוטן אָנדענק און נאָכדעם די שוועסטער און די ברידער. בעת איך וועל ענדיקן דידאָזיקע באַשרייבונגען, וועל איך אָנהייבן די דערציילונג כּסדר נאָך דער צייט, הגם טאָקע נישט געבונדן, אָפּגעריסע-נערהייט, וועגן דעם, וואָס איך געדענק וועגן די שטאַרקסטע מיינע איינדרוקן, וואָס פריער און וואָס שפּעטער.

בכן, וועגן דער דינערשאַפט: 1) פּראַסקאָוויע איסאַיעוונע, 2) טאַטיאַנע פיליפּאָוונע, 3) אַננע איוואַנאָוונע, 4) יעוופּראַקסיע. מאַנסבילן: 1) ניקאָלאַי דמיטריטש, 2) פאָקע דעמידיטש, 3) טאַראַס, 4) פימען, 5) דער קאָמערדינער וואָלאָדיע, 6) פּעטרושע, 7) מאַטיוּשע, 8) וואַסילי טרובעצקאָי, 9) דער קוטשער ניקאָלאַי פיליפּאָוויטש, 10) טיכאָן.

פּראַסקאָוויע איסאַיעוונען האָב איך גאַנץ ריכטיק באַשריבן אין „קינדהייט". אַלץ וואָס איך האָב וועגן איר געשריבן, איז געווען ריכטיק. איך ווייס נישט, פאַרוואָס איז עס אַזוי געווען געמאַכט, — דאָס הויז איז געווען גרויס, 42 צימערן, פּראַסקאָוויע איסאַיעוונע איז געווען אַ בכבודיקע פּערזאָן — דיווירטשאַפטערין, און פונדעסטוועגן איז בא איר אין קליינעם צימערל געשטאַנען אונזער קינדערישע כּלי. איך געדענק, איינער פון די סאַמע אָנגענעמע איינדרוקן איז געווען נאָכן לערנען אָדער אינמיטן לערנען זעצן זיך אין איר צימערל און רעדן מיט איר און הערן. מסתּמא האָט זי אונז ליב געהאַט צו זעען אין די מאָמענטן פון באַזונדערער גליקלעכער און דערוויכטער אָפנהאַרציקייט.

— פּראַסקאָוויע איסאַיעוונע, און ווי איז דער זיידע געגאַנגען אויף מלחמה? רייטנדיק? — פרעגסטו בא איר קרעכצנדיק, אַבי אַ ביסל צו רעדן און צו הערן.

— ער איז געגאַנגען פאַרשידן, אי אויפן פערד, אי צופוס. דערפאַר איז ער דאָך געווען גענעראַל-אַנשעף, — ענטפערט זי און אויפעפענענדיק די שאַפע, נעמט זי אַרויס אַ שטיקל פעך, וואָס זי האָט גערופן אָטשאַקאָווער קטורת. לויט אירע ווערטער איז אויסגעקומען, אַז דעמדאָזיקן פעך האָט דער זיידע געבראַכט צופירן פון הינטער אָטשאַ-

קאַוו; זי צינדט אָן אַ פּאַפּירל אָן לעמפּעלע באַם הייליקן בילד און צינדט אָן דעם פּעך, און ער רויכערט מיט אָן אָנגענעמען ריח.

חוץ דער באַליידיקונג, וואָס זי האָט מיך באַליידיקט, אָנשלאָגנדיק מיך מיט אַ נאַס טישטוך, ווי איך האָב עס באַשריבן אין „קינדהייט“, האָט זי מיך נאָך אַ צווייט מאָל באַליידיקט.

צווישן אירע פליכטן האָט זי נאָך געהאַט אויך די פליכט צו מאַכן אונז קאַנעס, ווען דאָס איז נייטיק געווען. אייגמאָל אינדערפרי, — שוין נישט אין די צימערן פאַר די פרויען, נאָר אונטן אין די צימערן פון פעדאָר איוואַנאָוויטשן, מיר זענען נאָר־וואָס אויפגעשטאַנען, און די עלטערע ברידער האָבן זיך שוין אָנגעטון, נאָר איך האָב מיך פאַרשפּעטיקט, און ערשט געקליבן זיך אַראָפּצונעמען מיין כאַלאַט און אָנטון זיך, — איז מיט שנעלע זקנישע טריט אַריינגעקומען פּראַסקאָוויע איסאַיעוונע מיט אירע אינסטרומענטן. די אינסטרומענטן זענען באַשטאַנען פון אַ טרייבל, צוליב עפּעס פאַרוויקלט אין אַ טישטוכל, אַזוי אַז נאָר דאָס געלבלעכע ביינערנע טרייבל האָט זיך אַרויסגעזען, און נאָך פון אַ טעלערל מיט בוימל, אין וועלכן מען האָט דאָס ביינערנע טרייבל איינגעטונקט. דער־זעענדיק מיך, האָט פּראַסקאָוויע איסאַיעוונע באַשלאָסן, אַז איך בין עס דער, איבער וועלכן די מומעשי האָט געהייסן אויספירן די אָפּעראַציע. אינדעראמתן איז עס גאָר געווען מיטיענקע, נאָר צופעליק אָדער בכיוון, ווייל ער האָט געוווסט, אַז עס דראָעט אים די אָפּעראַציע, וואָס מיר אַלע האָבן זי זייער נישט ליב געהאַט, האָט ער זיך אָנגעטון און איז אַוועק פונעם שלאָפצימער. און נישט געקוקט אויף מיינע פאַרזיכערונגען מיט שבועות, אַז נישט פאַר מיר איז באַשטימט די אָפּעראַציע, האָט זי זי מיר געמאַכט.

חוץ דער איבערגעגעבנקייט און דער ערלעכקייט אירער, האָב איך זי באַזונדער ליב געהאַט דערפאַר, וואָס זי מיט דער אַלטיטשקער אַננע איוואַנאָוונען האָט מיר אויסגעוויזן ווי די פאַרשטייערין פון דער גע־היימנישפולער זייט פון דעם יידנס לעבן און פון דער אַטשאַקאָווער קטורת.

אַננע איוואַנאָוונע האָט שוין נישט געאַרבעט אויף דער עלטער, און אַמאָל צווי איז זי געווען אין הויז, און איך האָב זי געזען. מען האָט געזאָגט, אַז איר איז שוין געווען 100 יאָר, און זי האָט געדענקט פוגאַטשאָוון. זי האָט געהאַט זייער שוואַרצע אויגן און איין צאָן. זי איז שוין געווען אין יענער עלטער, וועלכע איז שרעקלעך פאַר קינדער.

די ניאַניע טאַטיאַנע פיליפּאָוונע, אַ קלייניגקע, אַ שוואַרצחנוודיקע מיט פולע קלייניגקע הענטלעך, איז געווען אַ יונגע ניאַניע, די העלפערין פון דער אַלטער ניאַניע אַנושקע, וועלכע איך געדענק כמעט נישט, טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב זיך געקענט נישט אַנדערש ווי מיט אַנושקען. און פונקט ווי איך האָב אויף זיך נישט געקוקט און האָב זיך נישט געדענקט, — אַ וואָסערער בין איך געווען, אַזוי האָב איך אויך נישט געדענקט אַנושקען. אָט געדענק איך די ניי־אָנגעקומענע דוניעלעס ניאַניע, יעווּפּראַקסיע מיט איר קייקעלע אין גאָרל אויסגעצייכנט. איך געדענק, ווי מיר פלעגן נאָך דער ריי טאַפּן איר קייקעלע, ווי איך האָב פאַרשטאַנען אַלס עפּעס אַ נייעס, וואָס די ניאַניע אַנושקע, איז נישט אַזאַ זאַך, וואָס איז בײַ אַלעמען פאַראַן. אָט האָט דוניעלע גאָר אַ באַזונדערע, אַן אייגענע ניאַניע פון פּיראָגאָוואָ.

די ניאַניע טאַטיאַנע פיליפּאָוונע געדענק איך דערפאַר, וואָס זי איז נאָכדעם געווען די ניאַניע פון מיינע פּלימעניצעס און פון מיין עלטערן זון. דאָס איז געווען איינע פון יענע רירנדע נפשות פון פאָלק, וועלכע לעבן זיך אַזוי צוזאַמען מיט די משפחות פון זייערע האָדעוואַנקעס, אַז דעם גאַנצן אינטערעס זייערן טראָגן זיי איבער צו זיי, און פאַר די אייגענע משפחות לאָזן זיי איבער מער נישט ווי די מעגלעכקייט אויסצובעטלען און צו ירשענען דאָס אָנגעלעבטע געלט. אַלע מאָל האָבן זיי אויסבערענער ברידער, מענער, זין. אַזעלכע זענען טאַקע געווען, אויף וויפיל איך געדענק, טאַטיאַנע פיליפּאָוונעס מאַן און זון. איך געדענק, זי איז שטער, שטיל און מילד געשטאָרבן אין אונזער הויז אויף דעמזעלביקן אָרט, אויף וועלכן איך זיץ איצט און שרייב דידאָזיקע זכרונות.

איר ברודער ניקאָלאַי פיליפּאָוויטש איז געווען דער קוטשער, וועלכן מיר האָבן נישט נאָר ליב געהאַט, נאָר צו וועלכן מיר האָבן, ווי דאָס רוב קינדער פון די באַלעבאַטים, געשפּירט אַ גרויסע אַכטונג. ער האָט געהאַט אַ באַזונדערן מין גראָבע שטיוול, עס האָט פון אים אַלע מאָל אָנגענעם געשמעקט מיט מיסט, און אַ שטים האָט ער געהאַט אַ פריינטלעכע און אַ קלינגעוודיקע.

יאָ, נאָר פריער וועל איך זאָגן עטלעכע ווערטער וועגן די קאַמערדינערס און וועגן טיכאָנען. פאַרצייטן האָבן אַלע פּריצים, באַזונדער יעגער, געהאַט ליבלינגען. אַזעלכע האָט מיין פאָטער געהאַט צוויי ברידערקאַמערדינערס — פּעטרושע און מאַטיושע,ביידע שיינע, שטאַרקע, געשיקטע יעגער. ביידע האָבן זיי באַקומען פרייהייט און אַלערליי פּרי־

ווילעגיעס און מתנות פונם פאָטער. ווען מיין פאָטער איז פלוצלינג געשטאָרבן, איז געווען אַ חשד, אַז דידאָזיקע מענטשן האָבן אים פאַרסמט. דער טעם פון דעמדאָזיקן חשד איז געווען דאָס, וואָס באַם פאָטער זענען צוגעגנבעט געוואָרן אַלץ, וואָס ער האָט באַ זיך געהאַט אין געלט און פּאַפּירן, און נאָר די פּאַפּירן האָט מען אונטערגעוואָרפן דורך אַ קבצנטע אין דעם מאָסקווער הויז. איך מיין נישט, אַז דאָס זאָל זיין אמת, נאָר דאָס איז אויך מעגלעך געווען. עס זענען געווען דווקא אַזעלכע פאַלן, דווקא דאָס, וואָס פויערים, דערהויפּט דערהויבענע דורך זייערע האַרן, פלעגן אָנשטאָט קנעכטשאַפט באַקומען אַ גרויסע מאַכט, משוגע ווערן און טויטן זייער גוטסטוער. עס איז זיך שווער פאָרצושטעלן דעם גאַנצן איבערגאַנג פון פולקאָמער קנעכטשאַפט נישט נאָר צו פרייהייט, נאָר אפילו צו גרויסער מאַכט. איך ווייס אַליין נישט ווי און פאַרוואָס, נאָר איך ווייס, אַז דאָס פלעגט טרעפן, און אַז פעטרושע און מאַטיושע זענען געווען דווקא אַזעלכע מטורף געוואָרענע מענטשן, וואָס קאָנען זיך נישט באַפריידיקן דערמיט, וואָס זיי האָבן באַקומען און האָבן נאַטירלעך געוואָלט אויפהייבן זיך אַלץ העכער און העכער. איך האָב דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרשטאַנען, און מיר זענען זיי פשוט געפעלן געוואָרן, דערהויפּט פעטרושע — מיט זיין פלינקייט, כוח, מענלעכע שיינקייט, ריינקייט פון די קליידער און פריינטלעכקייט צו אונז, קינדער, און צו מיר באַזונדער. איך האָב אַלע מאָל פשוט געהאַט פאַרגעניגן, קוקנדיק אויף זיי, איך האָב אין זיי געזעען אַ באַזונדערן מין מענטשן, גרויס אַכטונג צו זיי האָבן אין מיר אַרויסגערופן די פאַרצעלייגנע און די הילצערנע געפאַרבטע פיגורקעלעך פון מענטשן, הינט, קעץ, מאַלפּעס, וועלכע זענען געשטאַנען באַ זיי אויף די פענצטער אין די צימערן פון דעם אונטערשטן גאָרן, אין וועלכע זיי האָבן געוווינט. גייענדיק פאַרביי זיי, האָבן מיר אַלע מאָל מיט אַכטונג געקוקט אויף די פיגורן. דאָס האָט מיר אויסגעוויזן עפּעס באַזונדער חשוב. ביידע זענען זיי געווען בחורים און ביידן האָט די הויפדינערשאַפט נישט ליב געהאַט.

טיכאָן פון בופעט, דער וואָס האָט געריבן טאַבאַק, און וועלכן מיר האָבן זייער ליב געהאַט, איז געווען אַ מענטש גאָר פון אַן אַנדערן מין. דאָס איז געווען אַ קליינטשיק, שמאָלינק מענטשעלע, איינגאַנצן אַ געגאָלטער, מיט אַ לאַנגן, ווי דאָס טרעפט באַ אַן אַקטיאָרן-קאָמיקער, שטח צווישן דער נאָז און דעם פעסט פאַרמאַכטן מויל און מיט באַוועגלעכע שטערן און ברעמען איבער די איינגעגראָבענע, גרויע אייגעלעך.

ער איז בײַ דעם זײדן אין אָרקעסטער געװען דער פּלײטיסט. זײַנע פּליכטן אין הויז זײַנען באַשטאַנען אין דעם, װאָס ער האָט געדאַרפט צוקלײבן אין די פּאַראַדנע צימערן און באַדינען בײַם טיש. ער איז געװען פון דער נאַטור אַן אַקטיאָר. עס האָט אים אַלײן אַפּנים פאַרשאַפט פאַרגעניגן פאַרצושטעלן אַבי װאָס און מאַכן קאָמישע גרימאַסן, װעלכע האָבן בײַ אונז, קינדער, אַרױסגערופן התפּעלות. אַלע האָבן פון אים אַלע מאָל געלאַכט. און װעגן אים זײַנען בײַ דער הויפדינערשאַפט געװען פאַרשפּרײט מעשׂיות װעגן דעם, װי אַזױ ער איז בשעת אַן אַװאַנטורע אױפן דאַרף אַרײַנגעפאַלן אין נעץ. אין זאַקן און אין אַ רעקעלע, פּלעגט ער אַלע אינדערפרי מיט אַ בעזימל פון טײך-טשירעט צוקלײבן אין די צימערן, בײַטאָג פּלעגט ער זיצן אין פאָדערצימער און שטריקן זאָקן.

איך רײס איבער די אָנעהויבענע באַשרײַבונג פון דער דינערשאַפט על פּי סדר. דאָס װײַזט מיר אויס לאַנגװײַליק און ס׳קומט נישט אַרױס. איך װעל באַשרײַבן מײַן לעבן, דערמאָנענדיק זיך װיפיל איך קאָן, אויף צוריק.

יאָ, פאָרױס איז פאַראַן אַזױ פיל אינטערעסאַנטס, װיכטיקס, אַז עס װאָלט זיך װעלן דערצײלן, אָבער איך קאָן מיך נישט אָפּרײַסן פון דער קינדהײט, פון דער העלער, צאַרטער, פּאָעטישער, ליבעפולער, סודותפולער קינדהײט. אַרײַנטרעטנדיק אין לעבן, פילן מיר אין דער קינדהײט, דערקענען מיר אין איר די גאַנצע װוּנדערלעכע סודותפולקײט אירע, מיר װײסן, אַז דאָס לעבן איז נישט נאָר דאָס, װאָס עס גיבן אונז אונזערע געפילן, אָבער דערנאָך מעקט זיך אַראָפּ דאָסדאָזיקע אמתע פאַרגעפיל, אָדער נאָכגעפיל פון דער גאַנצער טיפעניש פונם לעבן.

יאָ, דאָס איז געװען אַ װוּנדערלעכע צײַט. אָט האָבן מיר געענדיקט דאָס לערנען, געענדיקט דעם שפּאַציר, און מען האָט אונז געבראַכט אין גאַסטצימער, כּדי צו גײן אויף מיטאָג. דאָס גאַסט-צימער — אַ דיװאַן, אַ גרױסער קײַלעכיקער טיש פון רויט האָלץ, אין אַ גראָדן װינקל צום טיש — פיר פאָטעלן. אַנטקעגן דיװאַן — די באַלקאָן-טיר און בײַ די װענט צװישן דער טיר מיט די הויכע פענצטער — צװײ שפּיגלען אין געשניצטע באַגילדטע רעמען. די באָבעשי זיצט אויף דער לינקער זײַט דיװאַן מיט אַ גאָלדן טאַבאַק-פּושקעלע, און טשיפּיק מיט רוזש. די מומעשיס — אַלעקסאַנדרע איליניטשנע, טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָװנע, פּאַשינקע, דער מומעשיס אַדאָפּטירטע טאָכטער, מיט איר טויפמוטער מאַריע געראַסימאָװנע (װעגן װעלכער איך װעל באַלד דערצײלן),

פעדאַר איוואַנאָוויטש, אַלע האָבן זיך צונויפגעקליבן, מען וואַרט אויפן פּאָטער פון קאַבינעט. אָט גייט ער אַרויס מיט לעבעדיקע שנעלע טריט, מיט זיין סאַנגווינישן רויטן האַלז, אין ווייכע, אָן קנאַפּל, שטיוול, מיט גוטע שיינע אויגן און מיט באַחנטע מענלעכע באַוועגונגען. אַמאָל גייט ער אַרויס מיט דער ליולקע אין האַנט, ער גיט זי איבער דעם לאַקיי. ער גייט אַרויס און זעצט זיך צו לעבן דער באָבעשי, קושנדיק איר די האַנט, און שפּאַסנדיק וועגן עפּעס מיט אונז, מיט דער מומעשי, אָדער מיט פעדאָר איוואַנאָוויטשן.

— וואָס-זשע דערלאַנגט מען נישט דאָס מיטאָג? — רופט ער אויס מיט זיין גוטער פּריינטלעכער שטים. פון בופעטצימער גייט אַרויס עמעצער פון זיינע קאַמערדינערס-יעגערס — וואַלאָדיע, מאַטיושע, פּעטרושע (וועגן זיי דאַרף מען אויך דערציילן). „באַלד דערלאַנגט מען".

און ווירקלעך, אין דער קאָלאָסאַלער הויכער טיר (טונקל רויטער, אָפּגעפּאַרבטער, די טירן זענען אַזעלכע טאַקע פאַרבליבן) קומט אַריין אין בלויען סורדוט מיט די הויכע אין פאַלדן אַקסלען דער הויזפאַר-וואַלטער, די אַמאָליקע צווייטע פידל באַ דעם זיידן, פאָקע דעמידיטש, מיט זיינע צוזאַמענגעוואַקסענע אויפגעהויבענע ברעמען און מיט באַ-שיינפערלעכן שטאָלץ און מיט פייערלעכקייט מעלדעט ער: „דאָס עסן איז אויפן טיש".

אַלע הייבן זיך אויף. דער פּאָטער גיט די האַנט דער באָבעשי, נאָך זיי גייען די מומעשיס, פּאַשינקע, מיר מיט פעדאָר איוואַניטשן און עמעצער פון די, וואָס וווינען באַ אונז, און מאַריע געראַסימאָוונע. איך גיי צו (איך געדענק עס, ווי אַלע מאָל געדענקט זיך צוליב עפּעס איין מאָמענט באַזונדער העל) פון דער לינקער זייט צום פּאָטער, זיין האַנט רירט זיך אָן אָן מיינע האָר, אָן מיין האַלז, איך האָב ליב דידאָזיקע ווייסע האַנט מיט דעם כאַראַקטעריסטישן רויטן פּאַסיקל אויף דער פאַר-קערטער זייט פון דער דלאָניע און איך האַלט זי און איך וואַג נישט און לסוף טו איך איר אַ קוש. די האַנט טוט אַ דריק מיין באַק און איך בין געריררט-גליקלעך. מיר גייען פאַרביי דאָס בריקל פאַר דעם בופעטצימער אַנטקעגן דער טרעפּ און קומען אַריין איז דעם גרויסן זאַל. כמעט הינ-טער יעדער שטול שטייט אַ לאַקיי מיט טעלער, וועלכע זיי האַלטן אין דער לינקער האַנט באַ דער לינקער זייט ברוסט. אויב עס זענען פאַראַן געסט, שטייען זייערע לאַקייען הינטער זייערע שטולן און באַדינען זיי.

אויפן טיש, וועלכער איז צוגעדעקט מיט אַ גראָבלעך טישטוך, וואָס עס האָבן אויסגעאַרבעט די אייגענע וועבער, שטייען פלעשער מיט וואַסער, קריגלעך מיט קוואַס, אַלטע זילבערנע לעפל, מעסערס און גאָפּלען אייזערנע מיט הילצערנע הענטלעך, גלעזער סאַמע איינפאַכע, דינע. די זופּ גיסט מען אָן אין בופעטצימער, די לאַקייען טראָגן פונאַנדער טשאַסטקעס צו דער זופּ. נאָר אונז גיט מען עפּעס נישט קיין טשאַסטקעס און דער קאָמערדינער פּעטרושע, וועלכער איז באַזונדער גוט גענייגט צו מיר, רוקט מיר שטילינקערהייט אונטער אַ טשאַסטקע. ווי ווונדערלעך געשמאַק עס איז דידאָזיקע טשאַסטקע! איבעריקנס, צו מיטאָג איז אַלץ אַ פּאַרגעניגן, אַלץ פריידיק, אַלץ געשמאַק, אַלץ פריילעך. עס איז נאָר שווער צו זיצן אומבאַוועגלעך, און אויב מען דערלויבט נישט צו רירן זיך מיט דער אייבערשטער טייל קערפּער, קאָמפּענסירסטו זיך דערמיט, וואָס דו הוידעסט שטאַרק אונטערן טיש מיט די ביז דער פּאָדלאָגע נישט דערגרייכנדיקע דיקע פיסלעך אין ווייסע באַוולנע זאָקן, און אין שיך, וואָס דער אייגענער טויבער אַלעקסיי דער שוסטער האָט געמאַכט. אַלץ איז געשמאַק. אויסער, אַמאָל, דאָס אָדערדיקע שטיקל פלייש, וואָס איז שטעקן געבליבן אין מויל, און וואָס דו קייסט און קייסט, בשעת די גרויסע זענען פאַרנומען מיט אַ שמועס, שפּייסט אויס אין קליינעם פויסטל און וואַרפסט אַראָפּ אונטערן טיש. געשמאַק איז די קאַשע. געשמאַק זענען די געבאַקענע קאַרטאָפל, די ריבן, געשמאַק זענען די הענער מיט אוגערקעס. און דער עיקר איז געשמאַק דאָס פאַרבייסן, יעדעס זיסע פאַרבייסן: לאַטקעס, מילכיקע לאָקשן, כרוסט, צוואָרעך מיט סמעטענע. ס'איז אָפּטמאָל פריילעך צו הערן די שמועסן פון די עלטערע, ווען דו פאַרשטייסט זיי, אין דורכרעדן זיך מיט די ברידער וועגן אונזערע, פאַר אונז אַליין אינטערעסאַנטע, זאַכן און דער עיקר איז פריילעך צו קוקן אויף טיכאָנען.

טיכאָן דאָס איז די געוועזענע פלייט אין דעם זיידנס אָרקעסטער, אַ קליין פריילעך מענטשל מיט אַ ווונדערלעכן, לויט אונזער מיינונג, טאַלאַנט צו קאָמיזם. עס פלעגט טרעפן, ער שטייט הינטער דער באָבעשי, אָדער הינטער דעם פאָטער, פלוצלינג ציט ער אויס זיינע לאַנגע געגאָלטע ליפּן, גיט אַ פאָך מיטן טעלער און מאַכט אַ קאָמישע העוויה. מיר הייבן אָן צו לאַכן. עמעצער פון די גרויסע קוקט זיך ארום, און טיכאָן שטייט שוין ווי אַ סטאַטוע, אַ פאַרשטאָרבענער אין דער אומבאַוועגלעכער פּאָזע בא דער ברוסט.

ס'טרעפט צו מיטאָג נאָך אַ פאַרגעניגן — ווען מען וועגדט אויף מיר די אויפמערקזאַמקייט און מען שטעלט אַרויס פאַרן עולם מיין בריה־שאַפט צו פאַרפאַסן שאַראַדעס.

— אַנו אָקאָרשט, ליאָוקע, פאַכיר דו (מיך האָט מען אַזוי גערופן, איך בין געווען זייער אַ דיק קינד), צייכן זיך אויס מיט נאָך אַ שאַראַדע, — זאָגט דער פאָטער.

און איך צייכן מיך אויס מיט אַזאַ מין שאַראַדע: מיין ערשטע איז אַן אות, דאָס צווייטע אַ פויגל און ביידע צוזאַמען — אַ קליין הייזעלע. דאָס איז „ב" און „אוטקאַ—בודקאַ"*).

בשעת איך רעד, קוקט מען אויף מיר און מען שמייכלט, און איך ווייס, איך פיל, אַז דידאַזיקע שמייכלען באַטייטן נישט דאָס, אַז עס איז פאַראַן עפעס קאָמישס אין מיר, אָדער אין מיין רעדן, נאָר דאָס באַטייט, אַז די, וואָס קוקן אויף מיר, האָבן מיך ליב. איך פיל עס, און מיר איז התפעלותדיק־פריילעך אויפן האַרץ.

דאָס מיטאָג ענדיקט זיך, דעם פאָטער דערלאַנגט מען אַ פאַר־רייכערטע ליולקע, און ער גייט צו זיך, די באָבעשי — אין גאַסטצימער, מיר — אונטן, און מען הייבט אָן צו מאָלן. אַמאָל קומט דער פאָטער, שמועסט מיט פעדאָר איוואַנאָוויטשן אויף דייטש, פאַרוואונדערנדיק אונז מיט זיין אויסשפּראַך. ער רעדט ריכטיק: „זי", „גאַנץ", און מער אויפן זאַקסישן אופן — „סי" און „יאַנץ", און מיר הערן דעם פאָטערס אויס־שפּראַך מיט אומצוטרוי. אַמאָל מאָלט ער פאַר אונז, נאָכדעם גייען מיר געזעגענען זיך מיט דער באָבעשי מיט די מומעס. ניקאָלאַי דמיטריטש — דער דיאַדקע**) קליובט צונויף אונזערע זאַכן. הענגט אַריבער איבער דער האַנט און ווינטשט אונז אַ גוטע נאַכט און אַן אָנגענעמען שלאָף. אַמאָל שלאָפן מיר נישט און שמועסן, ביז וואַנען עס קומען אין דער פינצטער אַריין פעדאָר איוואַניטש, שלאָגט אויס פייער, צינדט אָן אַ שוועבעלע מיט אַ גרין פייערל, דערנאָך אַ ליכט, לייגט זיך אויף זיין געלעגער מיט די הויכע קישנס, פאַרלעשט די ליכט און איך ווער אַנט־שלאָפן.

*) די רוסישע „בע" גלייכט דעם יידישן ב; „אוטקאַ" — טייטשט: אַ קאַטשקע. צו־זאַמען „ב—וטקאַ"; אַזוי הערט זיך אין אויסרעד, דאָס וואָרט „בודקאַ", וואָס טייטשט: אַ ביידל.

**) אַ דערציער; אַ מין ניאַניע פון מענלעכן געשלעכט.

די בריד ער

איך וועל אָנהייבן פון די ייִנגערע. מיטיענקע איז אויף איין יאָר עלטער פאַר מיר.

ניין, איך קאָן נאָך נישט אַריבערגיין צו די ברידער. מען דאַרף דערמאָנען וועגן דעם בופעט-באַדינער וואַסילי טרובעצקאָי. דאָס איז געווען אַ ליבער פריינטלעכער מענטש, וועלכער האָט באַשיינפערלעך ליב געהאַט קינדער און האָט דעריבער אונז ליב געהאַט. דערהויפּט סעריאָזשען, דעם זעלביקן, באַ וועלכן ער האָט דערנאָך טאַקע געדינט און איז געשטאָרבן. איך געדענק דעם גוטן קרומען שמייכל פון זיין געגאָלטן פּנים, וואָס האָט זיך מיט די קנייטשן אײַנמיטן האַלז נאָענט געזען; אויך דעם באַזונדערן ריח בשעת ער האָט אונז גענומען אויף די הענט און געזעצט אויף אַ טאַץ (דאָס איז געווען איינע פון די גרויסע פאַרגעניגנס: „מיך אויך! איצט מיך!") און אַרומגעטראָגן איבערן בופעט, — דעם פאַר אונז סודותפולן אָרט, מיט עפעס אַן אונטערערדישן קאָרידאָר.

איינע פון די שטאַרקסטע זכרונות, וועלכע זענען פאַרבונדן מיט אים, איז געווען זיין אָפּפאָר קיין שטשערבאַטשאָווקע, אַ גוט אין קורסקער גובערניע, וואָס דער פאָטער האָט באַקומען בירושה פון פּעראָווסקען. דאָס (וואַסילי טרובעצקאָיס אָפּפאָר) איז פאָרגעקומען בשעת חגאות, אין דער צייט, בעת' מיר, קינדער, און עטלעכע הויף-באַדינער האָבן געשפּילט אין „דאָס רובעלע איז אַוועק".

וועגן דידאָזיקע חגאות-פאַרווײַלונגען דאַרף מען אויך דערציילן. די חגאות-פאַרווײַלונגען פלעגן פאָרקומען אַזוי: די הויפישע, זייער פיל, אַ מאָן 30 פלעגן זיך פאַרשטעלן, אַריין אין הויז און שפּילן אין פאַרשידענע שפּילן און טאַנצן אונטער דער מוזיק פון דעם זקן גריגאָרי, וועלכער פלעגט בלויז אין דערדאָזיקער צייט זיך באַווייזן אין הויז. דאָס איז געווען זייער פריילעך. די פאַרקליידטע זענען געווען ווי אַלע מאָל: אַ בער, מיט אַ פירער און אַ ציג, טערקן, טערקעכעס, גזלנים, פויערטעס-מאַנסבילן און פויערים-באָבעס. איך געדענק, ווי שיין עס האָבן מיר

אויסגעזעהן אייניקע פּאַרשטעלטע, און ווי שיין עס איז באַזונדער געווען מאַשע די טערקעכע. אַמאָל פלעגט די מומינקע אונז אויך פאַרקליידן. באַזונדער ווינטשנסווערט איז געווען עפּעס אַ גאַרטל מיט שטיינער, און מוסלענענע האַנטיכער, אויסגענייטע מיט זילבער און מיט גאָלד, און איך האָב מיר אַליין אויסגעוויזן זייער שיין מיט די וואָנסעס, וועלכע זענען געווען אָנגעצייכנט מיט געברענטן קאָרעק. איך געדענק, ווי קוקנ־דיק אין שפּיגל אויף מיין געזיכט מיט די שוואַרצע וואָנסעס און ברעמען, האָב איך נישט געקאָנט איינהאַלטן דעם שמייכל פון פאַרגעניגן, און מען האָט געדאַרפט מאַכן אַ געהויבן פּנים פון אַ טערק. מען איז געגאַנ־גען איבער אַלע צימערן, און מען האָט זיך מכבד געווען מיט אַלערליי נאַשערייען.

איינמאָל אין די חגאות פון מיין ערשטער קינדהייט זענען צו אונז געקומען אַלע איסלעניעווס פאַרקליידטע: דער פאָטער — דער זיידע פון מיין מוטער, דריי זין זיינע, און דריי טעכטער. אַלע האָבן געטראָגן וווּנדערלעכע פּאַר אונז בגדים: עס איז געווען אַ טואַלעט, אַ שטיוול, אַ קאַרטאָנענער פּאַיאַץ, און נאָך עפּעס.

געקומען פון אַ פערציק וויאָרסט ווייט, האָבן זיך די איסלעניעווס איבערגעטון אין דאָרף און, אַריינגעקומען אין זאַל, האָט זיך איסלעניעוו געזעצט באַ דעם פאָרטעפּיאַן און הויך אויסגעזונגען די פערזן, וועלכע ער האָט פאַרפאַסט, מיט אַ ניגון, וועלכן איך געדענק נאָך איצט. די פערזן זענען געווען אַזעלכע:

מיט ניי־יאָר אייך צו גראַטולירן
קומען מיר צו אייך אַריין;
אויב ס'וועט געלינגען אייך פאַרווײלן —
גליקלעך וועלן מיר דאַן זיין.

דאָס אַלץ איז געווען זייער וווּנדערלעך און מסתמא גוט פאַר גרוי־סע, אָבער פאַר אונז, פאַר די קינדער, זענען בעסער פאַר אַלץ געווען די הויף־באַדינער.

אַזעלכע פאַרווײלונגען פלעגן פאָרקומען די ערשטע טעג ווייַנאַכט און אַרום ניי־יאָר, אַמאָל אויך שפּעטער — ביז קרעשטשעניע*). נאָר נאָך

*) 7־טער יאַנואַר, דעם יום־טוב פון טויף; טשי קרוילי

ניי־יאָר פלעגט שוין קומען ווייניק עולם, און די פּראָווײַלונגען פלעגן שוין זײַן אָן התלהבות. אַזוי איז עס געווען אין דעם טאָג, ווען וואַסילי איז אַוועקגעפאָרן קיין שטשערבאַטשעווקע. איך געדענק אין דעם ווינקל פון דעם כמעט נישט באַלויכטענעם זאַל זענען מיר געזעסן אין אַ קרײַזל אויף אינדערהיים־אויסגעאַרבעטע שטולן פון אימיטירטן רויטן האָלץ מיט רימענע קישעלעך און האָבן געשפּילט אין „רובעלע". איינער איז אַרומגעגאַנגען און האָט געדאַרפט געפינען דעם רובל, און מיר האָבן אים איבערגעגעבן פון איינעם צום צווייטן, צוזינגענדיק: „גיי רו־בעלע, גיי רובעלע". איך געדענק איין הויפּישע האָט מיט אַ באַ־זונדער אָנגענעם און זיכער קול אויסגעזונגען אַלע די זעלביקע ווערטער. פּלוצלינג האָט זיך די טיר פונם בופעט געעפנט, און וואַסילי, עפּעס אויף אַ באַזונדערן אופן אַ פאַרשפּיליעטער, אָן אַ טאַץ און געפּעס, איז דורכן ברעג זאַל פאַרבײַגעגאַנגען אין קאַבינעט. ערשט איצט האָב איך מיך דערוווּסט, אַז וואַסילי פאָרט אַלס אָנגעשטעלטער קיין שטשער־באַטשאָקווע. איך געדענק, אַז דאָס איז געווען אַ העכערע שטעלע, און האָב מיך געפרייט פאַר וואַסילין, און צוזאַמען דערמיט איז מיר נישט בלויז אַ שאָדן געווען צו שיידן זיך מיט אים, צו וויסן, אַז ער וועט נישט זײַן אין בופעט, אַז ער וועט אונז שוין נישט טראָגן אויף דער טאַץ, נאָר איך האָב אפילו נישט פאַרשטאַנען, נישט געגלייבט, אַז אַזאַ ענדע־רונג זאָל קאָנען פאָרקומען. מיר איז געוואָרן שרעקלעך געהיימניספול־טרויעריק, און די ניגונים: „גיי רובעלע" זענען מיר געוואָרן תפילה־דיק־רירנד. און ווען וואַסילי האָט זיך צוריקגעקערט מיט דער מומעשי און איז מיט זײַן ליבן קרומען שמייכל צוגעגאַנגען צו אונז, קושנדיק אונז אין אַקסל, האָב איך דאָס ערשטע מאָל דערשפּירט די אימה און די שרעק פאַר דער אומבאַשטענדיקייט פונם לעבן און אַ רחמנות און ליב־שאַפט צו דעם ליבן וואַסילין. ווען איך האָב וואַסילין באַגעגנט נאָכדעם און געזען אין אים אַ גוטן, צי אַ שלעכטן אָנגעשטעלטן בײַם ברודער, אַ מענטש, וועלכן איך האָב חושד געווען, — איז שוין קיין שפּור נישט געבליבן פון דעם פריערדיקן הייליקן, ברידערלעכן מענטשלעכן געפיל.

IX.

יאָ, דער פּאַנפּאַראָן־באַרג — דאָס איז איינע פון די סאַמע ווייטע און ליבע און וויכטיקע דערינערונגען.

דער עלטערער ברודער ניקאָלינקע איז געווען מיט 6 יאָר עלטער פאַר מיר. אים איז אַלזאָ געווען אַ יאָר 10—11, ווען מיר איז געווען 4 אָדער 5, דעמאָלט טאַקע, ווען ער האָט אונז געפירט אויף דעם פּאַנפּאַראָן־באַרג. אין דער ערשטער יוגנט, איך ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געשעען, האָבן מיר אים געאירצט. ער איז געווען אַ וואונדערלעך ייִנגל, און דערנאָך אַ וואונדערלעכער מענטש. טורגעניעוו האָט וועגן אים געזאָגט זייער ריכטיק, אַז ער האָט בלויז נישט געהאַט די פעלערן, וועלכע זענען נייטיק, כּדי צו זיין אַ שריפטשטעלער. ער האָט נישט געהאַט דאָס עיקרשטע, וואָס עס איז נייטיק פאַר דעם פעלער: ער האָט נישט געהאַט די פּוסטע גאווה, אים איז לגמרי נישט געווען אינטערעסאַנט, וואָס עס טראַכטן וועגן אים מענטשן. אָבער די מעלות פון אַ שריפטשטעלער, וואָס ער האָט געהאַט — דאָס זענען געווען קודם כּל אַן איידלער קינסטלערישער חוש, אַ שטאַרק געפיל פון מאָס, גוטמוטיקער פריילעכער הומאָר, אַן אומגעווייגלעכער, אומדערשעפּלעכער דמיון, אַ וואָרהאַפטיקע הויך־מאָראַלישע וועלטאָנשויונג, און דאָס אַלץ אָן דער קלענסטער זעלבסטצופרידנהייט. דער דמיון איז בײַ אים געווען אַזאַ, אַז ער האָט געקאָנט דערציילן מעשהלעך, אָדער געשיכטעס מיט רוחות, אָדער הומאָריסטישע געשיכטעס אין דעם גייסט פון מאַדאַם רעדקליף, נישט אָפּשטעלנדיק זיך גאַנצע שעהן נאָכאַנאַנד און מיט אַזאַ זיכערקייט אין דערווירקלעכקייט פון דעם, וואָס ער דערציילט, אַז מען פלעגט פאַרגעסן, אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטע מעשה.

בעת ער האָט דערציילט, אָדער געלייענט (ער האָט געלייענט זייער פיל), האָט ער געמאָלט. געמאָלט האָט ער כּמעט אַלע מאָל בלויז שדים מיט הערנער, מיט פאַרדרייטע וואָנסעס, וועלכע טשעפּען זיך איינע אין די אַנדערע אין די סאַמע פאַרשידנסטע פּאָזעס און זענען באַ־

שעפּטיקט מיט די פאַרשידנסטע ענינים. דידאַזיקע צייכנונגען זענען אויך געווען פולע מיט דמיון און מיט הומאָר.

איז אָט האָט ער עס אונז, בעת אונז, די ברידער, איז געווען — מיר 5, מ׳טיענקען 6 און סעריאָזשען 7 יאָר, געמאָלדן, אַז בא אים איז פאַראַן אַזאַ סוד, דורך וועלכן אַלע מענטשן וועלן, בעת דער סוד וועט אַנטפּלעקט ווערן, זיין גליקלעך, עס וועלן נישט זיין קיין מחלות, נישט קיין אומאַנגענעמלעכקייטן, קיינער וועט אויף קיינעם נישט זיין אין כעס, און אַלע וועלן ליב האָבן איינע די אַנדערע, אַלע וועלן ווערן מוראַשקענע ברידער (אפנים אַז דאָס זענען געווען די מאָראַווישע ברידער, וועגן וועלכע ער האָט געהערט, אָדער געלייענט, נאָר אויף אונזער לשון האָט עס געהייסן מוראַשקענע ברידער). און איך געדענק, אַז דאָס וואָרט מוראַשקענע איז באַזונדער געפעלן געוואָרן, דער־מאָנענדיק אָן מוראַשקעס אין בערגל זאַמד. מיר האָבן אפילו געמאַכט אַ שפּיל אין מוראַשקענע ברידער, וועלכער איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס מען פלעגט זיך זעצן אונטער שטולן, אַרומצוימענדיק זיי מיט קעס־טעלעך, פאַרהענגענדיק מיט טיכלעך, און מיר פלעגן דאָרטן זיצן אין דער פינצטער צוגעטוליעט איינער צום צווייטן. איך, געדענק איך, האָב געשפּירט אַ באַזונדער געפיל פון ליבשאַפט און דערוויייכונג, און איך האָב זייער ליב געהאַט דעמדאָזיקן שפּיל. די „מוראַשקענע ברידער" האָט מען אונז אַנטדעקט, נאָר דער עיקר פונם סוד וועגן דעם, ווי מאַכט מען, אַז קיין מענטשן זאָלן נישט וויסן פון קיין אומגליק, זאָלן זיך קיינמאָל נישט קריגן און זאָלן נישט זיין אין כעס, נאָר זיי זאָלן שטענדיק זיין גליק־לעך, — דעם סוד, האָט ער אונז געזאָגט, האָט ער פאַרשריבן אויף אַ גרין שטעקעלע, און ס׳דאָזיקע שטעקעלע איז פאַרגראָבן לעבן וועג אויפן ראַנד פון דעם טאָל סטאַרי־זאַקאַז, אויף דעם זעלביקן אָרט, ווו איך האָב געבעטן, אַז, היות ווי מען דאַרף דאָך ערגעץ מקבר זיין מיין גוף, זאָל מען אין אָנדענקען פון ניקאָלינקען מיך דאָ באַגראָבן. אויסער דעמדאָ־זיקן שטעקעלע איז געווען נאָך עפּעס אַ פאַנפאַראָן־באַרג, אויף וועלכן ער קאָן אונז, האָט ער געזאָגט, אַרויפפירן, אויב מיר נאָר וועלן דערפילן די בייטיקע דערצו תנאים. די תנאים זענען געווען, ערשטנס: שטעלן זיך אין אַ ווינקל און נישט טראַכטן וועגן ווייסן בער.

איך געדענק, ווי איך האָב מיך געשטעלט אין ווינקל און האָב מיך געמיט, אָבער איך האָב בשום אופן נישט געקאָנט נישט טראַכטן וועגן ווייסן בער.

דער צווייטער תּנאי: דורכגיין נישט שטרויכלענדיק איבער דער שפּאַרע צווישן צוויי ברעטער פון דער פּאָדלאָגע, און דער דריטער תּנאי אַ לייכטער: אין משך פון אַ יאָר נישט זעען קיין האָז. — אַלץ איינס, אַ לעבעדיקן, צי אַ טויטן, צי אַ געבראָטענעם. חוץ דעם דאַרף מען זיך שווערן, אַז מען וועט אויסזאָגן דידאָזיקע סודות.

און דער, וואָס וועט אויספירן דידאָזיקע תּנאים און נאָך אַנדערע, שווערערע, וועלכע ער וועט נאָכדעם זאָגן, — וועט דערגרייכן, אַז איין פאַרלאַנג זיינער, אַ וועלכער עס זאָל נישט זיין, וועט מקוים ווערן. מיר האָבן געדאַרפט זאָגן אונזער פאַרלאַנג, סעריאָזשע האָט געוואָלט קאָנען אויסקנעטן פערדלעך און הינער פון וואַקס; מיטיע האָט געוואָלט קאָנען מאָלן אַלערליי זאַכן, ווי די מאָלער, אין גרויסע בילדער. און איך האָב גאָרנישט נישט געקאָנט צוטראַכטן, חוץ מאָלן קליינע בילדלעך.

דאָס אַלץ האָט מען, ווי עס טרעפט באַ קליינע קינדער, שנעל פאַרגעסן און קיינער איז נישט אַרויפגעשטיגן אויף דעם פאַנפאַראָן־באַרג. אָבער כ׳געדענק די געהיימנישפולע חשובקייט, מיט וועלכער ניקאָלינקע האָט פאַר אונז אַנטפּלעקט דידאָזיקע סודות און אונזער אַכטונג און ציטערן פאַר יענע ווונדערלעכע זאַכן, וועלכע עס האָבן זיך פאַר אונז אַנטפּלעקט. באַזונדערס אָבער האָט אין מיר אַ שטאַרקן איינדרוק איבער־געלאָזט דאָס מוראַשקענע ברודערשאַפט און דאָס סודותדיקע גרינע שטע־קעלע, וועלכעס איז מיט דעם פאַרבונדן, און וואָס דאַרף גליקלעך מאַכן אַלע מענטשן.

איצט טראַכט איך, אַז ניקאָלינקע האָט מסתּמא איבערגעלייענט, אָדער אָנגעהערט זיך וועגן די מאַסאָנען, וועגן זייער שטרעבונג גליק־לעך צו מאַכן מענטשן, וועגן די געהיימנישפולע מנהגים באַם אויפנעמען אין זייער אָרדען, מסתּמא האָט ער געהערט וועגן די מאָראַווישע ברי־דער, און האָט עס אַלץ אין זיין לעבעדיקן דמיון און ליבע צו מענטשן, צו גוטס פאַרייניקט צוזאַמען און צוגעטראַכט די אַלע מעשיות, און האָט זיך אַליין מיט זיי געפרייט און האָט אונז מיט זיי געדרייט אַ קאָפּ.

דער אידעאַל פון די מוראַשקענע ברידער, וועלכע טוליען זיך מיט ליבשאַפט איינער צו דעם אַנדערן, אָבער נישט אונטער צוויי שטולן, פאַר־האָנגענע מיט טיכער, נאָר אונטער דעם גאַנצן הימלסופיט און פון אַלע מענטשן אויף דער ערד, איז פאַר מיר פאַרבליבן דער זעלביקער. און גלייך ווי איך האָב דעמאָלט געגלייבט, אַז עס איז פאַראַן יענץ גרין

שטעקעלע אויף וועלכן עס איז אָנגעשריבן, אַז מען דאַרף אויסראָטן יעדעס שלעכטס אין מענטשן און געבן זיי דאָס גרויסע גוטס, אַזוי גלייב איך אויך איצט, אַז עס איז פאַראַן דערדאָזיקער אמת, און אַז ער וועט זיך אַנטפּלעקן פאַר מענטשן, און ער וועט זיי געבן דאָס, וואָס ער זאָגט צו.

מיטיעלע איז מיט אַ יאָר עלטער פאַר מיר. גרויסע שוואַרצע שטרענגע אויגן. איך געדענק אים כמעט נישט קיין קליינינקן. איך ווייס נאָר לויט די דערציילונגען, אַז ער איז אין דער קינדהייט געווען זייער קאַפּריזיק; מען דערציילט, אַז אויף אים פלעגן אָנפאַלן אַזעלכע קאַפּריזן, אַז ער פלעגט זיין אין כעס און האָט געוויינט דערפאַר, וואָס די ניאַניע קוקט אויף אים נישט, שפּעטער פלעגט ער פּונקט אַזוי כעסן זיך און שרייען דערפאַר, וואָס די ניאַניע קוקט אויף אים יאָ. איך ווייס לויט מען האָט מיר דערציילט, אַז די מאַמעשי האָט זיך מיט אים זייער געמאַטערט. ער איז געווען נענטער צו מיר לויטן עלטער, און מיר פלעגן מער שפּילן צוזאַמען, אָבער איך האָב אים נישט אַזוי ליב געהאַט ווי סעריאָזשען און ווי איך האָב ליב געהאַט און געאַכט ניקאָלינקען. מיר האָבן געלעבט אין פריינטשאַפט, איך געדענק נישט, אַז מיר זאָלן זיך קריגן, מסתמא, האָבן מיר זיך געקריגט און אפילו זיך געשלאָגן, נאָר אַזוי טרעפט שוין בא קינדער, אַז דידאָזיקע געשלעגן האָבן נישט איבערגעלאָזט קיין שום שפּור, און איך האָב אים ליב געהאַט מיט אַ רויקער פּשוטער ליבע און דעריבער האָב איך זי נישט באַמערקט און געדענק זי נישט. איך מיין, איך ווייס אפילו, מחמת איך האָב דאָס נישט איינמאָל איבערגעלעבט, דערהויפּט אין דער קינדהייט, אַז ליבשאַפט צו מענטשן איז אַ נאַטירלעכער צושטאַנד פון דער נשמה, אָדער גיכער — אַ נאַטירלעכע באַציונג צו אַלע מענטשן, און בשעת עס איז אַזוי, באַמערקט מען עס נישט. מען באַמערקט עס ערשט דעמאָלט, ווען מען לעבט נישט (נישט מען לעבט נישט, נאָר ווען מען האָט פאַר עמעצן מורא, — אַזוי האָב איך מורא געהאַט פאַר אָרימעלייט. האָב מורא געהאַט פאַר איינעם אַ וואָלקאָנסקין, וועלכער פלעגט מיך קניפּן; מיר, דאַכט זיך, פאַר קיינעם נישט), און דעמאָלט ווען מען ליבט באַזונדער שטאַרק, ווי איך האָב ליב געהאַט די מומעשי טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָוונע, דעם ברודער סעריאָזשען, ניקאָלינקען, וואַסילין, די ניאַניע איסאַיעווּנע, פּאַשענקען. אַלס קינד געדענק איך פון אים נישט קיינע באַזונדערע זאַכן, אויכער קינדישע פריילעכקייט. זיינע באַזונדערהייטן האָבן זיך אַרויסגעוויזן און זענען

מיר געבליבן אין זכרון ערשט פון קאַזאַן אָן, ווהין מיר זענען אריבערגעפאָרן אין דעם 40-סטן יאָר, און אים איז געוואָרן 13 יאָר. ביז דעמאָלט אין מאָסקווע געדענק איך, אַז ער פלעגט זיך נישט פאַרליבן, ווי איך און סעריאָזשע, האָט נישט באַזונדער ליב געהאַט נישט קיין טענץ, נישט קיין מיליטערישע פאַראַדן, וועגן וועלכע איך וועל שפּעטער דערציילן, און האָט זיך געלערנט גוט, פלייסיק. כ'געדענק, דער לערער, אַ סטודענט, פּאָפּלאָנסקי, וועלכער האָט אונז געגעבן די לעקציעס, האָט בנוגע צו דעם לערנען זיך פון אונזערע דריי ברידער אַזוי באַשטימט: סערגיי — אי ער וויל, אי ער קען, דמיטרי וויל, נאָר ער קען נישט (דאָס איז געוועזן נישט אמת), און ליעוו — נישט ער וויל, נישט ער קען. איך מיין, אַז דאָס איז געווען לויטער אמת.

אַזוי אַז די אמתע דערינערונגען מיינע וועגן מיטיעלען הייבן זיך אָן פון קאַזאַן אָן.

אין קאַזאַן בין איך, דער שטענדיקער נאָכטוער פון סעריאָזשען, געוואָרן אויסגעלאָסן (כ'וועל אויך שפּעטער דערציילן).

נישט נאָר פון קאַזאַן אָן, נאָר פריער אפילו האָב איך מיך באַשעפטיקט מיט מיין אויסערלעכקייט: האָב מיך באַמיט צו זיין וועלטלעך, comme il faut. פון דעם אַלעמען איז אין מיטיענקען אפילו קיין סימן נישט געווען; דאַכט זיך, ער האָט קיינמאָל נישט געקרענקט אויף די געוויינלעכע יונג-נעריש חסרונות. ער איז אַלע מאָל געווען ערנסט, באַטראַכט, ריין און אַנטשלאָסן, אַ כעסן, און דאָס, וואָס ער האָט געטון, האָט ער דערפירט ביז דער גרענעץ פון זיינע מעגלעכקייטן. ווען מיט אים האָט זיך געטראָפן, אַז ער האָט דערשלינגען אַ קייטעלע, האָט ער זיך, אויף וויפיל איך געדענק, נישט זייער באַאומרויקט וועגן די רעזולטאַטן, בשעת וועגן זיך געדענק איך, סאַר אַן אימה איך האָב איבערגעלעבט, בעת איך האָב דערעלנגען אַביינדל פון אַ פראַנצויזישער געטריקנטער פלוים. וואָס די מומע האָט מיר געגעבן, און ווי פייערלעך, גלייך ווי פאַרן טויט, איך האָב איר געמאָלדן וועגן דעם אומגליק. איך געדענק נאָך, ווי מיר, די קליינע, האָבן זיך געגליטשט אויף שליטלעך אַראָפּ אַ שטוילן באַרג פאַרביי די הינטישע ביידלעך (ווי פריילעך ס'איז געווען!), און עפּעס אַ דורכפאָרער האָט, אַנשטאָט צו פאָרן מיטן וועג, זיך געלאָזט איבערן באַרג. סעריאָזשע, דאַכט זיך, מיט אַ דאָרפיש יינגל האָבן זיך שטאַרק פונאַנדערגעגליטשט, און נישט קאָנענדיק אָפּהאַלטן דאָס שליטל, זענען זיי אַרונטערגעפאַלן אונטער די פערד. די קינדער-

זענען אַרויסגעקראָכן אומגעשעדיקטע. די טראָיקע איז אַרויפגעפאָרן אויפן באַרג. מיר אַלע זענען געווען פאַרנומען מיט דער געשעעניש, ווי איז מען אַרויסגעקראָכן פון אונטער דעם זייטיקן פערד, ווי דאָס מיטל-סטע פערד האָט זיך דערשראָקן, און אַז. וו. מיטיענקע אָבער, א ייִנגל פון א יאָר 9, איז צוגעגאַנגען צו דעם דורכפאָרער און האָט אים גע-נומען פאַרוואַרפן. איך געדענק, ווי מיך האָט פאַרוואונדערט און ס'איז נישט געפעלן געוואָרן, וואָס ער האָט געזאָגט, אַז דערפאַר, מען זאָל זיך נישט דערוועגן צו פאָרן דאָרט, ווו עס איז נישטאָ קיין וועג, פאַר-דינט מען אָפגעשיקט צו ווערן אין פערדשטאַל. אויף דעם לשון פון יענער צייט האָט עס באַטייט — שמייסן.

אין קאַזאַן האָבן זיך אָנגעהויבן זיינע באַזונדערהייטן... געלערנט האָט ער זיך גוט, גלייכמעסיק; האָט געשריבן פערזן זייער לייכט; כ'געדענק, ער האָט פיין איבערזעצט שילערס „Der Jüngling am Bache”, נאָר ער האָט זיך נישט אָפגעגעבן דערמיט... ער האָט ווייניק געהאַט צו טון מיט אונז, איז אַלע מאָל געווען רויק, ערנסט און פאַר-טראַכט. איך געדענק, ווי ער האָט זיך איינמאָל צעשטיפט, און ווי די מיידלעך זענען געוואָרן אַנטציקט דערפון, און איך האָב מקנא געווען און א טראַכט געטון, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער איז אַלע מאָל ערנסט. און איך האָב געוואָלט אויך אין דעם נאָכמאַכן אים. זייער א נאַרישער געדאַנק איז געקומען דער אָפּטרופּוסטע דער מומען אין קאָפּ אַריין — צו געבן יעדערן פון אונז צו ייִנגלעך, כדי זיי זאָלן אונז נאָכדעם זיין געטרייע דינער. מיטיענקען איז אָנגעקומען וואַניושע. דער-דאָזיקער וואַניושע לעבט נאָך איצט אויך. מיטיענקע איז זיך מיט אים אָפט באַגאַנגען שלעכט, דאַכט זיך, אפילו געשלאָגן. איך זאָג דאַכט זיך, ווייל איך געדענק עס נישט, איך געדענק זיין חרטה פאַר וואַניושען צו-ליב עפעס, און דאָס בעטן תחנונים, ער זאָל אים מוחל זיין. אַזוי איז ער געוואַקסן אומבאַמערקט, ווייניק האָבנדיק צו טון מיט מענטשן, אַלע מאָל, אויסער אין די רגעס פון צאָרן, א שטילער, אַן ערנסטער, מיט פאַרטראַכטע, שטרענגע, גרויסע ברוינע אויגן. ער איז געווען גרויס גע-וואַקסן, גאַנץ מאָגער, נישט זייער שטאַרק, מיט לאַנגע גרויסע הענט און מיט א געבויגטן רוקן.

זיינע באַזונדערהייטן האָבן זיך אָנגעהויבן, זינט ער איז אָנגעקו-מען אין דעם אוניווערזיטעט. ער איז געווען אויף א יאָר ייִנגער פאַר סערגייען, נאָר אין דעם אוניווערזיטעט איז ער אָנגעקומען מיט אים

צוזאַמען אויף דעם מאַטעמאַטישן פאַקולטעט, בלויז דערפאַר, וואָס דער עלטערער ברודער איז געווען אַ מאַטעמאַטיקער. איך ווייס נישט, ווי און וואָס האָט אים געבראַכט צו רעליגיעזן לעבן, נאָר אָנגעהויבן האָט זיך עס, זינט דעם ערשטן יאָר פון דעם אוניווערזיטעט-לעבן. די רעליגיעזע שמרעבונגען האָבן אים באַטירלעך געגעבן אַ ווענדונג צו דעם צערקווע-לעבן, און ער האָט זיך צו דעם איבערגעגעבן, ווי ער האָט אַלץ געטון, ביז עקסטרעמקייט. ער האָט גענומען עסן פּאַרעווע זאַכן, גיין אויף גאָטסדינסטן אין צערקווע, און איז נאָך שטרענגער געוואָרן צו זיך אין לעבן.

אין מיטיענקען איז אפּנים געווען יענער טייערער שטריך פון כאַראַקטער, וועלכן איך האָב גערעכנט צו געפינען אין דער מוטער, וועלכן איך האָב געקענט אין ניקאָלינקען, און וועלכן איך האָב לגמרי נישט פאַרמאָגט — דער שטריך פון פולקאָמער גלייכגילטיקייט צו דעם, וואָס לייטן מיינען וועגן אים. איך האָב קיינמאָל ביז סאַמע דער לעצטער צייט קיינמאָל זיך נישט געקאָנט באַפרייען פון דער דאגה וועגן דער מיינונג פון לייטן; בא מיטיענקען אָבער איז דאָס לגמרי נישט געווען. איך געדענק קיינמאָל נישט אויף זיין געזיכט יענעם איינגעהאַלטענעם שמייכל, וועלכער טרעט נישט ווילנדיק אַרויס, בעת מען לויבט אייך. איך געדענק אַלע מאָל זיינע ערנסטע, רויקע, אומעטיקע, אַמאָל נישט גוטע, גרויסע, ברוינע מאַנדל-אויגן. פון קאַזאַן אָן האָבן מיר ערשט גענומען אַכטונג געבן אויף אים, איז דאָס אויך נאָר דערפאַר, וואָס בעת איך און סעריאָזשע האָבן זייער געהאַלטן פון „Komme il faut" פון דער אויסערלעכקייט, איז ער געווען אָפּגעלאָזט און שמוציק, און מיר האָבן אים דערפאַר פאַראורטיילט. ער האָט נישט געטאַנצט און האָט זיך עס נישט געוואָלט לערנען, אַלס סטודענט איז ער נישט אַרויסגעפאָרן צווישן לייטן, האָט געטראָגן בלויז דעם סטודענטישן סורדוט מיט אַ שמאָלן האַלזטוך, און פון יוגנט אָן האָט זיך שוין בא אים באַוויזן דאָס צוקעניש ער פלעגט צוקן מיטן קאָפּ גלייך, ווי באַפרייענדיק זיך פון אַ שמאָל האַלזטיכל.

די ערשטע באַזונדערהייט זיינע האָט זיך אַרויסגעוויזן, בשעת ער האָט דאָס ערשטע מאָל געפאַסט. ער האָט אָפּגעריכט דאָס פאַסטן נישט אין דער מאָדיעער סטודענטישער, נאָר אין דער טורמע-צערקווע.

מיר האָבן געוווינט אין גאָרטאַלאָווס הויז אַנטקעגן דער טורמע. אין דער טורמע איז דעמאָלט געווען אַ באַזונדער פרומער און שטרענ-

גער גלח, וועלכער האָט, ווי עפּעס אַן אומגעווײנלעכס, אין דער פּאַר-פּאַסכע-וואָך איבערגעלייענט די גאַנצע עוואַנגעליע, ווי עס פאָדערט זיך, און דעריבער פלעגן די גאָטסדינסטן געדויערן באַזונדער לאַנג. מיטיענ-קע פלעגט זיי אויסשטיין ביזן סוף און האָט געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט דעם גלח. די טורמע-צערקווע איז געווען אַזוי געמאַכט, אַז זי איז געווען אָפּגעטיילט בלויז מיט אַ גלעזערן ווענטל מיט אַ טיר פון דעם אָרט, וווּ עס זענען געשטאַנען די געשמידטע אַרעסטאַנטן. איינמאָל האָט איינער פון די אַרעסטאַנטן געוואָלט עפּעס איבערגעבן די צערקווע-שמשים: אַ ליכט, אָדער געלט אויף ליכט, — קיינער פון די, וואָס האָבן זיך געפונען אין דער צערקווע, האָט אויף זיך דידאָזיקע שליחות נישט געוואָלט נעמען, אָבער מיטיענקע מיט זיין ערנסט פּנים האָט תיכּף גענומען און איבערגעגעבן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס איז געווען פאַרבאָטן, און מען האָט אים געמאַכט אַן אויסרייד. אָבער רע-כענענדיק, אַז אַזוי דאַרף מען, האָט ער ווייטער דאָסזעלביקע געטון. מיר, דערהויפּט סעריאָזשע, האָבן געפירט באַקאַנטשאַפט מיט אַריסטאָ-קראַטישע חברים און יונגעלייט. מיטיענקע פאַרקערט האָט פון אַלע חברים אויסגעקליבן אַ קלאָגעדיקן, אָרימען אָרומגעריסענעם סטודענט, פּאָלובאָיאַרינאָוו (וועלכן אונזערס אַ גוטער פריינט האָט גערופן פּאָלו-בעזאָביעדאָוו*), און מיר נישטיקע קינדער האָבן עס געפונען פאַר פאַר-ווילנדיק און געלאַכט פון מיטיענקען. ער האָט זיך געחברט נאָר מיט פּאָלובאָיאַרינאָוון און מיט אים געגרייט זיך צום עקזאַמען.

איך געדענק איינעם אַזאַ פאַל.

מיר האָבן שוין דעמאָלט געוווינט אין אַן אַנדערער דירה, אויפן ווינקל פון אַר-פעלד אין קיסליעווסקיס הויז, אויבן. דער אויבן איז געווען פונאַנדערגעטיילט מיט אַ גאַלעריע איבערן זאַל. אין דער ערשטער טייל פון דעם אייבערשטן גאָרן ביז דער גאַלעריע האָט געוווינט מיטיענקע, אין אַ צימער הינטער דער גאַלעריע האָבן געוווינט איך און סעריאָזשע. מיר, איך און סעריאָזשע, האָבן ליב געהאַט קלייניקייטן-צאַצקעלעך, האָבן צוגעפּוצט אונזערע טישלעך, ווי בײַ די גרויסע, און צוליב דעם האָט מען אונז געגעבן און געשענקט צאַצקעלעך. מיטיענקע האָט קיינע

---

*) דאָס טייטשט: פּאָלובאָיאַרינאָוו — האַלבער מאַגנאַט; פּאָלובעזאָביעדאָוו — האַלב אָן מיטאָג.

קלייניקייטן נישט געהאַט, איין זאַך האָט ער גענומען פון דעם פאָטערס זאַכן — דאָס זענען געווען מינעראַלן. ער האָט זיי באַשטימט, געמאַכט אויפשריפטן און פונאַנדערגעלייגט אונטער גלעזער אין אַ קעסטל. היות ווי מיר, די ברידער, און די מומעשי אפילו אויך, האָבן מיט אַ געוויסער פאַראַכטונג געקוקט אויף מיטיענקען פאַר זיינע נידעריקע געשמאַקן און באַקאַנטשאַפטן, על כן האָבן דעמזעלביקן בליק איבערגענומען אויך אונזערע לייכטזיניקע באַקאַנטע. איינער פון זיי, זייער נישט קיין חכם אַ מענטש, אינזשיניער יעס., וועלכער איז געווען אונזער פריינט נישט אַזוי צוליב אונזער אויסהאַל, ווי דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געקלעפּט צו אונז, האָט איינמאָל, פאַרבייגייענדיק דורך מיטיענקעס צימער, באַמערקט די מינעראַלן און געפרעגט בײַ מיטיענקען; יעס. איז געווען נישט סימפּאַטיש, נישט נאַטירלעך. מיטיענקע האָט געענטפערט נישט גערן. יעס. האָט אַ רוק געטון דעם קאַסטן און אַ טרייסל געטון די מינעראַלן. מיטיענקע האָט געזאָגט: „הערט אויף!” יעס. האָט נישט געפאָלגט און געזאָגט עפּעס אַ ווערט, דאַכט זיך, ער האָט אים אָנגערופן „נוח”. מיטיענקע איז צעקאָכט געוואָרן און האָט מיט זיין גרויסער האַנט דערלאַנגט יעס.־ן. יעס. האָט זיך געלאָזט לויפן. מיטיענקע נאָך אים. ווען זיי זענען געקומען צו לויפן אין אונזער מלוכה, האָבן מיר פאַרשפּאַרט די טיר. אָבער מיטיענקע האָט אונז געמאָלדן, אַז ער וועט אים אָנשלאָגן, ווען ער וועט צוריקגיין. סעריאָזשע און דאַכט זיך שוואַלאָוו זענען אַוועק איינרעדן מיטיענקען, ער זאָל דורכלאָזן יעס.־ן. אָבער ער האָט גענומען די פאַדלאָגע־באַרשט, און האָט געזאָגט, אַז ער וועט אים אַנדערש נישט, ווי אָנשלאָגן. איך ווייס נישט, וואָס עס וואָלט געווען, ווען יעס. וואָלט געגאַנגען דורך זיין צימער, נאָר ער האָט אַליין געבעטן, מען זאָל ווי־נישט־איז דורכפירן, און מיר האָבן אים דורכגעפירט, ערטערהייז כמעט קריכנדיק, דורך דעם שטויביקן בוידעם.

אזא איז געווען מיטיענקע אין די רגעס פון זיין צאָרן. נאָר אָט אַ וועלכער ער איז געווען, ווען עס האָט אים גאָרנישט אַרויסגעפירט פון די כלים. בײַ אונזער משפחה האָט זיך עפּעס איינגעאָרדנט, — מען האָט זי גענומען אויס רחמנות, — אַ ביז גאָר משונהדיק און אַ קלאָגעדיק נפש, איינע אַ ליובאָוו סערגעיעוונע, אַ מיידל. איך ווייס נישט, וואָס פאַר אַ פאַמיליע מען האָט איר געגעבן. ליובאָוו סערגעיעוונע איז געווען די פרוכט פון אַ בלוט־שאַנד בײַ די פּראָטאַסאָווס (יענע פּראָטאַסאָווס, פון וועלכע עס שטאַמט זשוקאָווסקי). ווי אַזוי קומט זי צו אונז, ווייס איך

נישט. איך האָב געהערט, אַז מען האָט אויף איר רחמנות געהאַט, מען איז געווען פריינדלעך צו איר, געוואָלט אפילו איינאָרדנען, חתונה מאַכן מיט פעדאָר איוואַנאָװיטשן. אָבער דאָס האָט זיך אַלץ נישט איינגעגעבן. זי האָט געוווינט לכתחילה בײַ אונז, איך געדענק עס נישט. און נאָכדעם האָט זי גענומען די מומעשי פעלאַגעיע איליני׳שנע קיין קאַזאַן, און זי האָט געלעבט בײַ איר. אַזוי אַז דערקענט האָב איך זי אין קאַזאַן. דאָס איז געווען אַ נעבעכדיק, שטיל, דערשלאָגן נפש. זי האָט געהאַט אַ ציימערל, און אַ קליין מיידל האָט זי באַדינט. בשעת איך האָב זי דערקענט, איז זי געווען נישט אַזוי קלאָגעדיק, ווי עקלהאַפט. איך ווייס נישט, וואָס איז בײַ איר געווען פאַר אַ מחלה, נאָר איר פנים איז געווען אינגאַנצן געשוואָלן, אַזוי ווי עס ווערן פאַרשוואָלן פנימער, צעביסענע פון בינען. די אויגן האָבן זיך געזען אין שמאָלינקע שפּעלטעלעך צווישן צוויי פאַרלאָפּענע, גלאַנציקע אָן ברעמען קישעלעך. אויך אַזוי פאַרשוואָלענע, גלאַנציקע, געלע זענען געווען די באַקן, די נאָז, די ליפּן, דאָס מויל. און גערעדט האָט זי שווער, ווייל מסתמא איז אויך אין מויל געווען דאָסזעלביקע געשווילעכץ. זומער פלעגן זיך בײַ איר אויפן פנים זעצן פליגן, און זי האָט זיי נישט געפילט, און דאָס איז געווען באַזונדער אומאָנגענעם צו זעען. די האָר זענען בײַ איר נאָך געווען שוואַרצע, אָבער שיטערע, און האָבן נישט פאַרדעקט דעם נאַקעטן שאַרבן. וואַסילי איוואַנאָװיטש יושקאָוו, דער מומעשיס מאַן, נישט קיין גוטהאַרציקער לץ, האָט נישט באַהאַלטן זיין עקל-געפיל צו איר. פון איר האָט זיך אַלע מאָל געהערט אַ שלעכטער ריח. און אין איר צימער, וווּ מען האָט קיינמאָל נישט געעפנט קיין פענצטער און קיין פאָרטל, איז געווען אַ שטיקנדיקע לופט.

אָט דידאָזיקע ליובאָוו סערגעיעװנע איז עס געוואָרן מיטיענקעס פריינט. ער האָט אָנגעהויבן גיין צו איר. הערן זי, רעדן מיט איר, לייענען פאַר איר. און אַ וווּנדערלעכע זאַך, מיר זענען געווען אַזוי מאָראַליש-טעמפּ, אַז מיר האָבן נאָר געלאַכט דערפון. מיטיענקע אָבער איז געווען אַזוי מאָראַליש הויך, אַזוי פריי פון זאָרג וועגן דעם, וואָס לייטן זאָגן, אַז ער האָט קיינמאָל נישט מיט קיין וואָרט, נישט מיט קיין רמז נישט באַוויזן, אַז ער האַלט, אַז עס איז גוט דאָס, וואָס ער טוט. ער האָט נאָר געטון. און דאָס איז געווען נישט אויפשוונג אויף אַ מאָמענט, נאָר דאָס האָט געדויערט די גאַנצע צייט, וואָס מיר האָבן געוווינט אין קאַזאַן.

ווי קלאָר איז פאַר מיר איצט, אַז מיטיענקעס טויט האָט אים נישט פאַרניכטעט, אַז ער איז געווען פריער. איידער איך האָב אים דערקענט, פריער איידער ער איז געבוירן געוואָרן, און איז פאַראַן איצט, נאָכדעם ווי ער איז געשטאָרבן.

בעת מיר האָבן זיך געטיילט מיט דער ירושה, איז מיר לויטן מנהג אָנגעקומען דאָס גוט, אין וועלכן מען האָט געוווינט — יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ, סעריאָזשען, דערפאַר וואָס ער איז געווען אַ בעלן אויף פערד, און אין פּיראָגאָוואָ האָט זיך געפירט פערד־צוכט, האָט מען געגעבן פּיראָגאָוואָ: ער האָט עס טאַקע געוואָלט. מיטיענקען און ניקאָלינקען האָט מען אָפּגעגעבן די איבעריקע צוויי גיטער: ניקאָלינקען — ניקאָל־סקאָיע, און מיטיענקען דאָס קורסקער גוט שטשערבאַטשאָווקע, די ירושה פון דער פּעראָווסקי.

באַ מיר איז איצט פאַראַן אַ געשריפטס פון מיטיענקען וועגן דעם, ווי ער קוקט אויף באַזיצן לייבאייגענע. דער געדאַנק וועגן דעם, אַז דאָס טאָר נישט זיין, אַז מען וואָלט זיי דאַרפן באַפרייען, איז אין אונ־זער קרייז אין די 40־ער יאָרן לגמרי נישט געווען. באַזיצן לייבאייגענע על־פּי־ירושה האָט אויסגעוויזן צו זיין אַ נויטווענדיקייט, און אַלץ וואָס מען האָט געקאָנט טון, אַז דערדאָזיקער באַזיץ זאָל נישט זיין קיין בייז, איז געווען דאָס, וואָס מען האָט געזאָלט זאָרגן נישט נאָר פאַר דעם מאַטעריעלן, נאָר אויך פאַר דעם מאָראַלישן צושטאַנד פון די פּויערים. און אין דעם זינען איז מיטיענקעס מעמאָראַנדום אָנגעשריבן זייער ערנסט, נאַיוו און אויפריכטיק.

ער, אַ יונג פון 20 יאָר (בעת ער האָט געענדיקט דעם קורס), האָט אויף זיך גענומען די פליכט, האָט געמיינט, אַז ער קאָן נישט נעמען די פליכט אָנצופירן די מאָראַל פון הונדערטער פּויערישע משפּחות, און אָנצופירן דורך דער מורא פאַר שטראָפן און דורך שטראָפן. אַזוי, ווי עס איז באַ גאָגאָלן אָנגעשריבן אין דעם בריוו צו אַ גוטבאַ־זיצער. איך מיין, און מיר געדענקט זיך, אַז מיטיענקע האָט געלייענט דידאָזיקע בריוו, אַז אויף זיי האָט אים אָנגעוויזן דער גלח פון טורמע. האָט טאַקע מיטיענקע אַזוי אָנגעהויבן זיינע פליכטן פון אַ גוטבאַזיצער, נאָר אויסער די פליכטן פון אַ גוטבאַזיצער צו זיינע לייבאייגענע איז נאָך אין יענע צייטן געווען אַן אַנדערע פליכט, וואָס נישט דערפילן זי האָט אויסגעוויזן צו זיין אוממעגלעך, — דאָס איז געווען מיליטערישע,

אָדער ציווילע דינסט. און געענדיקט דעם שטודיום, האָט מיטיענקע באַשלאָסן צו דינען אין דער ציווילער דינסט. כדי אָבער צו באַשליסן, וואָס פאַר אַ מין שטעלע אויסצוּוויילן, האָט ער געקויפט אַן אַדרעס-קאַלענדאַר און, באַטראַכט אַלע צווייגן פון דער ציווילער דינסט, האָט ער באַשטימט, אַז די וויכטיקסטע צווייג דאָס איז די געזעצגעבונג. און, באַשטימט אַזוי, איז ער אַוועקגעפאָרן קיין פעטערבורג, און דאָרט איז ער געקומען צום שטאַטס-סעקרעטאַר פון דער 2-טער אָפּטיילונג אין די אויפנאַם-שעהן.

איך שטעל מיר פאָר טאַניעיעווס פאַרוואונדערונג, ווען צווישן די, וואָס זענען געקומען מיט ביטעס, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ הויכן אָגעבויגענעם, שלעכט געקליידטן (מיטיענקע פלעגט זיך אַלע מאָל אָנטון נאָר כדי צו פאַרדעקן דעם קערפּער), מיט רויקע שיינע אויגן, פאַרשוין, און אויף דער פראַגע, וואָס דאַרף ער, האָט ער באַקומען דעם ענטפער, אַז דאָס איז אַ רוסישער אַדעליקער, געענדיקט שטודירן און מחמת ער וויל נוצלעך זיין דעם פאָטערלאַנד, .האָט ער אויסדערוויילט די געזעצגעבונג פאַר זיין טעטיקייט.

— אייער פאַמיליענאָמען ?

— גראַף טאָלסטאָי.

— איר האָט ערגעץ נישט געדינט ?

— איך האָב ערשט געענדיקט דעם אוניווערזיטעט, און מיין פאַרלאַנג איז נאָר צו זיין נוצלעך.

— וואָס-זשע פאַר אַ שטעלע ווילט איר נעמען ?

— מיר איז אַלצאיינס וועלכע, אַזאַ ווו איך זאָל קאָנען ברענגען נוצן.

די ערנסטקייט, די אויפריכטיקייט האָבן אַזוי פאַרוואונדערט טאַניעיעוון, אַז ער האָט מיטיענקען אַוועקגעפירט אין דער 2-טער אָפּטיילונג און האָט אים דאָרט איבערגעגעבן צו אַ באַאַמטן. מסתמא האָט די באַציונג פון די באַאַמטע צו אים און דערהויפּט צו דער זאַך מיטיענקען אָפּגעשטויסן, און ער איז נישט אָנגעקומען אין דער 2-טער אָפּטיילונג. קיין באַקאַנטע האָט מיטיענקע אין פעטערבורג נישט געהאַט אויסער דעם געזעצן-קענער ד. א. אָבאָלענסקי, וועלכער איז אין קאַזאַן, בשעת מיר האָבן דאָרט געוווינט, געווען אַ באַאַמטער אין געריכט.

מיטיענקע איז געקומען צו אָבאָלענסקין אויף דער דאַטשע. אָבאָלענסקי האָט מיר דערציילט, שמייכלענדיק. אָבאָלענסקי איז געווען אַ

מענטש א װעלטלעכער, א טאַקטישער, אַן ערגייציקער. ער האָט דער־ציילט, װי בײַ אים זענען געװען געסט (מסתמא פון די העכערע קרייזן, פאַר װעלכע אַבאַלענסקי האָט זיך שטענדיק געהאַלטן). װען מיטיענקע איז צו אים געקומען דורכן סאַד אין אַ היטל, אין אַ קאַרטענעם מאַנטל.

„איך האָב אים לכתחילה נישט דערקענט, נאָר װען איך האָב אים דערקענט, האָב איך מיך געסטאַרעט le mettre à son aise*), האָב אים באַקאַנט געמאַכט מיט די געסט און פאַרגעלייגט אויסטון דעם מאַנטל. עס האָט זיך אָבער אַרויסגעװיזן, אַז אונטערן מאַנטל איז גאָר־נישט געװען". ער האָט עס געהאַלטן פאַר איבעריק. ער האָט זיך גע־זעצט און תיכף, נישט שטערנדיק זיך פאַר די געסט, געװענדט זיך צו אַבאַלענסקין מיט דערזעלביקער פראַגע, װי צו טאַניעיעװן. װוּ איז בע־סער צו דינען, כדי צו זיין װאָס נוצלעכער: מסתמא איז אַבאַלענסקין מיט זיין בליק אויף דער דינסט, װי אויף אַ מיטל בלויז צו באַפרידיקן דעם ערגייץ, אַזאַ פראַגע קיינמאָל אויפן זינען נישט געקומען. נאָר מיט דער טאַקטישקייט, װעלכע איז אים אייגנשאַפטלעך געװען, און מיט זיין אויסערלעכער גוטמוטיקייט האָט ער אים געענטפערט, אָנװייזנדיק אויף פאַרשידענע אַמטן און האָט אים פאַרגעלייגט זיין הילף. מיטיענקע איז, װייזט אויס, געבליבן אומצופרידן אי מיט אַבאַלענסקין, אי מיט טאַניעיעװן און איז אַװעקגעפאָרן פון פעטערבורג, נישט אָנקומענדיק אויף קיין אַמט. ער איז אַװעקגעפאָרן צו זיך אין דאָרף און אין סודזשע, דאַכט זיך, איז ער אָנגעקומען אויף עפּעס אַן אַדל־שטעלע און האָט זיך פאַרנומען מיט דער װירטשאַפט, דערהויפּט מיט דער פויערישער.

נאָך זיין און מיין ענדיקן דעם אוניװערזיטעט האָב איך אים פאַר־לוירן פון אויג. איך װייס, אַז ער האָט געפירט דאָסזעלביקע שטרענגע, איינגעהאַלטענע לעבן, נישט ברויכנדיק קיין װיין, קיין טאַבאַק, און דער עיקר קיין פרויען ביז 26 יאָר, װאָס עס איז געװען אַ גרויסע זעלטנ־הייט אין יענער צייט. איך װייס, אַז ער פלעגט זיך חברן מיט מאָנאַכן און װאַנדערער און האָט זיך זייער דערנענטערט מיט זייער אַן אָריגי־נעלן מענטש, װעלכער האָט געװוינט בײַ אונזער אפּוטרופּוס װאָיעיקאָװ,

---

*) מוטיקן אים.

און וואָס זיין אָפּשטאַמונג האָט קיינער נישט געוווּסט. מען האָט אים גערופן פאָטער לוקאַש. ער איז געגאַנגען אין אַ גלחישן אונטער־ראָק, איז געווען זייער מיאוס: פון קליינינקן וווּקס, אַ קאַסאָקער, אַ שוואַרצער, נאָר זייער אַ ציכטיקער און אַן אומגעוויינלעך שטאַרקער. ער האָט געדריקט די האַנט ווי מיט צוואַנגען, און האָט אַלע מאָל גערעדט עפּעס באַדייטיק און ווי מיט רעטענישן. געוווינט האָט ער בײַ וואָיעיקאָוון לעבן דער מיל, ווו ער האָט זיך אויסגעבויט אַ קליין שטיבל און פאַרפלאַנצט אַן אומגעוויינלעכן בלומען־גאָרטן.

אָט דעמדאָזיקן פאָטער לוקאַש האָט עס מיטיענקע אַרומגעפירט מיט זיך. ווי איך האָב געהערט, האָט ער זיך נאָך געחברט מיט אַ זקן פון אַלטן שטייגער, מיט זיין שכן דעם קמצן גוטבאַזיצער סאַמאָילאָוו.

דאַכט זיך איך בין שוין דעמאָלט געווען אויף קאַווקאַז, בשעת אין מיטיענקען איז פאָרגעקומען די אומגעוויינלעכע איבערקערעניש. ער האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן שיכּורן, רייכערן, אויסברענגען געלט און פאָרן צו פרויען. ווי אַזוי איז דאָס מיט אים געשען, ווייס איך נישט, איך האָב אים דעמאָלט נישט געזען. איך ווייס נאָר, אַז אַראָפּגעפירט אים פון וועג האָט אַן אויסערלעך זייער סימפּאַטישער, נאָר טיף אויסגעלאַסענער מענטש — דער ייִנגערער זון איסליעניעוו. וועגן אים וועל איך שפּעטער דערציילן, אויב איך וועל באַווייזן. און אין דעם צווייטן לעבן איז ער אויך געווען דערזעלביקער ערנסטער רעליגיעזער מענטש, ווי ער איז געווען אין אַלץ. די פרוי, די פּראָסטיטוטקע מאַשע, וועלכע ער האָט די ערשטע דערקענט, האָט ער אויסגעקויפט און גענומען צו זיך. נאָר בכלל האָט ס׳דאָזיקע לעבן נישט לאַנג געדויערט, איך מיין, אַז נישט אַזוי דער אויסגעלאַסענער אומגעזונטער שטייגער לעבן, וואָס ער האָט געפירט עטלעכע חדשים אין מאָסקווע, האָט פאַראַמאָל אונטערגעבראָכן זיין מעכטיקן אָרגאַניזם, ווי דער אינערלעכער קאַמף פון די פּיינען פונעם געוויסן. ער איז קראַנק געוואָרן אויף שווינדזוכט, אַוועקגעפאָרן אין דאָרף, האָט זיך געהיילט אין די שטעט און אין אָריאָל האָט ער זיך אַריינגעלייגט אין בעט, ווו איך האָב אים דאָס לעצטע מאָל געזען שוין נאָך דעם סעוואַסטאָפּאָלער קריג. ער איז געווען שרעקלעך: די גרויסע דלאָניע פון זיין האַנט איז געווען צוגעפּעסטיקט צו די צוויי ביינער פון דער אונטערשטער טייל אָרעם. דאָס פּנים איז געווען בלויז אויגן, און די זעלביקע שיינע, ערנסטע, איצט אויספאָרשנ-

דיקע. ער האָט כסדר געהוסט און געשפּיגן, און האָט נישט געוואָלט שטאַרבן, האָט נישט געוואָלט גלייבן, אַז ער שטאַרבט אַוועק. די געשטופּלט אויסגעקויפּטע דורך אים מאַשע אין אַ טיכל איז געווען לעבן אים און געגאַנגען אַרום אים. אין מיין אַנוועזנהייט האָט מען לויט זיין פאַרלאַנג געבראַכט דאָס וווּנדערשאַפנדיקע הייליקע בילד. איך געדענק דער אויסדרוק פון זיין פּנים, ווען ער האָט מתפּלל געווען צו דעם. איך בין דעמאָלט געווען באַזונדער עקלהאַפט. איך בין קיין אַריאַל געקומען פון פּעטערבורג, ווו איך פלעג זיין אין דער געזעלשאַפט און בין פול געווען מיט רומגייץ. מיר איז אַ שאָדן געווען אויף מיטיענקען, נאָר חייניק. איך האָב מיך אין אַריאַל פאַרקירעוועט און בין אַוועקגעפאָרן, און ער איז געשטאָרבן אין עטלעכע טעג אַרום.

באמת, מיר דאַכט זיך, אַז דאָס שווערסטע אין זיין טויט איז פאַר מיר געווען דאָס, וואָס ער האָט מיר געשטערט אַנטייל צו נעמען אין דעם הויפישן ספּעקטאַקל, וועלכן מען האָט דעמאָלט איינגעאָרדנט, און אין וועלכן מען האָט מיך איינגעלאַדן.

איך האָב אַוועקגעלאָזט דעם כראָנאָלאָגישן מעטאָד פון שרייבן, מיינענדיק, אַז עס וועט זיין בעסער. אָבער אויך דער מעטאָד געפעלט מיר נישט. איך וועל נישט באַשרייבן אַזוי באַזונדער די ברידער סערגייען און ניקאָלאַיען און וועל ווייטער שרייבן לויט דער אָרדנונג, ווי איך געדענק.

מיט מיטיענקען בין איך געווען אַ חבר, ניקאָלינקען האָב איך געאַכט, נאָר פון סעריאָזשען בין איך געווען אַנטציקט און האָב אים נאָכגעמאַכט, געליבט, געוואָלט זיין ער. איך בין געווען אַנטציקט פון זיין שיינעם אויסזעען, פון זיין זינגען (ער האָט אַלע מאָל געזונגען), פון זיין מאָלן, פון זיין פריילעכקייט, און דערהויפּט, ווי משונה דאָס זאָל נישט זיין צו זאָגן, פון דער אוממיטלבאַרקייט פון זיין עגאָיזם. איך האָב זיך אַלע מאָל געדענקט, אַלע מאָל געהאַט די דערקענטעניש, אַלע מאָל געשפּירט, צי איז פאַלש, צי נישט, דאָס וואָס מען טראַכט וועגן מיר, און וואָס עס פילן צו מיר אַנדערע; און דאָס האָט מיר קאַליע געמאַכט די פריידן פון לעבן. דעריבער, מסתמא, האָב איך באַזונדער ליב געהאַט אין אַנדערע דאָס קעגנזעצלעכע דערצו — די אוממיטלבאַרקייט פונם עגאָיזם. און דערפאַר האָב איך באַזונדער ליב געהאַט סעריאָזשען. דאָס וואָרט ליב געהאַט איז נישט ריכטיק. ניקאָלינקען האָב איך ליב

געהאַט, און פון סעריאָזשען בין איך געווען צנטציקט, ווי פון עפּעס אזוינס, וואָס איז מיר גאָר פרעמד, אומפאַרשטענדלעך. דאָס איז געווען אַ מענטשלעך לעבן, זייער אַ שיינס, נאָר לגמרי אַן אומפאַרשטענדלעכס פאַר מיר, אַ געהיימנישפולס און דעריבער באַזונדער צוציענדיקס. ער איז די טעג געשטאָרבן און אין דער קראַנקייט פאַרן טויט און שטאַרבנדיק איז ער געווען פאַר מיר פּונקט אזוי אומבאַגרייפלעך און פּונקט אַזוי טייער, ווי אין די אַמאָליקע צייטן פון דער קינדהייט. אויף דער עלטער, פאַר דער לעצטער צייט האָט ער מיך מער ליב געהאַט, האָט טייער געהאַלטן מיין ליידנשאַפט צו אים, האָט מיט מיר שטאָלצירט, האָט געוואָלט זיין מיט מיר איינפאַרשטענדיק, נאָר ער האָט נישט געקאָנט, און איז געבליבן אַזאַ, ווי ער איז געווען: איינגאַנצן אַ באַזונדערער, פאַר זיך אַ מענטש, אַ שיינער, פון ריינעם שטאַם, אַ שטאָלצער, און דער עיקר אין אַזאַ מדרגה אַ וואָרהאַפטיקער און אויפריכטיקער מענטש, וואָס איך האָב אַזעלכן נישט באַגעגנט. ער איז געווען דאָס, וואָס ער איז געווען, האָט גאָרנישט פאַרהוילן און פאַר גאָרנישט געוואָלט זיך אַרויסשטעלן. מיט ניקאָלינקען האָט זיך מיר געוואָלט זיין צוזאַמען, רעדן, טראַכטן; מיט סעריאָזשען האָט זיך מיר געוואָלט נאָר נאָכמאַכן אים. פון דער ערשטער קינדהייט אָן האָט זיך אָנגעהויבן דאָסדאָזיקע נאָכמאַכן. ער האָט פאַרפירט הינער, הינדעלעך, — האָב איך אויך פאַרפירט. דאָס איז געווען אפשר מיין ערשט אַריינדרינגען אין דעם לעבן פון די חיות. איך געדענק פאַרשידענע מינים הינדעלעך: גרויאינקע, געשפּרענקלטע, מיט טשוביקלעך, ווי זיי פלעגן קומען צו לויפן, ווען מיר האָבן זיי גערופן, ווי מיר האָבן זיי געגעבן עסן, און ווי מיר האָבן פיינט געהאַט דעם גרויס האָלענדישן האָן, וועלכער פלעגט זיי באַליידיקן. סעריאָזשע האָט פאַרפירט דידאָזיקע הינדעלעך, אויסבעטנדיק זיי פאַר זיך, דאָסזעלביקע האָב איך אויך געטון, נאָכמאַכנדיק אים. סעריאָזשע האָט אויף אַ לאַנג פּאַפּירל געצייכנט און באַמאָלט מיט פאַרב (מיר האָט זיך געדאַכט — וווּנדערלעך שיין) איינע נאָך די אַנדערע, פון פאַרשידענע קאָלירן, הינער און הענער, און איך האָב געטון דאָסזעלביקע, נאָר ערגער. (אין דעם האָב איך געהאָפט צו פאַרפולקאָמען זיך מיט דער הילף פון דעם פאַנפאַראָן-באַרג.) בשעת מען האָט אַריינגעשטעלט די דובלטן, האָט סעריאָזשע צוגעטראַכט נערן די הינער דורך דעם שליסל-לאָך אין טיר מיט דער הילף פון לאַנגע קישקעלעך פון שוואַרץ און פון ווייס ברויט, און איך האָב געטון דאָסזעלביקע.

וועגן די ברידער וועט מיר נאָך פיל אויסקומען צו רעדן שפּע־טער, אויב עס וועט זיך מיר איינגעבן דערפירן די זכרונות כאָטש ביז דער חתונה.

איך וועל מיך סטאַרען דערמאָנען די סאַמע לעבעדיקע און פריידיקע (קיין אומעטיקע, שווערע איז נישט געווען) ביז דעם אַרויס־פאָרן קיין מאָסקווע.

X.

דריי וויאָרסט פון יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ איז פאַראַן אַ דערפעלע גרומאַנד (אַזוי האָט אַ נאָמען געגעבן דאָס אָרט דער זיידע, וועלכער איז געווען וואָיעוואָדע אין ארכאַנגעלסק, ווי עס איז פאַראַן אַן אינזל גרומאַנד). דאָרט איז געווען אַ קי־שטאַל און אַ הייזעלע, וואָס דער זיי־דע האָט אויסגעבויט, כדי צו קומען אַהין זומערצייט. ווי אַלץ, וואָס דער זיידע האָט געבויט, איז געווען פיין, נישט ווולגאַר, און פעסט, געזונט, אַזוי איז אויך געווען דאָס הייזל מיט דעם קעלער פאַר די מילך־פּראָדוקטן. דאָס הילצערן הייזל, מיט ליכטיקע פענצטער און לאָדנס. מיט אַ גרויסער שטאַרקער טיר, מיט אַ קאַנאַפּקע און מיט אַ טיש מיט גרויסע קעסטלעך, וועלכע לייגן זיך צונויף ווי אַ פּאַקעט, מיט די פיר זייטן אין אינעווייניק אַריין, און פּונקט אַזוי נעמען זיי זיך פונ־נאַנדער, אומדרייענדיק זיך אויף אַ שטייענדיקער אַקס אַזוי, אַז דידאָ־זיקע באַוועגלעכע ברעטלעך האָבן זיך געלייגט אויף די ווינקלען און האָבן געבילדעט אַ טיש פון אַ צוויי מיט אַ האַלבן אַרשין די גרייס.

דאָס הייזל איז געשטאַנען הינטער אַ דערפל, פון אַ פיר אָדער פינף הויפן, אויף אַן אָרט, וואָס האָט געהייסן סאָד; דאָס דערפל איז געווען זייער אַ שיינס מיט אַן אָנזיכט אויף דעם טייך וואָראָנקע, וועל־כער האָט זיך געשלענגלט אין טאָל איבער די לאָנקעס; מיט וועלדער אויף דער און אויף יענער זייט. אין דעמדאָזיקן סאָד איז געווען אַ וועלדעלע אויפן ברעג טאָל, אין וועלכן עס האָט געפלייצט אַ קאַלטער און שפּעדיקער קוואַל, מיט זייער גוט וואַסער. אַנטקעגן טאָל, אַלס זיין

פאַרזעצונג — אַ גרויסער, טיפער קאַלטער דורכפליסנדיקער סטאַוו מיט קאַרפּן, שלייען, לעשטשן, אַקוניעס און אפילו שטערלעדן. דאָס אָרט איז געווען אַ פּראַכטפולס, און נישט אַזוי טרינקען דאָרט מילך און שמאַנט מיט שוואַרץ ברויט — קאַלטע און געדיכטע ווי סמעטענע — און בייזיין אויף דעם פישפאַנג, — נאָר פּשוט זיין דאָרט אַ ביסל, דורכלויפן זיך אַרויף און אַראָפּ־באַרג צום סטאַוו און פון סטאַוו — איז שוין געווען אַ גרויס פאַרגעניגן. אַמאָל זומערצייט, בעת דאָס וועטער איז געווען גוט, פלעגן מיר אַלע אַהין פאָרן שפּאַצירן. די מומעשי, דער טאַטעשי און די מיידעלעך אויף אַ באַנק־וואָגן, און מיר זאַלבעפערט מיט פעדאָר איוואַנאָוויטשן אין דעם זיידנס געלן קאַבריאָלעט אויף הויכע קיילעכיקע רעסאָרן און מיט געלע אָגלעגען (קיין אַנדערע זענען דעמאָלט גאָרנישט געווען).

צו מיטאָג פירט זיך אַ שמועס וועגן וועטער און מען מאַכט דעם פּלאַן, ווי צו פאָרן. צוויי דעם זייגער דאַרפן מיר פאָרן, און 4 — צוריקקערן זיך צו טיי. אַלץ איז גרייט, נאָר מען ציט אָפּ מיטן שיקן שפּאַנען די פערד. פון מעריב־זייט, פון הינטערן דאָרף און זאַקאַז גייט אָן אַ כמאַרע. מיר זענען אַלע צערודערט. פעדאָר איוואַנאָוויטש סטאָרעט זיך מאַכן אַ שטרענג רויק פּנים, אָבער מיר צערייצן אים אויך, און ער גייט אַרויס אויפן באַלקאָן, אויפן ווינט. די גרויע האָר זיינע אויף דער פּאַטיליצע פליען זיך פונאַנדער, אין דערזעלביקער זייט פליען אויך די פּאָלדן פון זיין פראַק, און ער קוקט זיך באַדייטיק איין אַריבער די שטאַכעטן. און מיר וואַרטן זיין באַשלוס. „די גייט אויף סאַטינקע“ — זאָגט ער, אָנווייזנדיק אויף דער סאַמע גרעסטער לילבלעכער כמאַרע. און די איז אַ פּוסטער, — זאָגט ער, אָנווייזנדיק אויף אַ צווייטער, וועלכע גייט פון מזרח. — „איז וואָס? Wie glauben Sie, Muss warten“. אָבער די כמאַרע פאַרדעקט דעם גאַנצן הימל. מיר זענען אין צער. מען האָט געשיקט שפּאַנען, איצט מוז מען שיקן מישען אָפּהאַלטן. עס שפּריצט אַ רעגנדל. מיר זענען אין טרויער און אין צער. נאָר אָט איז סעריאָזשע צרויסגעלאָפן אויפן באַלקאָן און שרייט: „ס'רייניקט זיך אָפּ, פעדאָר איוואַנאָוויטש. Kommen Sie. Blauer Himmel! Wo? Kommen Sie!“ אמת, צווישן דער צעשווימענדיקער כמאַרע איז פאַראַן אַ בלוי שטיקעלע, וואָס אָט פאַרציט עס זיך, אָט צעציט עס זיך. אָט נאָך, נאָך, אָט האָט אַ בלאַנק געטון די זון. „מומעשי, עס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען! אמת, באַ גאָט, טוט אַ בליק. פעדאָר איוואַנאָ-

וויטש האָט געזאָגט!" מען רופֿט פֿעדאָר איוואַנאָוויטשן. נישט אָנטשלאָסן באַשטעטיקט ער. ס'איז אַ וואָקלעניש אויפֿן הימל און בײַ דער מומעשי. די מומעשי טאַטיאַנע אַלעקסאַנדראָוונע שמייכלט און זאָגט Je crois, Alexsandrine, en effet quil ne pleuvera plus, Il ne pleuvera pas! *). טוט אַ בליק. — „מומעשי, טײַערע, הייסט שפּאַנען, זעט, מומעשי, טײַערע!" — שרײַען מער פֿאַר אַלעמען איך און סעריאָזשע און עס העלפֿן אונדז די מיידעלעך. און אָט האָט מען באַשלאָסן ווידער אײַנצושפּאַנען. טיכאָן אַליין מאַכט אַ קאָזשעלעק און לויפֿט אַוועק. און אָט טופּען מיר מיט די פּיסלעך אויפֿן גאַניק, וואַרטנדיק פֿריער אויף די פֿערד, דערנאָך אויף די מומעשיס, עס פֿאָרט אונטער דער באַנק־עקיפּאַזש מיט אַ חופּה פֿון אויבן, מיט אַ פֿאַרטוך. ניקאָלאַי פֿיליפּיטש טרײַבט אָן. הינטער דעם באַנק־עקיפּאַזש גייט די גרויסע גניאַדע אין דעם קאַבריאָלעט. די מומעשיס און די מיידעלעך זעצן זיך אויס אויף זייער שטייגער, אָבער אונזער פֿאַרטיילונג פֿון די ערטער איז איינמאָל אויף אַלע מאָל באַשטימט: פֿעדאָר איוואַנאָוויטש זעצט זיך פֿון דער רעכטער זײַט און טרײַבט אָן. לעבן אים אין שורה סעריאָזשע און ניקאָלינקע. דער קאַבריאָלעט איז אַזוי טיף, אַז פֿון הינטן זעצן מיר זיך, איך און מיטיענקע, איינער צו דעם אַנדערן מיט די פּנימער בײַ די זײַטן. דער גאַנצער וועג גייט פֿאַרבײַ שייער דורך זאַקאַז: רעכטס — דער אַלטער, לינקס דער יונגער זאַקאַז. אַ תּענוג און גאָר. אָבער אָט פֿאָרן מיר צו צו דעם באַרג, וואָס לאָזט זיך שטויל אַראָפּ צו טײַך און צו דער בריק. „Halten sie sich, Kinder" זאָגט פֿעדאָר איוואַנאָוויטש, פֿייערלעך פֿאַרכמורעדיק זיך, ציט אָן די לייצעס, און מיר לאָזן זיך אַראָפּ, לאָזן זיך אַראָפּ, נאָר אין דעם לעצטן מאָמענט, אויף אַ טריט 30 לאָזט פֿעדאָר איוואַנאָוויטש דאָס פֿערד, און מיר פֿליען, דאַכט זיך אונדז, מיט אַ שרעקלעכער שנעלקייט. מיר וואַרטן אויף דעם מאָמענט, און עס פֿאַרכאַפּט שוין בײַ אונדז פֿריער דער אָטעם. מיר פֿאָרן אַריבער דער בריק, פֿאָרן לענגאויס דעם טײַך און הייבן זיך אויף אַרויף־באַרג, אין דאָרף אַרײַן, און פֿאָרן אַרײַן אין טויער, אין סאָד און צום הײַזל. מען בינדט צו די פֿערד. זיי טרעטן דאָס גראָז און שמעקן מיט שווייס אַזוי,

---

*) איך מיין, אַלעקסאַנדרע, אַז עס וועט באמת נישט רעגענען, ס'וועט נישט רעגענען.

ווי שפּעטער האָבן שוין קיינמאָל פערד אַזוי נישט געשמעקט. די קוטשערס שטייען אין דעם שאָטן פון די ביימער. ליכט און שאָטן לויפן אַרום איבער זייערע פּנימער, גוטע, פריילעכע, גליקלעכע פּנימער. עס קומט צו לויפן מאַטריאָנע די אויפזעערין איבער דער שטאַל, אין אַ לייוונטענעם פּאַסעוואַטן קלייד, זאָגט, אַז זי וואַרט שוין אויף אונז לאַנג און פרייט זיך, וואָס מיר זענען געקומען. און נישט נאָר איך גלייב, נאָר איך קאָן נישט נישט־גלייבן, אַז אַלע אויף דער וועלט טוען נאָר און פרייען זיך. עס פרייט זיך די מומע מיט מאַטריאָנען, פרעגט זיך באַ איר נאָך מיט אַנטייל וועגן אירע טעכטער, עס פרייען זיך די הינט, וועלכע האָבן אַרומגערינגלט פעדאָר איוואַנאָוויטשן, בערפּע — דער שפּירהונט, וואָס איז געקומען צו לויפן נאָך אונז; עס פרייען זיך די פערד, די קעלבער, די פיש אין סטאַוו, די פייגל אין וואַלד. מאַטריאָנע און איר טאָכטער ברענגען אַ גרויס, אַ גראָב שטיק שוואַרץ ברויט, נעמען פונאַנדער דעם וונדערלעכן אומגעוויינלעכן טיש און שטעלן אַוועק ווייכן זאַפטיקן טוואָרעך נאָך מיט אָפּדרוקן פון דעם טישטיכל, שמאַנט, ווי סמעטענע, און קריגלעך מיט פרישע, נישט אָראָפּגענומענע מילך.

מיר טרינקען, עסן, לויפן צום קוואַל, טרינקען דאָרט וואַסער, לויפן אַרום סטאַוו, ווו פעדאָר איוואַנאָוויטש פאַרוואַרפט ווענטקעס און, פאַרבראַכט אַ האַלבע שעה, אַ שעה אין גרומאַנד, קערן מיר זיך אום אויף דעמזעלביקן אופן, דיזעלביקע גליקלעכע.

איך געדענק איינמאָל נאָר איז אונזער פרייד געווען צעשטערט דורך אַ צופאַל, פון וועלכן מיר, לפּחות איך און מיטיענקע, האָבן ביטער געוויינט. בערפּע, פעדאָר איוואַנאָוויטשס ליבע, ברוינע צויג, מיט שיינע אויגן און ווייכע געקרייזלטע האָר איז נאָכגעלאָפן, ווי אַלע מאָל, אַמאָל פון הינטן, אַמאָל פון פאָרנט פאַרן קאַבריאָלעט. איינמאָל, ווען מיר זענען אַרויסגעפאָרן פון גרומאַנדער סאַד, זענען די פויערישע הינט אויף איר אָנגעפאַלן, זי האָט זיך אַ לאָז געטון צום קאַבריאָלעט. פעדאָר איוואַנאָוויטש האָט נישט איינגעהאַלטן די פערד און האָט איר איבערגעפאָרן אַ פוס. ווען מיר האָבן זיך אומגעקערט אַהיים און די אומגליקלעכע בערפּע איז דערלאָפן אויף דריי פיס, האָבן פעדאָר איוואַנאָוויטש מיט ניקאָלאַי דמיטריעוויטשן אונזער דיאַדקע — אויך אַ יעגער, זי באַטראַכט, און באַשלאָסן, אַז דער פוס איז צעבראָכן, און די צויג איז אַ געפּטרטע, זי וועט שוין קיינמאָל מער נישט טויגן צו דער יאַגד.

איך האָב געהערט, ווי פעדאָר איוואַנאָוויטש האָט גערעדט מיט ניקאָלאַי דמיטריעוויטשן אין קליינעם צימערל איבן, און כ'האָב נישט געגלייבט מיינע אויערן, ווען איך האָב דערהערט פעדאָר איוואַנאָוויטשס ווערטער, וועלכע ער האָט געזאָגט מיט עפּעס אַ ווילייונגערישן אַנטשלאָסענעם טאָן: „זי טויג נישט, אויפהענגען זי. איינמאָל אַ סוף".

די צויג ליידט, איז קראַנק, און אויפהענגען זי דערפאַר. איך האָב געפילט, אַז דאָס איז שלעכט, אַז מען וואָלט זיך אַזוי נישט געדאַרפט באַגיין, אָבער דער טאָן פון פעדאָר איוואַנאָוויטשן און פון ניקאָלאַי דמיטריעוויטשן, וועלכער האָט דעמדאָזיקן באַשלוס באַשטעטיקט, איז געווען אַזאַ אַנטשיידענער, אַז איך האָב, פּונקט ווי דעמאָלט, בעת מען האָט קוזמען געפירט שמייסן, בעת טיעמיאַשקע האָט דערציילט, אַז ער האָט אָפּגעגעבן פאַר אַ סאָלדאַט אַ מענטש דערפאַר, וואָס ער האָט אין דער צייט פון פאַסטן געגעסן נישט קיין פאַרעווע שפּייז, — דערפילט עפּעס שלעכטס, נאָר צוליב דעם צווייפלאָזן באַשלוס פון מענטשן עלטערע און בכבודיקע, האָב איך נישט געוואָגט צו געטרויען מיין געפיל.

דערמאָנען אַלע מיינע פריידיקע קינדערישע דערינערונגען וועל איך נישט, מחמת צו דעם וואָלט קיין סוף נישט געווען, און מחמת פאַר מיר זענען זיי טייער און וויכטיק, און איבערגעבן זיי אַזוי, אַז זיי זאָלן אויסווייזן וויכטיק פאַר זייטיקע, וועל איך נישט קאָנען.

איך וועל נאָר דערציילן וועגן איין נשמה-צושטאַנד, וועלכן איך האָב איבערגעלעבט עטלעכע מאָל אין דער ערשטער קינדהייט און וועלכער איז, מיין איך, געווען וויכטיק, וויכטיקער פאַר פיל און פיל געפילן, וואָס איך האָב נאָכדעם איבערגעלעבט. וויכטיק איז עס געווען דערפאַר, וואָס דערדאָזיקער נשמה-צושטאַנד איז געווען דער ערשטער פּרוּוו פון ליבע, נישט פון ליבע צו עמעצן, נאָר פון ליבע צו ליבע, פון ליבע צו גאָט, אַ געפיל, וואָס איך פלעג שפּעטער נאָר זעלטן איבערלעבן, זעלטן, אָבער איבערלעבן אַ דאַנק דעם, מיין איך, וואָס דער שפּור איז אויסגעטרעטן געוואָרן אין דער ערשטער קינדהייט. אויסגעדריקט האָט זיך דאָס-דאָזיקע געפיל אָט ווי אַזוי.

מיר, דערהויפּט איך מיט מיטיענקען און די מיידעלעך, פלעגן זיך זעצן אונטער שטולן וואָס נעבנטער איינער צום צווייטן. די שטולן פלעגן מיר פאַרהענגען מיט טיכער, אַרומצוימען מיט קישנס, און האָבן געזאָגט, אַז מיר זענען מוראַשקענע ברידער, און דערביי האָבן מיר געשפּירט אַ

באַזונדער צערטלעכקייט איינער צו דעם אַנדערן. אַמאָל פלעגט דידאָזיקע צערטלעכקייט אַריבערגיין אין לאַשטשען, גלעטן איינער דעם אַנדערן, טוליען זיך איינער צו דעם אַנדערן, אָבער דאָס פלעגט זיין זעלטן, און מיר האָבן אַליין געפילט, אַז דאָס איז נישט דאָס, און פלעגן זיך גלייך אָפּשטעלן. זיין מוראַשקענע ברידער, ווי מיר האָבן עס גערופן (מסתמא זענען עס עפּעס דערציילונגען וועגן די מאַראַווישע ברידער, וועלכע זענען צו אונז דערגאַנגען דורך ביקאַלינקעס פאַנפאַראָן-באַרג), האָט באַמייט פאַרהענגען זיך און אָפּטיילן זיך פון אַלעמען און פון אַלץ און ליב האָבן איינע די אַנדערע. אַמאָל פלעגן מיר אונטער די שטולן שמועסן וועגן דעם, וואָס און וועמען ווער עס ליבט, וואָס איז נייטיק צוליב גליק, ווי מיר וועלן לעבן און אַלעמען ליבן.

אָנגעהויבן האָט זיך עס, ווי מיר געדענקט זיך, פון שפּילן אין וועג. מיר פלעגן זיך זעצן אויף שטולן, איינשפּאַנען שטולן, איינאָרדנען אַ קאַרעטע, אָדער אַ קאַבריאָלעט, און טאָקע די, וועלכע פלעגן זיצן אין דער קאַרעטע, זענען פון רייזנדע געוואָרן מוראַשקענע ברידער. צו זיי פלעגן צושטיין אויך די איבעריקע. דאָס איז געווען זייער, זייער גוט, און איך דאַנק דערפאַר, וואָס איך האָב געקאָנט שפּילן אין דעם. מיר האָבן עס אָנגערופן שפּיל, אין דער צייט, וואָס אַלץ אויף דער וועלט איז אַ שפּיל, אויסער דאָס.

די געשעענישן פון דעם קינדערישן דאָרפישן לעבן זענען געווען פאַלגנדיקע: די נסיעות פון דעם פאָטער צו קירעיעווסקין און אין דעם יאַגד-פעלד, מעשיות וועגן יעגערישע אַוואַנטורעס, צו וועלכע מיר, קינדער, פלעגן זיך צוהערן ווי צו חיכטיקע געשעענישן.

נאָכדעם מיין טויף-פאָטער יאַזיקאָווס קומען צו פאָרן מיט זיינע ברימאַסן, מיט זיין ליולקע און מיט זיין לאַקיי, וועלכער איז געשטאַנען הינטער זיין שטול בשעתן מיטאָג. נאָכדעם איסלעניעווס קומען מיט די קינדער, וואָס איינע פון זיי איז שפּעטער געוואָרן מיין שוויגער. דערנאָך דאָס קומען פון יושקאָוון, וועלכער פלעגט אַלע מאָל ברענגען עפּעס משונהדיקע זאַכן: קאַריקאַטורן, ליאַלקעס, צאַצקעס.

איין קינדערישע דערינערונג וועגן אַ נישטיקער געשעעניש האָט אין מיר איבערגעלאָזט אַ שטאַרקן איינדרוק, דאָס איז, ווי איך געדענק איצט, אַזוי: אויף אונזער קינדערישן אייבערשטן גאָרן איז געזעסן טעמיאַשעוו און האָט געשמועסט מיט פעדאָר איוואַנאָוויטשן. איך געדענק נישט, פאַרוואָס האָט מען אָנגעהויבן צו רעדן וועגן אָפּהיטן דאָס פאַסטן,

און טעמיאשעוו, דער גוטמוטיקער טעמיאשעוו האָט זייער פּשוט געזאָגט: „בא מיר האָט דער קוכער (אָדער דער לאָקיי, איך געדענק נישט) גענומען און געגעסן נישט קיין פּאַרעווס אין דער פאַסט-צייט, האָב איך אים אָפּגעגעבן פּאָר אַ זעלנער". דערפאַר געדענק איך עס איצט, ווייל דעמאָלט האָט עס מיר אויסגעוויזן עפּעס משונה, אומפאַרשטענדלעך.

נאָך אַ געשעניש געווען — די ירושה פון דער פּעראָווסקי. ס'געדענקט זיך דער קאַראַוואַן מיט פערד און הויך אָנגעפּאַקטע וועגענער, וועלכע זענען געקומען פון ניערוטש*), בעת מיר האָבן געוווּנען דעם פּראָצעס וועגן דער ירושה אַ דאַנק איליאַ מיטראָפאַניטשן.

איליאַ מיטראָפאַניטש איז געווען אַ זקן אַ שיכּור, אַ הויכער, מיט ווייסע האָר, פּעראָווסקיס אַ געוועזענער לייב-אייגענער, אַ גרויסער קענער אין משפּטים, ווי עס פלעגן זיך טרעפן אַמאָליקע צייטן. ער האָט געפירט דעם פּראָצעס וועגן דער ירושה, און דערפאַר האָט ער ביזן טויט געלעבט אין יאַסנאַיאַ פּאָליאַנאַ.

נאָך איינדרוקן, וואָס געדענקען זיך גוט: דאָס קומען צו פאָרן פון פּיאָטר איוואַנאָוויטש טאָלסטאָיען, וואַלעריאַנס מיין שוועסטערס מאַנס פאָטער, וועלכער פלעגט אַריינקומען אין גאַסטצימער אין כאַלאַט. מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען, פאַרוואָס איז עס, נאָר שפּעטער האָבן מיר זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דערפאַר, וואָס ער האָט זיך געפונען אין דער לעצטער סטאַדיע פון שווינדזוכט. אַ צווייטער: דאָס קומען פון זיין ברודער — דעם באַרימטן אַמעריקאַנער, פעדאָר טאָלסטאָי. איך געדענק, ער איז צוגעפאָרן אויף פּאָסט-פערד אין אַ קאַליאַסקע, איז אַריין צום פאָטער אין קאַבינעט און האָט געפאָדערט, מען זאָל אים ברענגען זיין באַזונדער טרוקן פראַנצויזיש ברויט. קיין אַנדערס האָט ער נישט געגעסן. דעמאָלט האָבן בא דעם ברודער סערגיי שטאַרק וויי געטון די ציין. ער האָט געפרעגט, וואָס איז אים, און דערוווּסט זיך, האָט ער געזאָגט, אַז ער קאָן פאַרהאַלטן די ווייטיק דורך מאַגנעטיזם. ער איז אַריין אין קאַבינעט און האָט הינטער זיך פאַרשפּאַרט די טיר. אין עטלעכע רגעס אַרום איז ער פון דאָרט אַרויס מיט צוויי באַטיסטענע טיכלעך.

---

*) ס'דאָזיקע גוט אין 300 דעסיאַטין, וועלכעס איז אונז אַריינגעפאַלן ירושה, איז פאַרקויפט געוואָרן, כּדי צו דערנערן די הונגערנדיקע פּויערים בשעת דער גרויסער הונגער אין די 40-קער יאָרן.

איך געדענק, אויף זיי איז געווען אַ לילער זוים פון אוזאָרן. ער האָט דער מומעשין אָפּגעגעבן די טיכלעך און געזאָגט: דאָס, ווען ער וועט אָנטון, וועט די ווייטיק אַריבער, און דאָס — אַז ער זאָל שלאָפן. די טיכלעך האָט מען גענומען, סעריאָזשען אָנגעטון, און בא אונז איז געבליבן דער איינדרוק, אַז אַלץ איז מקוים געוואָרן, ווי ער האָט געזאָגט.

איך געדענק זיין פיין פנים: אַ בראָנזנס, געראַזירטס, מיט געדיכטע ווייסע באַקנבערד ביז די ווינקלען פונם מויל און פונקט אַזעלכע ווייסע געקרייזלטע האָר. פיל וואָלט זיך וועלן דערציילן וועגן דעמדאָזיקן אומגעוויינלעכן, פאַרברעכערישן און צוציענדיקן מענטש.

דער דריטער איינדרוק — דאָס איז געווען דער באַזוך פון עמעס, כ'ווייס אַליין נישט, אַ שוועסטערקינד דער מוטערס, אַ הוזאַר פירשט וואָלקאָנסקי. ער האָט מיר געוואָלט צולאַשטשען. אַוועקגעזעצט אויף די קני און, ווי עס טרעפט אָפט, ווייטער גערעדט מיט די עלטערע, האַלטנדיק מיך. איך האָב מיך געריסן, אָבער ער האָט מיך נאָר שטאַרקער צוגעהאַלטן. דאָס האָט געדויערט אַ מינוט צוויי.

אָבער דאָסדאָזיקע געפיל פון געפאַנגענשאַפט, נישט-פרייהייט, געוואַלט, האָט מיך אין אַזאַ מאָס דערצאָרנט, אַז איך האָב מיך פּלוצלינג אָנגעהויבן רייסן, וויינען און וואַרפן זיך.

דאָס אַריבערקלויבן זיך קיין מאָסקווע

דאָס איז געווען אין 37-סטן יאָר, נאָר ווען, צי אין האַרבסט, צי אום ווינטער — קאָן איך מיך נישט דערמאָנען. פאַר דעם, אַז דאָס איז געווען ווינטערצייט, איז נאָר דאָס, וואָס, דאַכט זיך, פאַר דער באָבעשי איז געווען אַ שליטן מיט אַזעלכע ברייטע פליגלען בא די זייטן, אויף וועלכע דעם גאַנצן וועג זענען געשטאַנען די קאַמערדינערס, אַז אין סערפּוכאָוו איז ער נישט אַריין אין טויער. דאָס געדענק איך מסתמא לויט די דערציילונגען, אָבער אין מיין זכרון איז פאַרבליבן די נסיעה איבערן שוואַרצן וועג. אפשר האָב איך צעפּלאָנטערט, און דידאָזיקע שליטנס זענען געווען בעת אונזער צפּאָרן קיין קאַזאַן. גיכער איז דאָס, אַז מיר זענען גע-

פֿאָרן אויף רעדער. איך געדענק עס דערפֿאַר, ווייל בײַ מיר איז געבליבן אַן איינדרוק דערפֿון, וואָס דער פֿאָטער איז געפֿאָרן פֿון הינטן אין אַ קאַליאַסקע און אונז פֿלעגט מען לויט דער ריי — דאָס איז געווען אַ גרויסע שמחה — נעמען צו אים. איך געדענק, ווי מיר איז אָנגעקומען אַרײַנצופֿאָרן קיין מאָסקווע מיט דעם פֿאָטער אין וואָגן. ס'איז געווען אַ שיינער טאָג, און איך געדענק מײַן אָנטציקונג פֿון די מאָסקווער צערקוועס און הייזער, די אָנטציקונג, וועלכע איז אַרויסגערופֿן געוואָרן דורך יענעם טאָן פֿון שטאָלץ, מיט וועלכן דער פֿאָטער האָט מיר באַוויזן מאָסקווע. נאָך אַ סימן, לויט וועלכן איך געדענק, אַז דאָס איז געווען אַ וועג פֿון שוואַרצער ערד, איז דאָס, וואָס אין דעם ערשטן טאָג פֿון אונזער פֿאָרן (מיר זענען געפֿאָרן אויף געדונגענע פֿערד צוויי טעג; די נאַכט האָבן מיר גענעכטיקט. נישט געפֿאָרן) צו אָוונט צו, ווען עס איז שוין פֿינצטער געוואָרן, האָבן מיר דערהערט, אַז נאָענט פֿונם וועג האָט זיך באַוויזן אַ פֿוקס, און פֿעטרושע, דעם פֿאָטערס קאָמערדינער, וועלכער האָט מיט זיך געפֿירט אַ כאַרט, דעם גרויען זשיראָן, האָט אים אַרויסגע־לאָזט יאָגן זיך נאָך דעם פֿוקס, און איז אַוועקגעלאָפֿן נאָך אים. מיר האָבן גאָרנישט געזען, זענען אָבער געווען זייער צערודערט און האָבן געהאַט ·עגמת נפש, דערוויסנדיק זיך, אַז דער פֿוקס איז אַנטלאָפֿן.

אין דעם 37־סטן יאָר, ווינטער, האָט מען אונז אַוועקגעפֿירט קיין מאָסקווע. די נסיעה איז פֿאָרגעקומען אויף די זעלבע פֿערד, אויף אייגענע און אויף פֿויערישע אין זיבן שליטנס. די באָבע האָט געהאַט אַ באַזונדערן שליטן מיט אַ באַזונדערער אײַנאָרדנונג און כּדי זי זאָל נישט מורא האָבן, זענען אויף די פֿליגלען פֿון דעם שליטן כּמעט די גאַנצע צײַט געשטאַנען דעם טאַטנס צוויי קאָמערדינערס. אין סערפּוכאָוו, ווו עס איז געווען דער דריטער, צי דער פֿערטער אָפּשטעל (דער אַלטער נישט־ברוקירטער וועג איז געגאַנגען גאָר איבער אַנדערע דערפֿער, דאָ זענען געווען די דערפֿער וואָשאַני, ליפּעצי...), האָט מען נישט געקאָנט אַרײַנ־פֿאָרן אין הויף פֿון דער אַכסניא דורך די שטיינערנע געוועלבטע טויערן צוליב דער ברייט פֿון די פֿליגלען, און דעמאָלט האָט מען די באָבעשי געמוזט אַרויספֿירן פֿון שליטן אין צימער אַריין דורך דער גאַס. אין מאָסקווע האָבן מיר געוווינט אויף פּליושטשיכע אין שטשערבאַטשאָווס הויז, דאָס הויז שטייט נאָך איצט אויך אין הויף אין אַ לכסונדיק ווינקל צו דער גאַס. אונז האָט מען געמאַכט שטאָטישע מלבושים און צו מײַן

אומצופרידנהייט טשויקעס. דאָס איז געווען אזא מאָדע פאַר קינדער. נאָר מיר האָט עס אויסגעוויזן דערנידעריקנדיק.

איך געדענק נישט קלאָר דעמדאָזיקן ערשטן ווינטער אין מאָסקווע. מיר פלעגן גיין שפּאַצירן מיט פעדאָר איוואַנאָוויטשן. דעם פאָטער ווייניק געזעען. פרילינג פאַרבראַכט אין מאָסקווע. אין דעם זומער איז געשטאָרבן דער פאָטער. מיר זענען דעם גאַנצן זומער אָפּגעווען אין מאָסקווע. פון הארבסט אָן האָבן מיר זיך געשיידט מיט פעדאָר איוואַניטשן, און מען האָט גענומען סט. טאָמאַסן. דער שווערער טרויעריקער איינדרוק פונם שיידן זיך מיט פעדאַר איוואַניטשן. די התפּעלות פון דער קולטורעלישקייט און דער פּינקטלעכקייט פון ס. ט. דאָס פאַרגעניגן פון לערנען זיך. די גראַפן פּושקין. דער קריסטוס-בוים בא די שיפּאָווס. דאָס קומען צו פאָרן פון גאָרטשאַקאָוו, פּיאָטר דמיטריעוויטשן, און מיין פאַרקאָכטקייט אין זיין שיינקייט און אין זיינע קאַוואַלערישע הויזן. די באָבעשיי לייענט די ראָמאַנען פון מאַדאַם ראַדקליף. איר קראַנקייט, דער טויט. זומער שוין זאַלאָטאַריאָווס הויז. דאָס אָפּפאָרן אין דאָרף אַריין. פּיראָגאָוואַ. דער איינדרוק פון דעם נייעם גוט, פון די וווּנדערלעכע פערד, די יאַגדן מיט ס. טאָמאַסן. דער דייטש אַדאַם פעדאָראָוויטש. דאָס איבערקלויבן זיך קיין מאָסקווע. ניקאָלאַי גרייט זיך צו דעם אוניווערזיטעט. וואַלעריאַן פּעטראָוויטש. דער ברודער, ס. טאָמאַס, זייערע שמועסן. ניקאָלינקע אַ סטודענט. זיינע חברים, אַרסעניעוו און פאָן-וויזין, ליוּלקעס, טאַבאַק, אַלערליי געמיינהייטן. דאָס אומקערן זיך אויף זומער אין דאָרף, פערדלעך, דאָס אָנקומענדע הונגער-יאָר. דאָס נערן די פערד מיט פרישן האָבער. דער ווינטער פונם 40-סטן יאָר. די היילינקונג פונם טעמפּל אין נאָמען פונם דערלייזער. דאָס אָנקומען פון דער גוואַרדיע קיין מאָסקווע. סיוזטעקעס פאַרפאַלן ווערן. אין דעם הויז פון די מיליוטינס קוקן מיר, ווי מען לייגט דעם פונדאַמענט פאַר אַ טעמפּל. אין דעם זעלביקן יאָר דאָס גיין אין עקזערציס-הויז, און דאָס קוקן אויף די פּאַראַדן. דער זומער אין דאָרף. אַלעקסאַנדרע איליניטשנעס טויט און דעם הינטלס צעבראָכענער פוס.

איינמאָל אין אַ חגא איז ווי אַלע מאָל געקומען דער קליינינקער מיליוטין וואָלאַדימיר. פאַר מיטאָג איז אין קינדער-צימער געווען אַ פרייילעכקייט, ביז גאָר אַ ווילדע און אַ משונהדיקע, אין וועלכער מיליוטין און

ניקאָלאַי, אַלס די סאַמע פאַרשטענדיקע, האָבן זיך נישט באַטייליקט. די שטיפעריי איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס הינטערן ווענטל, ווו עס איז געשטאַנען דאָס נאַכט-געפעס, האָט מען אין די טעפלעך געצונדן פּאַפּיר-לעך. ס'איז זיך שווער פאָרצושטעלן, פאַרוואָס דאָס איז געווען פרייליך. נאָר דאָס איז בלי ספק געווען אויסערגעוויינלעך פריילעך. און פּלוצלינג, אינמיטן דערדאָזיקער פרייד, קומט מיט שנעלע טריט אַריין דער ענגער-גישער און בלאָנדער, מוסקולדיקער, קליינינקער גוווערניאָר ס. טאָמאַס (וועלכער איז אין „די בחורישע יאָרן״ באַשריבן אונטערן נאָמען St.-Jerôme), און נישט ליגנדיק קיין אַכט אויף אונזער באַשעפטיקונג, נישט אויסרעדנדיק אונז דערפאַר, זאָגט ער אונז מיט אַ ציטערנדיקער קינבאַק און אַ בלאַס פּנים: „Votre grande mère est morte״ (*.

איך געדענק נאָכדעם, ווי מען האָט אונז אויפגענייט נייע רעקלעך פון שוואַרצן קאַזינעט, באַנייט מיט ווייסע טאַשמעס אויף די קאָלנערס און די מאַנזשעטן. עס איז געווען אַן אימה צו זען די קברנים, וועלכע האָבן זיך געדרייט אַרום שטוב, און נאָכדעם די געבראַכטע טרומנע מיט אַ גלאַזעטענעם דעקל און דער באָבעשיס שטרענגע פּנים מיט דער בערגלדיקער נאָז, אין אַ ווייסן טשיפּיק און מיט אַ ווייס טיכל אויפן האַלז, ווי זי איז געלעגן אין דער טרומנע אויפן טיש, און עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף די טרערן פון דער מומעשי און פון פּאַשענקען, נאָר צוזאַמען דערמיט האָבן געפרייט די נייע קאַזענעטענע רעקלעך מיט די ווייסע טאַשמעס און די רחמנות-באַציונג צו אונז מצד די אַרומיקע. איך געדענק נישט, פאַרוואָס האָט מען אונז אַריבערגעפירט אין פליגל אויף דער צייט פון דער לוויה, און איך געדענק, ווי מיר איז אָנגענעם געווען צו הערן די שמועסן פון עפּעס פרעמדע מחותנתטעס, וואָס האָבן גערעדט וועגן אונז: אינגאַנצן יתומים; אָט איז ערשט דער פאָטער געשטאָרבן, און איצט די באָבעשי אויך.

די ליבע זקנה, מיין מוטערס שוועסטערקינד, האָב איך געקענט. איך האָב מיך מיט איר באַקענט, ווען איך האָב אין די 50-ער יאָרן געוווינט אין מאָסקווע.

מיד געוואָרן פון דער צעשטרייטקייט פון דעם גרויס-וועלטיקן

---

*) אייער באָ-עשי איז געשטאָרבן.

לעבן, וואָס איך האָב דעמאָלט געפירט אין מאָסקווע, בין איך אוועקגע־פאָרן צו איר אין איר קליינעם גוט פון קלינער אויעזד און האָב בא איר פאַרבראַכט עטלעכע וואָכן. זי האָט אויסגענייט אויף א רעמל, האָט באַלעבאַטעוועט אין איר קליינער ווירטשאַפט, האָט מיך מכבד געווען מיט זויער קרויט, מיט טוואָרעך, פּאָווידלע פון אַלע מינים, וועלכע עס גיבן נאָר בא אַזעלכע באַלעבאַסטעס פון קליינע גיטער, און האָט מיר דערציילט :ועגן אַמאָליקע צייטן, וועגן מיין מוטער, וועגן דעם זיידן, וועגן פיר קריינונגען, אויף וועלכע זי איז בייגעווען, און איך האָב בא איר געשריבן „דריי טויטן". ס'דאָזיקע פֿאַרברענגען בא איר. איז פאַר מיר געבליבן איינע פון די ריינסטע און ליכטיקסטע דערינערונגען פון מיין לעבן.

...דער יוראָדיווער גרישע — איז א פערזאָן אַן אויסגעטראַכטע.

פיל פאַרשידענע יוראָדיווע זענען געווען אין אונזער הויז, און איך בין דערפאַר טיף דאַנקבאַר מיינע דערציער — האָב מיך צוגעוויינט קוקן אויף זיי מיט דער גרעסטער אַכטונג. אויב אפילו עס זענען צווישן זיי געווען נישט קיין אויפריכטיקע, אויב עס זענען אין זייער לעבן געווען צייטן פון שוואַכקייט, נישט־אויפריכטיקייט, — איז אָבער די אויפגאַבע גופא פון זייער לעבן, הגם טאַקע פראַקטיש אַן אומגעלומ־פערטע, געווען אַזאַ הויכע, אַז איך בין צופרידן, וואָס איך האָב מיך פון קינדווייז אויף אומבאַוווסטזיניק אויסגעלערנט פאַרשטיין די הייך פון זייער גייסטיקער גבורה. זיי האָבן געטון דאָס, וועגן וואָס מאַרק אוירעליוס האָט געזאָגט : עס גיט נישט העכער, ווי פאַרטראָגן די פאַראַכטונג פאַר דעם שיינעם לעבן. אַזוי שעדלעך, אַזוי אומבאַזיגבאַר איז דער נסיון פון דעם מענטשנס רום, וועלכער מישט זיך שטענדיק אַריין אין גוטע מעשים, אַז מען קאָן נישט גישט מיטפילן די פרווון נישט בלויז אויסצומיידן לויב, נאָר אפילו אַרויסצורופן פאַראַכטונג מצד די מענטשן. אַזאַ יוראָ־דיווער איז געווען אויך דער שוועסטערס טויף־מוטער מאַריע געראַסי־מאָוונע און דער האַלב־נאַרעלע יעוודאָקימישקע און נאָך אייניקע, וועלכע זענען געווען בא אונז אין הויז. מיר, קינדער, האָבן אונטערגעהערט די תפילה נישט פון א יוראָדיוון, נאָר פון דעם נאַרעלע אַקים, דעם גערט־נערס געהילף, וועלכער האָט באמת תפילה געטון אין דעם גרויסן זאַל פון דעם זומער־הויז צווישן די צוויי אָראַנזשעריעס און וועלכער האָט מיך באמת פאַרווונדערט און טיף גערירט מיט זיין תפילה, און וועלכער

האָט געַרעדט מיט גאָט, ווי מיט אַ לעבעדיקער פּערזאָן: דו ביסט מיין דאָקטאָר, דו ביסט מיין אַפּטייקער, — האָט ער געזאָגט מיט גרויסער פאַרטרויִלעכקייט, און נאָכדעם האָט ער געזונגען אַ פּערז וועגן דעם שרעקלעכן געריכט, ווי גאָט האָט אָפּגעטיילט די צדיקים פון די רשעים, און די רשעים האָט ער פאַרשאָטן די אויגן מיט געל זאַמד...

וועגן גראַף אַנדרעי איוואַנאָוויטש טאָלסטאָי, מיין עלטער זיידן, וועלכער האָט זייער יונג חתונה געהאַט מיט דער פירשטין שעטינין, האָב איך פון די מומעס געהערט אַזאַ געשיכטע. צוליב עפּעס אַ צופאַל האָט דאָס ווייב געמוזט פאָרן ערגעץ אויף אַ באַל אָן דעם מאַן. אָפּפאָרנדיק פון דער היים, מסתמא, אין אַ שליטן, פון וועלכן מען האָט אַרויסגענומען דאָס געזעס, כדי דאָס ביידל פונם שליטן זאָל נישט קאַליע מאַכן די הויכע פריזור, האָט די יונגע גרעפין, מסתמא, פון אַ יאָר 17, אין וועג זיך דערמאַנט, אַז אַוועקפאָרנדיק, האָט זי זיך נישט געזעגנט מיטן מאַן, און זי האָט זיך צוריקגעקערט אַהיים.

ווען זי איז אַריין אין שטוב, האָט זי אים דערווישט אין טרערן. ער האָט געוויינט, וואָס דאָס ווייב איז פאַרן אַוועקפאָרן נישט אַריין צו אים זעגענען זיך.

די געשיכטע פון נעכטיקן טאָג

איך שרייב די געשיכטע פון דעם נעכטיקן טאָג נישט דערפאַר, ווייל דער נעכטיקער טאָג זאָל זיין מיט עפּעס מערקווירדיק, גיכער וואָלט מען וועגן אים געקאָנט זאָגן, אַז ער איז נישט קיין מערקווירדיקער, — נאָר דערפאַר, וואָס מיר האָט זיך שוין לאַנג געוואָלט דערציילן די אינטימע זייט פון דעם לעבן פון איין טאָג. — גאָט אַליין ווייסט, וויפיל פאַרשידנאַרטיקע, אינטערעסאַנטע איינדרוקן און געדאַנקען, וועלכע דידאָזיקע איינדרוקן וועקן, הגם טונקעלע נישט קיין קלאָרע, נאָר פונדעסטוועגן נישט ווייניקער פאַרשטענדלעכע פאַר אונזער נשמה, עס גייען אַדורך פאַר איין טאָג.

ווען מען וואָלט זיי געקאָנט דערציילן אַזוי, אַז איך זאָל זיך אַליין לייכט קאָנען לייענען, און אַנדערע זאָלן מיך קאָנען לייענען, ווי איך

אַליין, וואָלט אַרויסגעקומען זייער אַ באַלערעוודיק און אינטערעסאַנט בוך, און אַזוינס, וואָס עס וואָלט נישט געקלעקט קיין טינט אויף דער וועלט אָנצושרייבן עס, און קיין דרוקער — אָפּצודרוקן עס.

איך בין נעכטן אויפגעשטאַנען שפּעט, 10 דעם זייגער אָן אַ פערטל, און אַלץ דערפאַר, וואָס איך האָב מיך געלייגט נאָך 12. (איך האָב מיר שוין לאַנג געמאַכט אַ כּלל נישט צו לייגן זיך שפּעטער פאַר 12, און פונדעסטוועגן פּאַסירט עס מיט מיר אַמאָל דריי אַ וואָך); איבעריקנס, עס זענען פאַראַן אַזעלכע אומשטענדן, בעת וועלכע איך האַלט עס נישט פאַר קיין פאַרברעכן, נאָר פאַר אַ שולד; דידאָזיקע אומשטענדן זענען פאַרשידענע, — נעכטן זענען זיי געווען אָט פון וואָס פאַר אַ מין.

דאָ בעט איך פאַרצייען מיר, וואָס איך וועל זאָגן, וואָס איז געווען אייערנעכטן; די ראָמאַניסטן שרייבן דאָך גאַנצע געשיכטעס וועגן דער פריערדיקער גענעראַציע פון זייערע העלדן. איך האָב געשפּילט אין קאָרטן, אָבער בשום אופן נישט אויס ליידנשאַפט צום שפּילן, ווי דאָס וואָלט געקאָנט אויסווייזן; פונקט אַזוי פיל אויס ליידנשאַפט צום שפּילן, ווי יענער, וועלכער טאַנצט אַ פּאָלקע אויס ליידנשאַפט צום שפּאַצירן. זש. זש. רוסאָ האָט צווישן די זאַכן, וועלכע ער האָט פאָרגעלייגט און קיינער האָט נישט אָנגענומען, פאָרגעלייגט שפּילן אין דער געזעלשאַפט אין בילבאָקע, כּדי די הענט זאָלן זיין פאַרנומען. אָבער דאָס איז קנאַפּ; מען דאַרף, אַז אין דער געזעלשאַפט זאָל אויך דער קאָפּ זיין פאַרנומען, אָדער אַז ער זאָל לפּחות האָבן אַזאַ באַשעפטיקונג, באַ וועלכער מען זאָל קאָנען רעדן, אָדער שווייגן. — אַזאַ באַשעפטיקונג האָט ער צוגעטראַכט — קאָרטן.

פאַרצייטיקע מענטשן קלאָגן זיך, אַז היינט איז גאָר קיין שמועס נישטאָ. איך ווייס נישט, וואָס פאַר מענטשן עס זענען געווען פאַרצייטן (מיר דאַכט זיך, אַז אַלע מאָל זענען געווען דיזעלביקע); אָבער קיין שמועס האָט גאָר קיינמאָל אפילו נישט געקאָנט זיין. שמועס, אַלס באַשעפטיקונג — דאָס איז די סאַמע נאַרישע אויסטראַכטעניש אויף דער וועלט. — נישט ווייל עס פעלט שכל איז קיין שמועס נישטאָ, נאָר מחמת עגאָאיזם. יעדער וויל רעדן וועגן זיך, אָדער וועגן דעם, וואָס אים אינטע־רעסירט. אויב ער איינער רעדט, דער צווייטער הערט, איז עס נישט קיין שמועס, נאָר אַ לעקציע. ווען צוויי מענטשן קומען זיך צונויף און זיי זענען פאַראינטערעסירט מיט דער זעלביקער זאַך, קלעקט נאָר איינער אַ דריטער, אַז עס זאָל אַלץ ווערן צו נישט: ער מישט זיך אַריין; מען

דארף אים אויך לאָזן אָנטיילנעמען — נו, גייט דער שמועס צו אַלדי טייוואַלים.

עס גיבן אויך שמועסן צווישן מענטשן, וועלכע אינטערעסירן זיך מיט איין זאַך, און קיינער שטערט זיי נישט; אָבער דאָ איז נאָך ערגער: יעדער רעדט וועגן דער זעלביקער זאַך פון זיין שטאַנדפּונקט, אַריבערטראָגנדיק אַלץ אויף זיין פּונקט, מעסטנדיק לויט זיין מאָס, און וואָס מער דער שמועס געדויערט, אַלץ מער דערווייטערט זיך איינער פון דעם אַנדערן, ביז יעדער דערזעט, אַז ער שמועסט שוין נישט, נאָר ער פּריידיקט, אַרויסשטעלנדיק זיך מיט פּאַר קיינעם נישט, חוץ אים אַליין, צוטריטלעכער פרייהייט אַלס ביישפּיל; און דער אַנדערער הערט אים נישט און טוט דאָס זעלביקע. ס'איז אייך אויסגעקומען אויף פּאַסכע צו קייקלען אייער? לאָזט צוויי גלייכע אייער איבער איין ברעטל, נאָר באַ יעדן איי דאָס נעזל אין אַן אַנדערער זייט, וועלן זיי לכתחילה זיך אַוועקקייקלען אין איין ריכטונג, און דערנאָך — יעדער איי אין דער זייט, וווהין עס איז געווען דאָס נעזל. פאַראַן אין שמועס. וויאין קייקלען אייער, פּלאַטשיקע, וועלכע קייקלען זיך מיט אַ גערויש און נישט ווייט, פאַראַן אַזעלכע שפּיציקע, וועלכע פאַרפליען גאָט ווייסט וווהין; נאָר נישטאָ קיין צוויי אייער, חוץ די פּלאַטשיקע, וועלכע זאָלן זיך קייקלען אין איין זייט. יעדער האָט זיין נעזל.

איך רעד נישט וועגן די שמועסן, וועלכע ווערן גערעדט דערפאַר, וואָס עס וואָלט נישט אָנשטענדיק געווען נישט צו רעדן, פּונקט ווי עס וואָלט נישט אָנשטענדיק געווען צו גיין אָן אַ האַלזטיכל.

איינ־צד זאָגט: איר ווייסט דאָך, אַז מיך אַרט לגמרי נישט וועגן וואָס איך רעד, נאָר מען דאַרף. און דער צווייטער: רעד, רעד, נעבעכל, איך וויים, אַז דאָס מוז מען.

דאָס איז שוין נישט קיין שמועס, נאָר די זעלבע זאַך, וואָס אַ שוואַרצער פראַק, קאָרטן, הענטשקעס, — אַ זאַך פון אָנשטענדיקייט.

אָט פאַרוואָס איך זאָג, אַז ס'איז גוט, וואָס מען האָט אויסגעטראַכט קאָרטן.

בשעתן שפּילן קאָן מען נישט רעדן, מען קאָן אויך צוליב טון דער אייגנליבע, זאָגן אַ גלייך ווערטל, נישט זייענדיק גאָר מחויב פאַר־צוזעצן אין דעם זעלביקן גייסט, ווי אין דער געזעלשאַפט, וווּ עס איז באַר אַ שמועס.

מען דאַרף צַפּשפּאָרן דעם לעצטן שאָס שכל אויפן סוף, בשעת

מען נעמט זיך פאַר די היטן: דאָ איז די צייט אויסצולאָדן אַלץ, וואָס דו האָסט אָנגעגרייט. — ווי אַ פערד וואָס לויפט אויף אַ פּריז; טאָמער נישט, קאָנסטו נאָך אויסווייזן בלאָס און אָרים; און איך האָב באַמערקט, ווי מענטשן, נישט נאָר קלוגע, נאָר וועלכע קאָנען זיך באַווייזן מיט גלאַנץ אין דער געזעלשאַפט, האָבן פאַרלוירן דערפון, וואָס עס האָט זיי נישט געקלעקט קיין אויסגעהאַלטנקייט. אויב דו האָסט זיך צעהיצט און דו רעדסט, ביז ס'איז דיר מיאוס געוואָרן, און נאָכדעם ווילט זיך מחמת לאַנגווייליקייט אפילו נישט ענטפערן, וועסטו אַוועקגיין דערמיט: ס'וועט בלייבן דער לעצטער איינדרוק, און מען וועט זאָגן: סאַר אַ שווערער מענטש...

אָבער ווען מען שפּילט אין קאָרטן, איז דאָס נישטאָ. — מען קאָן שווייגן. קיינער וועט גאָרנישט נישט זאָגן.

דערצו נאָך שפּילן פרויען (יונגע); בכן, וואָס-זשע קאָן מען זיך בעסער ווינטשן, ווי פאַרברענגען אַ צוויי-דריי שעה לעבן אַ געוויסער פרוי. — און אויב עס איז פאַראַן אַ פרוי, איז דאָך שוין אַלץ גוט.

איז בכן, האָב איך געשפּילט אין קאָרטן, געזעצט זיך פון רעכטס, פון לינקס, אַנטקעגן, און ס'איז אומעטום געווען גוט.

אַזאַ מין באַשעפטיקונג האָט געדויערט ביז 12 אָן אַ פערטל. דריי ראָבערס האָבן זיך געענדיקט. פאַרוואָס האָט די דאָזיקע פרוי מיך ליב... (מיר וואָלט זיך אַזוי וועלן אַוועקשטעלן דאָ אַ פונקט!) אַריינצוברענגען אין פאַרלעגנהייט? איך בין שוין אַזוי אויך אויסער זיך לעבן איר: דאָ דאַכט מיר, אַז די הענט זענען בײַ מיר נישט זייער קיין ריינע, דאָ זיץ איך נישט גוט, דאָ פּייניקט מיך דער בלאָטער אויף דער באַק, דווקא פון איר זייט.

איבעריקנס, דאַכט זיך, זי איז אין גאָרנישט שולדיק. נאָר איך אַליין פיל מיך שלעכט מיט מענטשן, וועלכע איך ליב נישט, אָדער וועלכע איך ליב זייער. פאַרוואָס זאָל עס אַזוי זיין? דערפאַר, וואָס די ווילסטו באַווייזן, אַז דו האָסט נישט ליב, און אַנדערע — אַז דו האָסט ליב; און באַווייזן דאָס, וואָס דו ווילסט, איז זייער שווער. בײַ מיר קומט אַלע מאָל אויס פאַרקערט. כ'וויל זיין קאַלט, נאָר שפּעטער ווייזט זיך אַרויס, אַז שוין צופיל, און — כ'ווער צו פריינדלעך; מיט מענטשן, וועלכע כ'האָב ליב און ליב פיין, ווער איך טרוקן און שאַרף, צוליב דעם געדאַנק, אַז

זיי קאָנען טראַכטן, אַז איך ליב שלעכט, און דאָס פירט מיך אַראָפּ פון וועג.

זי איז פאַר מיר אַ פרוי, מחמת זי האָט יענע ליבע אייגנשאַפטן, — וועלכע נייטן ליב צו האָבן, אָדער, בעסער, זי ליב צו האָבן, ווייל איך האָב זי ליב; אָבער נישט דערפאַר, וואָס זי זאָל קאָנען געהערן צו אַ מאַנסביל. דאָס קומט מיר אויפן זינען נישט. זי האָט אַ שלעכטע טבע, צו וואָרקען ווי טייבעלעך מיטן מאַן אין דער אָנוועזנהייט פון זייטיקע. אָבער מיך גייט עס נישט אָן. מיר איז דאָס אַלציינס, ווי זי וואָלט געקושט דעם אויוון, אָדער דעם טיש, — זי שפּילט מיט די פאַרהעלטענישן, וועלכע עס פּאַסן צו אַלע פאַרהעלטענישן בכלל אין לעבן.

זי איז אַ קאָקעטע, ניין, נישט קיין קאָקעטע, נאָר זי האָט ליב געפעלן צו ווערן, אפילו פאַרדרייען אַ קאָפּ. איך זאָג נישט קאָקעטע, ווייל אָדער דאָס וואָרט איז נישט גוט, אָדער דער באַגריף, וועלכער איז מיט אים פאַרבונדן, איז נישט גוט. זאָגן, אַז קאָקעטעריי איז באַווייזן דאָס נאַקעטע לייב, אָפּנאַרן אין ליבע — איז דאָס נישט קאָקעטעריי, נאָר דאָס איז חוצפה און געמיינהייט. ניין, אָבער וועלן געפעלן זיין און פאַרדרייען קעפּ, דאָס איז פיין (דער צופאַל מיט דער מאַדאַם), דאָס שאַדט קיינעם נישט, ווייל קיין ווערטער זענען נישטאָ, און זיי פאַרשאַפן זיך און לייטן אַן אומשולדיק פאַרגעניגן. אָט איך למשל בין פולקאָם צופרידן, וואָס זי געפעלט מיר, און מער פאַרלאַנג איך נישט. נאָכדעם איז פאַראַן קלוגע און נאַרישע קאָקעטעריי; קלוגע — איז אַזאַ, וועלכע מען באַמערקט נישט, און מען כאַפּט נישט דעם פאַרברעכער אויפן אָרט; נאַרישע — איז פאַרקערט — קיין זאַך נישט פאַרהוילן, און אָט ווי זי רעדט: „איך בין טאַקע נישט זייער קיין שיינע, אָבער דערפאַר סאַראַ פיס איך האָב. טוט אַ בליק, ווי איך וועל מיך זעצן אין דער קאַרעטע. איר זעט? האַ, שיין?" די פיס זענען באַ אייך אפשר טאַקע שיינע, אָבער איך האָב נישט באַמערקט, ווייל איר האָט באַוויזן. — די קלוגע זאָגט: „מיר איז לגמרי אַלציינס, צי איר קוקט, צי נישט, מיר איז הייס, און איך האָב אַראָפּגענומען דעם הוט" — איך זע אַלץ. — „אָבער וואָס גייט עס מיך אָן?"

באַ איר איז — אי אומשולדיק, אי קלוג.

איך האָב אַ קוק געטון אויפן זייגער און בין אויפגעשטאַנען. אַ וווּנדערלעכע זאַך! חוץ בשעת איך רעד מיט איר, האָב איך קיינמאָל אויף זיך נישט געזען איר בליק, און פונדעסטוועגן זעט זי אַלע מיינע

באַוועגונגען. — „אַך, סאַראַ ראָזער זייגער באַ אים איז!“ מען האָט מיין ברעגעטישן זייגער פאַר אַ ראָזן, מסתמא איז קענטיק געווען, אַז איך בין מטושטש געוואָרן, מחמת בשעת איך האָב געזאָגט, אַז, פאַרקערט, דאָס איז זייער אַ גוטער זייגער, איז זי שוין געבליבן אַ מטושטשע. אַפּנים, אַז זי האָט באַדויערט, וואָס זי האָט געזאָגט אַ זאַך, וועלכע האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין אַן אומבאַקוועמער לאַגע. מיר האָבןביידע פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז קאָמיש, און האָבן אַ שמייכל געטון. עס איז מיר געווען זייער אָנגענעם צוזאַמען פאַרשעמען זיך און צוזאַמען אַ שמייכל טון. הגם אַ נאַרישקייט, אָבער צוזאַמען... איך האָב ליב דידאָזיקע געהיימנישפולע באַציונגען, וועלכע דריקן זיך אויס דורך אַן אומבאַמערקלעכן שמייכל, דורך די אויגן, און וועלכע מען קאָן נישט דערקלערן. מען קאָן נישט זאָגן, אַז איינער דעם אַנדערן זאָל פאַרשטיין, נאָר יעדער פאַרשטייט, אַז דער אַנדערער פאַרשטייט, אַז ער פאַרשטייט אים א. אַז. וו. צי האָט זיך איר געוואָלט ענדיקן דעם ליבן פאַר מיר שמועס, אָדער זען, ווי וועל איך מיך אָפּזאָגן, אָדער וויסן, צי וועל איך מיך אָפּזאָגן, אָדער פּשוט נאָך שפּילן, — נאָר זי האָט אַ בליק געטון אויף די ציפערן, וועלכע זענען געווען אָנגעשריבן אויפן טיש, אַ פיר געטון מיטן קרייטל איבערן טיש, אָנגעצייכנט עפּעס אַן אומבאַשטימטע נישט געאָמעטרישע, נישט מאָלערישע פיגור, אַ בליק געטון אויפן מאַן, נאָכדעם צווישן אים און מיר. „לאָמיר שפּילן נאָך דריי ראָבערס“.

איך בין געווען אַזוי פאַרזונקען אין באַטראַכטן נישט דידאָזיקע באַוועגונגען, נאָר אַלץ, וואָס עס הייסט charme*), וועלכע ס'לאָזט זי נישט באַשרייבן, אַז מיין דמיון איז געווען זייער ווייט און האָט נישט באַוויזן אָנצוקליידן מיינע ווערטער אין אַ געלונגענער פאָרם. איך האָב פּשוט געזאָגט: „ניין, איך קאָן נישט“. איך האָב קוים באַוויזן דאָס צו זאָגן, ווי איך האָב שוין אָנגעהויבן חרטה צו האָבן. ד. ה. נישט איך אינגאַנצן, נאָר עפּעס איין קליינער טייל פון מיר. נישטאָ קיין שום טאַט, וועלכן עס זאָל נישט פאַראורטיילן אַ וועלכער נישט איז טיילכל פון דער נשמה; דערפאַר געפינט זיך אַזאַ, וועלכע וועט רעדן אויך לטובת אים: „וואָס איז פאַר אַן אומגליק, אויב דו וועסט זיך לייגן נאָך 12?

*) פּראַכט.

דו ווייסט אפנים, אז דו ועסט נאך אמאל האבן אזא אנגענעמען אונט? מסתמא האט דאסדאזיקע טיילכל גערעדט זייער פיין און איבערצייגנדיק (הגם איך קאן נישט איבערגעבן), מחמת איך האב מיך דערשראקן און גענומען זוכן ארגומענטן. „ערשטנס, איז נישטא קיין גרויס פארגעניגן, האב איך געזאגט, זי געפעלט דיר גארנישט, און דו ביסט אין אן אומבאקוועמער לאגע; ווייטער, דו האסט שוין געזאגט, אז דו קאנסט נישט, און האסט שוין פארלוירן אין אירע אויגן...“

— „Comme il est aimable, ce jeune homme!” (*

דידאזיקע פראזע, וועלכע איז געקומען גלייך נאך מיינער, האט איבערגעריסן מיינע מחשבות. — איך האב מיך אנגעהויבן צו אנטשולדיקן, אז איך קאן נישט; נאר היות ווי צו דעם איז נישט נייטיק צו טראכטן, האב איך פארגעזעצט מיינע מחשבות פאר זיך.

— איך האב אזוי ליב, וואס זי רופט מיך אן אין דער 3־טער פערזאן! אויף דייטש איז עס א גראבקייט, נאר איך וואלט עס ליב געהאט אויך אויף דייטש. פארוואס געפינט זי פאר מיר נישט קיין אנשטענדיקן נאמען? עס איז קענטיק, אז עס איז איר נישט באקוועם צו רופן מיך לויטן נאמען, פאמיליע און טיטול. צי דען איז דאס דערפאר, וואס איך...

— פארבלייב אויף אונטברויט, — האט געזאגט דער מאן.

היות ווי איך בין געווען פארנומען מיט מחשבות וועגן די פארמולעס פון דער 3־טער פערזאן, האב איך נישט באמערקט ווי מיין קערפער האט, אנטשולדיקנדיק זיך זייער אנשטענדיק, וואס ער קאן נישט פארבלייבן, אוועקגעלייגט צוריק דעם הוט און האט זיך גאנץ רויק אנידערגעזעצט אויף דער שטול. ס'איז געווען צו זעען, אז די גייסטיקע זייט מיינע האט קיין אנטייל נישט גענומען אין דעראזיקער אומגעלומפערטקייט. מיר איז געווארן זייער פארדראסיק, און איך האב שוין געוועזט געוואלט געהעריק זיך אליין אויסמוסרן, ערשט עס האט מיך צעשטרייט א ביז גאר אנגענעמער אומשטאנד. זי האט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט אויסגעמאלט עפעס אזוינס, וואס איך האב נישט געזעען, אויפגעהויבן דאס קרייט א ביסל העכער, איידער דאס איז געווען נייטיק, אוועקגעלייגט אויפן טיש, דערנאך, אנגעשפארט זיך מיט די הענט אן

---

*) ווי ליבנסווירדיק דער יונגערמאן איז.

דיוואַן, אויף וועלכן זי איז געזעסן, און, רוקנדיק זיך פון איין זייט צו דער אַנדערער זייט, האָט זי זיך צוגערוקט צו דעם סאַמע רוקן און אויפגעהויבן דאָס קעפּל, — דאָס קעפּל מיט דער דינער און אַ ביסל קיילעכיקער צייכנונג פונם פּנים, מיט די שוואַרצע האַלבפּאַרמאַכטע, אָבער ענערגישע אויגן, מיט דעם שמאָלינקן און שאַרפן־שאַרפן נעזל און מיט אַזאַ מויל, וואָס איז צוזאַמען מיט די אויגן געווען איינס, און האָט אַלע מאָל אויסגעדריקט עפּעס נייעס. אין דערדאָזיקער רגע — ווי זאָל מען זאָגן, וואָס האָט עס אויסגעדריקט? עס איז געווען אי פּאַרטראַכטקייט, אי שפּאָט, אי קרענקלעכקייט, אי פּאַרלאַנג אייגנצוהאַלטן זיך פון געלעכטער, אי חשובקייט, אי קאַפּריז, אי שכל, אי נאַרישקייט, אי ליידנשאַפט, אי אַפּאַטיע, — און מאַלע וואָס עס האָט נאָך אויסגעדריקט.

אין אַ ווײַלע אַרום איז דער מאַן אַרויסגעגאַנגען, מסתמא הייסן דערלאַנגען אָוונטברויט.

ווען מען לאָזט מיך איבער מיט איר אַליין, ווערט מיר אַלע מאָל שרעקלעך און שווער. בעת איך באַגלייט מיט די אויגן די, וואָס גייען אַוועק, טוט מיר אַזוי ווי, ווי בשעת אין דער פינפטער פיגור זע איך, ווי מיין דאַמע גייט אַריבער אויף אַן אַנדערער זייט, און איך מוז פאַרבלייבן איינער אַליין. איך בין זיכער, אַז נאַפּאָלעאָן האָט נישט אַזוי ווי געטון צו זען, ווען דאָס זאַקסישע חיל איז אַריבער צום שונא, ווי מיר האָט אין דער ערשטער בחורשאַפט ווי געטון צו קוקן אויף דערדאָזיקער אכזרישער עוואָלוציע. דאָס מיטל, וועלכעס איך געברויך אין קאַדריל, געברויך איך אויך אין דעם פאַל: איך מאַך מיך, כלומרשט איך באַמערק נישט, אַז איך בין אַליין. איצט האָט זיך דער שמועס, וועלכער האָט זיך אָנגעהויבן, איידער ער איז אַרויס, געענדיקט. איך האָב איבערגעחזרט די לעצטע ווערטער, וועלכע איך האָב געזאָגט, צוגעבנדיק בלויז: „אַזוי, הייסט עס" זי האָט איבערגעחזרט די ווערטער, צוגעבנדיק „יאָ". נאָר צוזאַמען דערמיט האָט זיך תיכּף אויף דער שטיל אָנגעהויבן אַן אַנדערער, נישט הערבאַרער שמועס:

זי: „איך ווייס, צוליב וואָס איר חזרט איבער, וואָס איר האָט שוין געזאָגט: אייך איז נישט באַקוועם אַליין, און איר זעט, אַז מיר איז נישט באַקוועם, — איז כדי מיר זאָלן אויסווייזן ווי פאַראינטערעסירטע, האָט איר אָנגעהויבן צו רעדן. פאַר דער אויפמערקזאַמקייט דאַנק איך אייך זייער. נאָר מען וואָלט געקאָנט זאָגן עפּעס קלוגערס".

איך: „דאָס איז אמת, אייער באַמערקונג איז אַ ריכטיקע, אָבער

איך ווייס נישט, פאַרוואָס איז אייך נישט באַקוועם, צי דען מיינט איר, אַז אויב איר זענט אַליין, וועל איך צו אייך רעדן אַזעלכע זאַכן, וועלכע זענען אייך נישט אָנגענעם? און כדי צו דערווייזן אייך, ווי גרייט איך בין מקריב צו זיין מיינע פאַרגעניגנס פאַר אייך, וועל איך, ווי אָנגענעם דערדאָזיקער שמועס זאָל פאַר מיר נישט זיין, אָנהייבן צו רעדן הויך. אָדער הייבט איר אָן!"

זי: „נו, לאָמיר!"

איך האָב נאָר-וואָס דאָס מויל געבראַכט אין אָרדנונג, כדי צו זאָגן עפּעס אַזאַ זאַך, באַ וועלכער מען וואָלט געקאָנט טראַכטן וועגן איין זאַך, און רעדן וועגן אַ צווייטער, — ערשט זי האָט אָנגעהויבן אַ שמועס, אַ הויכן, וועלכער וואָלט אפשים געקאָנט ציען זיך לאַנג. נאָר אין אַזאַ לאַגע ווערן די סאַמע אינטערעסאַנטע פראַגן צו נישט, מחמת עס ווערט פאַר־געזעצט י ע נ ע ר שמועס. געזאָגט עטלעכע פראַזן פון יעדן צד, זענען מיר אַנטשוויגן געוואָרן; האָבן נאָך געפּרוווט רעדן; ווידער אַנטשוויגן גע־וואָרן. — י ע נ ע ר ש מ ו ע ס:

א י ך: „ניין, מ'קאָן בשום אופן נישט רעדן, היות ווי אייך, זע איך, איז נישט באַקוועם, וואָלט געווען בעסער, אַז עס זאָל זיך אומקערן אייער מאַן.

ז י (הויך): משרת, ווו איז איוואַן איוואַנאָוויטש? בעט זיי צריין אַהער!"

אויב עמעצער ווערט נישט גלייבן, אַז עס גיבן אַזעלכע געהיימע שמועסן, איז אָט האָט איר אַ באַווייז:

„איך בין זייער צופרידן, וואָס מיר זענען איצט אַליין", האָב איך ווייטער גערעדט אויף דעם זעלביקן אופן: „איך וועל אייך נאָך מאַכן די באַמערקונג, אַז איר באַליידיקט מיך אָפט מיט אייער אומצוטרויען. ווען איך ריר מיך נישט ווילנדיק אָן מיט מיין פוס אָן אייער פוס, איילט איר גיכער אַנטשולדיקן זיך, און איר גיט מיר נישט קיין צייט דאָס זעל־ביקע צו טון, בעת איך האָב מיך נאָר-וואָס געוואָלט אַנטשולדיקן, כאַפּנ־דיק זיך, אַז דאָס איז טאַקע אייער פוס. איך קאָן מיך נישט איינ־יאָגן נאָך אייך, און איר מיינט, אַז איך בין נישט איידל".

דער מאַן איז געקומען; מיר זענען אַ ביסל געזעסן, אָפּגעגעסן אַוונטברויט, אַ ביסל געשמועסט, און איך בין אַוועקגעפאָרן צהיים האַלב איינס אַ זייגער.

איצט איז פרילינג. דער 25-סטער מערץ. די נאַכט איז אַ שטילע, אַ קלאָרע; די יונגע לבנה זעט זיך אַנטקעגן פון הינטער דעם רויטן דאַך פון דעם גרויסן ווייסן הויז. שניי איז שוין ווייניק.

— „דערלאַנג N-ען!..."

בלויז מיין נאַכט-שליטן איז געשטאַנען באַם אַריינגאַנג, און דמיטרי האָט אגב אָן דעם לאָקייס אויסרוף אויך זייער גוט געהערט, אַז איך גיי אַרויס, ווייל עס האָט זיך געהערט, ווי ער טשמאָטשקעט, גלייך ווי ער וואָלט עמעצן געקושט אינדערפינצטער, און וואָס האָט לויט מיינע השערות געהאַט דעם ציל צו נייטן דאָס קליינע פערדל, עס זאָל רירן דעם שליטן פון די שטיינער פונם ברוק, אויף וועלכע עס האָבן די שליט-אייזנס געסקריפּעט און געקוויטשעט.

לסוף איז דאָס שליטל צוגעפאָרן. דער דינסטגרייטער לאָקיי האָט מיך גענומען אונטערן אָרעם און אַוועקגעפירט אַריינזעצן אין שליטן. ווען ער וואָלט מיך נישט געהאַלטן, וואָלט איך גלייך אַריינגעשפּרינגען אין שליטן, איצט אָבער, כּדי אים נישט צו באַליידיקן, בין איך אַוועק פּאַמעלעך און האָב דורכגעבראָכן דאָס דינינקע אייז, וואָס האָט זיך פאַר-צויגן איבער די לוזשעס, און פאַרנעצט די פיס.

— „אַ דאַנק, ברודערקע! ס'נעמט אַ פראָסט?"

— ווי-זשע דען. איצט וועלן זיך אָנהייבן פרעסטלעך יעדע נאַכט.

ווי נאַריש! צוואָס פרעג איך? נישט אמת, ס'איז גאָרנישט נאַריש: דיר ווילט זיך רעדן, האָבן צו טון מיט מענטשן, ווייל דו ביסט פריילעך. פאַרוואָס-זשע בין איך פריילעך? ווען איך וואָלט מיך געזעצט אין שליטן מיט אַ האַלבע שעה צוריק, וואָלט איך נישט אָנגעהויבן דעם שמועס. נאָר טאַקע דערפאַר, וואָס איך האָב גאַנץ פיין גערעדט פאַרן אַוועקפאָרן, דערפ ר, וואָס איר מאַן איז מיך אַרויס באַגלייטן און האָט געזאָגט: „ווען-זשע זעען מיר זיך ווידער?", דערפאַר, ווי נאָר דער לאָקיי האָט מיך דערזען, האָט ער זיך גלייך אויפגעכאַפּט, און נישט געקוקט דערויף, וואָס פון אים האָט געשמעקט מיט פּיעטרישקע, האָט ער מיך מיט פאַרגעניגן באַדינט. איך האָב אים אַזוי זיך דערלאַנגט אַ האַלבן רובל. אין אַלע אונזערע זכרונות פאַלט אַרויס דער מיטן, און עס בלייבט דער ערשטער און דער לעצטער איינדרוק, דערהויפּט דער לעצ-טער; דעריבער איז זייער אַ פיינער מנהג, וואָס דער הויזווירט באַ-גלייט דעם גאַסט ביז דער טיר, לעבן וועלכער ער שטעלט איין די פי׳ס

ווי אַ שרויף און מוז שוין דעם גאַסט זאָגן עפּעס אַנגענעמס, מעגן זיך די באַציִונגען צווישן זיי ווי נאָענטע זיין. דעמדאָזיקן כּלל טאָר מען נישט גרינגשעצן. למשל, „ווען זענען מיר זיך חידער" באַטייט גאָרנישט, אָבער דעם גאַסטס אייגנליבע וועט עס אַזוי אויסטייטשן: „ווען" הייסט: טו אַ טובה, וואָס גיכער; „מיר" הייסט: איך און דאָס ווייב, וועלכער עס איז אויך זייער אַנגענעם דיך צו זעען; „ווידער" הייסט: מיר האָבן היינט דעם אָוונט פאַרבראַכט צוזאַמען, אָבער מיט דיר קאָן נישט זיין לאַנגווייליק; „זעען מיר זיך" הייסט: פאַרשאַף מיר נאָכאַמאָל דאָס פאַרגעניגן. און בײַ דעם גאַסט פאַרבלייבט אַ גוטער איינדרוק.

עס איז אויך נייטיק, דערהויפּט אין נישט-גוט-איינגעאָרדנטע הייזער, ווו נישט אַלע לאַקייען, דערהויפּט דער שווייצער (דאָס איז דער וויכטיקסטער פּאַרשוין, ווייל ער איז דער ערשטער און דער לעצטער איינדרוק) זענען העפלעך, איבערצולאָזן דער דינערשאַפט געלט. זיי באַגעגענען און באַגלייטן אייך ווי אַ מענטש אַ היימישן און זייער דינסט-פאַרטיקייט, וואָס איר מקור איז דער האַלבער רובל, דאַרף מען אַזוי אויסטייטשן: אַלע ליבן און אַכטן אייך דאָ, דעריבער מיען מיר זיך, צופרידן שטעלנדיק די באַלעבאַטים, אייך צופרידן צו שטעלן. — ס'קאָן זיין, אַז נאָר דער לאַקיי ליבט און אַכט, נאָר פונדעסטוועגן איז עס אַנגענעם; וואָס איז דאָס אומגליק, וואָס אַ טעות? אויב עס וואָלטן נישט געווען קיין טעותן, וואָלט נישט געווען...

— „דו ביסט פון זינען אַראָפּ, טאַ־איוול!..."

איך און דמיטרי זענען שטילינקער און באַשיידענערהייט געפאָרן איבער עפּעס אַ בולוואַר און האָבן זיך געהאַלטן אָן דעם דינינקן אייז פון דער רעכטער זייט, ערשט פּלוצלינג איז עפּעס אַ „וואַלד-טייוול" (דמיטרי האָט אים נאָכדעם אַזוי אָנגערופן) אין אַ קאַרעטע מיט אַ פּאָר פערד אָנגעפלויגן אויף אונז. מיר האָבן זיך אויסגעמיידט. און ערשט ווען מיר זענען אָפּגעפאָרן אַ טריט 10, האָט דמיטרי געזאָגט: „סאַר אַ וואַלד-טייוול דאָס איז! ווייסט נישט, אַז מען דאַרף זיך האַלטן רעכטס". מיינט נישט, אַז דמיטרי איז געווען אַ שרעקעדיקער יונג, אָדער אַז ער איז נישט געווען פלינק אויף אַן ענטפער; ניין, אדרבא, הגם ער איז געווען קליינגעוויקסיק מיט אַ געגאָלטער באָרד (נאָר מיט וואָנסעס), פונדעסט-וועגן האָט ער טיף געפילט זיין זעלבסטווירדע און שטרענג דערפילט זיין חוב; נאָר אין דעם פאַל איז די סיבה פון זיין שוואַכקייט געלעגן אין צוויי אומשטענדן: 1) דמיטרי איז געוווינט געווען צו פאָרן אין

עקיפּאַזשן, וועלכע רופן אַרויס אַכטונג. איצט אָבער זענען מיר געפאָרן אין אַ לובנעם שליטל מיט זייער אַ קליין פערדל און זייער לאַנגע האָ־לאָבליעס, אַזוי, אַז אפילו מיט דער בייטש איז שווער געווען עס צו דערגרייכן; און ס'דאָזיקע פערדל האָט קלאָגעדיק געפּלאָנטערט מיט די הינטערשטע פיס, וואָס עס האָט בּאַ די זייטיקע צושויער געקאָנט אַרויס־רופן אַ געלעכטער, דעריבער איז אוודאי דערדאָזיקער אומשטאַנד געווען שווער פאַר דמיטרין און ביכולת צו פאַרניכטן אין אים דאָס געפיל פון זעלבסטווירדע. 2) מסתמא האָט מיין פראַגע, צי עס נעמט אַ פראָסט, אים דערמאַנט אַזעלכע מינים פראַגעס אום האַרבסט, בּאַ אַן „אַרויספאָר“: ער איז געווען אַ יעגער; אַ יעגער האָט וועגן וואָס צו טרוימען און קאָן פאַרגעסן אויסצווזידלען צו דער ציט אַ קוטשער, וועלכער האַלט זיך נישט רעכטס. — בּאַ קוטשערס איז, ווי בּאַ אַלעמען, בּלייבּט יענער דער גערעכטער, ווער עס האָט מיט גרעסערער זיכערהייט און האָט פריער אָנגעשריגן אויף דעם אַנדערן. פאַראַן אויסנאַמען; למשל, אַ וואַנקע*) קאָן בשום אופן נישט אָנשרייען אויף אַ קאַרעטע; פאַר איין פערד איז שווער אָנצושרייען אויף אַ געשפּאַן פון פיר פערד. איבעריקנס, אַלץ הענגט אָפּ פון דעם כאַראַקטער, פון די אומשטענדן פון דער צייט, און דער עיקר פון דעם קוטשערס פערזענלעכקייט, פון דער ריכטונג. אין וועלכער מען פאָרט. אין׳ האָב איינמאָל אין טולע געזען אַ וווּנדערלעכן ביישפּיל פון דער ווירקונג, וואָס עס קאָן האָבן איין מענטש אויף דעם צווייטן מיט זיין חוצפּה.

ס'איז געווען אַ שפּאַציר־פאָר אויף פּוטערוואָך; שליטנס געשפּאַנטע אין פּאָר, און אין פיר פערד, קאַרעטעס, לויפער, זיידענע פוטערס — אַלץ האָט זיך געצויגן אין אַ קייט איבער קיעווער; פוסגייער — אַ מאַסע. פּלוצלינג הערט זיך אַ געשריי פון דער קווערער גאַס: „האַלט, היי, האַלט אָפּ די פערד! גיכער, היי!“ — מיט אַ הויך אין זיך זיכער קול. נישט ווילנדיק האָבן זיך די פוסגייער אָפּגעקערט אָן אַ זייט, די פּאַרקעס און די טשעלוואַרקעס האָבן זיך צאָפּגעשטעלט. וואָס־זשע מיינט איר? פאַר דער צייט, וואָס קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט, האָט זיך אָן צרומגעריסענער פּורמאַן, שטייענדיק אין זיין אָפּגעריבענעם שליטן, מאַכנדיק איבערן קאָפּ מיט די עקן פון די לייצעס, דורכגעריסן

---

*) אַ פּשוטע דראָזשקע.

אויף דער צווייטער זייט. אפילו די פּאָליציאַנטן האָבן זיך אויך פונאַנ־דערגעלאַכט.

הגם אַ היציקער מענטש, און האָט ליב געהאַט אַ זידל צו טון זיך, האָט אָבער דמיטרי געהאַט אַ גוט האַרץ, איז געווען פול מיט צער בעלי־חיים. די בייטש האָט ער גענוצט, נישט ווי אַ מיטל צו בייטן, נאָר צו לערנען מוסר; ד. ה. ער האָט נישט געטריבן מיט דער בייטש, דאָס האָט נישט געשטימט מיט דער ווירדע פון אַ שטאָטישן קוטשער, נאָר אויב דאָס פערד האָט נישט געוואָלט איינשטיין לעבן גאַניק, האָט ער אים דערלאַנגט אַ „מאָל". איך האָב אויך איצט געהאַט די מעגלעכקייט דאָס צו באַמערקן: אַריבערפאָרנדיק פון איין גאַס אין דער צווייטער, האָט דאָס פערד אונז קוים אַרויסגעשלעפּט. און איך האָב באַמערקט נאָך די פאַרצווייפלטע באַוועגונגען פון זיין רוקן און נאָך זיין טשמאָקען, אַז ער איז געווען אין אַן אומאָנגענעמער לאַגע. דערלאַנגען מיט דער בייטש — איז ער דערצו נישט געוווינט. נו, און ווי אויב דאָס פערד וואָלט זיך אָפּגעשטעלט? ער וואָלט עס נישט אַריבערגעטראָגן, הגם דאָ איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן פאַר אַן אָפּשפּעטער, וואָס זאָל זאָגן: „אפשר געבן אַ ביסל האָבער?" אָט איז אַ באַווייז, אַז דמיטרי טוט מער אויס דעם באַוווסטזיין פון זיין חוב, איידער אויס גאווה. — איך האָב נאָך פיל געטראַכט וועגן די פילפאַרשידענע באַציונגען פון די קוטשערס צווישן זיך, וועגן זייער שכל, כוח פון געפינען זיך אין אַ לאַגע, און שטאָלץ. — מסתמא דערקענען זיי זיך איינער דעם אַנדערן אויף גרויסע צוזאַמענ־פאָרן, און זיי גייען אַריבער פון פיינדלעכע צו פריינדלעכע באַציונגען. אַלץ איז אינטערעסאַנט אויף דער וועלט. דערהויפּט די באַציונגען פון די קלאַסן, צו וועלכע מיר געהערן נישט.

בעת עקיפּאַזשן פאָרן אין איין ריכטונג געדויערט די מחלוקת לענ־גער; דער, וועלכער האָט באַליידיקט, באַמיט זיך אַוועקצופאָרן, אָדער אָפּצושטיין פון הינטן. און דער צווייטער האָט אַמאָל צייט צו דערווייזן די אומגערעכטיקייט פון דעם טאַט, און ער איז מנצח; איבעריקנס, בעת מען פאָרט אין איין זייט, האָט די אויבערהאַנט דער צד, וואָס האָט די בעסערע פערד.

מיר איז אויך אינטערעסאַנט די באַציונג פון די באַלעבאַטים צווישן זיך מיט די קוטשערס בײַ אַזאַ מין צוזאַמענשטויס. „סאַר אַ ניוזיק, ווי־הין שפּאַרסטו זיך!" ווען דאָס איז געווענדט צו דעם גאַנצן עקיפּאַזש, סטאַרעט זיך דער פּאַסאַזשיר נישט ווילנדיק אַנצונעמען אַן אויסזעען אַן

ערנסטן, אָדער אַ פרײלעכן, אָדער אַ זאָרגלאָזן — מיט איין וואָרט — אַזאַ, וואָס פריער האָט ער אים נישט געהאַט. ס'איז קענטיק, אַז אים וואָלט געווען אָנגענעמער, ווען דאָס וואָלט געווען פאַרקערט. איך האָב באַמערקט, אַז הערן מיט וואָנסעס פילן באַזונדערס די באַליידיקונגען, וועלכע מען האָט געמאַכט דעם גאַנצן עקיפּאַזש.

— „ווער פאָרט?" דאָס האָט אויסגעשריגן דער פאָליציאַנט, וועלכער איז היינט פרי פאַר מיר אין די אויגן געווען באַליידיקט אויך פון אַ קוטשער. לעבן דעם גאַניק אַנטקעגן סאַמע ביידל פון דעם פאָליציאַנט איז געשטאַנען אַ קאַרעטע. אַ ווײלער קוטשער מיט אַ געלער באָרד האָט, אונטערלייגנדיק אונטער זיך די לייצעס און אָנגעשפּאַרט זיך מיט די עלנבויגנס אויף די קני, געוואַרעמט דעם רוקן אויף דער זון, באַשיינפערלעך מיט גרויס פאַרגעניגן, מחמת ער האָט זיך כמעט אינגאַנצן פאַרזשמורקעט. אַנטקעגן אים איז דער פאָליציאַנט אַרומגעגאַנגען אויף זיין בריקל פאַרן ביידל און האָט מיט דעם עק פון דער האַלעבאַרדע פאַררוקט דאָס ברעטל איבער דער קאַלוזשע, וואָס פאַר זיין באַלקאָן. פּלוצלינג איז אים נישט געפעלן געוואָרן אָדער וואָס די קאַרעטע שטייט דאָ, אָדער ער האָט מקנא געווען, וואָס דעם קוטשער איז אַזוי אָנגענעם צו וואַרעמען זיך, אָדער ער האָט געוואָלט דורכשמועסן זיך, — ער איז אַדורכגעגאַנגען איבער זיין באַלקאָן, אַריינגעקוקט אין זאַווולעק, נאָכדעם, אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַלעבאַרדע אָן ברעט: „היי, דו, ווו האָסטו זיך געשטעלט, דעם וועג פאַרצוימט!" דער קוטשער האָט אַ ביסל פאַרקרומט דאָס לינקע אויג, אַ בליק געטון אויפן פאָליציאַנט און צוריק פאַרמאַכט.

— „פאָר אַראָפּ, צו דיר רעדט מען, צי ניין!" קיין שום אויפמערקזאַמקייט, — „צי דו הערסט נישט? שטעל זיך אָן אַ זייט, זאָגט מען דיר!"

געזעען, אַז ס'איז נישטאָ קיין ענטפער, איז דער פאָליציאַנט אַדורכגעגאַנגען איבערן באַלקאָנדל, ווידער אַריינגעבליקט אין זאַוווּלעק און האָט זיך געקליבן זאָגן עפּעס אַזוינס שניידנדיקס. אין דער צייט האָט זיך דער קוטשער אויפגעהויבן, פאַרריכט די לייצעס הינטער זיך, און אויסגעדרייט זיך מיט פאַרשלאָפענע אויגן צו דעם פאָליציאַנט:

— וואָס קוקסטו? מ'האָט דיר, שוטה איינער, נאָך קיין ביקס אין די הענט נישט געגעבן, און שוין אַ לייט, שרייט שוין אויך!

— דערלאַנג

דער קוטשער האָט זיך אויפגעכאַפּט און דערלאַנגט. — איך האָב אַ בליק געטון אויף דעם פּאָליציאַנט. ער האָט עפּעס געמורמלט און ברוגז אויף מיר אַ בליק געטון; אים איז אַפּנים געווען אומאַנגענעם, וואָס איך האָב געהערט און וואָס איך קוק אויף אים.

איך ווייס, אַז מיט קיין שום זאַך קאָן מען אַזוי טיף נישט באַליי-דיקן קיין מענטש, ווי דערמיט, וואָס מען גיט אים צו פאַרשטיין, אַז מען האָט באַמערקט, נאָר רעדן וויל מען וועגן דעם נישט; דערי-בער האָב איך מיך פאַרשעמט, באַדויערט דעם פּאָליציאַנט און בין אַוועק פונדאַנען.

איך האָב אין דמיטרין ליב אויך די פעיקייט פאַראַמאָל צו געפינען דעם פּאַסיקן נאָמען פאַר אַ מענטש; מיך האָט עס פאַרווײַלט. — „גיי, היטל, שירות, באָרד; גיי, שליטן; גיי, וועשין; גיי, קאַנאָוואַל; — גיי, פיגורע; גיי, מוסיו!‟ ס'איז וווּנדערלעך, ווי דער רוסישער מענטש קאָן געפינען דאָס באַליידיקנדיקע וואָרט פאַר אַ צווייטן, וועלכן ער זעט דאָס ערשטע מאָל; — נישט נאָר אַ מענטש לויט זיין שטאַנד: אַ מעשטשאַ-נין — איז „קאַצן-שענדער‟ (גלייך ווי מעשטשאַנעס וואָלטן געשענדט קעץ); אַ לאַקיי — איז „לעקער‟, „טעלער־לעקער‟; אַ פּויער — איז „ריוריק‟ — פאַרוואָס, ווייס איך נישט; אַ קוטשער — איז „האַלאַבלע-ניק‟, א. אַז. וו. אַלץ אויסרעכענען איז אוממעגלעך. זאָל אַ רוסישער מענטש זיך צעקריגן מיט אַ מענטש, וועלכן ער זעט דאָס ערשטע מאָל, וועט ער אים תיכף ומיד קריינען מיט אַזאַ נאָמען, וואָס וועט אים אין דער זיבעטער ריפּ פאַרגיין: „קרומער הינט‟, „קאַסאַקער שד‟, „גראַבליפּיקע בעסטיע‟, „קורנאָסע‟. מען דאַרף עס איבערלעבן, כדי צו וויסן, ווי ריכטיק און פּינקטלעך זיי טרעפן גלייך אין שוואַכן אָרט אַריין. איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן די באַליידיקונג, וואָס איך האָב איינמאָל באַקומען הינטער די אויגן; איינער אַ רוס האָט וועגן מיר געזאָגט: „אַך, ער מיט די שיטערע ציין!‟ מען דאַרף וויסן, אַז די ציין זענען בײַ מיר אויסערגע-ווייינלעך שלעכטע, קאַליקע און שיטערע.
אינדערהיים.

איך בין געקומען צו פאָרן אַהיים. דמיטרי האָט זיך אָנגעהויבן איילן אַראָפּצוגיין, כדי צו עפענען דאָס טויער; איך אויך, כדי אַדורכ-צוגיין דורכן פאָרטל פריער פאַר אים. דאָס איז יעדעס מאָל אַזוי: איך איל מיך אַריינצוגיין, ווייל איך בין שוין געוווינט, — ער איילט זיך

אונטערצופירן מיך צום גאַניק, ווייל ער איז שוין אַזוי געוווינט. איך קאָן מיך לאַנג נישט דערקלינגען ; דאָס הלבנה ליכטל איז מיט אַן אָנגעבערענט קנייטל, און פראָוו, מיין לאַקיי דער זקן, איז געשלאָפן. פאַר דער צייט, וואָס איך האָב געקלונגען, איז אַט ווען וואָס איך האָב געטראַכט : פאַר־וואָס איז מיר דערווידער אריינצוגיין צו זיך אין שטוב, ווו און ווי איך זאָל נישט לעבן ? דערווידער צו זעען אַלץ דעם זעלביקן פראָוון אויף דעם זעלביקן אָרט, דאָס זעלביקע ליכטל, די זעלביקע פלעקן אויף די טאַפּעטן, די זעלביקע בילדער, — אַזוי, אַז עס ווערט אַזש אומעטיק אויפן האַרץ. — דער עיקר דערעסן מיר די טאַפּעטן און די בילדער, מחמת זיי האָבן פרעטענזיעס אויף פאַרשידנאַרטיקייט, און ווי נאָר מען קוקט אויף זיי צוויי טעג, זענען זיי ערגער, איידער די ווייסע ווענט. דאָסדאָזיקע אומאָנגענעמע געפיל באַם אריינגאַנג אין שטוב, האָט מסתמא געשטאַמט דערפון, וואָס אַ מענטש איז נישט געבוירן געוואָרן, כדי צו צוויי און צוואָנציק יאָר זאָל ער נאָך זיין אַ בחור. גאָר אַנדערש וואָלט געווען, ווען מען וואָלט קאָנען פרעגן פראָוון, יועלכער איז אויפגעשפּרונ־גען און עפנט, קלאַפּנדיק מיט די שטיוול (זיכער, כדי צו באַווייזן, אַז ער הערט שוין לאַנג און איז טיכטיק) :

— די באַרינינע שלאָפט ?

— „אָ, ניין, זיי לייענען אַ ביכל".

ס'וואָלט גאָר אַנדערש געווען — כ'וואָלט זי גענומען מיט ביידע הענט פאַרן קעפל, כ'וואָלט זי אַ ביסל געהאַלטן אַנטקעגן זיך, וואָלט געקוקט, וואָלט איר אַ קוש געטון, און ווידער געקוקט און ווידער געקושט. און עס וואָלט נישט לאַנגווייליק געווען אומצוקערן זיך אַהיים. איצט איז די איינציקע פראַגע, וואָס איך קאָן שטעלן פראָוון, כדי צו באַווייזן אים, אַז איך האָב באַמערקט, אַז ער שלאָפט קיינמאָל נישט, ווען איך בין נישטאָ אינדערהיים : „עמעצער איז געווען ?" — „קיינער נישט". — יעדעס מאָל, ווען עס קומט אַזאַ פראַגע, גיט פראָוו דעם ענטפער מיט אַ קלאָגעדיק קול ; און יעדעס מאָל ווילט זיך צו אים זאָגן : וואָס־זשע רעדסטו מיט אַ רחמנותדיק קול ? איך בין זייער צופרידן, וואָס קיינער איז נישט געווען. אָבער איך האַלט מיך איין : פראָוו וואָלט זיך געקאָנט באַליידיקן, און ער איז אַ בכבודיקער מענטש.

געוויינלעך שרייב איך אינאָוונט אַ טאָגבוך, אַ פראַנקלינישן זשורנאַל און די טעגלעכע חשבונות.

היינטיקן טאָג האָב איך גאָרנישט נישט אויסגעגעבן, ווייל עס

איז נישטאָ קיין גראָשן — איז נישטאָ וואָס צו שרייבן אין דעם בוך פון די השבונות.

אַנדערש איז מיטן טאָגבוך און מיטן זשורנאַל: מען וואָלט געדאַרפט שרייבן, אָבער עס איז שפּעט, וועל איך אָפּלייגן אויף מאָרגן.

מיר איז אָפּט אויסגעקומען צו הערן די ווערטער: „אַ פּעסטער מענטש, לעבט אָן אַ ציל"; און אפילו איך אַליין האָב עס פיל מאָל געזאָגט און זאָג איצט אויך, נישט דערפאַר, ווייל איך חזר איבער פרעמדע רייד, נאָר איך פיל אין דער נשמה, אַז דאָס איז נישט גוט, אַז מען מוז אין לעבן האָבן אַ צ י ל.

נאָר ווי־זשע מאַכט מען, אַז מען זאָל זיין אַ „גאַנצער מענטש" און לעבן „מיט אַ ציל"? אוועקשטעלן זיך אַ ציל קאָן מען בשום אופן נישט. — דאָס האָב איך שוין געפּרוווט וויפיל מאָל, און עס קומט גאָר־נישט אַרויס. מען דאַרף נישט אויסטראַכטן, נאָר געפינען אַזאַ, וואָס זאָל אַנטשפּרעכן די נטיות פון דעם מענטש, וועלכער זאָל אויך פריער געווען זיין, נאָר מען זאָל אים ערשט דערקענען. אַזאַ מין ציל, דאַכט זיך מיר, האָב איך געפונען: אַלזייטיקע בילדונג, און די אַנטוויקלונג פון אַלע פעיקייטן. אַלס איינער פון די דערקענטע הויפּטמיטלען צו דערגרייכן אים — דאָס טאָגבוך און דער פראַנקלינישער זשורנאַל. אין טאָגבוך בין איך מיך אַלע טאָג מתוודה אין אַלץ, וואָס איך האָב געטון שלעכטס. אין זשורנאַל זענען בײַ מיר לויט רובריקן פאַרצייכנט די שוואַכקייטן. פויל־קייט, ליגנס, פרעסעריי, אומאַנטשלאָסנקייט, דער פאַרלאַנג אויסצובאַרימען זיך, גלוסטונג, ווייניק fierté*) א. אַז. וו. — אַלץ אָט אַזעלכע קליי־ניקע תאוהלעך. אין דעם זשורנאַל טראָג איך אַריבער פונם טאָגבוך מיינע פאַרברעכנס, באַצייכנענדיק זיי מיט צלמלעך לויט די רובריקן.

איך האָב מיך גענומען אויסטון און האָב געטראַכט: ווי־זשע איז די אַלזייטיקע בילדונג און די אַנטוויקלונג פון די פעיקייטן, פון דער מאָראַל? און צי דען קאָן מען אויף אַזאַ אופן דערגיין צו מאָראַל? וווהין קאָן ברענגען דערדאָזיקער זשורנאַל, וועלכער דינט בלויז אַלס באַווייזער פון די שוואַכקייטן, צו וועלכע ס'איז קיין סוף נישטאָ, וועלכע קומען יעדן טאָג צו, און וואָס אפילו אַז מען זאָל זיי פאַרגיכטן, קאָן מען צו מאָראַלישקייט דורך דעם נישט דערגרייכן. — דו נאַרסט זיך

*) שטאָלץ.

ס'איז דען — ! נאַר, און שפּילסט דערמיט, ווי אַ קינד מיט אַ צאַצקע
אַפּנים געניג, אַז דער קינסטלער זאָל קענען די זאַכן, וואָס מען דאַרף
נישט טון, כּדי צו ווערן אַ קינסטלער? צי דען קאָן מען נעגאַטיוו,
נאָר אָפּהאַלטנדיק זיך פון שעדלעכן, דערגרייכן עפּעס נוצלעכס?
פאַר דעם פעלד-אַרבעטער איז קנאַפּ אויסצוייעטן דאָס פעלד, מ'דאַרף
עס צעאַקערן און פאַרוייען. — מאַך זיך כּללים פון מאָראַל און היט זיי. דאָס
האָט גערעדט יענץ טיילכל פון שׂכל, וועלכעס פאַרנעמט זיך מיט
קריטיק.

איך האָב מיך פאַרטראַכט. צי דען קלעקט צו פאַרניכטן די סיבה
פון בייז, כּדי עס זאָל זיין גוטס? גוטס איז פּאָזיטיוו, און נישט נעגאַ-
טיוו. דעריבער טאַקע קלעקט, ווייל גוטס איז פּאָזיטיוו און בייז איז
נעגאַטיוו; בייז קאָן מען פאַרניכטן, גוטס — נישט. גוטס איז אַלעמאָל
אין אונזער נשמה, און נשמה — איז גוטס, דאָס בייז איז צוגעטשעפּעט.
ווען עס וועט נישט זיין קיין בייז, וועט זיך דאָס גוטס אַנטוויקלען. די
פאַרגלייכונג מיט דעם ערד-אַרבעטער טויג נישט: ער דאַרף זייען און
יעטן; אין דער נשמה איז דאָס גוטס שוין פאַרזייעט. דער קינסטלער
דאַרף זיך געניטיקן; ער וועט דערגרייכן צו קונסט, אויב ער וועט זיך
נישט רעכענען מיט כּללים נעגאַטיווע, ער דאַרף זיך אָפּזאָגן פון ווילקיר.
צו דער געניטיקונג און מידות טובות דאַרף מען נישט קיין געניטיקונ-
גען: די געניטיקונגען איז דאָס לעבן. קאַלטקייט — איז אָפּוועזנהייט
פון וואַרעמקייט; אָפּוועזנהייט פון ליכטיקייט — איז פינצטערניש;
שלעכטס איז די אָפּוועזנהייט פון גוטס: — פאַרוואָס האָט דער מענטש ליב
וואַרעמקייט, ליכטיקייט, גוטס? דערפאַר, וואָס זיי זענען נאַטירלעך. —
עס איז פאַראַן אַ סיבה פון וואַרעמקייט, ליכטיקייט, גוטס: די זון, גאָט;
אָבער עס איז נישטאָ קיין קאַלטע און פינצטערע זון, נישטאָ קיין בייזער
גאָט. מיר זעען די ליכטיקייט און די שטראַלן פון ליכטיקייט, מיר זוכן
די סיבה, און מיר זאָגן, אַז עס איז פאַראַן די זון. דאָס דערווייזט אונז
אויך די ליכטיקייט און די וואַרעמקייט און דאָס געזעץ פון צוציונג. דאָס
איז פאַראַן אין דער פיזישער וועלט; אין דער מאָראַלישער וועלט זעען
מיר דאָס גוטס, מיר זעען זיינע שטראַלן, מיר זעען, אַז פונקט אַזאַ איז
דאָס געזעץ פון דער צוציונג פון גוטס צו עפּעס העכערס, און אַז דער
קוואַל — איז גאָט. נעם אַראָפּ די גראָבע קאָרע פון דעם בריליאַנט,
וועט אין אים זיין אַ גלאַנץ. וואַרף אָפּ דאָס הייטל פון דער שוואַכקייט,
וועט זיין מאָראַל.

נאָר צי דען בלויז די קלייניקייטן, די פעלערן, וואָס דו פאַרשרייבסט אין זשורנאַל, שטערן דיר צו זיין מאָראַליש? צי זענען נישטאָ קיין גרעסערעליידנשאַפטן? דערנאָך, פונוואַנען קומט עס צו יעדן טאָג אַזאַ מענגע? — דאָ זעלבסטגענאַרטקייט, דאָ פּחדנות און אַז. וו. קיין פעסטע אויסבעסערונג אָבער איז נישטאָ, אין פיל הינזיכטן — קיין טריט נישט פאָרויס. דאָס האָב איך ווידער באַמערקט, באַמערקט קריטיש. אמת, אַלע שוואַכקייטן, וועלכע איך האָב פאַרשריבן, קאָן מען דערפירן צו דריי מדרגות, אָבער היות ווי יעדע האָט פיל מינים, דעריבער קאָנען אַרויסקומען אָן אַ שיעור קאָמבינאַציעס: 1) גאווה, 2) שוואַכקייט פון ווילן, 3) קנאַפּ שכל, — נאָר מען קאָן נישט אַלע שוואַכקייטן פאַררעכענען צו איינער, ווייל זיי קומען אַרויס פון די פאַרייניקונגען. די ערשטע צוויי מינים זענען ווייניקער געוואָרן, דער לעצטער, אַלס אַן אומאָפּהענגיקער, קאָן זיך רירן פון אָרט ערשט מיט דער צייט. למשל, היינט האָב איך געזאָגט אַ ליגנט, קענטיק געווען, אָן אַ סיבה: מען האָט מיך גערופן מיטאָג עסן, איך האָב מיך אָפּגעזאָגט, נאָכדעם האָב איך געזאָגט, אַז איך קאָן נישט דערפאַר, ווייל איך האָב אַ לעקציע. — „אַ וועלכע?“ — „פון ענגליש“ — בשעת בײַ מיר איז גאָר געווען גימנאַסטיק. די סיבות: 1) ווייניק שכל, ווייל כ'האָב תיכף נישט באַמערקט, אַז כ'האָב נאַריש געלייגט. 2) ווייניק פעסטקייט, ווייל כ'האָב נישט געזאָגט, פאַרוואָס. 3) נאַרישע גאווה, ווייל כ'האָב געמיינט, אַז ענגליש קאָן גיכער זיין אַ טעם, איידער גימנאַסטיק.

צי דען באַשטייט מאָראַל אין דעם, וואָס מען זאָל זיך באַפרייען פון די שוואַכקייטן, וועלכע שטערן דיר אין לעבן? דאַכט זיך, אַז מידות טובות איז זעלבסטאָפּפערונג.

נישט אמת; מאָראַל גיט גליק, ווייל גליק גיט מאָראַל. — יעדעס מאָל ווען איך שרייב דאָס טאָגבוך אויפריכטיק, שפיר איך נישט קיין פאַרדראָס אויף זיך פאַר די שוואַכקייטן; מיר דאַכט זיך, אַז אויב איך האָב מיך אין זיי מודה געווען, זענען זיי שוין נישטאָ, אַנגענעם.

איך האָב אָפּגעזאָגט די תפילות און געלייגט זיך שלאָפן. אינאָוונט מאָליע איך מיך בעסער, איידער אינדערפרי. כ'פאַרשטיי גיכער וואָס איך רעד, און פיל אפילו; אינאָוונט האָב איך פאַר זיך קיין מורא נישט, אינדערפרי האָב איך מורא — פיל שטייט פאַר. דער שלאָף איז אַ טייערע זאַך אין אַלע פאַזן: די הכנות, דאָס איינשלאָפן און דער שלאָף גופא.

ווי נאָר איך האָב מיך געלייגט, האָב איך געטראַכט: סאַראַ תּענוג עס איז איינצווויקלען זיך וואַס וואַרעמער און תּיכּף פאַרגעסן זיך. אָבער ווי נאָר איך האָב אָנגעהויבן איינשלאָפן, האָב איך מיך דערמאָנט, אַז ס'איז אָנגענעם אַנטשלאָפן צו ווערן, און כ'האָב מיך אויפגעכאַפּט. אַלע תּענוגים פון קערפּער ווערן בטל צוליב דער דערקענטעניש. מען דאַרף נישט האָבן דאָס דערקענען. אָבער איך האָב דערקענט, אַז איך האָב דערקענט, און ס'האָט זיך אָנגעהויבן און ס'איז אַוועק; און כ'קאָן נישט אַנטשלאָפן ווערן. פע, סאַר אַ פאַרדראָס! צו וואָס האָט אונז גאָט געגעבן די דערקענטעניש, וויבאַלד אַז זי שטערט בלויז צו לעבן? דערפאַר וואָס, אדרבא, די מאָראַלישע תּענוגים פילן זיך טיפער, ווען זיי זענען דערקענט. אַזוי טראַכטנדיק האָב איך מיך איבערגעקערט אויף דער אַנדערער זייט, און האָב מיך אָפּגעדעקט. סאַר אַן אומאָנגענעם געפיל עס איז אָפּצודעקן זיך אין דער פינצטער! ס'דאַכט זיך אַלץ, אַז עמעצער אָדער עפּעס וועט מיך כאַפּן אָדער אָנרירן מיט קאַלטן, צי מיט הייסן אָן דעם אָפּגעדעקטן פוס. איך האָב מיך גיכער פאַרדעקט, אַרונטערגעשטעקט אונטער זיך פון אַלע זייטן די קאָלדרע, באַהאַלטן דעם קאָפּ און אָנגעהויבן אַנטשלאָפן צו ווערן, טראַכטנדיק אַזוי:

— מאָרפעי, נעם מיך צו אין דיינע אָרעמס! דאָס איז די גאָט־הייט, וואָס איך וואָלט מיט פאַרגעניגן געוואָרן אירס אַ פּריסטער. צי געדענקסטו, ווי עס האָט זיך באַליידיקט יענע באַרינע, בעת מען האָט איר געזאָגט: Quand je suis passé chez vous, vous étiez encore dans les bras de Morphée?*) זי האָט געמיינט, אַז מאָרפעי — איז אַנדרעי, מאַלאַפעי. סאַר אַ קאָמישער נאָמען!... אָבער אַ ווילער אויס־דרוק dans les bras! איך שטעל מיר פאָר אַזוי קלאָר און פיין די לאַגע dans les bras, דער עיקר קלאָר די bras גופא: נאַקעטע ביז די אַקסלען הענט מיט גריבעלעך, פעלדעלעך, און אַ ווייס אָפן, אומבאַשיידן העמד. — ווי שיין זענען הענט בכלל, דערהויפּט פאַראַן איין גריבעלע אַזוינס.

איך האָב מיך אויסגעצויגן. געדענקסט, Saint-Thomas האָט זיך נישט געהייסן אויסציִען? ער איז ענלעך צו דידרעכסן. זיי זענען צוזאַ־

*) ווען איך בין צריין צו אייך, זענט איר נאָך געווען אין די אָרעמס פון מאָרפעי.

מען רייטנדיק געפאָרן. ס׳איז געווען אַ ווילדע יאַגד, ווען לעבן סטאַ־נאַוואַי האָט דיאַמקע אָנגעהויבן שרייען און ניאַליאַט האָט ארויסגעכאַפּט פון הינטער אַלעמען, און נאָך אויף די קאָנאָפּליע־פעלדער, ווי ברוגז סעריאָזשע איז געווען! ער איז באַ דער שוועסטער. סאַראַ פּראַכט מאַשע איז! אָט אַזאַ וואָלט כדאי געווען פאַר אַ ווייב!

מאָפּעי וואָלט גוט געווען אויף דער יאַגד, נאָר מען דאַרף פאָרן אַ נאַקעטער, אַנישט קאָן מען נאָך געפינען אַ ווייב. — טפוי, ווי S.-Thomas גאַלאָפּירט, און ווייטער פאַר אַלעמען האָט זיך שוין אַוועקגעיאָגט יענע באַריניע, אומזיסט נאָר ציט זי זיך אויס, איבעריקנס דאָס איז גוט — .dans les bras

דאָ בין איך אַפּנים איינגאַנצן איינגעשלאָפן. כ׳האָב געזעען, ווי איך האָב געוואָלט דעריאָגן די באַריניע, פלוצלינג — אַ באַרג. איך האָב אים מיט די הענט געשטופּט, געשטופּט — ער איז אַראָפּגעפאַלן (כ׳האָב די קישנס אַראָפּגעוואָרפן). כ׳בין געקומען אַהיים, דאָס מיטאָג איז נישט פאַרטיק; פאַרוואָס? וואַסילי שפּאַרט זיך (דאָס האָט הינטערן ווענטל די ווירטין געפרעגט, וואָס פאַר אַ גערויש, און דאָס קאַמערמיידל האָט איר געענט־פערט; איך האָב דאָס געהערט, דעריבער האָט זיך דאָס אויך געחלומט). וואַסילי איז געקומען, נאָר ווען אַלע האָבן אים געוואָלט פרעגן, פאַר־וואָס איז נישט פאַרטיק, זעט מען: וואַסילי איז אין אַ קאַמזויל און מיט אַ שפּאַדע אויפן אַקסל. איך האָב מיך דערשראָקן, געשטעלט זיך אויף די קני, געוויינט און געקושט אים די הענט; מיר איז געווען פונקט אַזוי אָנגענעם, ווי ווען איך וואָלט איר געקושט די הענט. נאָך מערער. וואַסילי האָט אויף מיר נישט געלייגט קיין אַכט און געפרעגט: „געשפּאַנט?" דער טולער קאָנדיטאָר דידריכס זאָגט: פאַרטיק! — נו, שיס! מען האָט אויסגעשאָסן (דער לאָדן האָט אַ קלאַפּ געטון) — און מיר זענען אַוועק אַ פאָלקע איך און וואַסילי, וועלכער איז שוין נישט וואַסילי, נאָר זי. פלוצלינג, אַ גרויל — איך באַמערק, אַז די הויזן זענען באַ מיר אַזוי קורץ, אַז עס זעען זיך די נאַקעטע קני. מען קאָן נישט באַשרייבן, ווי איך האָב געליטן (זיי האָבן זיך אָפּגעדעקט באַקעט, כ׳האָב זיי אין שלאָף לאַנג נישט געקאָנט צודעקן, לסוף צוגעדעקט). אָבער דערמיט האָט זיך נישט געענדיקט. מיר טאַנצן אַ פאָלקע, און די ווירטעמבערגער קעניגין איז אויך דאָ. פלוצלינג טאַנץ איך אַ קאָזאַק. פאַרוואָס? איך קאָן מיך נישט איינהאַלטן. לסוף האָט מען מיר געבראַכט אַ מאַנטל, שטיוול. נאָך

ערגער — גאַר קיין הויזן נישטאָ! ס׳קאָן נישט זיין, אז דאָס זאָל זיין אויפן וואָר! זיכער, אז איך שלאָף.

— אויפגעכאַפּט זיך. כ׳בין אַנטשלאָפן געוואָרן — געטראַכט, נאָכדעם מער נישט געקאָנט; געניומע זפאַנטאַזירן, נאָר פאַנטאַזירט געבונדן, בילדעריש. נאָכדעם איז דער דמיון איינגעשלאָפן געוואָרן, געבליבן טונקעלע פאַרשטעלונגען. נאָכדעם איז דער קערפּער אויך איינגעשלאָפן.

דער שלאָף שטעלט זיך צונויף פון דעם ערשטן און פון דעם לעצטן איינדרוק. — מיר האָט אויסגעוויזן, אז איצט וועט מיר אונטער דער קאָלדרע קיינער און גאָרנישט קאָנען דערגרייכן. דער שלאָף איז אַזאַ לאַגע פון דעם מענטש, אין וועלכער ער פאַרלירט לגמרי די דערקענטעניש. — אָבער היות ווי דער מענטש ווערט אַנטשלאָפן ביסלעכווייז, פאַרלירט ער אויך די דערקענטעניש שטופנווייז. — די דערקענטעניש איז דאָס, וואָס עס הייסט נשמה. אָבער נשמה הייסט עפּעס איינהייטלעכס, אין דער צייט וואָס דערקענטענישן זענען פונקט אַזוי פיל, וויפיל עס זענען די באַזונדערע טיילן, פון וועלכע דער מענטש איז צוזאַמענגעשטעלט. מיר דאַכט זיך, אז אַזעלכע טיילן זענען פאַראַן דריי: 1) שכל, 2) געפיל, 3) קערפּער. — 1) איז דאָס העכסטע, און דידאָזיקע דערקענטעניש געהער נאָר צו מענטשן אַנטוויקלטע; חיות און צו חיותענלעכע מענטשן האָבן זי נישט. ער ווערט דער ערשטער איינגעשלאָפן. 2) איז די דערקענטעניש פון געפיל, אַ קנין אויך בלויז פון מענטשן, ווערט איינגעשלאָפן נאָכדעם. 3) די דערקענטעניש פון קערפּער, ווערט איינגעשלאָפן צום לעצטן און זעלטן אינגאַנצן. — באַ חיות איז דידאָזיקע הדרגה נישטאָ, אויך באַ מענטשן, ווען זיי געפינען זיך אין אַ לאַגע, בעת זיי פאַרלירן דאָס באַוווּסטזיין: נאָך שטאַרקע איינדרוקן, אָדער שיכורערהייט. די דערקענטעניש פון שלאָף וועקט תיכף ומיד.

די דערינערונגען וועגן דער צייט, וואָס מיר פאַרברענגען אין חלום, שטאַמט נישט פון דעם זעלבן קוואַל, פון וועלכן עס שטאַמען די דערינערונגען וועגן דעםווירקלעכן לעבן, — פון דעם זכרון, אַלס אַ פעיקייט צו רעפּראָדוצירן אונזערע איינדרוקן, נאָר פון דער פעיקייט צו גרופּירן אונזערע איינדרוקן. אין דער צייט פון דערוואַכן ברענגען מיר אַלע איינדרוקן, וואָס מיר האָבן געהאַט בשעתן איינשלאָפן און בשעתן

חלום (אַ מענטש שלאָפט כמעט קיינמאָל נישט אינגאַנצן), צו אַן איינ־הייטלעכקייט אונטער דער ווירקונג פון דעם איינדרוק, וועלכער האָט מיטגעהאָלפן דער דערוואַכונג, וועלכע קומט פאָר, פונקט ווי דאָס איינ־שלאָפן, בהדרגה, אָנהייבנדיק פון דער נידעריקערער ביז דער העכערער פעיקייט. — דידאָזיקע אָפּעראַציע קומט פאָר אַזוי שנעל, אַז דערקענען זי איז צופיל שווער און, געווינט צו דער הדרגה און צו דער פאָרמע פון צייט, אין וועלכער עס ווייזט זיך אַרויס דאָס לעבן, נעמען מיר אָן דעמדאָזיקן צונויפמענגעם פון די איינדרוקן פאַר אַ דעריבערונג פון דער פאַרבראַכטער אין שלאָף צייט. — מיט וואָס זאָל מען דערקלערן דאָס, וואָס איר זעט אַ לאַנגן חלום, וועלכער ענדיקט זיך מיט דעם אויפשטאַנד, וועלכער האָט אייך אויפגעוועקט: איר זעט, אַז איר גייט אויף געיעג, לאָדט אָן די ביקס, הייבט אויף די ווילדכפרעט, צילט זיך, שיסט, און דאָס געוויש, וועלכעס איר האָט אָנגענומען פאַרן שאָס, איז דאָס די קאַראַפּקע, וועלכע איר האָט פון שלאָף אומגעוואָרפן. אָדער איר קומט צו פאָרן צו אייער פריינד N, וואַרט אויף אים, לסוף קומט אַ מענטש און מעלדעט: N איז געקומען; דאָס זאָגט אייך אויפן וואָר אייער לאָקיי, כדי אייך אויפצווועקן. אויב איר ווילט קאָנטראָלירן די ריכטיקייט פון דער זאַך, — זאָל אייך גאָט אָפּהיטן פון צו גלייבן אין די חלומות, וואָס עס דערציילן אייך יענע, וועלכע האָבן שטענדיק עפּעס געזעען, און האָבן געזעען עפּעס באַדייטיקס און אינטערעסאַנטס.

מחמת דער רגילות צו מאַכן אויספירן פון די חלומות אויפן סמך פון פותר־חלומס, האָבן זיך דידאָזיקע מענטשן געגומען אַ געוויסע פאָרם, צו וועלכער זיי דערפירן אַלץ, זענען מוסיף פון דמיון דאָס, וואָס פעלט, און וואַרפן אַרויס, וואָס עס פּאַסט נישט צו דערדאָזיקער פאָרם. — אַ מוטער וועט אייך דערציילן, אַז זי האָט געזעען, ווי איר טאָכטער איז אַרויפגעפלויגן אויפן הימל און האָט געזאָגט: „זייט געזונט, מאַמעשי, איך וועל פאַר אייך גאָט בעטן". אָבער זי האָט פשוט געזעען, אַז איר טאָכ־טער איז געקראָכן אויפן דאַך און האָט גאָרנישט נישט געזאָגט, און אַז, אַרויפגעקראָכן אויפן דאַך, איז דידאָזיקע טאָכטער פלוצלינג געוואָרן איוואַן און האָט געזאָגט: „און איר וועט נישט קענען אַרויפ־קריכן".

אויב איר ווילט קאָנטראָלירן, טאָ פּרוּווט אויף זיך, דערמאָנט זיך אָן אייערע געדאַנקען, פאָרשטעלונגען בשעתן איינשלאָפן, און אויב עמע־צער האָט געזעען, ווי איר זענט געשלאָפן, און קאָן אייך דערציילן אַלע

אומשטענדן, וועלכע האָבן געקאָנט ווירקן אויף אייך, וועט איר פאַרשטיין, פאַרוואָס האָט איר געזעען דווקא דאָס און נישט אַנדערס. די דאָזיקע אומשטענדן זענען אַזוי פיל, — זיי הענגען אָפּ פון דעם קערפּערבוי, פון מאָגן, פון פיזישע סיבות, — אַז אַלע אויסרעכענען זיי איז אוממעגלעך. נאָר מען זאָגט, אַז ווען מיר זעען אין חלום, ווי מיר פליען, אָדער מיר שווימען, באַטייט עס, אַז מיר וואַקסן. באַמערקט, פאַרוואָס איין טאָג פליט איר, דעם אַנדערן טאָג שווימט איר, דער־מאָנט זיך אַלץ, און דאָס וועט זיין לייכט צו דערקלערן. און אפשר לייגט זיך אין זייער דמיון, צוליב דער קראַפט פון דער רגילות פול צו־נויף דאָס, וואָס זיי דערציילן, און דעמאָלט דינט עס ווידער פאַר אַ באַ־ווייז לטובת מיין טעאָריע וועגן חלום.

ווען עס וואָלט אויסגעקומען צו זעען מיין חלום עמעצן פון די, וועלכע זענען, ווי איך האָב געזאָגט, געוווינט פותר צו זיין חלומות, וואָלטן זיי אַזוי דערציילט מיין חלום: „איך האָב געזעען, ווי St.-Thomas לויפט, לויפט זייער לאַנג, און כלומרשט איך זאָג צו אים: פאַרוואָס לויפט איר? און ער ענטפערט מיר: איך זוך אַ כלה. — איז אָט, וועסטו שוין זעען, אַז אָדער ער וועט חתונה האָבן, אָדער פון אים וועט זיין אַ בריוו“.

באַמערקט נאָך, אַז קיין הדרגה און צייט איז באַ זכרונות נישטאָ.

בשעת איר דערמאָנט זיך אַ חלום, ווייסט איר, וואָס איר האָט געזעען פריער. איך האָב מיך אויפגעכאַפּט שוין אינדערפרי. און אָנ־געהויבן דערמאָנען זיך, וואָס האָב איך געזעען אין חלום. מיר האָט זיך געחלומט, ווי איך בין געפאָרן מיטן ברודער אויף יאַגד און מיר האָבן געפאַנגען אויפן אינזל אַ ווייב פון מוסטערהאַפטער מאָראַל. ניין, נאָך פריער, איידער מיר זענען געפאָרן, האָט זיך מיר געחלומט, אַז St.-Thomas איז געקומען בעטן מיך, איך זאָל מוחל זיין.

פאַר דער נאַכט כאַפּט מען זיך אויף (כמעט שטענדיק) עטלעכע מאָל, נאָר עס כאַפּן זיך אויף בלויז די צוויי נידעריקע דערקענטנישן: פון קערפּער און פון געפיל. — נאָכדעם שלאָפט ווידער איין די דער־קענטניש פון געפיל און פון קערפּער, אָבער די איינדרוקן, וועלכע עס זענען געווען בשעת דערדאָזיקער דערוואַכונג, ווערן צוגעגעבן צו

דעם אַלגעמיינעם איינדרוק פון חלום אָן שום אָרדנונג און קאָנ־סעקווענץ. — אויב עס האָט זיך אויפגעכאַפּט אויך די דריטע העכערע דערקענטעניש פון פאַרשטאַנד, און נאָכדעם שלאָפט מען ווידער איין, דאַן צעטיילט זיך שוין דער חלום אויף צוויי העלפטן...

איבערגעזעצט דורך פ. האַלפּערן.